STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03768

YUDISHE NESHOMES

Samuel Hurwitz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „פאלקסבילדונג“ ניו יארק.

א. ליטווין.

יודישע נשמות.

פערטע אויפלאגע

באנד 5

גאליציען.

הויפט פערקויף ביי:
סטאר היברו בוק קא.
18 ארטשארד סטריט, ניו יארק.

Copyright 1917
by S. Hurwitz, New York.

All rights reserved.

מיין פאטער'ס און מוטער'ס אנדענקען געווידמעט

אינהאלטס־פארצייכנים פון 5־טען באנד:

פארוואָרט.

די „נשמה יתרה" פון גאַליציען.

1. יוסף פערל און ר' ליב שרה'ס.
2. אך טשאַרטקאָוו, טשאַרטקאָוו!
3. מעשה'לאך פונ'ם טשאַרטקאָווער פנקס.
   א) רב הערשעלע און בעל שם.
   ב) אז „מ'רופט" — „געהט" מען...
   ג) א רב וואס מ'טאָר זיין נאָמען ניט דערמאָהנען.
   ד) א רעוואָלוציע פון טויטע און לעבעדיגע ווייבער געגען קהל.
   ה) יודישע הלוואות ביי פריצים.
4. דאָס יודישע ארבייטער־לעבען אין גאַליציען מיט 150־200 יאָהר צוריק.
5. „הלל הזקן" פון גאַליציען.
6. יאַקאָב ביקל.
7. מענדעל פידלער.
8. אין א גאַליצישער קאַראַאימען־שטעדטעל.
9. אין דער היים פון „בעריל בראָדער" און „וועלוועל זבאַרזשער".
10. די לעצטע פעסטונג.
11. ווי אזוי ראָטשילד איז אַז עושר געוואָרען?
12. דער לעצטער „דבוק".
13. דער „אוצר".
14. די „משיח'טע".
15. בעריל „אנטימיליטאַריסט".
16. די פלאָגערס.

אויפ'ן יודישען „דעק" פון גאליציען.

וועגען גאליציאנער „דעק"-מענשען בכלל.

א) יענדזשע דער בעל עגלה.

ב) מאנדזשע „קנאק".

ג) געציל דער וואסער-טרעגער.

ד) א מענש מיט פינף צונעמענעסען.

ה) לייבעלע שמייסער און זיין וייב ריבעלע.

ו) הענאך קלאטשע.

ז) וואו דאס פאלקסליעד ווערט געבארען.

ח) די שענע טענצערין און איהר דראמע.

ט) דער „דבוק".

י) די „סוויטקע".

יא) דער פיאקערניק און די שיקסע.

פאררעדע צום 5־טען באנד.

דער אויטאר ווענדט די אויפמערקזאמקייט פון די לעזער, אז דער פארליגענדער 5־טער באנד פון די זעקס בענדער „יודי־שע נשמות" ווי אויך א גרויסער טייל פונ'ם 6־טען באנד איז א רעזולטאט פון א רייזע, וואס ער, דער פערפאסער, האט געמאכט איבער גאליציען אין דעם משך פון 1913 און 1914, ד. ה. ערב דעם וועלט קריעג׳ געשריבען זענען די דאזיגע צוויי בענדער אין דער ערשטער העלפט פונ'ם יאהר 1914. די ריזיגע וועלט־שלאכט האט, נאטירליך, געמאכט גרויסע ענדערונגען אין דעם לעבען פון די גאליצישע יודען. דער מחבר האט, זעלבסטפאר־שטענדליך, ניט געהאט קיין רעכט צו ענדערן עפעס אין זיינע נאטיצען און בילדער צוליב דער מלחמה.

אין דער צייט, ווען אט די צוויי בענדער זענען געווען אין דרוק, איז פארגעקומען די גרויסע רוסישע רעוואלוציע, וואס וועט געוויס מאכען א טיעפען רושם אויף דעם שיקזאל פון דעם גאנצען יודישען פאלק, ניט אויסגעשלאסען די יודען פון גאלי־ציען.

אבער אט די צוויי גרויסע היסטארישע מאמענטען: אי דער וועלט־קריעג, אי די רוסישע רעוואלוציע, בעלאנגען נאך צו דעם איצט. זייער ווירקונג אויפ'ן יודישען לעבען וועט ערשט קענען אבגעשאצט און פארצייכענט ווערען שפעטער, ווען זיי ביידע, אי דער וועלט קריעג אי די רוסישע רעוואלוציע, וועלען אריבער צו דער געשיכטע, וועלען ווערען א פערגאנגענהייט.

דער לעזער דארף אלזא האבען איין זינען, אז אלעס, וואס איז געדרוקט אין אט די צוויי בענדער, ווי אין די איבריגע בענדער „יודישע נשמות“ שילדערן דאס יודישע לעבען איבער־הויפט ביז דעם מאמענט פון׳ם וועלט־קריעג. און די דאטען, וואס ווערען דערמאהנט אין דיביידע בענדער בעלאנגען אלע צו די יאהרען 1913—1914.

נאך עפעס מוז בעמערקט ווערען. די פארליעגענדע צוויי בענדער זענען דער ערשטער און דערווייל דער איינציגער פרוב צו געבען דעם יודישען לעזער א פארשטעלונג פון דעם לעבען פון אונזערע גאליצישע ברידער, זייערע פריידען און ליידען. דער אוטאר האט זיך בעצויגען ערנסט צו זיין אויפגאבע. אבער „אירען איז מענשליך“. עס איז מעגליך, אז אין געוויסע פאקטען און שטריכען זאל אריינפאלען א טעות. דער מחבר וועט דאנק־באר זיין, ווען אז אויפמערקזאמער לעזער וועט איהם דעם טעות אנווייזען, און וועט זיך מיהען איהם צו פארריכטען אין דער צווייטער אויסגאבע.

יוסף פערל און ר׳ ליב שרה׳ס.

א מערקווירדיגע עפאכע האט דורכגעמאכט דאס גאליצי־שע יודישע לעבען מיט א הונדערט יאהר צוריק! בשעת אין רוסלאנד האט פון דער השכלה זיך ערשט אנגעהויבען, קוים, קוים שפירען א שוואכער ווינטעלע, האבען שוין אין גאליציען געשלאגען איהרע ברויזענדע כוואליעס. און דאך האט זיך ערשט דעמאלט, אזוי ווי אויף צו להכעים, דא ענטוויקעלט די חסידות מיט די גוטע יודען, געלאזען ווארצלען אין דער טיעף און פון אויבען צובליהט זיך אין די סאמע פאנטאסטישע קא־לירען.

די חסידות מיט דער קבלה אלס ביכער־טעאריע איז, נא־טירליך, א סך עלטער. אבער אלס פאלקס־ בעוועגונג, אלס קוואל פון פראקטישער רעליגיעזער בעגייסטערונג קומט זי אין מזרח־אייראפא כמעט אין איין צייט מיט דער השכלה. „השכלה" און „חסידות" דאס זענען ווי צוויי זייטען פון דערזעלבער מטבע, ווי צוויי שטראמען, וואס פליסען אין פערשיידענע זיי־טען אבער נעהמען זיך פון איין קוואל. דא בעגעגענען זיך ביידע, פאלען אריין אין א שטורמדיגען קאמפף, דא צוגעהן זיי זיך ווי־עדער אין פערשיידענע זייטען, לעבען איטליכע פון זיי איהר בע־זונדער לעבען אין איהרע בעזונדער ווינקעלע, ניט קימערנדיג זיך איינע וועגען דער אנדערער, גלייך ווי די אנדערע וואלט גאר אויף דער וועלט ניט געווען.

די „השכלה", אזוי ווי די „חסידות" האבען אין אנהויב פון

זייער ענטשטעהונג ענטוויקעלט א גוואלדיגע ענערגיע פול מיט פרישע שפרודעלנדיגע קראפט.ביידע האבען בעשאפען א גאנ־צע רייהע מערקווירדיגע פערזענליכקייטען, קעמפפער, העלדען, ריזען פון גייסט. איצט, ווען די און יענע זענען פאר אונז אוועק אין דעם געביט פון דער היסטאריע, קענען מיר זיי בעטראכטען רוהיגער, מיר קענען זיך בעציהען צוביידען מיט רעספעקט — ווי ווייט זיי זאלען ניט זיין איינע פון די אנדערע. פאר דעם היסטארישען משפט איז ריכטיגער פריהער פון אלץ די ווארעמע תמימות, די שטרעבונג צו זוכען די ווארהייט פון לעבען, אנט־פלעקען די סודות פון דער אויסערליכער און אינערליכער וועלט. און דאס קענען מיר גלייך געפינען אין ביידע לאגערן.

נאך אט דער קליינער פארדעדע, וויל איך פארשטעלען דעם לעזער די ערשטע צוויי העלדען פון מיין גאליצישע טיפען־גאַ־לעריי: ר׳ ליב שרה׳ס און יוסף פערל.

עס איז דאכט זיך ניטא אין דער וועלט קיין צוויי גרעסערע עקסטרעמען, ווי אט די צוויי נעמען. איינער (ר׳ ליב שרה׳ס) א גוטער יוד, א תלמיד פונ׳ם מעזעריטשער „מגיד“ און פון דעם בעריהמטען רבי שמעלקע פון ניקעלשבורג, — א חבר פון ר׳ מעכעלע זלאטשעווער און פון ר׳ משה ליב סאסאווער, (צוויי זעהר בעריהמטע פערזענליכקייטען אין דער חסידישער וועלט). איינער פון די גרעסטע זיילען פון חסידות, ביי וועלכען א שפריי־טאן פון מקוה אין זיין שטעדטעל קיין וויען — און גלייך אין קייזער׳ס פאלאץ אריין איז געווען — זאגען חסידים — אזוי לייכט, ווי טאן א שמעק טאבאק. ר׳ ליב שרה׳ס איז געווען זעהר א לעגענדארע פערזענליכקייט. ער איז געווען א גרויסער פריינד פון דער נאטור. ער פלעגט—דערציילט מען אין טשארטקאוו— אפט געהן אין מארק, אנקויפען דארט בויגעל, דאן אוועקגעהן אויפ׳ן בריק, ווארפען זיי אין ברעקלאך פאר די פיש. און אב־שטעהן שטונדען לאנג, קוקענדיג, ווי די פיש לויפען זיך צונויף נאכ׳ן אנבייסען, וואס ער פלעגט זיי ברענגען. אבער ווי ער איז געווען א פריינד פון די פיש, אזוי איז ער געווען א פיינד פון דער השכלה. נאך זיין מיינונג איז די השכלה מיט איהרע שקאַ־לעס געווען א „גזרה“. און א גזרה געהט דאך ארויס פון מלכות.

בכן איז, לויט ר׳ ליב שרה׳ס שטאנדפונקט, אין אלע צרות פון דער השכלה שולדיג געווען ניט קיין אנדערער, ווי טאקע דער עסטרייכישער קייזער. אליין, יאזעף דער צווייטער, דער זוהן פון מאריא טערעזע, וואס האט, ווי זיין צייט־גענאסע, דער רוסי־שער קיסר אלעקסאנדער דער ערשטער געוואלט יודען בילדען.
און ער, ר׳ ליב שרה׳ס, האט זיך טאקע מיט יאזעף דעם צווייטען פיין אבגערעכענט. אלע פרייטאג פלעגט ער איהם פשוט שמייסען. ווי אזוי? ארויסגעהענדיג פון מקוה, פלעגט ער ארויסזאגען דעם „שם“, און איין אויגענבליק האט די ערד א שפרונג געטאן הינטער איהם צוריק און מיט „קפיצת הדרך“ איז ער שוין געווען ביים קייזער אין קאבינעט. מיט א גראבע רציעה פלעגט ער דעם „רשע“ יאזעפ׳ן שלאגען מלקות, צופאסעווען זיין לייב אויף בלוט. דער קייזער פלעגט זיך צאפלען, ווארפען זיך מיט גוואלדען: „אי, — אי!... לאיבקע! גוואלד לאיבקע! ראטע־וועט!...“ די טרייע לייב קנעכט, דעם קייזערס, ווארפען זיך צו איהם אויף זיינע קולות, הערען דעם קייזער שרייען, זעהען איהם מיט א צוקאטעוועטען „במחילה“. אבער ווער? וואו איז לאיבקע?... ניטא קיין נפש!..
ווארום ר׳ ליב שרה׳ס איז, פערשטעהט איהר מיך, געווען ניט נאר א בריה אויף „קפיצת הדרך“, ער איז אויך געווען א מייסטער צו זיין א „רואה ואינו נראה“. ד. ה. אז בשעת ער זעהט אלעמען, זאל איהם קיינער ניט זעהן. דאס אלץ מיט דער “חכמה” פון „קבלה“, דורך דער קונציגער צוזאמענשטעלונג פון שמות.
אלע פרייטאג — דערצעהלען חסידים, — פלעגט ר׳ ליב שרה׳ס את אזוי מכבד זיין דעם קייזער פאר זיין וועלען אריינטרייבען יודישע קינדער אין „שמד“, ד. ה. פאר זיין וועלען אז יודישע קינדער זאלען געהן אין די שולען, זאלען זיך בילדען.
דאס האט ר׳ ליב שרה׳ס ניט אויסגעפיהרט. אפנים, אז זיינע „שמיץ“ האבען דעם קייזער יאזעפ׳ן קנאפ וואס וועה געטאן, פון דעמאלט אן איז די השכלה געבליבען אין גאליציען ביז היינטיגען טאג.
ר׳ ליב שרה׳ס האט שטענדיג געהאלטען אין איין ארומ־

פאהרען איבער אלע יודישע שטעדט. דאס איז געווען פערבונ־דען מיט דער הויפט אויפגאבע פון זיין לעבען. און די הויפט אויפגאבע פון זיין לעבען איז בעשטאנען אין „פדיון שבויים" ד. ה. אין אויסלייזען יודישע געפאנגענע פון גוי'אישע הענד. דאס איז איינע פון די טרויעריגסטע קאפיטלאך אינ'ם לעבען פון די אמאליגע יודען אין פוילען. אונטער דעם מוטווילען און אנארכיע פון דער פוילישער פריצישער הערשאפט זענען יו־דען אזוי וועניג זיכער געווען מיט זייער האב און גוטס און זייער לעבען, ווי דער פערשקלאפטער פויערן־שטאנד. האט א יוד ניט געצאהלט צום טערמין פאר דער ארענדע, אדער האט מיט עפעס אנדערש געוועגדט אויף זיך דעם פריץ'ס גרימצארן, האט דער פריץ, וואס האט געהאט צו שאפען איבער'ן לעבען און טויט פון זיינע אונטערטאנען, אפט דעם יודען און זיין פאמיליע גע־ווארפען אין א פינסטערען גרוב, אדער ווען מ'האט גע־דארפט האבען נויטיג געלד — דאס זעלבע געטאן מיט רבנים, אדער אנדערע אנגעזעהענע מענשען, פאדערנדיג פאר זיי גרויסע סומען געלד.

ר' ליב שרה'ס פלעגט דעריבער נאכאנאנד ארומפאהרען, אפט אין דער קאמפאניע פון זיין חבר ר' משה ליב סאסאווער איבער יודישע ישובים, מאכען גרויסע סומען געלד אויף אויס־קויפען יודישע געפאנגענע פון גוי'אישע הענד. ער איז אויך געווען איינער פון די גוטע יודען, וואס זענען געווען געגען דעם פראנצויז, ד. ה. געגען נאפאלעאנען, וואס האט דער ערשטער פון די אייראפעאישע מלכים געגעבען יודען רעכט. פון אנדערע מעשיות וועגען איהם איז קענטיג, אז אויף זיינע רייזען פלעגט ער דינען דער רוסישער רעגירונג מיט פארשיידענע ידיעות וועגען נאפאלעאנ'ס פלאנען, וואס ער פלעגט זיך דערוויסען אויף זיינע רייזען. אזוי ווי זיין חבר, ר' שניאור זלמן, דער אלטער רבי, האט ער דאס געטאן פון ריינער איבערצייגונג, אז נאפא־לעאנ'ס רעפארמען זענען שעדליך פאר יודען.

ווען ר' ליב שרה'ס פלעגט „שמייסען" יאזעף דעם צוויי־טען פאר דער השכלה, פלעגט יוסף פערל אומגעהן אפט מיט'ן

קייזער געארמט און זוכען וועגען, אז די השכלה זאל ארייננדרינ־געו וואס מעהר אין די יודישע מוחות.

ווען יאזעף דער צווייטער האט פאר „לאיבקען" מורא גע־האט, איז ער דערפאר געווען שטארק בעפריינדעט מיט יוסף פערל — דעם מענדעלסאן פון די גאליצישע יודען. און דאס איז ניט קיין לעגענדע, נאר דוקא א פאקט. דאס איז געווען א מערק־ווירדיגער טיפ פון א יודישען „תקיף" — א שטאלצען און מעכ־טיגען, אבער אויך אן אויפגעקלערטען. דורך זיין ענערגיע און פלייס האט ער זיך ערווארבען גרויסע עשירות. איז אויך גע־ווען א גרויסער למדן און משכיל און זעהר א טאלאנטפאלער סאטיריקער. אין דער יוגענד איז ער געווען א הייסער חסיד, איז אבער שפעטער, אונטער דעם איינפלוס פון בילדונג געווארען דער פארביסענסטער פיינד פון חסידים און גוטע יודען. ער האט געפיהרט געגען זיי א קאמפף ניט בלויז מיט זיין שניידענ־דער סאטירע, נאר אויך פאקטיש דורך זיין כמעט אונבעשרענק־טער מאכט, א דאנק זיין פערזענליכע פריינדשאפט מיט'ן קיי־זער — יאזעף דעם צווייטען. די גאנצע יודישע וועלט האט איהם בעטראכט, ווי א צווייטען יוסף, ווי א נשיא פון די עסטרייכישע יודען. די חסידים, וואס האבען איהם געזעהן אומגעהענדיג מיט'ן קייזער אין טארנאפאל געארמט, האבען ניט געוואגט מיט איהם צו קעמפפען. זיי האבען נאר מיט תפילות זיין טויט געבעטען און פלעגען איהם רופען: דער „קאלפאק". פערל איז אויך געווען הויף געאכט ביי אלעקסאנדער דעם ערשטען און ביי דעם רוסישען סענאטאר טאילס, וואס איז געווען גובערנאטאר אין די עטליכע פראווינצען פון מזרח גאליציען, וואס האבען אין א משך פון עטליכע יאהר צייט באלד נאכ'ן רוסיש־פראנצויזי־שען קריג בעלאנגט צו רוסלאנד. ווי ווייט זיין מאכט איז שטארק געווען ווייזען פאלגענדע מעשיות, וואס דער אויפזעהער פון יוסף פערל'ס טעמפעל, אויך א פערל, טאקע פון זיין משפחה, האט מיר דערצעהלט.

אמאל האט מען אין טארנאפאל געכאפט א יודען, וואס האט נאכגעמאכט פאלשע רוסישע מטבעות — קאפיקעס. מען האט איהם געכאפט ביי דער ארבייט, און ער איז פאר'משפט

געוואָרען צו עטליכע יאָהר טורמע. קיין שום זכות האָט מען אויף איהם ניט געקענט געפינען און מ'האָט איהם שוין געשמידט אין קייטען און געזאָלט פארשיקען. דאָס איז געשעהן ביין גובער־נאַטאָר אויפ'ן הויף. דער גובערנאַטאָר אליין איז געזעסען ביי זיך אין צימער און געקוקט אין אָפענעם פענסטער אין גאס ארויס. אנטקעגען איהם איז געזעסען אויפ'ן גאניק פון זיין הויז יוסף פערל און האָט געזיפצט — „וואָס זיפצט דו", פרעגט איהם דער גובערנאַטאָר. „איך זיפץ", — ענטפערט פערל — אז איך זעה, ווי שווער עס איז דאָס לעבען פון אן ארימאַן. ווי פיעל האָט דער דאָזיגער יוד געקענט פאַבריצירען קופערנע קאָ־פיקעס? לאָמיר אננעהמען צעהן טויזענד שטיק. דאָס איז דאָס העכסטע. מאכט דאָס הונדערט רובל. מאטעריאל, ארבייט, אויסברייננגען — ווי איז דאָס ניט ווערט קיין פופציג רובל? היינט ווי אונגליקליך מוז דער מענש זיין, אז צוליעב פופציג רובל האָט ער געדארפט זיין אין שרעק און ציטערנים און אין געפאהר מיט זיין לעצט ביסעל האָב און גוטס, מיט זיין לעבען... די דאָ־זיגע ווערטער האָבען געריהרט דעם גובערנאטאר, און ער האָט געהייסען בעפרייען דעם יודען. ווען דער גרעניץ־דיסטריקט פון אָסט גאליציען איז ווידער אריבער צו עסטרייך און אנשטאָט דעם רוסישען גובערנאַטאָר איז געווען, ווי פריהער, אן עסטריי־כישער שטאַטהאלטער, האָט פאסירט, אז דער שטאַטהאלטער האָט געהייסען, פאר עפּעס א זינד, א יודען שמייסען. פערל האָט דאָס דערהערט, איז ער אריין צו איהם, צום שטאַטהאלטער, אין קאנצעלאריע, געהייסען געבען זיך פאַפּיר, פעדער, טינט, קאָנ־ווערט, האָט אָנגעשריבען א בריעף, פארקלעפּט, געהייסען אוועק־שיקען דאָס עקסטראַ אין לעמבערג צו דער אויבערמאכט פון גאליציען. אין עטליכע טעג ארום איז דער שטאַטהאלטער ארונ־טערגעזעצט געוואָרען פון זיין אמט. ער, פערל אליין האָט אָבער אמאָל יע געהייסען שמייסען.. א חסיד, ווען יענער האָט פערפאָלגט א יודען, וואָס האָט געשיקט זיין קינד אין שול אריין.

פערל'ס טאַטע, תודרוס, איז געווען א רייכער ווינהענדלער. צו איהם פלעגט אריינקומען א פריץ, א גרויסער מאגנאט, וואָס

האט פערשמיסען א יודען, זיינעם אן ארענדאר, משפט'ן זיך מיט א פריץ, איז דאן אפילו א יוסף פערל געווען ניט לייכט. פערל'ס פאטער האט אבער ניט געקענט גלייכגילטיג אריבער טראגען דעם פריץ'ס וויזיט. ערשטענס האט ער ביי איהם גלייך נאכ'ן עסען און טרינקען געבעטען געלד. דאס איז געווען א טויטליכע בעליידיגונג פאר דעם האנאר פון א דעמאלדיגען פויר־לישען פריץ, ווייל געוועהנליך פלעגט מען די פריצים שיקען א רעכענונג א היים, און זיי פלעגען בעצאהלען א פאר מאל אין יאהר. א חוץ דעם האט ער דעם מאגנאט אויסגעזידעלט, ווי א הונט, צו דער בלאטע געמאכט. דער פריץ איז געווארען אן אויפגעצונדענער, האט אבער אברעכענען זיך מיט'ן יודען אויפ'ן ארט ניט געקענט. ארום איהם זענען געשטאנען זיינע דינער, גרייט צו פארטיידיגען זייער באלעבאס. דער פריץ איז געלאפען צו אלע גרויסע לייט, האט אבער געגען דעם עזות־פנים, דעם ווינהענדלער גאר נישט געקענט מאכען, ווייל אומעטום האט מען געוואוסט, אז תודרוס דער ווינהענדלער איז דער פאטער פון יוסף פערל.

אין יענע צייטען האבען נאך יודען ניט געהאט קיין רעכט אין עסטרייך. אן אפטייק האט א יוד ניט געטארט האלטען. יוסף פערל האט זיין איינציגען זוהן געלאזט שטודירען אפטייקער און האט דער ערשטער בעקומען פאר איהם פונ'ם קייזער א קאנצעסיע. די מיניסטארען און נאהענטע פון הויף האבען זיך דערפון דערוואוסט, איז געווארען א ליארם. מ'האט געמאכט עקסטרא זיצונגען און געפאדערט פון קייזער, ער זאל צוריקציהען זיין קאנצעסיע. יוסף פערל, האט איהם ערקלערט, אז דער טור־מעל איז צו גרויס, צוליב זיין קאנצעסיע מוז ער זיין צוקריגט מיט די מיניסטארען, מיט'ן גאנצען הויף. אבער געשענקט — איז פארפאלען. בכן האט ער געבעטען פערל'ן, ער זאל זיך ענט־זאגען פון דער קאנצעסיע. דערפאר קען ער בעטען, וואס ער וויל, וועט ער איהם ניט ענטזאגען. יוסף פערל האט דאן געבעטען ביים קייזער די יאהרען, וואס זיין זוהן האט גע'פטר'ט אויף לערנען אפטייקער. „דאס קען א מענש ניט געבען" — האט דער קייזער ערקלערט. „נו, ווי באלד אז אפילו א קייזער קען ניט אלץ

געבען, וואָס א מענש וויל, דאַרף ער ניט אָבנעהמען, וואָס ער האָט איינמאָל געשענקט". — האָט פּערל געענטפערט. און ער האָט אויסגעפיהרט.

יוסף פּערל'ס אויפקלערענדע טעטיגקייט צווישען די גאַליציאַנער יודען איז געווען אונגעהייער. ער האָט ארומגעקליבען ארום זיך א גאַנצע רייהע אויפגעקלערטע יודען, קולטור־קעמפּפער, וואָס האָבען איהם געהאָלפען אויספיהרען זיין פּלאַן. זיין רעפאָרמאַטאָרישע ארבייט אין רעליגיאָן איז געווען דער ערשטער טעמפּעל מיט אן אָרגעל און קאָר. דער טעמפּעל עקזיסטירט נאָך איצט אין טאַרנאָפּאָל. חסידים זאָגען נאָך היינט, אז שדים טאַנצען אויף איהם. און ווען א חסיד דאַרף געהן דורך יענער גאַס, וואו דער טעמפּעל איז, ווען ער אַנלעגען וועג און געהן דריי גאַסען ארום, איידער אָנקוקען מיט די אויגען דעם „קאָלפּאַק'ס" „טומאה".

די וויכטיגסטע ארבייט פון יוסף פּערל איז אבער געווען זיין בעריהמטע שולע, די ערשטע שולע פאַר יודישע קינדער אין גאַליציען. אין דער שולע האָבען געלערנט ביז צוועלף הונדערט קינדער — אינגלאַך און מיידלאַך. די ווירקונג פון דער שולע אויף אלע שטעדט און שטעדטלאַך פון מזרח־גאַליציען איז ניט צו בעשרייבען. זי איז געווען א קוואַל פון ליכט פאַר זיי. פּערל האָט אויסגעווירקט ביי דער רעגירונג א בעפעהל, אז דער גאַנצער קרייז פון מזרח־גאַליציען זאָל בעלעגט ווערען מיט א שטייער אויף אויסצוהאַלטען די שולע.

די שולע עקזיסטירט נאָך היינט, אזוי ווי דער טעמפּעל. נאָר איצט בשעת זי האַלט ביי פייערן איהר הונדערט־יעהריגען יובילעאום איז זי גראָד אין געפאַר פאַרמאַכט צו ווערען. אין פּערל'ס צייטען, מיט הונדערט יאָהר צוריק, האָבען חסידים ניט געוואָגט זי אַנצוריהרען. זיי האָבען דאַן אין טאַרנאָפּאָל קיין שום מאַכט ניט געהאַט. איצט, בעקומען זיי די אויבערהאַנד און ווערען די באַלעבאַטים פון שטאָדט. די ערשטע זאַך וועט זיין אָבצורעכענען זיך מיט זייער אכטציג יאָהר שוין טויטען פיינד און צושטערן דעם נעסט פון אפּיקורסות.. צום טייל האָבען זיי שוין געהאַט ערפאָלג. דעם שטייער האָבען זיי אָבגעשאַפט

שוין מיט עטליכע יאָהר צוריק. די שולע ווערט אויפגעהאַלטען בלויז אויף די מיטלען, וואָס די שטאָדט טאַרנאָפּאָל אליין גיט. אנשטאָט צוועלף הונדערט קינדער, וואָס האָבען אַמאָל געלערנט אין דער שולע קען זי מעהר ניט האַלטען ווי זיבען הונדערט. ניט היינט, מאָרגען פאַלט אבער די שטאָדט אריין אונטער חסידישער הערשאַפט, דאַן וועט אַט דער ליכט־טורם, וואָס האָט הונדערט יאָהר נאָכאַנאַנד פערשפּרייט ליכט אין די פינסטערע גאַליצישע שטעדטלאַך, פאַלען. אין גאַליציען האַלט איבער א נייעם צו ווערען שטאָק־פינסטער...

יוסף פּערל'ס איינציגער זוהן, דער אַפּטייקער (ער האָט געהייסען — מישעל) האָט לאַנג געלעבט. ער איז געגאַנגען אין זיין טאַטענס וועגען. זיין ווייב איז אויך געווען א פּשוטע גוט־הארציגע יודענע. א סך טאַרנאָפּאָלער יודען געדענקען זיי און בעציהען זיך מיט גרויס רעספּעקט צו זייער אנדענקען. פּערל'ס נאָמען אליין לעבט נאָך אויך גאַנץ שטאַרק אין טאַרנאָפּאָל אין גאַנץ מזרח־גאַליציען ביי אַלע דענקענדע יודען. מעהר פון אַלע־מען געדענקען און רעדען וועגען איהם די חסידים, נאַטירליך, מיט א גאַנץ אנדער געפיהל. אויף וויפיעל זייער האַס צו איהם און שרעק פאַר איהם איז געווען גרויס, ווייזט די דאָזיגע לע־גענדע: בשעת יוסף פּערל איז געשטאָרבען (אין יאָהר 1839) — דערצעהלט מען אין טאַרנאָפּאָל (דאָס איז געווען אום „שמיני עצרת") האָבען חסידים געטאַנצט פאַר שמחה. זיי האָבען געשיקט א שליח מיוחד צום רבי'ן אין טשאָרטקאָוו מיט דער איבערראַ־שענדער ידיעה, אַז דער פיינד איז טויט. זיי האָבען אבער ניט געוואַגט ברייננגען צום מויל די ווערטער. האָבען זיי געגעבען דעם חסיד, וואָס זיי האָבען געשיקט צום רבי'ן מיט דער בשורה, א חומש מיט, און אין חומש, אין דער סדרה „ויחי", האָבען זיי אין דעם פּסוק „וימת יוסף" (יוסף איז געשטאָרבען) אין דעם וואָרט יוסף א שפּילקע ארייננגעשטעקט, דער רבי זאָל זיך אָנשטויסען.

אך, טשארטקאוו!

אך, טשארטקאוו! טשארטקאוו! שוין א מאנאט צייט, אז איך בין פון דארטען און געפין זיך נאך אלץ אונטער איהר בעצויבערנדער ווירקונג. אזא שטעדטעל איז ניטא ניט אין גאליציען, ניט אין רוסלאנד! שוין מיט א סך יאהרען פריהער, איידער איך בין געקומען אהער, איז דער נאמען „טשארטקאוו" פאר מיר געווען ארומגערינגעלט מיט א נעבעל פון לעגענדען. נאר קומענדיג אהער האב איך געפונען די ווירקליכקייט וואונדערליכער, ווי יעדע לעגענדע.

צוויי וואכען האב איך פארבראכט אין טשארטקאוו. נאר אז איך וואלט פארבראכט דא נאך צעהן מאל אזוי פיעל צייט, וואלט איך ניט געקענט אויסשעפען אלע מערקווירדיגקייטען, וואס אט דאס שטעדטעל פארמאגט. קיין איין יודיש שטעדטעל אין דער גאנצער וועלט, איז ניט אזוי רייך אין די סאמע אריגינעלע אידישע טיפען, ווי טשארטקאוו. און ביי מיר איז נאך איצט א רעטעניש: פון וואנען קומט אהער, אין אט דעם פערשלאגענעם ווינקעל פון גאליציען, כמעט ביים סאמע גרעניץ פון רוסישען פאראליען, אזא מענגע איבערלעבונגען, אזא רייכקייט און פיעל־פארביגקייט פון יודישע טיפען, אזא טיעפע אריגינעלקייט פון פערזענליכקייטען?

אט די אלע טשארטקאווער אנטיקען שטעהען אין אנהויב און אין מיטען פון מיין גאליצישער יודישער טיפען־גאלעריי. דער לעזער וועט מיט זיי בעקאנט ווערען א ביסעל ווייטער.

דערוויל לאמיר פארשטעלען פאר די לעזער די שטעדטעל גופא, אין איהר איצט און אמאל.

טשארטקאוו איז איינע פון די עלטעסטע שטעדטלאך אין דער וועלט. אויסגראבונגען ווייזען, אז נאך גאר אמאל, אין די צייטען פון די העמער איז דא געווען א ישוב. אידען יאווען זיך דא אין אנהויב פון 16טען יאהר־הונדערט, באלד נאכדעם ווי די שטעדטעל איז אויף דאס ניי אויפגעבויט געווארען פונ'ם פוילישען מאגנאט טשארטקאווסקי, וועמעס נאמען די שטעד־טעל טראגט. די שטעדטעל האט דורכגעמאכט טאטערשע פאג־ראמען, שחיטות און הריגות פון קאזאקען און גזרת „ת'ח". אדער „כמעלניטשינע". פון 1772, נאך דער ערשטער חלוקה פון פוילען צווישען עסטרייך, דייטשלאנד, און רוסלאנד, בע־לאנגט טשארטקאוו צו עסטרייך, דאך האט מיט הונדערט יאהר צוריק, עטליכע יאהר צייט טשארטקאוו, מיט נאך אנדערע שטעדטלאך, ביי דער גרעניץ, אנגעהערט צו רוסלאנד. פון יאהר 1815 איז זי ווידער אריבער צו עסטרייך. דא איז פאראן אן אלטע שול, וואס, לויט א לעגענדע, האט זי געבויט דער פוילישער קעניג סאביעסקי. דיזעלבע לעגענדע האב איך גע־הערט וועגען שולען אין אנדערע דערבייאיגע שטעדטלאך. אין דער טייל שטאדט „וויגנאנקע", ווייזט מען איצט אן אלטע הילצערנע הויז, זעהר אן אריגינעלע געביידע, וואס האט זיך דא נאך גאנץ גוט דערהאלטען, וואו, לויט דער לעגענדע, האט מען גאר אמאל אויפגעקליבען אלע טשארטקאווער יודען און מ'האט זיי ארויסגעטריבען פון שטעדטעל. דערפון שטאמט דער נאמען פון דער גאס „וויגניאנקא", וואס בעטייט ארויסטריי־בען, גירושין. שפעטער לויט אן אנדער לעגענדע, האט זיך דא, אין דערזעלבער הויז, אויפגעהאלטען דער „בעל שם טוב", וואס האט א לאנגע צייט געלעבט אין דער ארומיגער געגענד.

טשארטקאוו בעשטעהט פון דריי טיילען — אמאל זענען דאס געווען דריי בעזונדערע שטעדטלאך — אלט־טשארטקאוו, די אויבען דערמאנטע „וויגניאנקא" און ניי־טשארטקאוו. נאר אפילו איצט, ווען די אלע דריי בילדען צוזאמען איין שטעדטעל און א גאנץ קליינע, מיט א בעפעלקערונג ניט מעהר, ווי 7000

פערזאָן. דאָרונטער עפּעס מעהר ווי העלפט — יודען, לעבט יעדער פון די דריי טיילען שטעדטעל מיט זיין בעזונדער לעבען. אזוי, אַ שטייגער, איז אין אַלט־טשאָרטקאָוו אַלץ צו־געפּאַסט צום לעבען פונ׳ם רבינ׳ס „הויף." דאָ וואַכט מען, ווען אין "הויף„ וואַכט מען. דאָ שלאָפט מען, ווען מען שלאָפט אין „הויף". און אין „הויף" שלאָפט מען דאַן, ווען די גאַנצע וועלט וואַכט, און מ׳איז אויף דאָרט, ווען די גאַנצע וועלט שלאָפט.

דעם טשאָרטקאָווער רבי׳ס פּאַלאַץ איז דער גלענצענדסטער פון אַלע רבייאישע הויפען אין גאַליציען און אין דער גאַנצער וועלט, און די רבייאישאַפט פון טשאָרטקאָוו איז די מערקווירדיגסטע פון אַלע רבייאישע גזע׳ס. צו ענדיגען מיט אַלט טשאָרטקאָוו דאַרף מען דערמאָהנען דעם אַלטען טשאָרטקאָווער בית־עולם, וועלכער מאַכט אַן אונגעהויערן איינדרוק מיט זיינע אַלטע מצבות. די מערקווירדיגקייט פון די מצבות — ליגט ניט אין זייער אַלטקייט, די עלטעסטע פון די וואָס האָבען זיך דערהאַלטען, איז מעהר ניט אַלט, ווי אַ פּאָר הונדערט יאָהר. די אַלטע מצבות פון טשאָרטקאָווער „בית־הקברות" צייכענען זיך אויס מיט זייער מערקווירדיגער סקולפּטור. אַזעלכע פיין גע־שניצטע מצבות בעגעגענט איהר ניט אין דער גאַנצער וועלט. פון זיי איז צו זעהן, אַז מיט אַ הונדערט און פופציג יאָהר צו־ריק האָט דאָ געלעבט אַ פאַמיליע מצבות־שלעגער, זעהר גרויסע קינסטלער, וואָס, ווען זיי לעבען היינט, וואָלט פון זיי ניט איין אַנטאָקאָלסקי ארויס. אין יענער צייט אָבער איז פאַר דעם יו־דישען קינסטלער־גייסט געווען נאָר צוויי געביטען: דער „מזרח" אין עמוד פון שול און די מצבה אויף דעם „בית־הקברות". און די טשאָרטקאָווער קינסטלער האָבען זייער גאַנצע נשמה אריינ־געלעגט אין די בית־הקברות־שטיינער. דערפאַר זענען פון די שטיינער נשמות געוואָרען. דער טשאָרטקאָווער בית עולם מאַכט אויף איך ניט דעם איינדרוק פון א טויטען־פעלד. איך האָב איהם בעזוכט אין אַ דעצעמבער טאָג, אין מיטען ווינטער, אַלץ ארום איז שטאַר, איז פערגליווערט געווען, און דאָ האָט געהויכט מיט פריהלינג. די בלעטלאַך, די קנאָספּען, די פויגעלאַך, די הירשען, די לייבען, — דאָס אַלץ לעבט פון די האַלב־חרוב׳ע זאַמד שטיי־

נער, ווינקט צו אייך, סוד'עט זיך מיט אייך, נעהמט אייך ארום מיט א בעצויבערנדער מאכט פון שענקייט און לעבענס־לוסט.
די נשמות פון די לאנג צום שטויב געווארענע קינסטלער זענען לעבעדיג געווארען אין אייער נשמה, אדער ריכטיגער, אייער נשמה איז לעבעדיג געווארען אין בעריהרונג מיט יענע איידעלע הויכע נשמות פון די אונבעקאנטע מצבות־שלעגער, וועמעס נא־מען אפילו, איהר קענט אין קיין פאל ניט דערגעהן. נאר פון גע־שפרעכען מיט אלטע לייט אין אנהערע שטעדטלאך ארום, קענט איהר זיך אנשטויסען, אז אונגעפעהר מיט 200 יאהר צוריק איז געווען אין טשארטקאוו א פאמיליע שטיין־קריצער־קינסטלער. אין דער דאזיגער פאמיליע איז איבערגעגאנגען די קונסט פון דור צו דור. דורך זיי איז פארפלאנצט דערזעלבער קינסטלערי־שער סטיל אין אנדערע ארומיגע שטעדט און שטעדטלאך. ווארום איך האב געטראפען עהנליכע מצבות אין טארנאפאל, אין בראד, אין בוטשאטש, אין זלאטשעוו. באזונדערס איבערראשט אייך בראד, דורך דער גרויסער מענגע מצבות אויפ'ן דארטיגען בית־עולם, פון טשארטקאווער סטיל. נאר ערגעץ דערגרייכען די מצבות ניט צו אזא קינסטלערישער פאלקאמענהייט, ווי אין טשארטקאוו. ערגעץ האבען זיי זיך אויך ניט ערהאלטען אזוי גוט ווי דא. דאס מצבות־קריצען האט דעמאלט געמוזט זיין ניט קיין פשוטע נאר א הייליגע מלאכה, ווי די מלאכה, פון א ספר־תורה־שרייבער. ווענינסטענס ביי די טשארטקאווער שטיינ־קריצער. א דורכשניטליכער שטיין האט געדארפט פאדערן ניט ווייניגער פון דריי מאנאטען ארבייט. א גרעסערער שטיין, ווי דער, א שטויגער, וואס שטעהט אויף דעם קבר פון דעם טשארטקאווער רב פון יענער צייט — ר' הערשעלע, איבער וועלכען עס האבען זיך בעהאלטען א סך לעגענדעס, האט גענומען געווים א גוטען האלב יאהר צייט. אזעלכע קינסטלעריש געארבייטע שטיינער, האב איך געפונען אויף קברים פון געוועהנליכע בעלי בתים*). דער העכסטער לוין פאר א מיטעלע מצבה האט דאן געקאנט זיין

*) איך דרינג דאס דערפון, וואס אויף די שטיינער איז ניטא קיין שום טיטולען און שבחים.

אפשר פינף־זעקס רייניש (גולדען). דער מצבה־קריצער האט אלזא געקאנט האבען פאר זיין קינסטלערישער מלאכה א צוויי רייניש א חודש! נאר ווען אפילו גאר גוט באצאהלט האט געקענט דערגרייכען זיין פארדינסט ביז א רייניש א וואך. נעהמענדיג אין בעטראכט אפילו די ביליגקייט פון לעבענס־מיטעל אין יענער צייט, האט דער מצבה־שלעגער — דער קינסטלער געדארפט לעבען מיט זיין פאמיליע אין שרעקליכע דחקות. ער איז פשוט געווען א מארטירער פון זיין קונסט.

בעסער ווי אלע שטיינער האט זיך דערהאלטען די מצבה פונ'ם דערמאהנטען רב ר' הערשעלע. ער האט געלעבט אין די צייטען פונ'ם „בעל שם". פריהער איז ער געווען דעם „בעל שם טוב'ס" געגנער און זאגאר קעמפפער געגען איהם. דער נאך איז ער געווארען זיין אנהענגער. נאר ווענען ר' הערשעלע און זיין זוהן ר' שמעלקע פון ניקולשבורג — שפעטער.

צו ענדיגען מיט'ן טשארטקאווער בית עולם מוז מען דערמאהנען דעם „אוהל" פון דעם אלטען טשארטקאווער רבי'ן ר' דוד משה'עניו, צו וועלכען עס ציהען זיך ימים־נוראים־צייט חסידים פון דער גאנצער וועלט, לעגען אויף דעם הייליגען קבר א קוויטעל, און די מצבה פונ'ם דאקטאר פראנצאז, דער פאטער פון דעם בעריהמטען שרייבער קארל־עמיל־ פראנצאז, וואס האט אין אזוינע ריהרענדע קינסטלערישע בילדער געשילדערט דעם גאליציישען געטא. כמעט אלע זיינע טיפען און בילדער זענען געווען פון טשארטקאוו, וואס פיגורירט ביי איהם שטענדיג אונטער דעם נאמען „בארנאוו". קארל עמיל פראנצאז האט זיך אויסגעהאדעוועט און פארבראכט זיין יוגענד אין טשארטקאוו. ער האט געלעבט אין יענער מערקווירדיגער צייט, ווען די השכלה פון מערב־אייראפא האט זיך אריינגעריסען אין גאליציישען געטא, ווען דאס אלטע לעבען האט זיך בעגעגענט מיט דעם נייעם און ס'איז ענטשטאנען א קאמפף אויף לעבען און טויט. זיין פאטער, דער ערשטער און איינציגער געשטודירטער יוד, וואס איז געקומען אהער פון עלזאס־לאטארינגען, איז געווען איינער פון די מארטירער אין דעם דאזיגען קאמפף. ער האט אי אלס דאקטאר, אי אלס מענש א סך געא־

פפערט פאר דער שטעדטעל. נאר די דונקעלע טשארטקאווער חסידים האבען איהם גערופען דער „פראנצויז" (דערפון שטאמט אויך זיין פאמיליען־נאמען „פראנצאז") און האבען איהם פאר־פאלגט. דער יונגער שריפטשטעלער קארל־עמיל פראנצאז האט אויך א סך געליטען פון די פערפאלגונגען, איז דערנאך אוועק אין וויען, דא געשטודירט און בעריהמט געווארען אלס שריפט־שטעלער. שפעטער איז ער אוועק אין בערלין און דארטען גע־שטארבען. זיין פרוי שיקט יעהרליך א געוויסע סומע צו האל־טען אין ארדנונג דעם קבר און די מצבה פון איהר מאנס פא־טער.

איך האב זיך אבגעשטעלט לענגער אויף דאס טשארטקאווער בית עולם, ווייל ער איז איינער פון די מערקווירדיגסטע יודישע בית עולם אין דער וועלט. אלעס איז דא אריגינעל, אפילו זיין קברות־מאן איז ניט אזא ווי אומעטום. דא איז דער קברות־מאן ניט קיין יוד, ווי אויף יעדען יודישען בית הקברות, נאר א גוי. און יאהרענלאנג איז אפילו געווען ניט קיין גוי, נאר א גוי'ע די קברות־שמש'טע. די גוי'ע האט בעקומען דעם „בית עלמין" בירושה פון איהר מאן, נאך זיין טויט. דער קברות־גוי, אדער קברות גוי'ע, זענען געווען צוגערעכענט צו שטעדטעלדיגע „כלי־קודש. אלע פרייטאג פלעגען זיי געהן איבער די יודישע הייזער קלייבען קוילעטשען. די גוי'ע, די קברות־שמש'טע האט זיך שנעל געטרייסט נאך איהר מאנס טויט און האט פאר־פיהרט אין איהר קברות־שטיבעל א... פרעהליכע הייזעל. יאה־רענלאנג האט זי פראקטיצירט די דאזיגע ביזנעס, ביז מ'האט זיך ענדליך דערוואוסט און געהייסען איהר געהן.

פון טויטען טשארטקאוו צום לעבעדיגען און פון אלט־טשארטקאוו צום נייעם. דער מיטעלפונקט פון טשארטקאוו יו־דישען לעבען בכלל איז, נאטירליך, דער רבי און דעם רבינ'ס הויף. נאר וועגען רבי'ן און רבי'ס פאלאץ מוז גערעדט ווערען בעזונדער. ניי טשארטקאוו איז אייגענטליך ניט לאנג געבארען

געוואָרען. מיט א זעקס, זיעבען יאָהר צוריק*). דער דאָזיגער טייל שטאָדט שטעהט כמעט אין גאַנצען אויף א בארג. צווישען איהם און אלט־טשרטקאָוו איז א גוואַלדיגער קאָנטראַסט. דאָרט אין אלט־טשאָרטקאָוו איז אלץ אָרים, אבגעלאָזען, אויפגעדרענגט, שמוציג. דאָ איז אן עכטע ווילעס־שטעדטעל: פריי, געראַמיג שעהן, געפוצט, אויף יעדען שריט פיינע מייערלאך — געבויט ווי ווילעס. איהר קענט זיך לייכט אנשטויסען, אז דאָרטען, אין אלט־טשאָרטקאָוו, וואו עס ווימעלט און גריבעלט, ווי אין א מוראַשקען־הויפען, לעבען די פראָלעטאַריער. דאָ אויפ׳ן באַרג־ארויף, אין די שעהנע הייזער פון מאָדערנער ארכיטעקטור וואוינט די טשאָרטקאָווער יודישע בורזשואזיע. אזוי מוזט איהר מיינען, ווען איהר אורטיילט נאָכ׳ן קוק. אביסעל איז אייך נאָר א וואונדער: פון וואַנען אייגענטליך נעהמען זיך אין טשאָרט־קאָוו, אין אָט דעם גאַליציאַנער העק, וואָס האָט ניט קיין פאַברי־קען, ניט קיין וואַלד־געשעפט, ניט קיין געטריידע־מסחר: וואָס האָט איהר קאַרגע חיונה רייבענדיג זיך נאָר אביסעל אַרום רבינ׳ס הויף, אביסעל אַרום דעם אָרימען גאַליציאַנער פויער; פון וואַנען נעהמען זיך גבירים, וואָס פאַרמאָגען אזוינע שעהנע מוי־ערן מיט אזוינע פאַרפוצטע הויפען?

און פרעגט איהר די קשיא ביי דעם ערשטען, בעסטען טשאָרטקאָווער יודען, וואָס קומט אייך אנטקעגען אין גאַס, דער־וויסט איהר זיך, אז אייערע אויגען האָבען אייך שרעקליך אָב־געגנאַרט. איהר דערוויסט זיך די טרויעריגע, זעהר טרויעריגע וואָרהייט, אז דאָרטען אויבען, אין די ריינע, געראַמע גאַסען, אין די שענע מויערן און פאַרפוצטע הויפען וואוינען ניט קיין גבירים, וואוינען ניט אפילו קיין אָרימע לייט. עס וואוינט דאָרט קיינער ניט! דאָס איז א לעבעדיגער, ריכטיגער, א פוסטער בית עולם. גאַנץ ניי־טשאָרטקאָוו איז איין מצבה. אַהן אן אויפ־שריפט, דערציילט זי דייטליכער, ווי מיט ווערטער, וועגען דער באַדענלאָזיגקייט פונ׳ם גאַליציאַנער יודישען לעבען.

די מעשה איז א קורצע, א טרויעריגע. געלעבט האָט

*) געשריבען אין יאָהר 1913.

טשאַרטקאָוו, ווי אַנדערע גאַליציִשע יודישע שטעדטלאַך, אין אָרימקייט, אין בלאָטע, אין מאַרק־האָוועגעס, אין ווינט. אין מיטען קומט אָן אונגעריכט אַ בשורה: אין טשאָרט־קאָוו וועט אַ קרייז־געריכט. דאָס הייסט עס וועלען צוקומען הונדערטער נייע פאַמיליעס — פון די בעל־אמטע; עס וועט ווערען אַ צופאַהר פון אָרומיגע שטעדטלאַך. און טשאַרטקאָוו וועט אַ חוץ דעם רבינס הויף און דעם פויער, געעפענט ווערען אַ נייער קוואַל, אַ רייכער קוואַל פון פרנסה!

טשאַרטקאָווער יודען זענען צוטומעלט געוואָרען פון שמחה. מ'האָט געקויפט פלעצער, געבויט הייזער, געלעגט נייע גאַסען פאַרלעגט געריטנער, געמויערט גרויסאַרטיגע האָטעלס מיט רעסטאָראַנס, ווי אין סאַמע לעמבערג און וויען.

איהר פרעגט: וואו האָט מען גענומען געלד?

ביי פּראַצענטניקעס, אין די בענק. מ'האָט פערזעצט די לעצטע בעכערס און פלעצער געקויפט און הייזער געבויט. יעדער קבצן אין טשאַרטקאָוו איז בטוח געוואָרען! אַזאַ מעלקעדיגע קוה! דער קרייז־געריכט! ער וועט שוין דערנאָך אויסצאַהלען אַלץ!

דער קרייז־געריכט איז געוואָרען פאַרטיג. צוגלייך מיט איהם אַ נייע שטאָדט־ניי־טשאַרטקאָוו. געקומען די בעאַמטע. אַ קוק געטאָן אויף די גרויסאַרטיגע מויערן, האָבען זיי זיך דער־שראָקען. דערהערט די פּרייזען פון די דירות זענען זיי ממש פאַרטרייסעלטע געוואָרען: עס וועט ניט קלעקען זייערע גאַנצע שכירות פאַר איין דירה־געלד.

זענען זיי אַלע אַוועק און געדונגען זיך שטיבלאַך ביי די פויערן אַרום און אויסגעמיידט די שטעדטעל. אַז ס'איז געקומען צאַהלען די חובות פאַר די מויערן אין די בענק, איז געוואָרען אַ חורבן. די נייע נגידים זענען געוואָרען די נייעסטע ביטערע קבצנים. ווער עס האָט געקענט ראַטעווען, אָדער כאָפּען הונדערט ריינישׁ, איז אַנטלאָפען אין אַמעריקאַ. די איבריגע שטאַרבען פון הונגער. ניי־טשאַרטקאָוו שטעהט וויסט. איהרע גאַסען טרויערן.

און דאָ איז געקומען דער קריזיס פון דער מלחמה אויף די באַלקאַנעס.

טרויעריג איז דער יודישער לעבען אין גאַליציען. נאָר ער־
גענץ האָב איך ניט געזעהן אַזעלכע דערשלאָגענע, פאַרצאַגטע,
פאַרצווייפעלטע יודישע פנים'ער ווי אין טשאָרטקאָוו.

און דאָך איז קיין שטעדטעל אין דער וועלט, ווי געזאָגט,
ניט אַזוי רייך אין טיפען און בילדער און איבערלעבונגען, ווי
טשאָרטקאָוו. פון וואַנען האָט זיך עס גענומען? ווי קומט עס?

דאָס איז אַ רעטעניש, ווי אַ סך אַנדערע רעטעניסען אין
יודישען לעבען.

מעשה'לעך פון טשארטקאווער פנקס.

רבי הערשעלע און דער „בעל שם“

שוין איבער 160 יאהר ווי רבי הערשעלע, טשארטקאווער רב, איז טויט. אין טשארטקאווער שטאדטישען פנקס האב איך געפונען פארשריבען, אז ער איז אנגענומען געווארען פאר א רב אין יאהר „תפו“ (1726) און איז נסתלק“ געווארען און ארויפגעגאנגען אין דער „ישיבה של מעלה“, ד. ה. געשטארבען אין יאהר „תק־יוד“ (1750).

און דאך לעבט זיין אנדענקען ביי די פרומע יודען פון דער גאנצער וועלט און בעזונדערס אין טשארטקאוו, פונקט אזוי ווי ער וואלט ערשט נעכטען געשטארבען. און ניט בלויז זיין אנדענקען, — זיין מאכט און די מורא פאר איהם הערשט איבער טשארטקאווער יודען איצט, פונקט ווי דאן, בשעת ער האט גע־לעבט.

דאס איז נאטירליך. ווארום ערשטענס איז די חיס־טאריע פון טשארטקאוו פעסט פערבונדען מיט ר' הערשעלעס נאמען. כמעט ביז איהם איז טשארטקאוו א לאנגע צייט וויסט געווען. ניט געווען ניט קיין קהילה, ניט קיין רב. און טשארט־קאוו איז גראד זעהר אן אלטע יודישע שטעדטעל. וואס זשע איז די מעשה? די מעשה איז וואס אין דער צייט פון גזרת ת'ח, פון דער „כמעלניטשינע“ האט טשארטקאוו זעהר שטארק

בעליטען. וועגען דעם איז פאראן אן עקסטרא בלאט אין טשארט־קאווער פנקס. „היות ווי אין דעם יאהר ת"ח — שטעהט פאר־שריבען אין „פנקס" אין דעם 50טען בלאט — צוליעב די גרוי־סע צרות און הריגות, וואס זענען פארגעקומען אין אוקראינא דורך „חמיל" ימח שמו, איז געווארען די גאנצע אומגעגענד פון פאדאליען „חירום", (ד. ה. עס איז ארויסגערופען געווא־רען א באיקאט אויף די שטעדט, אז יודען טארען זיך דארטען ניט באזעצען) איז טשארטקאוו אויך אריין אין דעם צעטעל פון די דאזיגע שטעדט..." „דורך פאלשע בלבולים און בייזקייט פון די פריצים זענען אונשולדיג אומגעקומען דארט א סך מענ־שען. בכן האבען די רבנים, די גאונים פון די פיער לענדער*) גוזר געווען, אז קיין שום יוד זאל דא (אין טשארטקאוו) ניט וואוינען". ביז דעם יאהר תס"ה (1705), ווען דער היגער שר (וואיעוואדא, מין גוברנאטאר) האט געבעטען ביי יודען, אז זיי זאלען זיך דא וויעדער בעזעצען, און ער וועט זיי געבען פרייהייט („חירות" — אין פנקס). דורך זיין השתדלות**) האבען די רבנים אראבגענומען דעם „חרם" און ערלויבט יודען צו וואוינען דא..." „דעריבער איז דא ניט געווען קיין שום רב און אב"ד (אב בית דין) ביז דעם יאהר ת"ע (1717)."

ר' הערשעל איז אלזא געווען דא כמעט דער ערשטער רב. נאך דעם האלבען יאהר־הונדערט (און מעהר) וואס

---

*) דער בעריהמטער „ועד ארבע הארצות" — דער רבנישער פארלאמענט, וואס האט געהערשט אין 15טען און 16טען יאהר־הונדערט, אין די פיער לענדער: פוילען, ליטא, וואהלין און רוי־סען (רוסלאנד) און האט געבילדעט א מין יודישע קולטורעלע רע־פובליק.

**) דער דאזיגער בלאט איז א העכסט וויכטיגער דאקומענט. ער ווייזט, אז יודען זענען ניט געקומען אין פוילען איינגעבעטע־נע. נאר פארקעהרט: די פריצים האבען זיי איינגעלאדען, אלס נוי־טיגען עלעמענט פאר דער עקאנאמישער ענטוויקלונג פון זייער לאנד, און האבען זיי דעריבער גאראנטירט שריפטליך פאלקאמענע פריי־הייט.

פון ווירקונג דער אונטער געווען פוסט איז משאַרטקאָוו דעם יודישען באַיקאַט. ער האָט אויך, ווי עס שיינט, דער ער־שטער איינגעפיהרט דעם פּנקס.

ר׳ הערשעל איז געווען אן אור־אור־אור־אייניקעל פון דעם בעריהמטען ר׳ ישעיה הלוי הורוויץ, אדער ווי ער האָט געהייסען פאַרקירצט, נאָך זיין ווערק — „של״ה“ (די אנפאנגס־בוכשטאַ־בען פון דעם ספר „שני לוחות הברית„), דער שטאַמפאַטער פון אלע הורוויצעס וואָס זענען לויים. ר׳ הערשעלע האָט שוין דאַמאָלס געטראָפען די פאַמיליע הורוויץ, אין דער צייט ווען פאַמיליעס זענען נאָך, כמעט, ניט איינגעפיהרט געווען ביי יו־דען. דאָס ווייזט, אז די דאָזיגע פאַמיליע האָט זיך גערעכענט, אלס איינע פון די גרעסטע יחוס־פאַמיליעס ביי יודען, וואָס האָט אין אַ משך פון א גאַנצע רייהע דורות ארויסגעגעבען אַ גאַנצע קייט פון רבנים און גרויסע מענשען.

נאָר ר׳ הערשעלעס גרויסקייט איז געווען געבויט דער עיקר אויף דעם גלויבען אין זיין פערזענליכער הייליגקייט, אין דעם גלויבען, אז ער בעזיצט די קראַפט צו טאָן מופתים. וואָ־רום ר׳ הערשעלע איז געווען א „בעל קבלה“. איבערהויפּט האָל־טען פון איהם די חסידים. וואָרום ווי זיי ערקלערען אין זייערע ספרים, איז ער געווען איינער פון די ערשטע, פון די ווינציגע, וואָס זענען פון בעל שם׳ס פערפאָלגער געוואָרען זיינע וואַרימע אַנהענגער. דערביי ווערט דערצעהלט אַ אינטערעסאַנטע מעשה, ווי אזוי דאָס איז געשעהן.

ר׳ הערשעלע איז געווען אַ טיפּ פון די סאַמע שטרענגע, פאַרהאַרטעוועטע מתנגדישע רבנים, ביי וועלכע א פּאסקעלע, א פּינטעלע פון אן אות אין דער תורה איז געווען טייערער פון א מענשענס לעבען. ער איז שטענדיג געווען אַ „מחמיר“, ד. ה. געפּסקענט וואָס שטרענגער, און אויב ער האָט אַמאָל עפּעס מתיר געמאַכט, האָט איהם געליאָקעט די האַרץ, טאָמער האָט ער חלילה אַ טעות געהאַט אין דין. נאָך אזא פּסק, אז „מ׳מעג“, פלעגט ער ניט רוהען, ניט ראַסטען, ביז ער פלעגט ניט אויס־זוכען ערגעץ אַ „חומרא,“ — אַ דין אז „מ׳טאָר ניט“. דאַן פלעגט ער זיך ניט פוילען, כאָטש נאָך האַלבע נאַכט, געהן צו

דער יורדנע, וואס ער האט איהר בייטאג געפסקענט „כשר“ און קלאפען איהר אין די לאדען: „טרייף! טרייף!“

אמאל, — דערצעהלען חסידים, איז צו רבי הערשעלען געקומען א ווייבעל מיט א „שאלת נשים“. ער האט איהר „מתיר“ געמאכט צו איהר מאן. אז זי איז אוועק, האט ער, ווי זיין שטייגער, גענומען צווייפלען, גריבלען זיך, און שרעקען זיך: טאמער האט ער א טעות געהאט, וועלען דאך איהרע קינדער זיין „ממזרים“. ער האט אזוי לאנג געזוכט און געזיפט אין די ספרים, ביז ער האט געפונען...

עס איז שוין געווען שפעט נאך האלבע נאכט. ער האט אויף גיך אנגעטאן די זופעצע, גענומען דעם שטעקען, אויפגעוועקט דעם שמש מיט דער לאמטערנע און אוועק צו דער יודענע, אין עק שטעדטעל, און געקלאפט איהר אין די לאדען:

— אסור!... אסור!...

אבער עס איז שוין געווען פארפאלען...

דעמאלט איז ר׳ הערשעלע אין „עצבות“ אריינגעפאלען. ער האט גענומען „מפשפש במעשיו“ זיין, זוכען אויף זיך חטאים: וואסערע זינד האבען גורם געווען, אז מ׳ענטפלעקט איהם ניט פון הימעל באלד דעם אמת׳ן דין, אז ער איז זיך באכאנאנד טועה געווען און מאכט שטרויכלען יודישע קינדער...

איז ביי איהם געבליבען, אז „דאס“ איז געווען אן עונש דערפאר, וואס ער מאכט ניט אויף זיינע אויגען אויף דעם וואס ס׳טוט זיך ארום איהם. און ארום איהם טוען זיך, „רחמנא לצלן“ גרויסע זינד.

אט, א שטייגער, ערד עם הארץ, דער פראסטאק, דער לעהםפיהרער... ר׳ גרשון קיטעווער׳ס שוואגער וואס האט זיך בעזעצט דא, ארום טלוסט, ניט ווייט פון טשארטקאוו, אין די קארפאטען-בערג אבגעזונדערט פון מענשען, האט זיך געקרוינט מיט׳ן נאמען „בעל שם“, גיט זיך אוים פאר א „בעל מופת“, פארפיהרט אן עדה יודען, איז א חוטא ומחטיא את הרבים... און ער, ער, דער רב, דער מנהג פון דער עדה, דער וועכטער פון יודישקייט, פון דער הייליגער תורה, קוקט און.. שווייגט.. איז ניט

מקיים דעם דין פון דער הייליגער תורה: ובערת הרע מקרבך*)

און ר׳ הערשעלע הייסט דינגען א פוהר, טוט זיך אן אין זיין זופּעצע און דעליע זעצט זיך אריין מיט זיין שטעקען און דעם שמש אין וואגען און לאזט זיך אויסראמען דאס בייז פון יודען, אויפזוכען אין טלוסט, אין די בערג, דעם נייעם „ירבעם בן נבט“, דעם וואס פארפיהרט יודען צו דער „עבודה זרה“ — און איבערגעבען איהם צום מלכות...“

געקומען אין טלוסט, אויפגעזוכט דעם „בעל שם׳ס“ שטיבעל, ערגעץ, העט, אונטער שטעדטעל צווישען בערג און טאלען, אריינגעקומען.

זעהט ער, רבי הערשעל, ווי די שטיבעל איז ארומגערינגעלט מיט ווייבער, און ער אליין „דער עבודה־זרה׳ניק, דער „פארפיהרער“ איז ניטא. זעצט ער זיך צו אויף דער פריזבע לעבען שטיבעל און ווארט.

זעהט ער, ווי עס ווייזט זיך פון דער ווייט א מענש, פון די בערג אראב, קומט נעהענטער, נעהענטער, אט איז ער שוין קענטיג אין גאנצען — א פּראסטער ישובניק אין א קוצמע, אין א קורצען פּעלץ, מיט א שטריק ארומגעבונדען. געהט צו צום שטיבעל, די אויגען אראבגערוקט צו דער ערד. די ווייבער רוקען זיך אב מיט גרויס פארכטיגקייט. אין זיין, אין ר׳ הערשעלעס זייט, קוקט ער גאר גיט. דער נאך געהט ער פון שטיבעל ארויס, אלץ די אויגען צו דער ערד אראבגעלאזט. רופט אוים ווי צו זיך אליין: ביילע! דיין מאן איז דארטען! פאהר גלייך וועסטו איהם געפינען! רישע! דיין בהמה איז אין יענעם דארף! הענע! דיין פערד איז ביי יענעם גוי! און אז. וו.

אבגעפּטר׳ט די ווייבער, הויבט ער אויף די אויגען און זאגט: טשארטקאווער רבי, שלום! (ער האט איהם אויפ׳ן לעבען ניט געזעהן). האט קיין צער ניט! „תוספות“ האלט מיט אייך! אין יענעם דף, אין יענער שורה, זאגט בפירוש דער דין, אז די אשה איז מותר...

ר׳ הערשעלע איז געשטאנען פאר׳ן „בעל שם“ שטוינענדיג.

---

*) זאלסט אויסראמען דאס בייז פון דיר.

איהם איז גאר פון געדאנק ארויס יענער „תוספות“, וואס זאגט מאקע בפירוש, אז די ווייבעל איז „כשר“... בכן האט ער ריכ־טיג געפסקענט, ווי דער דין...

פון דאמאלט אן, — זאגען די חסידים — איז רבי הערשעלע אליין געווארען א פייערדיגער חסיד דעם בעל שם׳ס און ניט איין מאל זענען זיי איינער צום אנדערן „קפיצת הדרך“ געגאנ־גען און גאנצע נעכט אין „נגלה“ און „נסתר“ פארבראכט...

אז „מ'רופט" — „געהט" מען...

אויף ר' הערשעלעס קבר אין טשארטקאוו, אויפ'ן אלטען בית עולם, שטעהט א מצבה, פיליכט די שענסטע, די קינסטעלערישטע, פון אלע יודישע מצבות אין דער וועלט. 150 יאהר איז די מצבה אלט, און די צווייגען און טרויבען, די זיילען און לולבים, די פויגלאך און הירשען און בלומען, קוקען פון דער מצבה פריש, ווי לעבעדיגע, ארונטער.

טשארטקאווער פרומע יודען זאגען, אז דאס איז ניט פשוט, ניט פון דער נאטור אזוי. אז דער רוח הקודש, וואס האט אין רבי הערשעלען געלעבט, שוועבט ארום זיין שטיין און לאזט איהם ניט אלט ווערן.

ר' הערשעלעס שטיין איז ארומגערינגעלט מיט א קראנץ פון אויך זעהר קינסטלעריש געקריצטע שטיינער פון זיינע צוועלף תלמידים, גרויסע גאונים, וואס בילדען מיט זייערע קברים, ווי א מין עהרענוואך ארום זייער געליבטען רבין.

נאך שענער פון אלע שטיינער, כמעט אזוי שען, ווי ר' הערשעלע'ס מצבה, איז דער שטיין, וואס שטעהט פעסט צוגע-טולעט צו זיין מצבה, רעכטס. דאס איז דער קבר פון זיין געליב-טעסטען איינגסטען זוהן, וואס איז געשטארבען אין דער בלי-הונגס-צייט פון זיין יוגענד, 15 יאהר איז ער ערשט אלט געווען.

און שוין האט מיט איהם געקלונגען די וועלט. שוין איז ער געווען א בן-בית אין אלע פערבארגענסטע און פערפלאנטער-סטע ווענעלאך און שטעגעלאך פון דער „קבלה", כמעט, ווי זיין טאטע.

צוויי זיהן האט ר׳ הערשעלע אויף דער וועלט געלאזען. וואס האבען אויף דער וועלט, ווי צוויי גרויסע, לייכטענדע שטערן געלויכטען: ר׳ שמעלקע פון ניקעלשבורג און ר׳ פנחס׳ל „בעל הפלאה״, — גאונים, וואס האבען א וועלט אנגעריהרט. נאר ווען ער, ווען דער יונגסטער זוהן, וואלט לעבען מעהר, האט ער געהאט בכח, — אזוי זאגען חסידים — אראבצוברייגען משיח׳ן.

נאר דער דור האט ניט זוכה געווען, איז ער פריה צוגע־נומען געווארען פון דעם עולם. „אויבען״ האט מען איהם גע־דארפט האבען...

אויף זיין קבר שטעהט אויסגעקריצט: „מת בנשיקה״. ער איז געשטארבען דורך א געטליכען קוש, „ונתבקש בישיבה של מעלה״ — און איז איינגעלאדען געווארען אין דער אויבער־שטער זיצונג...

און ארום דער דאזיגער רעטזועלהאפטער אויפשריפט האט זיך ביסלעכווייז ארומגעוועבט אזא לעגענדע:

פערטיעפענדיג זיך שטארק אין קבלה און עוסק׳ענדיג זיך מיט „צירופים״ (קאמבינאציעס) פון הייליגע שמות דורך גאנ־צע נעכט, האט ער פלוצלונג אנגעהויבען צו הערען ווי קולות, עפעס ווי אימיצער רופט איהם ביי זיין נאמען.*)

ער האט זיך נאך מעהר פערטיעפט אין קבלה און אין „שמות מצרף זיין״, נאך מעהר געוואכט דורך גאנצע נעכט. נאר יעדע נאכט האבען זיך אלץ דייטליכער די קולות געלאזט הערען.

דאן האט ער דערצעהלט זיין טאטען, רבי הערשעלען, אז „מ׳רופט איהם...״

---

*) אין א צושטאנד פון האלוציגאציעס, וואס קומט פון אי־איבעראנשטרענגען דעם מוח מיט גייסטיגער ארבייט, הערט דער מענש שטימען און זעהט בילדער, וואס זענען אין דער ווירקליכקייט ניטא. דערפון שטאמט דער אבערגלויבען, אז „מען רופט״, דארף מען געהן.״ ד. ה. דער מענש דארף שטארבען.

ר' הערשעלע האט זיך פארטראכט.

וואס האט ער געטראכט? צו וועגען דעם, אז דאס שטראפט איהם גאט, וואס ער האט צו פריה זיין זוהן ערלויבט צו לערנען קבלה, אט די שווערע, געהיימניספולע חכמה, וואס די גאונים האבען זי פערבאטען צו לערנען פאר 40 יאהר; צו דעריבער, אז דער דור איז ניט זוכה צו דער ליכטיגקייט פון אזא שטערן?... דאס איז ניט בעוואוסט.

— נו,—האט ער ווי אויפכאפענדיג זיך פון זיין מחשבה, געמעלדעט דעם זוהן, — א ז מ'ר ו פ ט, — ג ע ה ט מ ע ן...

ר' הערשעלע האט געהייסען זיין זוהן צו גרייטען זיך, ווי געהעריג אין וועג אריין... ער האט געהייסען דער ווייב געבען איהם און דעם זוהן רייגע וועש, אנגרייטען זייף, א בעזים, און זיי זענען ביידע אוועק אין מרחץ. טאטע און זוהן — ביידע זיך גוט אויסגעוואשען, אין מקוה זיך טובל געוועזן, אהיים געקומען, האט ער געהייסען דעם זוהן זיך אין בעט לעגען, וידוי זאגען. דערנאך אריינגערופען דער מאמען, זיך זעגענען מיט איהר קינד. דערנאך...

דערנאך האט מען דעמזעלביגען טאג — פרייטאג איז דאס געוועזן — דעם זוהן צו זיין אויביגער רוה געפיהרט, און דארט צוויי קברים אנגעצייכענט: איינעם האט מען פאר'ן זוהן געגראבען און דעם צווייטען, הארט נעבען דעם ערשטען, פאר'ן פאטער בעשטימט.

ר' הערשעלע איז אוועק פון זיין ליבען זוהנ'ס קבר רוהיג און געטרייסט. נאר אויף א קורצע צייט האט ער זיך מיט איהם, מיט'ן איינגסטען, מיט'ן ליבסטען זוהן געשיידט. באלד, באלד, די צייט איז ניט ווייט, ווען זיי וועלען צוזאמען זיין און זיך קיין מאל ניט שיידען...

הארט נעבען איינאנדער שטעהען ביידע שטיינער, דעם טאטענ'ס און דעם זוהנ'ס, ווי זיי וואלטען זיך טוליען איינע צו די אנדערע „הנאהבים והנעומים בחייהם ובמותם לא נפרדו". די וואס זענען אזוי טריי און ליעב צוזאמען אין לעבען געווען, זענען אויך דורכ'ן טויט ניט געשיידט...

א רב, וואס מ׳טאר זיין נאמען ניט דערמאהנען..

אין טשארטקאווער פנקס איז דא א ספעציעלע בלאט, וואו עס זענען פארשריבען די נעמען פון די רבנים, וואס זענען דארט געווען, ווען זיי זענען אנגעקומען און ווען זיי זענען נפטר געווארען.

אויפ׳ן זעלבען בלאט, מיט איניגע שורות ווייטער פון דעם פלאץ, וואו עס שטעהט פארשריבען ר׳ הערשעלעס פטירה איז דא אזא שורה:

„שנת תקכ״ז ותקכ״ח היה פה איזה איש אשר לא נתן להזכר שמו כאן.״

דאס הייסט: אין די יאהרען 1767 און 1768 איז דא גע־ווען „עפעס א מענש", וואס זיין נאמען איז ניט ערלויבט דא צו דערמאהנען.

עס איז דייטליך, אז דא האט עפעס פאסירט. אנשטאט דעם נאמען „רב" שטעהט „עפעס א מענש" און זיין נאמען איז פאר־באטען צו דערמאהנען.

איך האב זיך גענומען נאכפרעגען אין שטעדטעל. און עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז אין טשארטקאוו געהט אום אזא לעגענדע וועגען יענעם רב, וואס איז אויף אזא שטויגער פער־צייכענט אין פנקס.

אין פוילישען קאסצעל געפינט זיך, צווישען די איבריגע קריסטליכע קברים, א קבר, מיט א שענער מצבה דערויף, און אויף אט דער מצבה איז אן אויפשריפט מיט א יודישען נאמען.

דער נאמען בעלאנגט צו די געהויבענע אין שטעדטעל, צו א משפחת, פון וועלכער עס זענען אמאל ארויס רבנים און לומדים.

פון אט דער משפחה איז אמאל געווען א רב אין שטעד־טעל, א יאהר 14—13 נאך ר' חערשעלע'ס טויט. דער רב האט זיך גע'שמד'ט. נאר ער האט זיין גאנצען לעבען פערלעבט אין טשארטקאוו גופא. ער האט געמוזט זיין א גלח, אדער אן אנדער „כלי קודש" ביי דער קריסטליכער בעפעלקערונג. דאס איז קענטיג דערפון, וואס מ'האט איהם בעגראבען אין קאס־צעל, וואו מען בעגראבט גלחים.

אן אנדער נוסח זאגט, אז דער רב, וואס איז בעצייכענט מיט די ווערטער „עפעס א מענש" האט זיך ניט גע'שמד'ט, נאר איז געווארען אן „אפיקורס". צו דער עלטער האט ער מורא געהאט, אז „חברה קדישא" זאל איהם ניט אנטאן קיין בזיונות נאך זיין טויט, האט ער זיך גע'שמד'ט און געבעטען מ'זאל איהם בעגראבען אין קלויסטער, כדי יודען זאלען צו זיין קבר ניט קענען צוקומען.

ביידע סברות זענען ניט ווייט פונ'ם אמת. מ'דארף ווי־סען, אז אין יענער צייט האט די בעשעפטיגונג מיט קבלה אנ־גענומען, צווישען לומדים, אן עפידעמישען כאראקטער. ווען פון איין זייט האט דאס גריבלען זיך אין „שמות" געקענט צו־ברעכען די נשמה פון א 15 יעהריגען אינגעל, איהם זאל זיך דוכטען, אז מ'רופט איהם „אהין" אין דער ישיבה של מעלה... האט פון דער אנדערער זייט, געקענט אנדערע צובראכענע מוחות דיזעלבע קבלה פיהרען אין קלויסטער...

א רעוואלוציע פון טויטע און לעבעדיגע ווייבער נעגען קהל.

וואס טוט מען, אז עס שטארבט א שוואנגערע פרוי?
הייגט פאלמעסט מען זי און מען נעהמט ארויס דאס קינד. ביי אמאליגע יודען איז פאלמעסען געווען א גרויסער בזיון פאר דעם געשטארבענעם.

האט קהל געהאט אן אנדער מיטעל: מ'פלעגט שיקען צו דער געשטארבענער פון בית־דין א מנין יודען מיט א שופר אין האנד, אז זיי זאלען פאר איהר בלאזען און שטרענג איהר מתרה זיין, אז זי זאל האבען דאס קינד.

האט די טויטע געפאלגט?

איינע האט געפאלגט און צוויי נים.

אט, וואס וועגען דעם איז פארשריבען אין טשארטקאווער פנקס אויפ'ן בלאט נ"א (51):

זאלען דאס וויסען די קומענדיגע דורות. „נאך פסח" תקפ"א (1821) איז נפטר געווארען איין פרוי, א שוואנגערע, פרייטאג אין דער פריה, האבען מיר געשיקט אנזאגען איהר פון בית דין, מיט א מנין יודען, מיט א התראה און אן אזהרה, אז זי זאל האבען דאס קינד. און אין דעמזעלבען טאג האט זי געהאט דאס קינד.

נאך א מעשה נורא.

זונטאג, ערב שבועות, תקס"ה. (1805), אין דארף בילא־

פּאַטיק, וואָס איז נאָהענט פון אונז, איז געגאַנגען אַ ווייבעל טובל זיין זיך אין טייך און האָט געבעטען אַן אַנדער ווייבעל, אויך אַ מעוברת'ע זי זאָל געהן מיט איהר, שטעהן דערביי, ווען זי וועט זיך טובל זיין, און אַכטונג געבען צו די טבילה אין ווי דער דין הייסט... זענען זיי ביידע דערטרונקען געוואָרען אין טייך, און געשטאָרבען. האָט מען געפיהרט איין ווייבעל אין ראַדלאָוויץ מקבר צו זיין דאָרט, און די צווייטע האָט מען גע־בראַכט דעם ערשטען טאָג שבועות אַהער (אין משאַרטקאָוו), צו ברייינגען אַהער צו דער קבורה, פאַר האַלבען טאָג. נאָך האַל־בען טאָג האָבען מיר אויפגעקליבען אַן אסיפה פון צעהן מענ־שען און האָבען צו איהר געשיקט, אַנטאָגען איהר אין דעם נאָ־מען פון די צעהן, אַז זי זאָל האָבען דאָס קינד. האָט זי ניט געהאַט. האָבען מיר דעם אַנדער טאָג שבועות, דעם דריטען טאָג נאָך איהר פטירה, געשיקט צו איהר פון בית דין צעהן מענשען און כאָטש דער דין איז אין שולחן ערוך, אורח חיים, סימן תקצ"ח (פונקט 598), אַז מ'טאָר ניט טראָגען קיין שופר אום יום טוב, האָבען מיר פון דעסטוועגען מתיר געמאַכט די צוויי מענשען, אַז זיי מעגען טראָגען אַהין די שופרות, כדי צו וואַרפען אויף איהר אַ מורא. און דאָס איז נויטיג געווען. אויך האָט מען איהר שטרענג אָנגעזאָגט, אַז זי מוז געווינען דאָס קינד. פון דעסטוועגען האָט זי ניט געוואונען. איז ביי אונז געבליבען, אַז מ'זאָל איהר מקבר זיין אַזוי און ניט עפענען איהר בויך. אַזוי ווי עס שטעהט אין די „שאלות ותשובות“ פון דעם ספר „שמן רוקח“, סימן י'ג אויך אין קורצען „מעבור יבוק“ אינ'ם נאָמען פונ'ם גאון ישעיה בערלין, אב"ד דק"ק ברעסלאַ.

נאָר די ווייבער האָבען גענומען זעהר שרייען, מ'זאָל איהר אַזוי ניט בעגראָבען מיט איהר קינד, נאָר מתיר מאַכען זיי שי־קען נאָך אַ רופא, ער זאָל אויפשניידען דער מוטער'ס בויך. האָבען מיר ניט געוואָלט מתיר מאַכען זיי. האָבען די „באָבעס“ אַליין געשיקט נאָך אַ רופא. ווי דער רופא איז געקומען אַהין אין שטוב, וואו זי (די טויטע) איז געלעגען, און האָט אַוועק־געלעגט דעם מעסער אויפ'ן טיש, האָט זי באַלד, אויפ'ן שטעל געהאַט אַליין פון זיך אַ אינגעל.

און דערנאך איז ביי אונז געווען א קלער: וואס זאל מען טאן? ווארום דער מנהג איז צו בעגראבען דאס קינד לעבען איהר. און אין שולחן ערוך, אורח חיים, סימן תקכ"ו, סעיף יוד, שטעהט, אז ס'איז אסור מקבר צו זיין א אונצייטיג קינד אום יום טוב, אויך דארף מען איהם מל זיין, און אום יום טוב איז דאס אסור צו טאן, איז ביי אונז געבליבען, מקבר צו זיין די ווייבעל באלד, ווארום דאס איז דאך דער דריטער טאג נאך איהר פטירה. אבער ניט צו דעקען דעם קבר ביז נאכט. נאר צוויי מענשען זאלען בלייבען ביין קבר ביז נאכט, און ביי נאכט וועט מען מקבר זיין לעבען איהר דאס קינד נאך דעם, ווי ס'וועט זיין גע'מל'ט.

אזוי איז געטאן געווארען היינט מוצאי יום טוב שבועות און די אשה איז געווען די ווייב פון מרדכי ברבי איציק קא־לאמבושניק.

צום סוף פון דער דאזיגער „מעשה נורא" שטעהט אין פנקס אזא אנמערקונג:

דורכגעלאזען צו פערשרייבען, אז דעם ערשטען מאל, ווען מיר האבען צו איהר געשיקט מענשען, האבען מיר געהייסען אריינשושקען איהר אין אויער א פאר מאל דעם פסוק: וירדו כל עבדיך אלי אלה והשתחוו לי לאמר צא אתה וכל העם אשר ברגליך, ואחרי כן אצא. מיט די שמות. וואס געהען ארויס פון דעם דאזיגען פסוק, אזוי ווי עס שטעהט געשריבען אין ספר „זבח פסח" פון דעם זשאלקאווער מגיד. פארשריבען געווארען דורך יצחק רייזין צווייג קרייז־רב אין טשארטקאוו.

פון דער דאזיגער מעשה איז צו זעהן, אז דער געזונטער, נאטירליכער געפיהל פונ'ם פאלק איז אפילו דעמאלט, מיט 90 יאהר צוריק, געווען שטארקער פאר'ן טרוקענעם דין. די ווייבער האבען, ווי עס שיינט, געמאכט א רעוואלוציע געגען קהל און בית דין. געגען זייער ווילען און געגען דין האבען די באבעס אליין אראבגעבראכט א רופא און באשלאסען ארויס־צונעמען ביי דער פרוי דאס קינד, מורא האבענדיג טאמער בע־

גראבען זיי א לעבעדיגען נפש. עס בלייבט נאר א פראגע: צי האט דא קהל ניט אבגעטאן א שפיצעל מיט די ווייבער און די גאנצע מעשה אז די טויטע האט זיך דערשראקען פאר'ן מעסער און געהאט דאס קינד „אליין“ נימו אויסגעטראכט, כדאי איינצושטילען די „רעוואלוציע“ און עס זאל זיעגען דער דין ?...

יודישע הלואות ביי פריצים.

איצט האלטען יודישע וואכערניקעס געלד ביי פריצים. אמאל איז אין גאליציען געווען פארקעהרט: יודען האבען געלד אויף האנדעל און צאהלען שטייער וועניג געהאט. פלעגען זיי לייהען ביי פריצים, אויף צעהן פראצענט יעהרליך. אחוץ פראצענט האט מען נאך געדארפט געבען דעם פריץ א מתנה. אזוי איז געווען דער מנהג.

א פאר אזוינע הלואות זענען פערשריבען „אין טשארטקאווער פנקס. אויף דעם בלאט, קצ׳ז (197) צווייטע זייט.

„פון זייער יום טוב שימאנא־יודא, ת״קך (1760), — אזוי שטעהט פארשריבען אין פנקס — איז די קהילה שולדיג דער פריצטע ווישניאווסקא סך פיער טויזענד גילדען אויף צעהן פראצענט, מיט דעם אויפ׳ן, אז ווען מען שיקט איהר אב דעם פראצענט 400 גילדען אין הויף אריין, שיקט מען אויך צוויי פוד פרישע חלב און אויך א הוט צוקער.

אין זעלבען פנקס, אונטער דער דאטע תק׳יב (1752) איז פארשריבען א צווייטע הלואה אויך פון א פריצטע, פאני אמאטשינסקא פונ׳ם דארף אלושטשינסקי אויף 2300 רובל אויף אויף צעהן פראצענט מיט א צוגאב פון א יעהרליכער מתנה: 8 פונט פעפער, 2 פונט ראזינקעס, א לויט נעגעלאך, א לויט זאפרען, א לויט צימרינג, א פונט טאבאק און א פוד חלב.

דאס יודישע ארבייטער־לעבען און גאליציען מיט 200־150 יאהר צוריק.

(לויט אן אלטען טשארטקאווער פנקס).

בשעת איך בין געווען אין גאליציען, ערב דער מלחמה, איז מיר געראטען צו בעקומען אן אלטען פנקס עקסטרא פון „בעלי מלאכות". דאס איז פילייכט דער איינציגער ארבייטער־פנקס אין דער וועלט. ער האט זיך דערהאלטען זעהר גוט. עס איז מיר שווער אנגעקומען, אבער איך האב דאך געהאט די מעגליכ־קייט איהם דורכצוקוקען און פארצייכענען א גאנצע רייהע אינ־טערעסאנטע זאכען, וואס שילדערען די פריידען און ליידען פון יודישען ארבייטער־לעבען אין גאליציען מיט קנאפע צוויי הונ־דערט יאהר צוריק.

דער „פנקס" ווייזט, אז אין טשארטקאוו, און וואהרשיינ־ליך אויך אין אנדערע שטעדט פון גאליציען, זענען די בעלי מלאכות געווען ארגאניזירט שוין מיט א פאר הונדערט יאהר צוריק. די ארגאניזאציע, ווי אויך די קאנסטיטוציע זייערע האַ־בען אבער געטראגען מעהר א רעליגיעזען כאראקטער. זעהר א וויכטיגען טייל, האט, פונקט ווי אין די באלעבאטישע חברות, פארנומען די „סעודה", וואס יעדער מיטגליעד האט גע־מוזט מאכען פאר חברה־לייט, אריינגעהענדיג אין חברה, אדער אלס שטראף, ווען ער האט זיך געגען איהר פארזינדיגט. „סעודה" ווערט דערמאהנט 20 מאל אויף יעדען בלאט, ביי יע־דער געלעגענהייט.

מ'דארף אבער ניט קלערען, אז אונזערע עלטער־זיידעס זענען חלילה געווען אזעלכע זויל־וסובא'ניקעס. דאס זענען, גאר פשוט, געווען, צום גרעסטען טייל, פארהונגערטע נפשות, און א בעסערען ביסען האט מען זיך געקענט ערלויבען נאר פון יום טוב צו יום טוב, אדער אויף א חברה'שע שמחה. אין עיקר אבער האט די „חברה" געהאט דעם צוועק צו בעפריעדיגען העכערע גייסטיגע און סאציאלע בעדערפעניסען, וואס האבען זיך, נאטירליך, דעמאלט געקענט אויסדריקען נאר אין „עליות", „גבאות", לערנען א פרשה חומש, זאגען צוזאמען תהלים, לערנען משניות א. ד. ג. און ידי סעודה גופא אפילו האט בעפריעדיגט די בעדערפנים אין א געזעלשאפטליכער פערווייליונג.

גאר ניט זעלטען אבער האט ידי „חברה" אויך געהאט צו ענטפערן אויף עקאנאמישע פראגען, פיהרען א קלאסענקאמפף געגען די אויבערהערשאפט פון די באלעבאטים און גבירים און אפט אויך, צוזאמען מיט זיי, מיט די אויבערשטע קלאסען, העלפען שלעפען, מיט געמיינזאמע קרעפטען, דעם שווערען יודישען וועגעל.

מיר עפענען דעם „פנקס" און געפינען שוין אויף דעם ערשטען בלאט פארצייכענט א וויכטיגע געשעהענים. דער בלאט האט א טיטעל, געשריבען מיט „כתיבעטע", געצאצקעטע אותיות, אויף לשון קודש:

„למען ידעו דור אחרון ויספר לבניהם". (זאל דאס וויסען דער קומענדיגער דור און זאל דערצעהלען זיינע קינדער).

„באשר ס'איז געווען אן אלטער מנהג", — דערצעהלט דער פנקס, — „אז ווען א יודישער בעל מלאכה, א שניידער, צי א קירזשנער, האט זיך געוואלט בעזעצען אין דער קהילה, האט ער ניט געטארט טאן קיין שום מלאכה, וואו ער איז ניט דורכגעקומען מיט'ן גוי'עשען צעך. ד. ה. ער האט פריהער פון אלץ געמוזט געבען וויפיעל זיי האבען פערלאנגט (וואס געבען? איז ניט קלאר: די ווערטער זענען שווער איבערצולעזען) און דערצו א ליטער יי"ש (שנאפס) פון בעסטען סארט און א פעסעל ביר און מער, וויפיעל זיי האבען געהייסען, אויך וואקס כמח פונט אין זייער קלויסטער. דערצו פלעגען זיי נויטען א יודען

שמעהן פאר זיי אהן א היטעל, כיז א יודען איז פשוט דער לעבען נמאס געווארען.

און דעריבער — שרייבט דער פנקס — האבען אונזערע אלופים הראשים, די פארשטעהער פון אונזער חברה „פועלי צדק" „אנגעגורט זייערע לענדען" און מיט דער הילף פון דעם אויבערשטען און דער הילף פון די „אלופים, עלטסטע, פיהרער, הארען און קצינים פון אונזער קהילה, האבען זיי „אויסגעגעבען עטליכע הונדערט גילדען" און האבען „פארשפרייט אונזערע הענד מיט זיי פאר'ן שר ירום הודו" און האבען בטל געמאכט זייער (ד. ה. דעם גוי'עשען צעך'ס) בייזען מנהג, און האבען אויסגעפיהרט, אז דער יודישער בעל מלאכה זאל צאהלען דעם צעך ניט מעהר, ווי זעקס גילדען פאראוים און צוויי גילדען אלע יאהר.

א סך אינטערעסאנטער נאך איז די צווייטע בעשרייבונג אונטער דעם טיטעל: „ד' הפיר עצת גויים" — (גאט האט פארשטערט די עצה פון די גויים).

„באשר נאך די אלע תחבולות — זאגט דער „פנקס" — וואס מיר האבען אנגענומען צום נוצען פון אונזער חברה, האבען די ערלים פון צעך דאך געעפענט די מיילער און געזוכט מיט אלע מיטלען צו דריקען א יודען אזוי ווי פריהער. פלעגען, א שטייגער, דערהיטען די צייט ווען דער ארימער יודישער בעל מלאכה איז שטארק געענגט און מאטערט זיך קלערענדיג: וואו צו נעהמען א שטיקעל ברויט פאר זיך און זיין געזינד, בעזונדערס — פאר א שבת, א יום טוב. גראד אין אט דער צייט פלעגען זיך די ערלים אויפריידען און אריינרייסען זיך זאלבעפינפט, אדער זאלבעזעקסט צום יודען אין שטוב, נעהמען אויף איהם שרייען, גוואלדעווען, אז דער ארימאן פלעגט א פארציטערטער ווערען פון זייערע געשרייען און זיי פלעגען אוועקכאפען און צורויבען אלץ, וואס זיי האבען געפונען, באזונדערס — די געציייג, כדי ער זאל זיך ניט קענען מפרנס זיין. דערצו האבען מיר געזעהן, אז זיי קלייבען זיך פאהרען און אויסטארען זיך מבטל צו מאכען אונזער „כתב-חירות" (פריווילעגיע, פרייהייטס-פאפיר)... האט זיך אונזער חברה דערוועקט, ניט גערוהט און ניט געראסט...

אודעקגעוואָרפען אַלע זייערע געשעפטען און מלאכה אויף אַ האַלב יאָהר צייט און האָבען זיך געשטעלט פאַר דער שורה ירום הודו, טאָג און נאַכט ניט גערוהט, געלאָזט זיך קאָסטען אַ סך געלד פון זייער אייגענער קעשענע... ביז 200 גולדען; האָבען זיך מיט זיי גע'משפט און איינגעשטעלט זייער לעבען אין געפאַהר... און דער אויבערשטער איז געווען צוהילף — זיי די גויים, האָבען ניט געקענט אויספיהרען זייער פּלאַן. און ניט בלויז זיי האָבען ניט געקענט בטל מאַכען אונזער „פרייהייט (ליסטע)" נאָר פאַרקעהרט: די פאַרשטעהער פון אונזער חברה האָבען אויסגעווירקט אַבצושאַפען אפילו דעם פריהערדיגען אַבצאָהל, וואָס מ'פלעגט דאַרפען זיי געבען אַלע פערטעל יאָהר א גילדען און זיי (די ערלים) פלעגען מאַכען מיט א כיוון פינף, אַדער זעקס פערטעל אין יאָהר און פלעגען אויסצאַפען מעהר, וויפיעל עס קומט. איצט דאַרף צאַהלען ניט יעדער אייגצעלנער בעל מלאכה, נאָר די גאַנצע חברה אונזערע ניט מעהר, ווי דריי... (דער וואָרט ווייטער איז אונפאַרשטענדליך) א יאָהר. און נאָך זאַכען האָבען אונזערע פאַרשטעהער אויסגעפיהרט. דאָס אַלץ איז פאַרשריבען אויף א פּאַפּיר מיט הער אונטערשריפט פון „קי"רה" (קייזער) אַליין.

...איצט, אונזערע ליעבע חברה־לייט, — פיהרט אויס דער פּנקס מיט גרויס בעגייסטערונג, — שטעלט זיך און קוקט אָן אָט דעם גרויסען וואונדער — אָט די פּאַפּיר, וואָס איז פאַרשריבען פוןביידע זייטען, און זעהט דעם גרויסען נס, וואָס „השם יתברך" האָט מיט אונז געטאָן; ווי די האַנד פון די גויים איז אויף אונז געהויבען געווען און איצט האָט זיי דער אויבערשטער געגידערט אונטער אונזערע פיס... אַז ער, דער קייזער, האָט זיי ניט ערלויבט צו האָבען אפילו א סטאַראַסטאַ פאַר זייער אייגענעם צעך אָהן אונזער צושטימונג און זיי מוזען אונז אָבגעבען רעכנונג ניט בלויז פון די געלד, וואָס זיי נעהמען ביי אונז, נאָר אפילו פון די סומען, וואָס זיי קלייבען אויף פון זיך אַליין. (פאַרשריבען: ערב ראש חודש תמוז, תקמ"א, ד. ה. 1781).

די „תקנות" פון בעלי־מלאכה'שען פּנקס האָבען, ווי גע־

זאגט, כמעט אלע א רעליגיעזען כאראקטער. „ראשית חכמה" — זאגט דער פנקס — יראת ד', — „דער אנהויב פון חכמה איז גאטס־פארכטיגקייט". מיט די דאזיגע ווערטער הויבט זיך טאקע אן דער בעל מלאכה'שער פנקס. די ערשטע איינפיהרונג איז צו דיענען גאט ביראה ובגילה, וברעדה" (מיט פארכטיגקייט, מיט פרייד און מיט ציטערנים). נאר ארייגקוקענדיג טיעפער אין די רעליגיעזע איינפיהרונגען זעהען מיר, אז זיי האבען כמעט אלע א סאציאלען און עקאנאמישען אונטערשלאג. אפילו די ריין־רעלי־גיעזע תקנות האבען א שטרעבונג צו פארגלייכען זיך מיט די באלעבאטים, הויבן דעם גייסטיגען צושטאנד פון די בעלי מלאכות.

איין פונקט, א שטויגער, פארבאט יעדען בעל מלאכה צו טאן אן ארבייט איידער ער האט אבגעדאווענט אין שול, אדער אין א מנין. אין ווערקשטאט טאר מען נים אנהויבען צו אר־בייטען ביז דער עולם געהט פון שול. דאסגלייכען מוז מען אוועקלעגען די ארבייט מנחה־צייט; „ווי נאר עס הערט זיך דער קלאפ פונ'ם שמש' האמער אויף די טירען, — זאגט דער פנקס — „זענען מיר מחויב לאזען די ארבייט און אוועקגעהן אין שול".

א צווייטער פונקט פארבאט צו ארבייטען ראש־חודש ביז האלבען טאג. א דריטער פארבאט, אונטער א שטראף פון זי־בען גילדען אויפ'ן שול, צו ארבייטען חול המועד דעם גאנצען טאג, ערב שבת און ערב יום טוב נאך האלבען טאג. א גאנצע רייהע פונקטען האבען דעם צוועק צו פארטיידיגען די אינטער־רעסען פון דעם... בעל הבית קעגען דעם ארבייטער; און פון דעם היגען בעל מלאכה קעגען דעם פרעמדען, אריינגעפאהרענעם.

„א בחור, אן ארבייטער, טאר ביז דער חתונה נים ארביי־טען פאר זיך." — פארזאגט ווייטער א תקנה פון פנקס. יונגע ארבייטער דארפען צאהלען אין קאסע פון חברה 2 גראשען פון יעדען גילדען, וואס זיי פארדינען; דער וואס פארדינט זיך אויף א יאהר צאהלט מעהר נים ווי א גראשען פון גילדען, אויב זיי ארבייטען פון שטיק. יעדער ארבייטער וואס געהט אוועק פון בעל הבית אין מיטען יאהר, צוליעב א וועלבע עס איז „מרידה",

א בונט הייסט עס, איז א „חתיכא דאסורה“, ס׳הייסט א „שטיק אסור“ פאר יעדען מייסטער צו נעהמען אזא ארבייטער. און וועד עס וועט ניט פאלגען וועט באשטראפט ווערען, לויט ווי חברה וועט באשליסען. אין יעדען פאל מוז ער (דער וואס „בונטעוועט“ זיך) אומגעהן לעדיג פיר וואכען. אז א היגער בעל הבית נעהמט צוריק אין שטוב אויף ארבייט א ניט היגען בעל מלאכה, דארף דער פרעמדער בעל מלאכה צאהלען דער חברה צוויי גראשען פון יעדען גולדען וואס ער פערדינט. אז ניט — טאר ער דא פאר קיין פאל ניט ארבייטען. פון די שבת׳דיגע עליות טאר מען „שלישי“, „ששי“, „אחרון“ און „מפטיר“ (ד. ה. די פעטערע עליות) ניט אבגעבען א פרעמדען, וואס בעלאנגט ניט צו חברה „פועלי צדק“.

„אז ס׳קומט א שניידער פון אן אנדער שטאדט“ — שטעהט אין דער 36טע תקנה פון פנקס, — און זאגט: „דא וויל איך בלייבען, ווארום מיר געפעלט דא און ער געפינט חן אין די אויגען פון רב און אין די אויגען פון די פיהרער פון דער קהילה, טאר דער דאזיגער שניידער ניט ארוים מיט זיין נאדעל צו טאן זיין מלאכה, ביז ער וועט באצאהלען אין דער קאסע פון אונזער חברה פינף (דער ווארט ניט לעזבאר), ניט ווענינער א פרוטה און איז מחויב צו זיין א שמש ביי חברה דריי יאהר נאכאנאנד און האט ניט קיין רעכט אונטערצושרייבען זיך אויף די החלטות (בעשלוסען) פון חברה ביז ער וועט ניט מאכען קיין סעודה פאר דער גאנצער חברה.

זעהר אינטערעסאנט און כאראקטעריסטיש איז די 37טע תקנה פון פנקס: אז ס׳וועט קומען פון אן אנדער שטאדט א שניידער און וועלען נעהמען זיך א ווייב פון אונזערע שטאדט־לייט, אויב ער האט אז ערלויבניס פון אונזער הארדעם קיסר ירום הודו, אז ער מעג חתונה האבען, איז דער דין אזוי: איז די כלה א טאכטער פון אונזערע חברה־לייט דארף ער מעהר ניט געבען, ווי 12 גילדען פאר חברה און זיין א שמש אין שול. אויב די כלה איז אבער ניט פון אונזערע בעלי מלאכות, מוז ער צאהלען 24 גילדען.

אין פאל פון א קריג צווישען בעלי מלאכות דארפען די ביידע צדדים קומען מיט זייערע טענות צו די גבאים פון חברת נאר אין גרעסערע זאכען דארפען זיי זיך ווענדען צום רב.

פון די געבראכטע תקנות איז קענטיג, אז אויף חתונה האַ־בען האט א יוד אין יענע „גוטע צייטען" געדארפט האבען עקס־טרא ערלויבנים פון קייזער. א חוץ דעם האט נאך א פרעמדער בעל מלאכה געהאט אויף זיך א ספעציעל יודישען שטייער פון 12 ביז 24 גילדען, און אז א נייע אנגעקומענער בעל מלאכה פון אן אנדער שטאדט האט געמוזט, א חוץ פארשיעדענע אבצאה־לען און בעגרענצונגען אין זיין רעכט קעגען היגע בעלי מלאכות, געהאט אויף זיך, אזוי צו זאגען, נאך א מין לייב־שטייער: ער האט געמוזט זיין פון א יאהר ביז דריי אומזיסט א שמש אין חברה'שער שול.

איבריגענס איז די חברה בעלי מלאכות געווען ניט אין גאנצען זעלבסטשטענדיג. אין דער פערוואלטונג, וואס איז בע־שטאנען פון פינף פערזאן, האבען געמוזט אריין צוויי בעלי בתים...

די בעלי מלאכות האבען בכלל געמוזט זיין אונטערטעניג צו די באלעבאטים. קיין אייגענע שול האבען זיי ניט געקענט האבען. קהל האט זיי פארדונגען די ווינקעל־שולכעל אין פאליש פון דער גרויסער שול, אמת פאר ניט גאר קיין טייערע גע־צאהלט: סך הכל — פאר צוויי גילדען (פוילישע גילדען; דאס איז א 15 סענט). אבער מיט דעם בעדינג, „די בעלי מלאכות זאלען „ניט האבען קיין גרויסע מיילער" קעגען די פיהרער פון דער קהילה און קעגען דעם רב. און טאמער עפענען זיי א מויל איז דער אבמאך בטל און מבוטל. זיי דארפען זיך טראגען וויי־טער און ניט האבען קיין שום טענות.

ווייטער געהט א גאנצע רייהע העכסט אינטערעסאנטע פארצייכנונגען, וועלכע איך גיב דא איבער אין קורצען.

א געוויסער בעל מלאכה — שטעהט פארשריבען אויפ'ן בלאט קכ"ג — האט זיך גראב אויסגעדריקט קעגען די גבאים פון חברה. דערפאר האט מען איהם באשטראפט, ער זאל זיין א שמש זעקס יאהר אנשטאט דריי יאהר, און אין צייט פון דריי

יאָהר טאָר ער ניט האַלטען קיין ארבייטער, און אַפילו, אז ער וועט וועלען איבערבעטען חברה, קען איינער פון חברה דאָס ניט דערלאָזען.

א שניידער טאָר ניט האַלטען מעהר פון 3 ארבייטער און א לערניונג, — שטעהט אויף אן אַנדער בלאַט. אן ארבייטער טאָר ניט געהען נעהמען ארבייט ביי אַ בעל הבית. נאָר דער מייסטער אליין מוז געהן. אויך טאָר קיין שום שניידער ניט דינגען קיין ארבייטער פון טאָג, פון וואָך, אָדער פון חודש. סיי־דען אויף אַ פערטעל יאָהר. אויך טאָר ער ניט דינ־גען קיין ארבייטער פון שטיק. אויך טאָר קיין שניי־דער ניט אויסדינגען זיין חבר'ס ארבייט, ווען אפילו יענער האָט נאָר אַנגעצייכענט מיט קרייד, אָדער האָט נאָר געסטעמפּעוועט די צייג. אויך טאָר קיין שום שניידער ניט געהען בכלל צו א בעל הבית בעטען ארבייט. סיידען דער בעל הבית האָט מיט איהם פריהער גערעדט. דער בעל מלאכה, וואָס איז ניט געניט אין די דינים פון „שעטנז“, דאַרף ער פרעגען אַנדערע בעלי מלאכות.

דעם ערשטען יאהר נאָך דער חתונה טאָר אַ שניידער, אָדער אַ קירזשנער ניט האַלטען ניט קיין ארבייטער, ניט קיין לערניונג, דעם 2טען יאָהר מעג ער האַלטען אַ לערניונגעל; דעם 3טען יאָהר אַן ארבייטער.

מ'טאָר ניט האַלטען קיין שום ארבייטער אָהן אַ געשריבע־נעם אַבמאַך ביין רב. א לערנ־יונגעל און אַן ארבייטער מוז גע־בען פון יעדען גילדען איין גראָשען אויף חברה. אז אַן ארבייטער וויל אַוועק פון אַ מייסטער איז ער מחויב צו ארבייטען איב־ריגע פיער וואָכען.

דער שמש מוז פאָלגען דעם גבאי אויך אין שטוב (ביין גבאי). איז דער גבאי ניטאָ אין דער היים, דאַרף דער שמש פאָל־גען זיין פאַרטרעטער.

אז אַ שניידער פאָהרט אַוועק אין אַן אַנדער שטאָדט, אויף אַ צייט, ניט מעהר ווי דריי יאָהר, מעג ער דערנאָך קומען צוריק און זיין א חברה־מאַן ווי פריהער. קומט ער אָבער שפּעטער, מוז ער דורכקומען מיט חברה אויף דאָס ניי ווי אַ פרעמדער.

אז א בעל מלאכה וויל ניט זיין אין חברה, מוז ער דאָך

בעצאהלען אלע יאהר א גילדען. קיין בעל מלאכה טאר ניט געהן אפריהער צו די „ערלים": טאר ניט זעצען זיך ארבייטען ביז ער קומט ניט דורך מיט חברה. קיין שום בחור טאר פאר דער חתונה ניט ארבייטען פאר זיך. אז א שניידער וויל ווערן א קירזשנער, אדער פארקעהרט, מוז ער פריהער דורכקומען מיט חברה.

ווען צוויי בעלי־מלאכות האבען צווישען זיך א שטרייט דארפען זיי זיך פריהער ווענדען צום גבאי און נאמן. אויב איי־נער פארלאנגט, מוז דער גבאי־חודש צונויפרופען א פערזאמ־לונג פון גאנץ חברה. מיט זייער געשריבענעם פסק געהט דער מאהנער וואס געווינט, צום רב און פרנס־חודש פון שטאדט, און ווי זיי הייסען, אזוי דארף זיין.

ניט קוקענדיג דערויף, וואס די גבאים פון דער חברה האבען ניט געהאט קיין פאליציי און זשאנדארמען, איז דאך געווען זייער מאכט גרויס אויף די חברה־לייט. בע־שטראפען פלעגט מען מיט: ניט אופרופען צו דער תורה, פארבאטען האלטען אן ארבייטער, פארלענגערן די צייט פון זיין א שמש, און — די שווערסטע שטראף איז געווען — אויס־שליסען פון חברה. דאס האט געהייסען אלץ איינס, ווי פער־משפט'ן צום הונגער־טויט. ווארום דער יעניגער בעל־מלאכה, וואס די חברה האט איהם ניט בעשיצט מיט איהר פליגעל האט שוין קיין ארבייט ניט געקענט בעקומען. דער בעשטראפטער האט אבער געקענט איבערבעטען חברה, און ווען ער האט נאך דערצו געמאכט א סעודה, אדער א האלבע סעודה (די אנדער העלפט האט געגעבען צו שטייער חברה אליין), איז איהם אלץ מוחל געווארען.

אט אזוי האבען זיך געפיהרט אונזערע עלטער־זיידעס — אידישע בעל־מלאכות אין גאליציען מיט א 150־200 יאהר צוריק.

„הלל הזקן" פון גאליציען.

אויסער רבי יצחק בער לעווינזאָן, דעם פּאַטער פון דער השכלה, האָט יענע מערקווירדיגע עפּאָכע פון דער יודישער גייסטיגער ערוואכונג אין אָנהויב און אין מיטען פונ'ם פאַריגען יאהרהונדערט, ניט געהאַט קיין שענערע, קיין העכערע, קיין רייכערע פּערזענליכקייט, ווי עס איז געווען דער טשאַרטקאָווער רב רבי ישעיה מאיר שאַפּירא. דאָס איז געווען ניט בלויז דער „הלל" פון גאַליציען, דאָס איז פּילייכט געווען דער צווייטער „הלל", וואָס דאָס יודענטהום פערמאָגט פאַר דער גאַנצער צייט פון אונזער געשיכטע. דער קומענדיגער יודישער היסטאָריקער, וואָס וועט זיין מעהר ווי אַ דאָקטאָר פילאָזאָף, וואָס וועט האָבען אַן אַנדער מאָס צו מעסטען די גרויס פון אַ פאָלקסהעלד, וועט אָט די פאַרגעסענע העלדען אונזערע געבען דעם פּלאַץ, וואָס זיי פערדינען, און ניט איין דור וועט זיך בעגייסטערן פון זייער שטילער לעבענסגעשיכטע פול מיט ליעבע און זעלבסט־אויפּאָפּפערונג פאַר דאָס גליק פונ'ם פאָלק.

ר' ישעיה מאיר שאַפּירא האָט ניט געהאַט אַזא ברייטען ווירקונגס־קרייז, ווי ר' יצחק בער לעווינזאָן, ווי אַ הערצל. דאָס איז געווען אַ שטילע נאַטור, וואָס האָט זיך בענוגענט מיט אַ קלענערען קרייז, מיט דעם קרייז בלויז פון זיין שטעדטעל. נאָר אין אָט דעם קרייז האָט ער ארויסגעוויזען אַזא טיעפקייט און רייכקייט פון נאַטור, האָט געלאָזען אַזעלכע טיעפע שפּורען אין די נשמות, אין די הערצער פון מענשען, פון גאַנצע דורות מענ־

שען, האט ענטוויקעלט אזא פיעלזייטיגע ערציהונגס־טעטיגקייט, אזא מעכטיגען איינפלוס אויף די פערשיידענסטע מענשען, אז איהר בלייבט שטעהן פערוואונדערט, ווי נאר איהר ווערט אבי־סעל בעקאנט מיט זיין לעבען און ווירקען.

ר' ישעיה מאיר שאפירא איז געקומען אין טשארטקאוו מיט א 70 יאהר צוריק, געקומען פון מעמעל, אין פרייסען, ביי דער רוסישער גרענעץ. ער איז געקומען מיט 2 יאהר פריהער, איידער ר' דוד משה'עניו, דער אלטער טשארטקאווער רבי האט זיך דארט בעזעצט. ער האט געהאט הסכמה פונ'ם לעמבערגער רב, ר' יוסף שאול נאטאנזאן. טשארטקאווער רבנות איז געווען איינע פון די גרעסטע אין גאליציען. ר' ישעיה מאיר שאפירא האט שטארק אויסגענומען און איז בעשטימט געווארען פאר קרייז־ראבינער.

נאר אין א קורצע צייט ארום האבען טשארטקאווער יודען גענומען קוקען קרום אויף זייער רב. עפעס האט ער זיך געהאל־טען ווייט פון די נגידים און לומדים. אנשטאט דעם האט ער מקרב געווען יונגע לייט, האט זיך געעוסק'ט עפעס מיט דעם המון. אז א בעל מלאכה איז אריין צו איהם, פלעגט ער איהם אונטערטראגען א שטוהל און בעטען זיך זעצען — אזא זאך, וואס קיין רב האט עס נאך ניט געטאן.

אין גיכען האבען טשארטקאווער אידען זיך דערוואוסט נאך גרעסערע „חטאים“ אויף זייער רב. ערשטענס איז ער „גאר ניט קיין כשר'ער רבי. ד. ה. ש“ס און „פוסקים“ און נאך אלע רבנישע זאכען האט ער, אמת, געקענט ניט ערגער פאר'ן גרעס־טען רב, נאר, א חוץ די ישיבות, האט ער געלערנט אין די אוני־ווערזיטעטען, אין בערלין און אין ברעסלאו; איז געווען א חבר מיט אזעלכע אפיקורסים, ווי דער היסטאריקער גרעץ, דער וויע־נער ראבינער דר. יעלינעק, און פראנקעל*). אמת, קיין „דאק־טאר“ איז ער ניט געווען אזוי ווי זיי, די אפיקורסים, די חברים

*) דר. לודוויג אויגוסט פראנקעל, בעריהמטער עסטרייכישער יודישער דיכטער און גרעסטער קעמפפער פאר דער עמאנסיפאציע פון די עסטרייכער יודען.

זיינע. מ'האָט איהם געוואָלט געבען דעם טיטעל, האָט ער ניט געוואָלט נעהמען. פונקט ווי ער האָט ניט געוואָלט נעהמען דעם טיטעל „רב", אזוי לאַנג, ווי ער האָט געהאַט פון וואַנען צו לעבען אהן רבנות. ווארום פונקט ווי ער האָט פריהער געלערנט תורה „לשמה", ד. ה. פון דער תורה וועגען, אזוי האָט ער שפּעטער געשטודירט אין די אוניווערזיטעטען „לשמה" פון דער חכמה וועגען.

די רבנות גופא האָט ער גאָר פאַרשטאַנען אויף אַ מאָדערנעם אופן. ניט זיצען טאָג און נאַכט נאָר איבער דער גמרא: ניט פּלפּולען זיך איבער אַ פּינטעל פון אן אות מיט די לומדים און שענע באַלעבאַטים, נאָר זיין אַ לעהרער פאַר'ן פאָלק, פאַר'ן אָרימען, פּשוט'ען פאָלק

אַט אזוי צ. ב. האָט ער אַלע שבת געלערנט מיט בעלי מלאכות — זומער — פּרק, אין ווינטער די סדרה און „רמבם": האָט געעפענט אַ נייעם סאָרט חדר, אַ ליכטיגען און אַ ריינעם, מיט בענק, ווי אין אַ שולע, וואו מ'האָט געלערנט די אָרימע קינדער, איבערהויפּט פון די בעלי מלאכות, אַ יודישע, אַ אַלגעמיינע למודים. האָט ארגאַניזירט די האַנדווערקער אין אַ פעראיין „יד חרוצים" מיט אַ פאָלקאָם מאָדערנער, אייראָפּעאישער, פון דער רעגירונג בעשטעטיגטער קאָנסטיטוציע, לויט זעהר אַ ברייטער פּראָגראַם פון זעלבסטהילף און זעלבסטבילדונג. דאָס איז געווען די ערשטע יודישע ארבייטער־אָרגאַניזאַציע אין דער וועלט, געבויט אויף קולטורעלע יסודות, אין גייסט פון דער נייער צייט. ער האָט געגרינדעט אַ קאָאָפּעראַטיווען באַנק פאַר בעלי מלאכות — די ערשטע יודישע קרעדיט־געזעלשאַפט פון פאָלק און פאַר'ן פאָלק. ער האָט אין דער צייט פון וואַהלען אין רייכסטאָג און לאַנדטאָג אַגיטירט פאַר אַ פערבינדונג ניט מיט די פּוילישע פּריצים, נאָר מיט'ן פאָלק, מיט די רוטענישע פּויערן. ער האָט יודישע יונגע לייט, וואָס האָבען זיך גענומען צו השכלה, ניט בלויז ניט פעריאָגט, נאָר שטאַרק צוגעצויגען צו זיך, געגעבען זיי ביכלאַך פון די נייע, פון די „אַפּיקורסישע", אפילו גוי'אישע ביכער זיי געליהען און געלערנט, און עצות געגעבען זיי און קשיות זיי פאַרענטפערט סאַי אין גמרא, אין

א תוספות, סאי אין „רמבם", סאי אין א פראגע פון „קדמות העולם", פון „בחירה און השגחה", סאי אין א שווערער שטעלע אין „שילער" און „געטע". ער האט געשריבען אין די יודישע צייטונגען, אפילו אין „השחר" צו די עלטערע יאהרען, האט אויסגעשריבען די צייטונגען און געגעבען זיי לעזען יודישע יונגע לייט. ביז איהם האט טשארטקאוו ניט געוואוסט וואס איז דאס א צייטונג.

איז דען יעדער איינער פון די דאזיגע „חטאים" ניט גענוג צו פסלען אזא רבי צו פראקלאמירען איהם פאר אן אפיקורס, אריינלעגען איהם אין חרם?..

היינט בפרט אט די אלע מורא'דיגע „עבירות" צוזאמען!

האט טאקע זעהר וועניג צייט געדויערט די רוהיגקייט פון דעם רב שאפירא.

א דין איז געווען אין טשארטקאוו, דער סאנצער דיין האט ער געהייסען. האט ער אויפגערופען אן עולם אין שול, געעפענט דעם ארון קודש, אריינגעווארפען זיך מיט גוואל־דען: „ראטעוועט, יודען! די תורה, די אמונה איז אין סכנה!"...

און טשארטקאווער יודען האבען זיך געווארפען „רא־טעווען".

מ'האט דעם רב שאפירא פון רבנות אראבגעווארפען און דעם סאנצער דין אויף זיין פלאץ געזעצט. מ'האט אין טליתים, קיטלען מיט שופר־בלאזען און שווארצע ליכט איהם אין חרם אריינגעלעגט, גע'אסר'ט שדוכים טאן, א מגע ומשא האבען מיט שאפירא'ן און זיינע אנהענגער; מ'האט איהם מיט מסירות פארפאלגט, בעשולדיגט איהם אין וואס איהר ווילט: אז ער מאכט פאלשע געלד; אז ער איז א פריי־מויערער, אז ער האט געמאכט א חברה קאמוניסטען. מ'האט געמאכט איהם און די זיינינע פאגראמען; ווייבער האבען אויף איהם שטיינער געשליי־דערט; האבען איהם מיט בלאטע פארווארפען און געשריען ווי מ'שרייט אויף א משומד: „קוגעל!" „קוגעל!" בעצאהל פאר'ן „קוגעל!"

און אז דאדזע באדנער, איינער פון זיינע טרייע אנהענגער, — א איד אויף איין אויג, אבער — א גבור, האט זיך אמאל

געוואלט א לאז טאן צו א גאסעניונג, וואס האט דעם רב מיט בלאטע פארוואָרפען, האט איהם שאפירא אבגעהאלטען : „נעהם זיך ניט אן מיין קריוודע; גאט וועט משפט׳ן".

דוהיג האט דער רב פארטראגען אלע פערפאלגונגען, אלע צרות, וואס זיינע פיינד האבען איהם אנגעטאן. ער האט קיין איין שלעכט ווארט געגען זיי ניט אויסגערעדט, קיין איין בייזען בליק אויף זיינע זידלער און בעליידיגער ניט געווארפען. נאר פעסט און זיכער איז ער געגאנגען זיין וועג ; מוטיג און זיכער אין זיין אמת האט ער געטאן זיין גרויסע אויפקלערענדע ארבייט פאר׳ן פאלק.

ארים האט ער געלעבט. איהם האט ניט געקימערט, וואס ער האט פארלארען די רבנות. ס׳איז געווען טעג, וואכען, וואס ביי איהם אין שטוב איז קיין געקעכטס ניט געווען, וואס ער, ווייב און קינד זענען זשעדנע געווען א שטיקעל ברויט. און קיינער האט ניט געוואוסט, און ער האט זיך פאר קיינעם ניט געקלאגט. א מענש א געלעהרטער, סאי אין יודישע, סאי אין אלגעמיינע וויסענשאפטען: א מאן וואס האט גלענצענד געענדיגט 2 אוניווערזעטעטען: וואס האט נאר געדארפט איין פיפס טאן, וואלטען איהם זיינע חברים און פריינד אין וויען, אין בערלין געקראגען די פיינסטע שטעלע פון ראבינער, אדער אן אנדער בכבוד׳יגען אמט, וואס וואלט איהם געבען פיינע חיונה, — האט ער ניט געוואלט פארלאזען די קליינע פינסטערע שטעדטעל, וואו ער האט זיך געפיהלט נויטיג, וואו ער האט געהאט אזוי פיעל פיינד און פערפאלגער, אבער אויך ניט ווייניג תלמידים, אנהענגער, פריינד, וואס זענען יעדע מינוט גרייט געווען פאר איהם זייער לעבען אבצוגעבען.

זיין שטוב איז געווען אפען ביי טאג און ביי נאכט פאר אלעמען, ווער עס האט נאר געוואלט אריין צו איהם, ווער עס האט זיך גענויטיגט אין זיין טרייסטענדיג און בעלעהרענדיג ווארט. אמאל, — דערצעהלען מיר טשארטקאווער יודען — איז ער געזעסען ביי זיך אין חדר, און געגעסען וועטשערע. ס׳איז געווען שפעט : עלף א זייגער אין אבענד. ביי איהם איז געזעסען א יונגער מאן, עקסטרא געקומען צו איהם פון קאלאמעא פרעגען

א קשיא — עפּעס אַ האַרבע שטעלע אין גטעס „פאוסט". זו־פענדיג זיינע שיטערע קרופּניק האָט ער דערווייל דעם יונגען מאַן ברייט פאַרנאַנדער געריידט דעם גאַנצען ענין, וואָס האָט איהם געאַרט.

אין מיטען עפענט זיך האַלב די טיר און איינער שטעלט אריין דעם קאָפּ, און שטעהט אונענטשלאָסען אויף יענער זייט טיר. דאָס איז געווען אַ טשאַרטקאָווער באַלעבאָס, ניט פון זיינע תּלמידים, נאָר אויך ניט קיין געגנער. ער איז שוין לאַנג ביי איהם ניט געווען, פון עטליכע יאָהר.

שאַפּירא איז אביסעל פערוואונדערט און אונרוהיג געוואָרען. וואָס קען דאָס זיין, וואָס אַט דער מענש איז צו איהם אזוי שפּעט געקומען?

ער בעט איהם אריין און פרעגט איהם, מעהר מיט די אויגען, ווי מיט'ן מויל, די סבה פון זיין שפּעטיגען וויזיט.

יענער איז ביסלעכווייז אריין ווייטער אין שטוב, ווי פערבליפט, ווי עפּעס זוכענדיג אַ וואָרט און ניט וויסענדיג, ווי אַנצוהייבען. האָט עפּעס געשטאַמעלט. נאָר סוף כּל סוף איז קלאָר געוואָרען, וואָס האָט איהם געטריבען אזוי שפּעט צום רבי'ן.

ער האָט געלערנט דעם „חובת הלבבות"; האָט זיך פערטיפט אין דעם ענין פון „קדמות העולם", „אייביגקייט פון דער וועלט", און פון „ענין יצירה" — בעשאַפונג פון דער וועלט, האָט זיך פאַרפּלאָנטערט און ניט געוואוסט, ווי אזוי ארויסצופּלאָנטערן זיך. איז ער געקומען צום רבי'ן.

דער רבי האָט אבגערוקט דעם טעלער מיט די קרופּניק, האָט אבגעווישט מיט זיין טיכעל די וואָנצעס און די באָרד און האָט איהם גענומען „מסביר" זיין, ס'הייסט געבען צו פערשטעהן — די „יצירה" (שאַפונג) אין דעם זין פון דער ענטוויקלונגס־טעאָריע, ווי די וויסענשאַפט פון אונזער צייט מאָלט און ערקלערט זי, אבער אזוי פאַרזיכטיג מיט פּשוטע ווערטער פונ'ם אלטעגליכען לעבען און מיט'ן לשון פון די אַלטע ספרים, אז די וויסענשאַפט האָט אין טשאַרטקאָווער בעל־הבית געקראָגען אַ נייעם פריינד און דער אויטאָריטעט פון „חובת הלבבות" איז אויך ניט געשעדיגט געוואָרען.

אבגעפטרט אַט דעם יודען, האָט דער רב פערענדיגט די „שאלות ותשובות" פון דעם צווייטען אין הלכות „פאוסט", אויך אויפ'ן זעלביגען שטייגער. און צום סוף זיינען ביידע יודען אזוי בעגייסטערט געוואָרען, אז זיי האָבען זיך געוואָרפען מיט טרערען פון דאנקבארקייט צו דער ערד קושען די פיס פון דעם רבי'ן.

שאפּיראָ האָט אן אונגעהייערע ווירקונג געהאט אויף זיינע אַנהענגער און תלמידים. אין רעכטען ברען פונ'ם קאמפף, איז שוין אין טשאָרטקאָוו לאַנג געווען דער רבי, ר' דוד משה'ניו, דעם ריזשינער'ס זוהן. ער האָט געהאט א מאכט אויף צעהנדליגע טויזענדער חסידים אין דער גאנצער וועלט. טשאָרטקאָוו גופא האָט זיך געבויגען פאר זיין טראָן, און בלויז א ווינק זיינעם איז אלץ אונטערטעניג געווען.

און דאָך האָט די הייפעל „שאפּירניקעס", וואָס איז בע־שטאַנען מיט קליינע אויסנאַמען, נאָר פון „בעלי מלאכות", ארויסגעוויזען א לייבען־מוט אין קאמפף פאר דער השכלה און פאר זייער רבין. זיי האָבען אַנגעפיהרט דעם קאמפף יאָה־רענלאַנג און האָבען געזיגט. טשאָרטקאָוו איז צוטיילט געוואָרען אין צוויי מחנות: „חסידים" און „שאפּירניקעס". די „שאפּירני־קעס" האָבען אויסגעקעמפפט זייער פּאָזיציע, זייער געוויסענ־פרייהייט און עקסיסטענץ־רעכט. זיי זענען געוואָרען א גלייכע מאכט מיט די חסידים. קיין חסיד, אפילו דער רבי אליין, האָט ניט געוואגט אַנצוריהרען א שאפּירניק. זיי, די שאפּירניקעס, האָבען געהאט זייער אייגענע קלויז, אייגענע שולען, זייער איי־גענעם שוחט. האָבען זיך געלעבט אין דער חסידישער שטעדטעל גאַנץ פריי, אויף זייער משכילישען שטייגער. די חסידים האָבען געמוזט ענדליך שאפּיראָ'ן אליין לאָזען צו רוה. עס זענען געווען פאלען, ווען זיינע ביטערסטע פערפאָלגער, פול מיט חרטה, געבויגט פון זיין אונענדליכער מילדקייט און מאָראלישער גרויס־קייט, זענען געקומען צו איהם, געפאלען צו זיינע פיס און גע־בעטען, ער זאָל זיי מוחל זיין.

זיינע אַנהענגער און תלמידים האָבען איהם געוואָלט און געקענט אויסהאַלטען, אלס זייער רב, בכבוד, נאָר שאפּיראָ

האט ניט געוואלט זיין קיין רב, ניט געוואלט לעבען, ווי א כלי קודש. ער האט געהאט זיינע קארגע לעבענסמיטעל פון דער שטעלע, וואס ער האט פארנומען אין דער קרעדיט־געזעלשאפט, וואס ער האט געגרינדעט פאר די בעלי מלאכות.

די ארימקייט און פערפאלגונגען האבען אבער אונטערגע־גראבען זיינע קרעפטען, און שאפירא איז געשטארבען, נאך ניט קיין אלטער מאן, אין דעם עלטער פון 58 יאהר. (אין יאהר 1887). ער האט געלאזען א זוהן, וועלכער לעבט אין דווינסק, א בעריהמטער מיליטערישער דאקטאר, איינער פון די ווינציגע מיליטערישע דאקטוירים אין רוסלאנד. דעם דאקטאר'ס טאכ־טער, שרה שאפירא, א העברעאישע דיכטערין איז בעריהמט געווארען אין דער ציוניסטישער וועלט מיט איהר ליעד „אל טל ואל מטר", נאך דער „התקוה", די צווייטע ציוניסטישע „מארסעליעזע", וואס ווערט געזונגען פון אלע ציוניסטען, פון קליין ביז גרויס.

ביי זיין שטארבען האט שאפירא ארויסגעוויזען דעם זעל־בען איידעלמוט און זעעלישע גרויסקייט, ווי פאר זיין לעבען. ער האט אריינגערופען זיינע נאהענטע מענשען, האט זיי געבעטען, עס זאל זיין צווישען זיי שלום, זיי זאלען זיך האלטען רוהיג אין בעטרעף צו די געגנער; זאלען זיך ניט קימערן, אויב די שונאים וועלען נאך זיין טויט, זיך וועלען נוקם זיין אן איהם. זיי זאלען זיך ניט שטעלען אנטקעגען. אויב מ'וועט איהם געבען אן ארט אפילו אונטער'ן פארקאן. „גאט וועט משפט'ן", — דאס איז געווען שטענדיג זייןווארט ביים לע־בען, און דאס זענען געווען זיינע לעצטע ווערטער ביים שטאר־בען. נאר האלטענדיג זיך רוהיג, — האט ער זיי פונדעסטוועגען געהייסען, — זאלען זיי ניט אבטרעטען פונ'ם וועג, וואס ער האט זיי געלערנט. **זאלען ניט געהן דארט וואו מ'שעלט, און דארט וואו מ'בענשט פאר געלד.**

און די „שאפירניקעס" זענען געבליבען טריי דער צוואה פון זייער רבי'ן. א סך פון זיי לעבען נאך איצט אין טשארט־קאוו. א סך פון זיי זענען אין אמעריקא. מיט פיעל פון זיי האב

איך געדערט אין טשאַרטקאָוו. דאָס איז אַ מערקווירדיגער טיפּ בעלי מלאכות. איהר בעגעגענט זעהר ווינציג אַזעלכע אין אַנדערע שטעדט. אַ מאָדנע עדעלקייט און אינטעליגענץ ליגט אויף זייערע פּנים'ער, אין זייער בענעהמונג, און זייער ריידען. זיי זענען אויפריכטיג רעליגיעז און דאָך זעהר ענטוויקעלט גייסטיג. אין זיי האָט זיך ערהאַלטען דאָס שענסטע, דאָס ערהאַבענסטע פון דער השכלה־עפּאָכע. זיי זענען צו מעהרסט ציוניסטען. לעבען צווישען זיך ברידערליך. די אָרגאַניזאַציע און אינסטיטוציעס, וואָס שאַפּירא האָט ביי זיי בעשאַפען, האָט זיך פאָלקאָם ערהאַלטען ביז איצט. אַזאַ סאָלידאַריטעט, אַזאַ גרייטקייט צו העלפען, צו שטיצען איינער דעם אַנדערן אין אַ נויט, האָב איך נית געפונען אין קיין יודישער חברה.

ביי יעדען שאַפּירניק אין הויז העַנגט אונטער אַ גלאָז דאָס בילד פון זייער רבי'ן, לעהרער און וועג־ווייזער. זיי בעציהען זיך צו זיין אַנדענקען מיט דעם טיעפסטען רעספּעקט און ריהרענדסטער ליעבע. ביי יעדער געלעגענהייט, ווען „שאַפּירניקעס" קלייבען זיך צוזאַמען, דערצעהלט מען אָהן אַ סוף, מעשיות און לעגענדען פון איהם, פון זיין לעבען און ווירקען, פון יענע קאַמפּפען און פערפאָלגונגען. יעדער שפּרוך זיינער איז ביי זיי אַ תורה, אַזוי הייליג, ווי די תורה פון סיני, און דיזעלביגע ליעבע צום אַנדענקען פון דעם רבי'ן פלאַנצען זיי איין אין זייערע קינדער און קינדס־קינדער.

צווישען די „שאַפּירניקעס" זענען אויך געוועזען אינטעליגענטען. אי די אַרבייטער, אי די אינטעליגענטען האָבען אַרויסגעגעבען פון זיך אַ גאַנצע רייהע קעמפּפער, העלדען, אידעאַליסטען, בכלל, זעהר אָריגינעלע און מערקווירדיגע טיפּען. ניט ווענינגער אָריגינעל און מערקווירדיג, ווי שאַפּירא אַליין. בעזונדער אינטערעסאַנט איז די פּערזענליכקייט פון יעקב ביקל, מאיר פידלער, דר. שטאַקעל, דער בלעכער מאיר העלערבאַך און דער אויבען דערמאָהנטער דאַדיע באָדנער. מיט זיי וועט דער לעזער בעקאַנט ווערען ווייטער.

יאקאב ביקל.

די אויפקלערענדע ארבייט פון שאפירא און די „שאפיר־ניקעס" איז געווען פאלקאם ארגאניזירט און צוטיילט אין בע־זונדערע דעפארטעמענטען. אין יעדען דעפארטמענט האט שא־פירא געהאט א ספעציאליסט — א טוער, וואס איז געווען פונקט אזוי איבערגעגעבען דער אידעע פון „השכלה", ווי דער רבי אליין. דער שאפירניק יאקאב ביקל איז געווען א מין „מיניסטער פון אויפקלערונג". ער איז געווען דירעקטאר אי־בער דעם רעפארמירטען חדר און פיהרער פון די אווענד־קור־סען פאר בעלי מלאכות. דער לעזער דארף ניט פערגעסען, אז דאס איז געווען אונגעפעהר מיט א האלבען יאהרהונדערט צו־ריק און אין דער מלוכה פונ'ם טשארטקאווער רבין.

געארבייט האט ביקל טאג און נאכט, מיט'ן גוף און מיט דער נשמה, ניט נעהמענדיג פאר זיין ארבייט קיין קרייצער געלד. און געווען איז ער אן ארימאן, ווי טיטום איז געווען א רשע, און האט געהאט א געזינד פון 10 קינדער. (4 האט ער גע־האט פון דער ערשטער ווייב; 2 האט איהם געבראכט די צוויי־טע פון איהר ערשטען מאן, און 4 האט ער געהאט מיט איהר, מיט דער צווייטער הייסט עס, בשותפות.)

און כאטש יאקאב ביקל האט ניט בעזוכט קיין אוניווערזי־טעטען, דאך איז ער געווען ניט וועניגער געלעהרט פון שאפי־רא'ן אליין, און איז געווען א טיעפער, זעהר אריגינעלער דענ־קער. געשטאמט האט ער פון טיסמעניץ, א שטעדטעל אין מזרח־

גאליציען, וואס איז, נאך גאר פון אמאל, געווען בעריהמט פאר א נעסט פון השכלה. חתונה געהאט האט ער צו 13 יאהר. גע־ווען איז ער א פארברענטער מתנגד און געגאנגען אין א שטריי־מעל. זיין שווער איז געווען א חסידישער מענש, נאר א מאדנער איד. פלעגט קיין מאל ניט געהן דאוונען אין קלויז, נאר — דאוונען ביי זיך אין דער היים, ביחידות. און ווייל אלע האבען געוואוסט, אז ער איז זעהר א פרומער, איז ארויס אין שטעדטעל א קלאנג, אז ער איז א „מקובל“ און זיצט א גאנצען טאג אין טלית. יענקעל ביקל האט זיך ניט געפוילט און איז דורכגעגאנ־גען גאנץ שטעדטעל, ניט פערפעהלט אבסאלוט קיין איין שטוב, און געפרעגט יעדען טשארטקאווער יודען, קליין און גרויס: „האסט געזעהן איהם (זיין שווער הייסט דאס) זיצענדיג אין א טלית? יעדער האט געענטפערט: ניין, ער האט געהערט פון יענעם.

דערמיט האט ביקל אנגעהויבען זיין ערשטען קאמפף געגען אבערגלויבען. און פונקט ווי איצט, אזוי האט ער איהם שטענדיג געפיהרט: ניט דורך היציגע דרשות, נאר דורך לאגישע בעווייזען, דורך פאקטישע איבערצייגונג.

פון דעסטוועגען איז ביקל אויך געווען א גלענצענדער רעד־נער און דוקא אין פראסט יודיש, כאטש ער האט געקענט א סך שפראכען. זיינע ליבלינגס־וויסענשאפטען זענען געווען אסט־ראנאמיע, אלגעברא און פיזיק. נאר בעזונדער שטארק איז ער געווען אין יוריספרודענץ (געזעץ־לעהרע). ער איז געווען קלאר, ווי אין דער אלטער יודישער (ביבלישער און תלמודישער) גע־זעצגעבונג, אזוי אויך אין רוימישער, מיטעלאלטערליכער און מאדערנער אייראפעאישער געזעצגעבונג. נאר זיין אידעאל איז געווען די געזעצגעבונג פון דעם יודישען סנהדרין. אין חדר פון די „שאפירניקעס“, וואס איז געווען אונטער זיין אויפזיכט, האט ער איינגעפיהרט א מין קינדער־רעפובליק אין דעם גייסט פון דעם אלטען יודישען שטאאט, און א קינדער־געריכט נאכ'ן מוס־טער פון דעם יודישען סנהדרין.

געזעץ־לעהרע איז געווען זיין פאך, זיין פרנסה. ער פלעגט פיהרען די פערוויקעלטסטע פראצעסען און האט זעלטען פער־

שפילט. נאך זיין עצה פלעגן זיך ווענדן ניט בלויז יודען, נאר אויך קריסטען — פויערן און פריצים. אזוי ווי ער פלעגט זיך אבער קיין מאל ניט דינגען, האט ער געהאט א סך ארבייט און קארג חיונה.

דעם רבי׳ס הויף אליין פלעגט זיך מוזען ניט זעלטען צו איהם ווענדען נאך אן עצה און דערמיט האט ער שטארקער געמאכט די פאזיציע פון די שאפירניקעס. ביים רבי׳ן האט מען איהם געמוזט שטעלען א שטוהל און בעטען זיצען. ער איז געווען א נויטיגער מענש און מ׳האט פאר איהם מורא געהאט.

ביקל האט פלייסיג געשטודירט דעם עוואנגעליום, גע־לערנט איהם מיט זיין טאכטער, געמאכט אויף איהם פירושים און — געווען דער פערביסענסטער געגנער פונ׳ם עוואנגעליום מיט׳ן קריסטענטום. ער האט אנגעשריבען א ווערק געגען יע־זוס׳ן. האט געפיהרט אמאל א דיספוט מיט א מיסיאנער און יענער האט געמאכט פליטה, איידער דער דיספוט איז געווען צו ענד.

האט זיך ביקל פארטראכט אין אן ענין, אין א רעיון, וואס האט איהם שטארק גענומען, האט ער זיך דעמאלט אבגעשיידט פון דער וועלט, פארשלאסען זיך אין זיין קאמער און געקענט אבזיצען אכט טעג און אכט נעכט, נ׳ט געגעסען, ניט געטרונ־קען, ביז דער רעיון איז ביי איהם ניט רעכט געווארען. ער איז אויך געווען א פארברענטער שאכמאטיסט און האט געקענט אבזיצען איבער׳ן שאכברעטעל דריי מעת לעת נאכאנאנד.

האט ער געקראגען א נייעם בוך, איז ער שוין ניט ארויס פון שטוב, ניט געזעצט זיך, ניט געשטאנען, נאר ארייגעלעגט זיך אין בעט, און האלטענדיג אין איין האנד דעם בוך, אין דער צווייטער א ציגאר, און פון אויבען, אויפ׳ן דאלאן פון דער זעלבער האנד, אנגעשאטען א בערגעל שמעק־טאבאק, האט ער איינגעגראבען די אויגען אין בוך און געריכערט און געשמעקט, געשמעקט און געריכערט און אויפגעשטאנען פון בעט נאר דאן, ווען דער בוך איז געווען געענדיגט. אזוי האט ער אויך, ליגענדיג אין בעט, געלערנט אלטע און נייע שפראכען.

ביקל איז געווען א גרויסער תלמודיסט. נאר דער גרעסטער

ליבלינג זיינער פון די יודישע ספרים איז געווען דער „רמבם“. דאוונען פלעגט ער אלע טאג און ליעב געהאט צו דאוונען מיט נגינה. גאנץ ימים נוראים פלעגט ער דאוונען אין קיטעל. שמונה־עשרה איז ער געשטאנען צונויפגעלעגט די הענד אויף דער ברוסט, זיין ליבלינג־תפילה איז געווען „שיר היחוד“, דאך איז ער געווען פרום נים שטענדיג, נאר מאמענטענווייז. שבת צו נאכט האט ער ליב געהאט אוועקצוזעצן זיך מיט מענדעל פידלער און, פיפקענדיג און שמעקענדיג טאבאק אין דער זעל־בער צייט, ארייננעשמועסט מיט׳ן חבר ביז׳ן טאג אריין, מעשיות פון אלע גוטע יודען, וואס זענען ווען עס איז געווען אויף דער וועלט, געבענדיג די מעשיות, נאטירליך, זיין בייסענ־דיגע סאטירישע בעלייכטונג.

ביקל איז געווען א גרויסער פריינד פון דער נאטור. האט ליב געהאט אליין זיך צו פערטראכטען אויף גאטס וועלט, אויף גאטס גרויסע ברואים און קליינע ברואים׳לאך, און געבען אויך אנדערע צו פערשטעהן די וואונדער פון דער נאטור. אט געהט, א שטויגער, פון פעלד א בהמה. ביקל רופט ארויס פון שטוב די ווייב, די קינדער, נעהמט ארומקוקען דער בהמה׳ס הערנער, אויגען, שטערן, האלז און אנדערע אברים. טאפט ארום און האלט פאר זיי א בעשייגפערליכע נאטור־וויסענשאפטליכע לעק־ציע. חסידישע ווייבער געהען פארביי און שפייען אויס: זעהט נאר יעקל דעם משוגענעם! האט זיך שוין פארקוקט...

ביקל איז, ווי געזאגט, געווען דער אויבער־אויפזעהער אויפ׳ן חדר פון די שאפירניקעס. פונדעסטוועגען זענען געווען זאכען, וואס ער האט אליין ליעב געהאט צו לערנען מיט די קינדער. איינער פון זיינע ליבלינגס־למודים איז געווען געאגרא־פיע. דערביי האט ער געהאט זיין אייגענעם מעטאד, ווי אזוי צו ערקלערען די איינגלאך, זעהר פשוט, מיט היימישע מיטלען זאכען, אויף וואס די קינדער אין די שולען ברעכען זיך אפט די מוחות.

אט איז א שטויגער א לעקציע אין געאגראפיע: ווי אזוי די ערד דרעהט זיך, מענשען געהען אויף דער ערד אויבען און אונטען און פאלען נים אראב.

חדושים! ווי קען דאס געמאלט זיין?... פרעגען די קינדער.

ביקל גיט זיך א קעהר צו א אינגעל, כאפט ביי איהם מיט צוויי פינגער ארויס פון די האר א „חיה'לע“, זעצט זי אוועק אויפ'ן גלאבוס. ער דרעהט דעם גלאבוס און בשעת מעשה שפאצירט די חיה'לע אויפ'ן גלאבוס, ווי ניט איהר מיינט מען...

דארף מען האבען א מעהר בעשיינפערליכען ביישפיל?...

די קינדער האבען ביקלען זעהר ליב געהאט. ער פלעגט, אויף אזא שטייגער, אפט מיט זיי פערברייינגען, ניט בלויז וועגען קליינע, נאר אויך וועגען גרויסע חיות און בהמות, וועלכע ער פלעגט ברייינגען צו די קינדער, אדער די קינדער צו זיי. פון דעסטוועגען איז ער געווען שטרענג. שלאגען, שרייען — דאס פלעגט מען אין דעם חדר פון די שאפירניקעס קיין מאל ניט. נאר, צייטענווייז, ווען די קינדער האבען זיך צוגעפוילט אייננהארכען זיך אין א ענין, וואס ער האט זיי דערקלערט, אדער האבען היינטער זיינע פלייצעס אונטערגעשטיפט, פלעגט ער פלוצלונג ארויפשפרינגען אויפ'ן טיש און א קאמאנדעווע טאן צו חברה: שרייט, קינדער, גלייך נאך מיר:

— מיר זענען אלע גרויסע גויים!...

אז ניט נאר דעליקאטע „קאפולער אנצוהערענעס“ האט דעם קליינעם עולם מעהר אמוזירט, ווי בעליידיגט. אלע האבען נאכגעשריען מיט חשק דריי מאל. אבער נאך דעם איז שוין גענאנגען ווי געשמירט...

ביקל איז געווען א סאציאליסט, נאר, אנשטאט די מארקסיסטישע טעאריעס, האט ער זיינע אידעען וועגען סאציאלער גערעכטיגקייט געשעפט פון דער תורה און דער גמרא. די הויפט אויפמערקזאמקייט אין חדר האט ער אנגעווענדט אויף ערציהען אין די קינדער דעם געפיהל און בעגריף פון רעכט און יושר אין סאציאלען לעבען. געלעבט האט ער נאר אין דעם קרייז פון ארבייטער, פון פשוטע מענשען. מיט דער ערשטער פרוי האט ער געלעבט גוט. זי איז געווען א פשוטע יודישע ווייבעל. די צווייטע ווייב, וואס ער האט גענומען נאך דער ערשטער'ס טויט, איז געווען פריהער א דאקטאר'ס א ווייב, האט געהאט געלד, אן אייגען הויז און ליעב געהאט צו לעבען ברייט און פרעהליך, איז

מיט איהר געוואָרען זיין לעבען אַ טראַגעדיע. ניט קוקענדיג אויף זיין ברייטער געלעהרזאַמקייט, האָט ער אַזוי, ווי שאַפּירא אַליין, ליעב געהאַט צו לעבען פּשוט און אָרים. נאָכ'ן אַלטען יור־דישען שניט. פון 6 יאָהר אָן האָט ער אויפגעהערט צו עסען פליייש, האָט זיין גאַנצען לעבען קיין אַנדער שפּייז ניט גע־ברויכט, ווי נאָר גריִנס. אַז איהם האָבען אָנגעהויבען צו קלאַ־פּען אין טיר די זיבעציג יאָהר, האָט ער זיך אָנגעגרייט תכריכים און אַ פּלאַץ פאַר זיין אייביגער רוה.

נאָר יענקל ביקל לעבט נאָך איצט אַ זקן פון עטליכע און אַכציג יאָהר, לעבט אין דרעזדען (זאַקסען). ער אַרבייט נאָך אויף אַ שטעלע אַלס בוכהאַלטער אין אַ פּריוואַטען געשעפט. נאָך יעצט האַלט ער אין שטודירען דאָס דייטשע רעכט. זיין פאַ־מיליען־דראַמע האָט איהם פאַרטריבען פון זיין ליבער גאַליצי־שער שטעדטעלע, וואו ער האָט אַזוי פיעל געקעמפט און געלי־טען, ווייט פון זיינע ליבע תלמידים און חברים, וואָס זענען, צום גליק, אַזוי ווי ער, נאָך, כמעט, אַלע ביים לעבען; וואָס בענקען נאָך זייער טייערן לעהרער און חבר און ער נאָך זיי, און זיי קענען זיך ניט זעהן. ער טאָר אין עסטרייך ניט קומען. מ'האָט איהם געוואָלט, — דערצעהלען מיר די טשאָרטקאָווער „שאַפּירניקעס" און זייערע קינדער, — געבען אין דרעזדען אַ לייכטע שטעלע אין דרעזדענער יודישער געמיינדע מיט אַ גע־האַלט פון עטליכע טויזענד מאַרק. נאָר ער האָט זיך אָבגעזאָגט דערפון, ערקלערענדיג, אַז ער וויל ניט פאַרקויפען זיין זעלבסט־שטענדיגקייט פאַר געלד. ער וויל בעסער זיין אַ „נהנה מיגיע כפו", לעבען פון אייגענער פּראַצע און ניט זיין קיין „כלי קודש".

מענדעל פידלער.

מענדיל פידלער איז געווען, אויב מ׳קען זיך אזוי אויסדריקען, דער „מיניסטער פון קונסט“ אין דער מלוכה פון די „שאַפירניקעס“. כאָטש אין דער ווירקליכקייט איז ער געווען אין זייער חדר דער לעהרער פון דקדוק און „תנ״ך“. ניט גאָר צוגעפאסט צו איהם איז אויך געווען דער נאָמען „פידלער“. וואָרום מענדיל איז געווען א קינסטלער אויף אלע אינסטרומענטען. ד. ה. שפּילען האָט ער אייגענטליך ניט געקענט אפילו אויף איין אינסטרומענט. ווען ער האָט זיך גענומען צו דער מוזיק, זענען שוין די פינגער זיינע געווען צו גראָב און די באָרד צו ברייט געוואקסען פאר דער פידעל. דערפאר איז ער געווען א גרויסער טעאָרעטיקער. זיין שענקעל (דערפון האָט ער די חיונה געצויגען) איז געווען א מוזיקאַלישע אקאַדעמיע פאר הונדערטער יונגע לייט. פון דאָרט זענען זיי אין וויען, אין מינכען אוועק און שפּעטער בעריהמטע ארטיסטען און חזנים געוואָרען.

אין טשאָרטקאָוו אליין, וואָס האָט פריהער ניט געוואוסט, וואָס איז אזוינס נאָטען, און א פידעל האָבען זיי געזעהן, נאָר ווען א חתונה איז געווען אין שטעדטעל. טשאָרקטאָוו איז דורך איהם א מוזיקאַליש שטעדטעל געוואָרען. עס איז כמעט ניטאָ איצט קיין איין הויז, אין טשאָרטקאָוו, וואו מ׳זאָל ניט שפּילען און זינגען. אין גאַנץ גאליציען איז ניטאָ אזא מבינ׳טע אויף חזנים, אויף נגינה, ווי טשאָרטקאָוו.

און דאָס האָט אלץ געמאכט מענדעל פידלער.

זעהר אינטערעסאנט איז, ווי אזוי מענדעל פידלער אליין איז א פידלער געווארען. ווי געזאגט, איז דאס שוין געווען דער־מאלט, ווען ער איז געווען א טאטע פון קינדער. אמת, קיין שענ־קעל האט ער נאך ניט געהאט. ער איז נאך געזעסען אויף קעסט ביי זיין שווער, א פראסטער, נאר א רייכער בעל הבית. צו מסחר האט ער ניט געטויגט. איז ער געזעסען טאג און נאכט און האט געלערנט גמרא. נאר אזוי ווי זיין חבר יענקל ביקל, האט ער אויך שטארק ליב געהאט דעם „רמבם". בעהאלטענערהייט האט ער אויך געלייענט השכלה־ביכער, געלערנט לאטיין און דייטש. א שטים האט ער אויך געהאט, אמת, ניט קיין שלעכטע. דער־פאר האט ער טאקע אויסגענומען ביי דעם שווער, א בחור זעננדיג, וואס ער האט מיט אזא זיסען נגון געזונגען „אמר אביי". אמאל פלעגט ער זיך פארטיפען אין א „שטויגער" ביין דאווענען. אז מ'קען די שטים ברויכען צו עפעס אנדערס, איז איהם קיין מאל ניט איינגעפאלען, ביז ער איז אמאל פארבייגע־גאנגען דעם פריץ'ס שלאס.

דארט איז ער א צוגעשמידטער געווארען. עפעס האבען זיך געגאסען פון די פאקאיעס קולות, טענער, מאדנע, משונה'דיגע, כשופ'דיגע.

צי האט מען דארט געזונגען, צי געשפילט? צי ביידע זא־כען אין איינעם? צי א נקבה, צי א זכר? צי ביידע אין קאמפא־ניע? צי איינער, צי צווי, צי א סך?... דאס האט ער, בשעת מעשה, ניט געקענט אבגעבען זיך קיין רעכנונג. ווארים ער איז געווען צוגעשמידט צום ארט, פאר'כשופ'ט. און ערשט א צייט נאך דעם, ווי דארט, אין די פאקאיעס איז אלץ שוין לאנג שטיל געווען, האט ער זיך ארומגעזעהן, אז ס'איז שוין טיעף נאכט און ביי איהם אין דער נשמה שפילט נאך אלץ, און ער קען פון ארט ניט אוועקגעהן.

פון דעמאלט אן איז ער אלע טאג געגאנגען צום פריץ'ס שלאס, בסודי סודות. פריהער פלעגט ער שטעהן פון וויטען, ווי דעם ערשטען מאל, אויף יענער זייט טויער. ביסלעכווייז האט עס איהם געצויגען אלץ נעהענטער, נעהענטער, אין הויף אריין, צו די סאמע פאקאיעס. דערנאך האט זיך ביי מענדלען א פידעל

געיאַוועט. אמת, ניט ביי איהם אין שטוב, נאָר ביין פּריץ אין זי בעהאַלטען געוועז, און קיינער אויף דער וועלט האָט ניט גע־וואוסט פון דער פידעל, אַ חוץ דעם קאַפּעלמייסטער אין פּריץ'ס הויף, וועלכער האָט איהם בעהאַלטענערהייט שפּילען געלערנט.

נור אַ יודישער יונגער מאַן, בפרט, אַ לערנער, אַן עלוי, זאָל געהן אַלע טאָג צום פּריץ אין די פּאַקאָיעס, דאָס וואָלט פאַר שטעדטעל געוועזן אַ גרויסע רעטענים, און ניט איין פּאָר אויגען וואָלטען איהם נאָכגעקוקט און ארויסגעגעבען זיין סוד. האָט זיך מענדעל געקליגט און פלעגט נעהמען יעדעס מאָל מיט זיך אַ קריגעל. באשר אין הויף איז דאָ אַ קרעניצע, געהט ער, הייסט דאָס, נאָך קרעניצע־וואַסער.

„אָבער הימעל און ערד האָבען געשוואָרען, אַז קיין פאַרבאָר־גענע זאַך זאָל ניט זיין". מאַכט זיך אַמאָל, אַז אַ יוד, אַ קצב קומט אין הויף אריין קויפען אַ קעלבעל. זעהט ער, ווי מענדעל געהט ארוים פון די פּאַקאָיעס.

פון דעמאָלט אָן האָט מענדעל מעהר ניט געקענט געהן אין הויף „נאָך קרעניצע־וואַסער". זיין פידעל איז אנטשוויגען גע־וואָרען. שטום האָט זי געמוזט ליעגען אויפ'ן בוידעם, פערוויי־קעלט אין שמאַטעס, פערלעגט מיט העלצער, אַלטע פלעשלאַך און שערבלאַך און וואַרטען אויף בעסערע צייטען.

נאָר זי האָט זיך ניט דערוואַרט. איהר באַלעבאָס איז שוין „נתגלה" געוואָרען פאַר אַן אפּיקורס. שטעדטעל האָט שוין אויף איהם געזוכט „חטאים", און דער שווער האָט איהם פון אויג ניט געלאָזען. אין איין שענעם פריהמאָרגען האָט ער, דער שווער, אויפ'ן בוידעם די פידעל געפונען און האָט איהר אויף פּיץ־פּיצלאַך צעשמעטערט...

לאַנג איז מענדעל אומגעגאַנגען, ווי אַ פאַרוואונדערטער, מיט אַ גיפטיגער פייל אין האַרצען. ערשט דאַן, ווען זיין שווער איז געשטאָרבען, און ער האָט געמוזט אַראָב פון קעסט און אַ שענקעל מאַכען, און דורכ'ן שענקעל זיין זעלבסטשטענדיגקייט בעקומען, האָט ער געוואַגט אַ צווייטע פידעל זיך צו פאַרשאַ־פען, און אָפען, פאַר דער גאַנצער וועלט, אויף איהר מיט'ן סמיק צו פיהרען. שטעדטעל האָט אַ צייט געררודערט. דערנאָך — איהם

צו רוה געלאזען. אבער אויף אייביג האט זי איהם מיט'ן פאר־
אכטליכען נאמען „מענדעל דער פידלער" געשטעמפעלט.

מענדעל האט הערגרייכט זיינס. ער האט זיך ווייניג געקי־
מערט וואס שטעדטעל זאגט. פון דעם פערהאכטונגס־טיטעל האט
ער געמאכט א הייליגען בערוף, זיין גלאנץ און רוהם, די אויפ־
גאבע פון זיין לעבען. אמת, די פינגער און די בארד האבען איהם
געשטערט זיין טאלאנט אין די פינגער אריינצולעגען. א פידלער
איז ער קיין מאל ניט געווען קיין גרויסער. דערפאר האט ער
פאלקאם געשטודירט די טעאריע פון מוזיק, געקענט שפּילען און
לערנען אויף אלע כלים, האט זיך ארומגעלעגט מיט די גרעסטע
ווערק פון די בעסטע מוזיקער, האט קארעספאנדירט מיט בע־
ריהמטע פראפעסארען, וועלכע האבען אנערקענט זיין טאלאנט;
האט אפילו חעם דאווענען, די סדרה, די הפטורה, דעם גמרא־
נגון נאך אלע דינים פון דער מוזיק צעלעגט; האט אליין קאמפּא־
זיציעס געשריבען, און — דער עיקר — אלעמען געלערנט אומ־
זיסט.

פארפאלגט האט מען איהם ניט. נאר זיין שטוב איז ביי
שטעדטעל אין חרם געווען. דאך האט עס ניט אבגעהאלטען
יונגע לייט איהם אין געהיים צו באזוכען און ביי איהם „נגינה"
צו לערנען. די פידעל איז געווען זיין איינציגע טרייסט אין לע־
בען. די „שאפירניקעס" און זייערע קינדער פלעגען איהם אפען
בעזוכען. אין זיין שענקעל איז געווען זייער קלוב. נאך שאפּי־
רא'ס טויט איז ער געווארען דער פאקטישער אנפיהרער פון
דער חברה.

אזוי ווי ביקל איז ער אויך געווען א שטארקער צער־בעלי־
חיים'ניק. האט אויך געהאט צוויי ווייבער. נאר אין געגענזאץ
צו ביקלען, האט ער מיט זיין צווייטער ווייב בעסער געטראפען,
ווי מיט דער ערשטער: זי איז געווען א אידעאלע שטיפמוטער
און האט פארזיסט זיינע לעצטע יאהרען. די תלמידים האבען
איהם שטארק געליבט. די לעצטע פאר יאהר פון זיין לעבען איז
ער קראנק געווען, פלעגען זיי איהם אומפיהרען אויף א וועגעלע
אין דרויסען פרישע לופט צו געניסען.

מענדעל פידלער האט געהאט ביי זיך א מנין, ער אליין

פלעגט דאווגען פאר׳ן עמוד — מיט נאטעז. „כל נדרי״ אויך — מיט נאטען. זיין „כל נדרי״ פלעגט גאנץ שטעדטעל געהן הערען. ער האט געוואלט דעם „כל נדרי״ איבערגעבען בירושה איינעם פון זיינע תלמידים. נאר יענער האט ניט געקאנט איבערנעהמען. האט מענדעל געהאט פאר׳ן טויט דערפון גרויס צער.

געשטארבען איז מענדעל פידלער אין יאהר 1905. ניט בלויז זיינע עלטערע חברים, וואס האבען איהם איבערגעלעבט, נאר אויך די יוגענד פון טשארטקאוו בעציהט זיך צו זיין אנ־דענקען מיט דעם גרעסטען רעספעקט און ווארימסטע ליעבע.

א חוץ אט די צוויי וויכטיגסטע מיטקעמפפער האט שא־פירא געהאט נאך א גרויסע שטיצע אין א דריטען משכיל־אינ־טעליגענט. דאס איז שוין געווען א דיפלאמירטער, א מעדיציז־דאקטאר. שטאקעל האט ער געהייסען. א זוהן פון א שניידער, איז ער געווען. א פראלעטאריער לויט זיין יחוס און א דעמא־קראט מיט זיין גאנצען פיהלען און דענקען. אלס געמיינדעראט און שטאדט־דאקטאר איז ער געווען אימער אויף דער זייט פונ׳ם פאלק. 30 יאהר איז ער געשטאנען אן דעם שפיץ פון די „יד־חרוצים״ — די ארבייטער־שאפירניקעס, איז געווען פאר זיי אי א דאקטאר, אי א לעהרער.

נאר ניט בלויז פון דער אינטעליגענץ, צווישען די בעלי מלאכות גופא האבען די שאפירניקעס געהאט שטארקע אידעא־ליסטען און איבערצייגטע מוטיגע קעמפפער.

דער אריגינעלסטער איז געווען דאדיע באדנער. דאס איז געווען, ווי די טשארטקאווער יונגע לייט שטעלען איהם פאר, — א הויכער, א דעמבענער און ביינערדיגער יוד; געקוקט שארף, כאטש אויף איין אויג, געהאט א שיטער בערדעל, תמיד אומגע־גאנגען בייז, ברוגז׳דיג. צו 70 יאהר האט ער נאך געגעסען פאר זעקסען. פלעגט אויפעסען א גרויסע שיסעל צובראקטע אוגער־קעס, א גאנצען רעטאך, א טאפ בארשטש — דאס אלץ פאר

איין מאָל — און פאַרבייסען מיט א קולעשע — א מין קאשע פון קוקורוזע־מעהל.

זיין אויג האָט ער פאַרלאָרען נאָך גאָר אין דער יוגענד, בשעת ער האָט געדראָפּט געהן דינען. דינען האָט ער ניט גע־וואָלט. איז ער אוועק צו א יודינע, א ספּעציאַליסטקע אויף „לאָזען אָדער" און אויסקלאָפּען אויגען די יעניגע, וואָס האָבען ניט געוואָלט דינען. אַזעלכע פּלעגען זיך געוועהנליך אָנקלייבען ביי איהר גאַנצע קאָמפּאַניעס און די „ביזנעס" האָט געגעבען א גוטע מטבע.

פאַר דער „אָפּעראַציע" פּלעגט די „אויגענקלאָפּערקע", כדי צו מאַכען זיך מעהר הארץ, אויפעסען א סלאָיטשיק איינגע־מאַכץ און פאַרטרינקען מיט א גוטע ביסעל משקה. דאַן פּלעגט זי אויסרופען: „ווער וויל געהן פריהער?!" גענומען דעם „קלאָפּער", אָדער „שפּאַנעריל" — א מין האַמעריל מיט א שאַר־פען שפּיץ — א זעץ אין שוואַרצאַפּעל... די אויג איז אויסגערונ־נען און.. דער בחור איז שוין געווען זיכער פון זעלנעריי...

אָט אַזוי האָט אויך דאָדיע באַדנער מיט'ן איינענעם ווי־לען בעפרייט זיך פון... איין אויג. דאָס האָט איהם אָבער ניט געשטערט אָבצולעבען, א גבור א יוד, ביז א יאָהר אַכציג. געווען — דערצעהלען מיר טשאַרטקאָווער יונגע לייט — אן עהרליכער, א קלוגער, איבערהויפּט — אן אמת'ער מענש, א ראַ־דיקאַל! אביסעל געקענט אריינקוקען אין א ספר און אין א בי־כעל. ער איז געווען א מין לייבוואַך שאַפּיראָ'ס. פאַר זיין ביי־זען בליק און אייזערנעם כח האָט מען אין שטעדטעל געציטערט. אין א מלחמה פאַר'ן רבי'ן האָט ער „געלעגט" רעכטס און לינקס, האָט אָבער אליין אויך... א פּאָה פאַרלאָרען און אַזוי, מיט איין פּאָה, געשטאָרבען אין 1910.

איינער פון די מערקווירדיגסטע „שאַפּירניקעס" איז דער בלעבער משה העלערבאָך. ער איז דער יונגסטער פון זיי. איז נאָך איצט ניט איבער זעכציג. האָט זיך דערהאַלטען גאָר נישט קשה, ניט קוקענדיג אויף זעהר שווערע לעבענס־אומ־שטענדען. דאָס איז א ליעבער, טויבענמילדער מענש, פול מיט תמימות און אמת. ער איז איצט דער פּרעזעס פון „יד חרוצים".

איז ביי די בעלי מלאכות א גרויסער אויטאָריטעט. נאָר אויך גאַנץ שטעדטעל בעציהט זיך צו איהם מיט גרויס רעספּעקט. א חוץ וואָס ער איז דער פיהרער פון די בעלי־מלאכות־שאַפירני־קעס, איז ער א מיטגליעד אין געמיינדע־ראַט און אין דער קול־טוס־געמיינדע. שבת לערנט ער מיט די איבעריגע בעלי מלאכות, „תנך", „אורח חיים", לעזט אויך פאַר זיי א צייטונג. דאָס שטערט איהם ניט צו זיין א גוטער בעל־מלאכה. ער איז, ווי אַלע שאַפּירניקעס, א הייסער ציוניסט. נאָך הערצעל'ס טויט — דער צעהלט מיר זיין זוהן — האָט ער אראָבגעריסען די עטרה פון זיין טלית, און א גאַנץ יאָהר געדראָוועט אָהן דער עטרה, געטרוי־ערט נאָכ'ן טייערן פיהרער און העלד. דאָס אַלץ איז געווען שטיל, שווייגענדיג, פאַר קיינעם ניט געלאָזט מערקען דעם וועה־טאָג פון זיי נשמה.

אין א גאליצישער קאראאימען־שטעדטעל.

איינזאם פער׳יתום׳ט, פערוואָרפען צווישען דריי פרעמדע פיינדליכע פעלקער ליגען דאָ אין א פערשלאָגען גאליצישען ווינקעל די 200 קאראאימישע נפשות. פון וואנען זענען זיי אהער געקומען? ווער האָט זיי דאָ פערפלאנצט? דאָס איז בעדעקט מיט א נעבעל פון לעגענדען. זיי אליין געדענקען עס קוים. קיין שום פערבינדונגען האָבען זיי ניט, ניט מיט דער ארומיגער וועלט, ניט מיט זייערע ווייטע ברידער אין דער ליטא, אין קרים, אין פאלעסטינא. ביז מיט 200 יאָהר צוריק, זענען זיי געווען פערגרעבט, פערפויערט, האָבען קוים דאוונען געקענט.

איז געקומען צו זיי אמאָל א רייזענדער קאראאים פון ארץ ישראל. דוד ירושלמי האָט ער געהייסען. האָט רחמנות געקראָגען אויף זיינע אָבגעריסענע, פערוואָגעלטע ברידער. איז געקומען קיין לוצק, דאמאָלט א בעריהמטע קאראאימישע שטאָדט, אין וואָהלין, געמאכט א רעש: „סטייטש! ווי דערוויי־טערט מען זיך אזוי פון ברידער!“ זיינע ווערטער האָבען גע־ווירקט. צוויי לוצקער קאראאימען־לומדים, יונגע לייט, האָבען זיך אוועקגעלאָזט אין האליטש — אזוי הייסט די גאליצישע קאראאימען־שטעדטעל — לערנען זייערע ברידער. איינער מיט׳ן נאָמען יוסף משביר איז ביי זיי „חכם“ געוואָרען. דער דאָזיגער „חכם“ מיט זיין ברודער האָבען א סך געארבייט צו הויבען דעם קולטורעלען צושטאַנד פון די האליטשער קאראאי־

מען. האבען אויך געהאט אן ערפאלג. נאך איצט איז אין האַ־
ליטש חכם אן אור־אור־אייניקעל פון יענעם יוסף משביר.
נאר די לעצטע צעהן, פונפצעהן יאהר זענען די האליטשער קאַ־
ראאימען צוריק פערגרעבט געווארען. דער גרעסטער טייל פון
זיי, ווי אומעטום, האלט זיך נאהענט צו דער ערד. אנדערע זענען
בעלי מלאכות, איבערהויפט בוימייסטערס ד. ה. טשעסלארעס.
א ביסעל זענען שענקער. קרעמער זענען צווישען זיי גאר ניטאַ.
פאראן צווישען זיי עטליכע געשטודירטע: א צוויי דריי אדוואַ־
קאטען — אסימיליאטארען, איינער א לעהרער — א געשמד־
טער. איינער א ריכטער — אויך געשמדט. בכלל: די יוגענד,
וואס נעהמט זיך צו שטודירען געהט אוועק פון קאראאימערטום.
פון איין זייט דעריבער, וואס די קאראאימישע תורה, די קאַ־
ראאימישע ערציהונג האט גאר נישט געלאזען אין זייערע
נשמות, וואס זאל זיי שטארק צוציהען און מאכען פעהיג אויף
אפפער. פון דער אנדער זייט צווינגט זיי דערצו דאס געזעל־
שאפטליכע, פאליטישע און עקאנאמישע לעבען. אין עסטרייך
האבען די קאראאימען ניט קיין בעזונדערע רעכט געגען יודען,
ווי, א שטייגער, אין רוסלאנד. פארקעהרט: דער פויער, וואס
זעהט אומעטום ארום זיך יודען, פארשטעהט ניט די קאראאי־
מען און זאגט: "קאראאים הירשע זשידא", ד. ה. א קאראאים
איז ערגער פון א יודען. ביין פריץ, ביי דער רעגירונג זענען זיי
אויך ניט קיין יחסנים, צו נישטיג איז זייער צאהל. אז מ'זאל
זיך מיט זיי רעכענען. דער עיקר אבער טרייבט זיי צום שמד
די מורא צו פערזעסען זיך. אזוי ווי אין טראק, אין לוצק, אין
פאנעוועזש, איז דא אויך פאראן א סך אלטע מוידען און
בחורים. איבערהויפט די מוידען ווערען פערזעסען ווייל די
קאראאימישע פרויען זיינען מאוסע, פון טאטערשען טיפ.

די בעציהונגען צווישען די קאראאימען און יודען זענען
ניט גוט, ניט שלעכט. כאטש יודען וואוינען אפט אין קאראאי־
מישע הייזער, אבער ווייטער פון „גוט מארגען" — „גוט יאהר"
געהט עס ניט. פון דעסטוועגען, ווייל די שטעדטעל איז א קליי־
נע און יעדער קאראאימער מוז אנקומען צום יודישען קרעמער,
זענען דאך די קאראאימער נעהענטער מיט יודען, ווי מיט קרים־

טען. אלע קענען זיי רעדען יודיש. קליינערהייט שפּילען זיך די קינדער צוזאַמען. פריהער מיט אַ יאָהר 30 — דערצעהלט מיר אַ האַליטשער יודישער יונגער מאַן, וואָס איז גוט בעקאַנט מיט'ן אינערליכען לעבען פון די קאַראַאימען, זענען זיי געווען נעהענטער צו יודען. פלעגען אָפט אריינגעהן צום יודישען רב. אפילו איין „חכם" זייערער האָט געוואָלט אליין ווערען אַ יוד: האָט אָבגעהיט אַ סך מצוות פון יודישקייט. געווען ביי זיי אַ קאַראַאים, אַ גרויסער בעל צדקה, פלעגט ער געבען צדקה נאָר יודען.

צווישען זיך לעבען די האַליטשער קאַראַאימען, אזוי ווי זייערע ברידער אומעטום, — זעהר אויפגעבונדען. זייער פאַמי־ליען־טרייהייט איז אַ מוסטערהאַפטע. פון דעסטוועגען מאַכט די אַסימיליאַציע און שמד — האַסטיג חרוב די קאַראַאימישע פאַמיליע, צוליעב סבות, וואָס זענען שוין דערמאַהנט. דער איצ־טיגער „חכם" זייערער שלום נעוואַכאַוויטש (כמעט אלע פאַמי־ליען־נעמען פון די קאַראַאימען ענדיגען זיך תמיד אויף „וויטש") איז צו דערזעלבער צייט אַ גרויס גוטסבעזיצער און אַ אַקסענהענדלער.

דער אויבענדערמאַהנטער יונגער מאַן, וואָס האָט מיר גע־געבען די ידיעות וועגען די קאַראַאימען, האָט אַנגעשריבען אַ ביכעל סקיצען פונ'ם קאַראַאימישען לעבען. די בילדער זענען געשילדערט מיט טאַלאַנט און וויזען, אַז דער פערפאַסער קען גרינדליך דעם אינערליכען לעבען פון אַט די אָבגעריסענע פערטריקענטע צווייגען פונ'ם יודישען שטאַם. דער ביכעל סקי־צען מאַכט זעהר אַ שטאַרקען איינדרוק. אַ חוץ זיין ליטעראַרי־שען ווערט האָבען זיי אָהן אַ שום ספק, אויך אַ וויסענשאַפט־ליכען , אַ קולטור־היסטאָרישען ווערט. דאָס איז די ערשטע און איינציגע פּראָבע צו געבען אונז אַ פאַרשטעלונג וועגען דער אינערליכער דראַמע פונ'ם קאַראַאימישען לעבען, אַמאָליגען און איצטיגען. וועגען די קאַראַאימען, אַט די איינציגע יודישע סעקטע, האָבען מיר דאָך איבערהויפּט אזאַ קנאַפּען בעגריף: די וואָס האָבען געשריבען וועגען זיי זענען „בוך־מענשען", קאַבינעט־שרייבער, וואָס זענען ניט גאָר פעהיג אַבצרייסען זיך

פון אַנגענומענע טעאָריעס. די ידיעות זייערע שעפּען זיי פון בי־כער וואָס זענען צונויפגעשטעלט אויף דעם גרונד פון פריהער־דיגע ביכער און וויטער ביכער — טרוקענע בלעטער, וואָס האָ־בען וועניג צו טאָן מיט הארץ און נשמה. דער פערפאסער פון דעם דערמאָהנטען ביכעל, וואָס האָט פערלעבט זיין קינדהייט און יוגענד אין דער קאַראַאימישער סביבה און האָט אַ צאַרט פיהלענדע נשמה האָט געקענט אריינדרינגען אין דער נשמה־וועלט פון זיינע שכנים און האָט אונז דער ערשטער געשילדערט מיט לעבעדיגע פאַרבען די טראַגעדיע פון די דאָזיגע אונזערע ברידער.

איך נעהם פון דער דאָזיגער קאַראַאימישער בילדער־פּאַ־נאָראַמע עטליכע, מעהר כאַראַקטעריסטישע, טיפּען און גיב זיי איבער אין קורצע שטריכען פאַר׳ן לעזער.

אַ פריהער די איינלייטונג. אַנשטאָט טרוקענע היסטאָריע ווערט אייך פאָרגעשטעלט אַ בילד: אַ פרעמדער מענש פאַלט אריין אין שטעדטעל, איז נייגעריג צו זעהן, צו קענען לערנען אָט די אָבגעריסענע גליעדער פון׳ם יודישען פאָלק. בעגעגענט אַן אַלטען יודען. פרעגט זיך נאָך: וואו זענען זיי? וואו זעהט מען זיי?

דער אַלטער אָטעסטירט זיי גלייך אויף זיין שטויגער. עט! פאַראַן אויף וועמען צו פרעגען! אַ משונה׳דיגע אמונה! ניט קיין וואָלף, ניט קיין הונד! אַלץ איז ביי זיי קאַפּויר. האַל־טען פון דער תורה און היטען ניט אַלע מצוות פון דער תורה. אַ סדור אויף לשון קודש און די תפילות עפּעס ווילדע, צונויפ־געשטוקעוועטע פּסוקים. „קריאת־שמע" איז דאָ, קיין „שמונה עשרה" — ניטאָ! אַ מזוזה צוגעשלאָגען צום טיר און קיין תפילין לעגען זיי ניט. אַן „ארבע כנפות" טראָגען זיי, קיין טלית ניט. חזיר איז טריף און פליישׁ מיט מילך כשר. ראש השנה האַלט מען, קיין שופר בלאָזט מען ניט. אַ סוכה בויט מען, קיין לולב און אתרוג בענשט מען ניט. פּורים — יע, חנוכה — ניט. שבת און יום טוב קלייבט מען זיך צונויף אין שול. מ׳צולעגט זיך אויף דער ערד, מ׳קניט זיך און בוקט זיך און קיין וואַרימ־קייט, קיין אמת׳ע פרומקייט ניטאָ! קיין מנין צו תפילה דאַרף

מען ניט. אנדערוואכען קומען אין שול ניט מעהר, ווי א צוויי, דריי די אלטע זענען נאך פרום געווען אמאל. די יונגע־עכטע גויים, קומען קיין מאל ניט דאווענען.

דער פרעמדער ווערט נייגעריגער. געהט אריין אין קאראַ־אימישער געסיל. איהם לויפען אנטקעגען קליינע קאראאימע־לאך, שפּילען זיך אין פּילקעס. ווארפען און צעהלען: ביר, איק, איץ... אויף זייער לשון, קאראאימיש־טאטאריש איז דאס: איינס, צוויי, דריי...

ער בעגעגענט עטליכע קאראאימישע פרויען — גרויסע מאוסקייטען, און געהט ווייטער. קומט צום שול. ניט קיין גרויסער מויער, אבער העכער פון אנדערע קאראאימישע שטיב־לאך. איבער'ן דאך הענגען דריי מגן־דוד'ס. אויף דער פאדער־שטער וואנד פון שול, דרויסען פארשיידענע לשון קודש'דיגע פסוקים, ניט פון תנ"ך, נאר פון אייגענער קאמפאזיציע. געהט אריין אינוועניג. די וואנד אלע פארשריבען מיט פערשיידענע תפילות. אין א ווינקעל שטעהט א מענש איינגעוויקעלט אין א מין־ניט טלית, ניט ארבע־כנפות, קניעט, פאלט אויפ'ן פנים און קלאפט זיך מיט'ן פויסט אין הארצען. פון דער זייט שטע־הען נאך דריי קאראאימען גרויסע און צוויי קינדער פון 7-8 יאהר. אנגעשפארט אויף עפעס הויכע טישלאך און דאווענען. א בענקעל זעהט מען נאר אין איין ווינקעל. פאר אן אלטען און שוואכען קאראאים וואס קען שוין ניט שטעהן.

דעם פרעמדען, אייראפעאיש געקליידעטען, נעהמט מען דא אן פאר א קריסט, און מ'בעציהט זיך צו איהם מיט דרך ארץ, אפילו א ביסעל מיט חניפה, איין קאראאים, א געראזיר־טער געהט אריין מיט איהם אין א געשפרעך.

ער בעריהמט זיך: זיי זענען די אמת'ע „ישראלים" — ניט קיין יודען — ביי זיי איז דערהאלטען די ריינע לשון קודש, ניט פארגרייזט און לעבערליך, ווי ביי די יודען. זיי זענען די אמת'ע יורשים פון תורת משה, די ריינע תורה. זי איז נעהענ־טער מעהר צום קריסטענטום, ווי צום פערקריפעלטען תלמודי־שען יודענטום.

דער פרעמדער ווארט ביז נאכ'ן דאווענען. ער קוקט זיך איין

אין א סדור. כמעט אלע תפילות הויבען זיך אן מיט די ווערטער „יהי רצון“. דער דאַווענען ווערט פערענדיגט מיט עטליכע קאַפּיטלאַך תהילים, און די עטליכע קאַראַאימען צוגעהען זיך. נאָר דער „חכם“ בלייבט.

דער אורח געהט אונטער צו איהם און בעט — אין יודיש — ענטשולדיגונג, וואָס ער שטערט איהם. ער איז פון ווייט. איז זעהר פעראינטערעסירט צו זעהן מיט די אויגען קינדער פון נאָר אמאָליגע יודען.

דער „חכם“ גיט איהם „שלום עליכם“, לאַדט איהם — אין יודיש — אביסעל חניפה'דיג, צו בעטראַכטען, קוקען, וויפיעל די האָרץ געלוסט. ביי אונז איז ניטאָ קיין פאַרבאָרגענעס. פאַר א יודען איז דאָ אויך קיין נייעס ניטאָ. מיר האָבען דאָך איין תורה...“ נאָך א לענגערען געשפּרעך דריקט אוים דער פרעמדער זיין פערוואונדערונג, וואָס נאָך ביז היינטיגען טאָג איז די שנאה צווישען די יודען און קאַראַאימער אזוי פריש, ווי מיט הונדערטער יאָהרען צוריק.

— איז פאַראַן א האָפנונג, — פרעגט ער דעם „חכם“, — אז די פיינדליכע לאַגערן זאָלען זיך אמאָל פעראייניגען?

— אז משיח וועט קומען, — ענטפערט דער „חכם“. דאַן וועלען פערענטפערט ווערען אלע רעגיליעזע קשיות... און ישראל וועט ווערן איין פאָלק. און פון דעם חכם'ס אויגען בלישטשעט א געדאַנק: דעמאָלט וועט נאָר די קאַראַאימישע אמונה געוועלטיגען...

טיעף ריהרענד איז די סקיצע „דער אלטער פרומער קאַראַאים“. דאָס איז דער לעצטער קאַראַאים. אט איז זיין וואָכעדיגער טאָג: שטעהט אויף אין דער פריה, וואשט דעם פּנים, מאַכט הויך א ברכה: ברוך אתה... אשר ברא יסוד מים לטהרה— וואָס האָט בעשאַפען דעם וואסער-עלעמענט אויף צו רייניגען. א. אז. וו. (אנשטאָט דעם יודישען „מודה אני“) זעצט זיך ביים טיש ביי א סדור, אנגעפּראָפט מיט פערשיידענע סליחות. ווי־קעלט ארום דעם האלז א מין טלית קטן. ער האָט קיין צייט ניט צו געהן אין שול: נויטיגע ארבייט אין פעלד.

זיין אלטע, שוואכע מאַסי (מלכה) שטעהט אויף, הוסט

זיך אוים, דערלאַנגט איהם אַ שטיקעל ברויט מיט אַ ציבעלע.
אויף וואַרעמעס איז ניטאַ וואָס צו עסען. קיין עוף איז ניטאַ.
זי איז קראַנק. קיין כוח ניט צו גערן ארום עופות. אפשר קויפען
אַ שטיקעל פלייש אין יאַטקע, ביי דעם „ראַבאַן" (יוד) מרדכי?

שלומאָוויטש ווערט זייער בייז: דעם ראַבאַנס שחיטה איז
טרייף, ווי אַ גוי'ס... אַנדערע קאַראַאימען קויפען?... אָט דאָס
איז טאַקע די צרה... מ'מאַכט זיך לייכט... געפאַלען די אמונה...

אין פעלד, אליין מיט זיך, קלערט ער ווי די קאַראַאימישע
אמונה פאַלט. ענן (דער גרינדער פון דער סעקטע) האָט פערבאָ־
טען אַנצינדען ליכט אום שבת. זענען געקומען אַנדערע און מתיר
געמאַכט. אַ געשטאָרבענער — נאָכ'ן בוכשטאַב פון דער תורה —
איז געווען „טמא". אַ קאַראַאים האָט זיך ניט געטאָרט עוסק
זיין ארום אַ מת. איז געקומען אַ „חכם", וואָס האָט ניט געקענט
צוזעהן, ווי די „ראַבאַנישע" (יודישע) קברות־לייט בעררייסען
פאַר קבורה־געלד און האָט געפונען אַ היתר, די קאַראַאימען
זאָלען אליין בעגראָבען זייערע טויטע. אין שחיטה מאַכט מען
זיך לייכט: מ'עסט פון די ראַבאַנישע... בעזונדערס פלאַצט
איהם דאָס האַרץ קוקענדיג אויפ'ן יונגען דור. ניט קיין באָרד,
ניט קיין תורה... מצוות מאַכט מען אוועק אונטער האַנד...
מ'איז מחלל שבת... ס'איז שוין געקומען צו שמד...

גוואַלד, וואָס וועט זיין מיט דער קאַראַאימישער אמונה?!..
ניטאַ קיין אַנדער וועג... משיח מוז קומען...

געקומען איז אָבענד פון פעלד. זעצט זיך לוי שלומאָוויטש
פאַר אַ ספר. לערנט אַ פרשה חומש, אַ קאַפּיטעל „פסוק" (תנך)
אביסעל „עקדה" (אזא רעליגיעז־פילאָזאָפישער יודישער ספר).
שטענדיג האָט ער פון לערנען גרוים הנאה — אָדער ער אַרבייט,
אָדער לערנט — היינט איז ער זעהר צוטראָגען, פערקלעמט,
אַלץ דיזעלבע זאַך...

ערב שבת שטעקט די אַלטע מאַסי אַריין צוויי ליכט אין
צוויי ליימענע לייכטערלאַך. דער אַלטער קומט פון שול אין זיין
אַלטער און ברייטער משונה'דיגער זופּעצע, אַ ירושה פון זיין
טאַטען; און אַ פוטערנע קוצמע, זומער און ווינטער.

— שבת שלום, — זאָגט ער אַריינקומענדיג.

— עליכם שלום, — ענטפערט די אלטע. ער מאכט קידוש אויף בראנפען (דער איז דער איינציגער וואס מאכט קידוש אויף א כוס), גיט א זופ, דערלאנגט דער ווייב פערזוכען, מאכט המוציא אויף חלות (ער איז א פערמעגענדער, דעריבער באקט מען ביי איהם אויף שבת חלה).

מאסי דערלאנגט איהם זופ פון גערשטענע גרויפען — א שבת'דיגער מאכל ביי די קאראאימען — און א שטיקעל עוף, פון קאראאימישער שחיטה, וואס ער פערזוכט נאר פון שבת צו שבת.

נאך דער סעודה — זמירות, בעזונדערע, קאראאימישע, ביז שפעט אין דער נאכט. דאן בענשען. שבת אין דער פריה. באלד נאכ'ן וואשען זיך — שבת'דיגע סליחות. ניין א זייגער — אין שול. דאווענט געצויגען, מיט כונה, שטעהענדיג אויף די קניע, ווי יודען אמאל אין בית המקדש. דער „חכם" רופט איהם אויף דעם ערשטען צו דער תורה. ער לייענט אליין די פרשה מיט אן אלטען טרויעריגען נגון. נאך איהם רופט מען אויף אן אנדערן. יענער לייענט שוין ניט אליין. קען ניט. נאר הומזעט אונטער נאכ'ן „חכם".

אזוי דער צווייטער, דער דריטער... אלע. קיינער קען ניט לייענען אליין די פרשה. אוים מיט דער תורה! ביי דעם אלטען שטארבט אב די הארץ. ער איז דער איינציגער, דער לעצטער קאראאים... נאר אין מיטען דאווענען פערשטיקט ער זיין צארן. ארויסגעהענדיג פון שול קען ער זיך מעהר ניט צוריקהאלטען. „גויים! — שרייט ער צו זייגע ברידער — בורים! א סוף צו אונזער קאראאימישער אמונה... און וויינט ווי א קינד.

אין דער היים גיסט ער אוים דעם גאנצען כעס פאר דער ווייב. אוים! ער שווערט: מעהר געהט ער ניט אין שול דאווע־נען מיט די „ערלים"... ער וועט אנטלויפען פון זיי, אוועק אין ירושלים... אנטקעגען משיח'ן...

די אלטע מאסי בערוהיגט איהם. דערלאנגט איהם א כוס אויף קדוש. פועלט קוים ביי איהם, ער זאל עסען. גיט איהם ווידער א פולע שיסעל מיט גערשטען־גרויפען־זופ־טשאלענט פון נעכטען געהייצטען, פערחתמעטען אויוון; דערנאך הער־

לאנגט זי איהם דעם „קיבינטשיק", — א מין קוגעל אנגעפילט מיט שטיקלאך פלייש, קעז, ציבעלעס, שמאלץ. לוי האט ליעב דעם דאזיגען מאכל. נאכ'ן עסען נעהמט ער זיך צו די זמירות. מורמעלט קוקענדיג אין סדור. נאר דער קאפ איז צוטראגען, די הארץ קען זיך ניט בערוהיגען. ער מאכט אויף גיך די „ברכה אחרונה".

— געה ארויס אביסעל אין הויף, — בעט זיך די אלטע, וועסט זיך בערוהיגען אין דער פרייער לופט.

— אויפ'ן הויף! דו אויך, מאסי, רעדסט מיך אן... חוה האט אויך אנגערעדט אדם'ן צו זינד... ניין, איך וועל ניט ארויס!... היינט איז שבת. „אל יצא איש ממקומו" (א מענש טאר ניט אוועק פון זיין ארט) שטעהט אין דער תורה... און זיי געהען, שפאצירען אום שבת... א הארבע עברה... אט איז דער הייליגער ספר „אדרת אליהו", דא זענען אויפגעקליבען אלע קאראאימישע דינים. דא שטעהט, אז מ'טאר ניט מבטל זיין איין רגע אום הייליגען שבת. מ'דארף זיצען אין שול, צי אין שטוב און לערנען גאט'ס ווארט דעם גאנצען טאג...

די אלטע שווייגט. הוסט זיך אום אביסעל און זוכט זיך אוים א ווינקעל אוועקצוזעצען זיך דארט און דרעמלען דעם גאנצען טאג. לוי זעצט זיך אוועק איבערגעבויגען דעם גאנצען קערפער איבערן ספר, נעהמט ארוים באלד א צווייטען ספר, א דריטען, נאר ער קען זיך ניט בערוהיגען. די אותיות ווערען צעשוואומען,, די געדאנקען צעריסען...

אזוי געהען אוועק אייניגע שעה, די אלטע כאפט זיך אויף פון דרעמיל. בעמערקט, איהם זיצענדיג ביי די שבת'דיגע „מנחה-זמירות". די באקען בלאס און ערטערווייז פיבער-רויט, די אויגען בלאנדזען צעשראקענע... זי פארשטעהט, אז ער איז קראנק. נעהמט איהם מיט גוואלד צו פון סדור, לעגט איהם איין אין בעט. ער פראטעסטירט ניט, לאזט זיך — געהארזאם ווי א קינד.

אויפ'ן בעט ליגט ער ווי א שטיק גליהענדער אייזען. דער פיבער ווארפט איהם. די ציינער קלאפען זיך. פון זיי ווארפען זיך צייטענווייז אבגעריסענע ווערטער: בורים!... הינד... אויף מיט דער קאראאימישער אמונה... איך וועל ניט געהן מיט זיי דאוונען... משיח... משיח מוז קומען...

אין דער היים פון „בעריל בראָדער" און „וועלוויל זבארזשער".

— פאַר וואָס האָט בראָד, אָט די בעריהמטע יודישע שטאָדט אזא מאוס'ן נאָמען?

— ווייל דאָרט איז א סך בלאָטע. „בראָד" הייסט זומפּ, בלאָטע.

— פאַר וואָס איז אָבער גראָד דאָ אזוי פיעל בלאָטע? —

וועגען דעם געהט אום אזא לעגענדע טאקע ביי די בראָדער יודען גופא:

נאָכדעם ווי גאָט האָט אדם הראשונ'ען געוויזען אלע חיות, האָט ער איהם בעוויזען אלע שטעדט וואָס וועלען זיין אויף דער וועלט. מסתמא האָט ער איהם אויך געוויזען בראָד.

אדם הראשון האָט א קוק געטאָן אויף בראָד.

— אָט דאָס איז — זאָגט ער — א שטאָדט?!

און האָט א שפּיי געטאָן.

פון אדם הראשונ'ס שפּיי איז געוואָרען די בלאָטע און ביז היינטיגען טאָג.

א חסיד בעגעגענט דעם אנדערן און פרעגט איהם: פון וואַנען ביזטו? וואו וווינסטו? וואָס טוסטו?

ענטפערט דער אנדערער: ס'איז דאָ אויף דער וועלט פיער וועלט־טיילען. דער ערימסטער פון זיי איז — אייראָפּא. די ערימסטע לאַנד פון אייראָפּא איז עסטרייך. די ערימסטע

לאנד פון עסטרייך איז גאליציען. די ארימסטע שטאָדט פון גאליציען איז בראָד. די אָרימסטע גאַס, איז די שול גאָס. די אָרימסטע שול אויף דער שול־גאַס איז ־ מאַטשעווער קלייזעל. דאָרטען אונטער אויווען זיצ איך.

— וואָס זשע טוסטו דו? — פרעגט איהם דער ערשטער.

— איך קראַץ מיך, — ענטפערט דער חסיד.

אזוי שילדערט פאר מיר בראָדער יודישען לעבען טאַקע אַ בראָדער יוד גופא, פערעלמאַן, אַ קלוגער יוד, וואָס קען אויס־געצייכענט זיין שטאָדט, איהר היסטאָריע, איהר יחוס׳דיגען אַמאָל און טרויעריגען איצט.

דער אויסדרוק „איך קראַץ מיך״, דאַרף מען אַננעהמען כמעט בוכשטאבליך. העלפט בראָדער יודען קראַצען זיך טאַקי. דאָס קומט דערפון, וואָס זיי קראַצען פעדערן. דאָס איז די הויפט־פרנסה פון בראָדער יודען.

צו די פעדערן און „פענדלאָך״ קראַצט מען אויך אַביסעל חזיר־האָר, אַ ביסעל פערד ־האָר. אָט דאָס איז איבערגעבליבען פון דער אַמאָליגער בעריהמטער שטאָדט בראָד פון איהר גרויס־סער שפע, פון איהרע גוואַלדיגע עשירות.

וואו זענען אמאָליגע יאָהרען, בשעת בראָד איז געווען אַ פרייע שטאָדט, אזוי ווי איצט טריעסט. בשעת פון רוסלאַנד האָט מען געמעגט אהער פראנק און פריי אַלץ אַריינפיהרען; בשעת דורך דאַנען איז געגאַנגען דער גרעסטער מסחר מיט בהמות, מיט געטריידע, מיט פעל, מיט חזיר־האָר, מיט אַלער־ליי רויהע פּראָדוקטען, וואָס רוסלאַנד פערמאָגט און פיהרט ארויס קיין אויסלאַנד. געגאַנגען איז דאָס אַלץ דורך יודישע הענד. יודען האָבען געלעבט בהרחבה. און דערצו איז אַלץ גע־ווען אזוי ביליג. אַז אַ יונגער מאַן האָט פערדינט 75 קאָפּיקעס (נאָך היינט געהט דאָ דער חשבון אויף רוסיש געלד) אַ וואָך האָט מען געזאָגט: מעגסט שוין חתונה האָבען. אַז גאָט האָט געהאָלפען ארויפארבייטען זיך אויף דריי קארבען אַ וואָך האָט מען געלעבט, ווי אַ גראף: מיט זילבערנע כלים, מיט צוויי בעקעשעס (לאַנגע קאַפּאָטעס) — אַ וואָכעדיגע און אַ שבת׳די־גע: מיט אייגענע קיה און אַ שטאָדט אין מזרח־וואַנד.

און וואו עשירות דאַרטען איז חכמה, דאַרטען איז תורה. מיט די „חכמי הקלויז", אַט די בעריהמטע בראָדער מתנגדים, וואָס האָבען דעם „בעל שם טוב" אין חרם אריינגעלעגט און פאַר זיי האָבען די גוטע יודען מיט זייערע חסידים יאָהרענלאַנג געציטערט, האָט די וועלט געקלונגען. אז א בערדיטשעווער גביר האָט געוואָלט אַן עלוי אַן איידעם בעקומען, איז ער גע־פאָהרען „קויפען אַן אינגעל" אין בראָד. בראָד האָט געהאַט א רב ר' שלמה קלוגער — איינער פון די וואונדערליכסטע אין אַנהויב פון פאַריגען יאָרהונדערט. דער דאָזיגער רב האָט גע־פסק'עט שאלות ניט קוקענדיג אין שלחן ערוך. „וועמעס ביז־טו?" פלעגט ער פרעגען די ווייבעל, צי די מיידעל, וואָס איז געקומען מיט אַן עוף, אָדער אַן אנדער שאלה פון טאָפּ־טעלער־לעפעל.

— „ר' הושיע־בער'ס, דעם סוחר'ס, — ענטפערט די שאלה־פרעגערין.

— טרייף! — פסק'ענט ר' שלמה קלוגער.

— „וועמעס ביזטו? — פרעגט ער אַ צווייטער, וואָס איז אויך געקומען מיט א עהנליכע שאלה.

— זעליג דעם בעל עגלה'ס...

— כשר!

ר' יואל העלפערדיג האָט געהאַט א זעקעל־קערבלאַך און — א משוגענע ווייב. ער איז געוועזן ביי צעהנדליגע רבנים, מ'זאָל איהם מתיר מאַכען א גט, ביי קיינעם האָט ער ניט גע־פועלט. ר' שלמה קלוגער האָט גענומען די שאלה, אויפגעשרי־בען זיך מיט נאָך אַנדערע גרויסע רבנים, און געפונען א היתר. ר' יואלע מיט'ן זעקעל קערבלאַך האָט דורך א טרייען מענשען אין א פערמאַכטען קאָנווערט דעם רב א „דאַנק" געשיקט. ר' שלמה קלוגער עפענט דעם קאָנווערט: א הונדערטער...

האָט ער אויף זיך דעם קאַפּטאַן צוריסען.

— וואָס? — האָט ער א געשריי געטאָן, — די תורה פער־קויפען?! — מ'טאָר ניט גט'ן! אסור!...

און ר' יאָעלע, וואָס האָט זיך ערלויבט דעם רב כאָטש אחר המעשה — כאַבאַר צו געבען, איז א געבונדענער זיין

גאנץ לעבען געבליבען.

אין ר׳ שלמה קלוגער׳ס צייט איז אין בראָד חלירע געווען. א סך קרבנות האָט זי צוגענומען. חברה קדישא האָט קיין הענד ניט געהאַט. האָט די שטאָדט־רעגירונג צוליעב סאניטארישע צוועקען, א וואגען איינגעפיהרט. די משכילים זענען דערפון צופרידען געווען. האָט רבי שלמה קלוגער ארויסגעשיקט 30 קצבים און זיי האָבען דעם וואגען צוהאַקט. דערמיט האָבען זיך אָנגעפאנגען און געענדיגט די „רעפאָרמעס" אין בראָד. ניט קוקענדיג אויף דעם איז אָבער בראָד געווען די וויגעלע פון דער השכלה אין גאליציען. דאָ האָט געלעבט דער גרעסטער סאטי־ריקער פון יענער עפּאָכע — ר׳ יצחק ערטער. פון דאַנען האָט דער מענדעלסאָן פון די רוסישע יודען — ר׳ יצחק בער לעווינסאָן, ארויסגעפיהרט די השכלה אין רוסישען געטאָ.

בראָד איז אויך געווען די וויגעלע פון יודישען טעאַטער. ניט אלע ווייסען, אז בעריל בראָדער, אָט דער בעריהמטער גאליצישער בדחן, איז געווען אזוי צו זאָגען, דער ערשטער יו־דישער אקטיאָר. ער האָט זיינע לידער ניט בלויז געזונגען. נאָר צו דערזעלבער צייט אויך פאָרגעשטעלט סצעניש. האָט ער געזונגען א לידעל פון א בעקער, האָט ער דערביי שטענדיג געהאַלטען א לאָפּעטע אין האַנד, א פארטוך אויף די לענדען אָנגעטשעפעט, און די ארבעל ביז ארויף פערקאָטשעט. נאָר דער אוויוען, אין וועלכען ער האָט מיט דער לאָפּעטע געשאַרט, איז געווען ניט קיין אמת׳ער, נאָר אן איינגעבילדעטער. אזוי האָט ער אויך א בעל עגלה געזונגען, האַלטענדיג א בייטש אין האַנד, און ד. ג. פאַר בעריל בראָדער האָט מען אין רוסלאַנד און גאליציען געוואוסט נאָר פון „פורים־שפּיעל". גאָר זעלטען פלעגט א „מאַרשאליק" אויף א חתונה א „פאָרשטעל" מאכען. בעריל בראָדער אָבער פלעגט אויף חתונות ניט גהן. ער פלעגט זיינע „פאָרשטעלען" מאכען גלאָט אין קאָמפּאַניע, צווישען לוסטיגע חברה.

אלס טאלאנט איז בעריל בראָדער ניט קיין אי־אי. גאָר ניט אין אן ערך העכער און טיעפער פון איהם איז געווען וועל־וועל זבארזשנע, וואָס האָט אויך דאָ, אין בראָד זיין קאריערע

אָנגעהויבן. ווייניק לעזער פון יידיש איז באַקאַנט אָט דער נאָמען. און דאָס איז אַ שאָד. וועלוועל זבאַרזשער איז דער גרעסטער גאַליציִשער פאָלקס־זינגער. אין שטאַרקייט פון טאַלאַנט און רייכקייט פון טעמעס קען זיך גלייכן מיט איהם נאָר אליקום צונזער. כאָטש זבאַרזשער איז גאָר פון אַ בעזונדער טיפּ. אָט די צוויי גרויסע פאָלקס דיכטער (אין אמת'ן, אין ריינעם זין פון אונגעקינסטעלטער פאָלקס דיכטונג) האָבן געשלאָסן מיט זיך די לאַנגע עפּאָכע פון יידישע פאָלקס־פּאָעזיע, געשלאָסן גלענצענד. פאַר דער גאַנצער צייט וואָס דאָס יידישע פאָלקס־ליעד עקזיסטירט, האָט די אונמיטעלבאַרע, אונגעקינסטעלטע יודעשע פאָלקס־פּאָעזיע ניט געוואוסט פון אַזעלכע טאַלאַנטען. ניט דאָ איז דער פּלאַץ אָבצושטעלען זיך לענגער אויף דער אָבשאַצונג פון וועלוויל זבאַרזשער, אַלס יידישען פאָלקס־דיכטער. נאָר ווען מ'רעדט וועגען בראָד מוז אָט דער נאָמען דערמאָהנט ווערען. געבאָרען אין זבאַראַזש, אַ קליינשטעדטעל אין מזרח־גאַליציען, ביי דער סאַמער רוסישער גרעניץ, און דאָרט ערצויגען האָט דאָך עהרענקראַנץ (די פאַמיליע פון וועלוועל זבאַרזשער) געקענט ווערען אַ פאָלקס־זינגער נאָר דאָ, אין בראָד. אין יענער צייט פונ'ם פרעהליכען, זאָרגלאָזען בראָדער לעבען. מ'דאַרף אויך דערמאָהנען, אַז וועלוועל זבאַרזשער איז געווען דער טאַטע פון דער יודישער אָפּערעטע, פון דעם יודישען קאַבאַרעט און מוזיק־האָל. אַזוי ווי בעריל בראָדער האָט ער אויף חתונות קיין מאָל ניט געזונגען, נאָר אין וויינהייזער, אין אַ לוסטיגער קאָמפּאַניע, ביי אַ גלאָז וויין. פריהער אַליין, דערנאָך מיט אַ פּאָר העלפער, פון וועלכע עס האָבען זיך שפּעטער אַנטוויקעלט די בעריהמטע בראָדער־זינגער. מיט זעהר גרויס מיה האָט זיך מיר איינגעגעבען צו ראַטעווען פון פערגאַנגענהייט זבאַרזשערס שענסטע נגונים. 15 פון זיי האָב איך אויף נאָטען אויפגענומען. כאָטש וועלוועל זבאַרזשער איז געווען אַ ווילדע דיכטערישע נאַטור, אַ וואולקאַנישער טעמפּעראַמענט, האָט שטענדיג געזונגען אין ווייַנ־הייזער גיסענדיג אין זיך גלעזער וויין; האָט געזונגען שטענדיג אין לוסטיגע קאָמפּאַניעס, זענען דאָך זיינע בעסטע ליעדער, דורכגע־

דרונגען מיט אַ טיעפער בענקענים און שמערץ. זבאַרזשער האָט זעלטען געזונגען אויף יודישע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע טעמעס, ווי צונזער א שטויגער. זיינע טעמעס זענען אינערליכע נשמה־איבערלעבונגען, זענען אַלמענשליכע, טעמעס פונ׳ם אייביגען וועלט־שמערץ.

וועלוועל זבאַרזשער איז געווען אַ געניאַלע נאַטור, איינער פון די רייכסטע און מערקווירדיגסטע טיפּען, וואָס גאַליציען האָט ארויסגעבראַכט. כאָטש יאָהרען זענען אוועק ווי ער איז טויט, לעבט דאָך זיין אַנדענקען אין גאַנץ מזרח־גאַליציען און בעזונדערס אין בראָד, ווי ער וואָלט ערשט נעכטען געשטאָרבען. זיין נאָמען איז ארומגערינגעלט מיט אַ קראַנץ פון לעגענדען, וואָס ווייזען אַלע אויף דער אונגעוועהנליכער רייכער בעגאַבטקייט פון זיין פּערזענליכקייט.

פון דיכטער צום דענקער. אין בראָד איז געבאָרען געוואָרען און זיין יוגענד דאָ פאַרבראַכט דער בעריהמטער פילאָזאָף און דענקער — קראָכמאַל, וואָס האָט געשפּילט אין אַנהויב פון 19טען יאָהרהונדערט דיזעלבע ראָלע, וואָס דער „רמבם“ אין זיין צייט. ווי דער „רמבם“ האָט געוואָלט פאַרבינדען דאָס יודענטום מיט אריסטאָטעלעס פילאָזאָפיע, אזוי האָט אויך קראָכמאַל געשטרעבט צו פעראייניגען די יודישע תורה מיט דער העגעליאַנישער פילאָזאָפיע. דער נאָמען פון זיין גרויסען ווערק „מורה נבוכי הזמן“ איז אויך עהנליך צום נאָמען פון דעם רמבם׳ם בעריהמטען „מורה נבוכים“. פּונקט ווי דער „מורה נבוכים“ מיט 800 יאָהר צוריק, האָט אויך דער „מורה נבוכי הזמן“ אריינגעבראַכט זעהר פיעל ליכט אין די מוחות פון דער יודישער יוגענד, און קראָכמאַל ווערט נאָך איצט געשעצט, ווי איינער פון די גרעסטע יודישע דענקער פון אַלע צייטען.

צו ענדיגען מיט׳ן אַלטען בראָד — אַ פּאָר בראָדער לעגענדעס: לעבען דער היגער אַלטער שול איז דאָ אַ לעדיגער פּלאַץ. קיינער ווייס ניט ווען דער פּלאַץ געהערט, נאָר קיינער וואַגט ניט דערויף צו בויען. אויף אָט דעם פּלאַץ, זאָגען אַלטע יודען, איז אַמאָל אַ הויז געשטאַנען און אין שטוב דאָרטען האָט

מען אמאל א חתונה געשפּילט. אין מיטען שפּילען און טאנצען איז דאס הויז מיט די חתונה־לייט, מיט די קלעזמער, מיט אלץ מיט אן אנדער אין דער ערד איינגעזונקען געווארען. פון וועלכע צייטען די לעגענדע שטאמט, איז ניט קלאר. דער פּלאץ צייכענט זיך מיט גאר נישט אויס פון אנדערע פּלעצער. נאר בויען דערויף האט מען מורא.

בראד, ווי אנדערע יודישע שטעדט, ברענט ניט זעלטען. נאר איין גאס זאגען בראדער יודען, ברענט קיינמאל ניט. ס'הייסט א פּאר מאל האט דארט יא געברענט — אבער קיין יודיש הויז קיין מאל ניט.

מיט וואס זשע האט די גאס זוכה געווען? איז די מעשה, אז דארטען האט אמאל געוואוינט א שמש און דער שמש האט באדינט אן אלטען רב. אז ס'איז געקומען די צייט דער רב זאל נפטר ווערען, האט דער שמש, פאר זיין לאנגען טרייען דיענסט, געבעטען ביים רב א ברכה. דער רב האט דעם שמש געבענשט, אז זיין גאס זאל קיין מאל ניט ברענען. און די ברכה, זאגען בראדער יודען, ווערט מקוים ביז היינטיגען טאג. אפּאר מאל האט זיך דארטען אנגעכאפּט, אבער אין א יודישער הויז קיין מאל ניט.

אזעלכע לעגענדעס האט איהר גאנץ אפט אין דער יודע־שער שטאדט און שטעדטעל. דערפון איז קענטיג, אז א שרפה איז געווען ביי יודען די גרעסטע צרה און א פייער־פערזיכע־רונגס פאליס אין דער געשטאלט פון'ם רבי'ס ברכה איז געווען די בעסטע מתנה.

די לעצטע פעסטונג.

נאָך טשאָרטקאָוו איז בוטשאַטש די מערקווירדיגסטע שטעדטעל אין גאַליציען. שוין די געאָגראַפישע לאַגע פון דער שטעדטעל איז ניט קיין געוועהנליכע. דאָס איז אַ שטיק שווייץ, וואָס איז אריינגעפאַלען צו גאַליציאַנער יודען אין די הענד. א פערברודיגטע שעהנהייט. אַבער אפילו אין די שמוץ און — אין ווינטערצייט בעצויבערט אייך די שעהנהייט פון די בערג און טאָלען, הויכע בערג און טיעפע טאָלען, פון וועלכע די שטעדטעל בעשטעהט. לאָזט איהר די געאָגראַפיע און נעהמט די היסטאָריע פון שטעדטעל — ווערט איהר אויך איבעראַשט. אין היסטאָרישען יחוס קען זיך בוטשאַטש מעסטען מיט טשאָרטקאָוו. איז טשאָרטקאָוו די וויגעלע פון גוטע יודען, שמ'ט בוטשטאַטש גראַד אלס נעסט פון זייערע ביטערסטע פיינד — מתנגדים, ביי וועמען א חסיד און דער רב איז געווען טרייף ווי חזיר און יאָגען אַ חסיד און דעם רבי'ן ביז אין טויט אריין איז געווען די גרעסטע מצוה. דער קאַמפף פון בוטשאַטשער מתנגדים מיט די ארומיגע גאַליצישע חסידים און גוטע יודען איז געווען א לאַנגער — אַ הונדערט־יאָהריגער, האָט זיין היס־טאָריע, אַ מערקווירדיגע היסטאָריע. בשעת גאַליציען איז אין גאַנצען איינגענומען געוואָרען פון די גוטע יודען, איז געווען פאַרפלייצט מיט חסידים, איז בוטשאַטש אין גאַנצען לאַנד, געווען די איינציגע פעסטונג פון די מתנגדים, מתנגדים פרינ־ציפּיעלע, פאַרביסענע, אונברחמנות'דיגע. א רב האָט ניט גע־

וואגט צו נעכטיגען אין שטעדטעל. איינער, א גוטער יוד, האט זיך געקליבען קומען אהער. האט מען איהם אנגעזאגט, אז מ'וועט איהם איבערברעכען די פיס. טאקע מיט אט די פשוטע ווערטער. דעם „בעשט" („בעל שם טוב") פלעגען זיי רופען „בעסטיע".

די בוטשאטשער מתנגדים זענען געווען גאר עפעס מאדנע, ניט ווי אומעטום, אין דער וועלט. צווישען זיי זענען נאך מיט זעכציג, זיבציג יאהר צוריק געווען משכילים, שארפע „בעלי תנך" און „בעלי לשון". נאך איצט האט מען אין גאליציען שטארק דרך ארץ פאר א „בוטשאטשער". צו דערזועלבער צייט זענען זיי געווען לומדים און מורא'דיג פרום. די פרומקייט איז געלעגען דערהויפט אין לערנען און דאוונען. דעם בוטשאטשער מתנגד'ס טאג און נאכט זענען געווען געמאסטען אויף א האר. צוויי אזייגער פאר טאג האט מען אנגעהויבען אין די שולען צו דאוונען „ותיקין". צו שחרית, צו מנחה, צו מעריב, צו קבלת-שבת האט קיינער ניט געטארט פארשפעטיגען אויף א רגע. דאסזעלבע איז געווען מיט'ן לערנען, מיט אלע דינים און מנהגים. א מוסטער פון טרוקענער, געמאסטענער, פערברענטער מתנגדות איז ר' דוד וואלף וועקסלער, וועלכער איז געשטארבען שוין עטליכע צעהנדליג יאהר. נאר בוטשאטשער יודען געדענקען נאך איהם זעהר גוט און יעדער האט צו דערצעהלען פון איהם פעק מיט מעשיות.

עס איז נויטיג צו בעמערקען, אז ווי טרייף א חסיד איז ניט געווען אין בוטשאטש, האט זיך דאך נאך פון אמאל, מיט א סך יאהרען צוריק, אריינגעגנב'עט אין שטעדטעל חסידות, אלס קאנטראבאנדע דורך שדוכים. וואס בוטשאטש האט גע-שלאסען מיט אנדערע שטעדטלאך. ווייל ארום איז דאך אלץ געווען חסידיש, האט מען ניט געקענט אויסמיידען, אז ס'זאל זיך ניט אריינכאפען אין שטעדטעל א חסיד אין דער געשטאלט פון אן איידעם. אמאל איז אפילו געווען אין בוטשאטש א רב — א גוטער יוד, א צדיק. ווי אזוי דאס איז געשעהן, קען קיינער ביז היינטיגען טאג ניט ערקלערן. ס'פארשטעהט זיך: דער „צדיק" איז געווען א באהאלטענער. דאוונען אין שול חסידישען

נוסח האָט ער ניט געטאַרט. האַלטען אַ טיש, זאָגען תורה, צו־נעהמען חסידים — חס וחלילה! אז אַט דער צדיק איז גע־שטאָרבען האָבען זיינע בוטשאַטשער באַהאַלטענע חסידים אויפגעמויערט אַן „אוהל“, אַ שטיבעל הייסט דאָס, ביי נאַכט. איבער איין נאַכט איז זי געוואָרען פאַרטיג. קיינער אין שטעד־טעל האָט ניט געוואוסט וואָס, ווען, ווער. וואָלטען זיי געמויערט די שטיבעל ביי טאָג, וואָלט מען זיי מיט די ציגעל צופּלעטט די מוחות. וואָלט מען אין שטעדטעל געוואוסט — ווער, וואָלט מען זיי אַרויסגעיאָגט פון בוטשאַטש דעמזעלבינגען טאָג.

פונדעסטוועגען האָט זיך ביסלעכווייז, ביסלעכווייז געיאָוועט אין בוטשאַטש אַ הייפעלע חסידים, וואָס האָבען זיך שוין מיט דער צייט דערוועגט ווייזען זיך שבת אין גאַס אין אַ שטריימעל און האָבען אַן אייגענע שטיבעל. שטעדטעל האָט די ערשטע חסידים גערופען „לצים“ און זייער שטיבעל רופט זיך נאָך היינט, „לצים־שטיבעל“. אָבער אפילו די חסידים, די בוטשאַ־טשער, זענען אויך געווען גאָר ניט קיין געוועהנליכע. זיי האָבען זיך צוטיילט אין צוויי מינים. איין סאָרט חסידים האָט גערא־ווענט „נוסח ספרד“ און צום רבי'ן ניט געפאָהרען. אַ צווייטער האָט געהאַלטען פון רבי'ן אויך. דער ערשטער מין חסידים זע־נען געווען פשוטע אפּיקורסים. וועגען איינעם פון זיי, בערוש האָפמאַן, דערצעהלען בוטשאַטשער יודען, אַז ער איז אַמאָל גע־קומען יום כפור אין חסידישער שטיבעל אין זיין שטריימעל. אַ שכן איז צוגעגאַנגען צו איהם און זאָגט: ר' בערוש, עפּעס שמעקט פון אייך אַזוי ווי רויך. ר' בערוש האָט איהם דערויף געענטפערט: אַז איך עס אָב, מוז איך פאַרויכערן. פון אַ צוויי־טען, זישע מאַנדעל, דערצעהלען די בוטשאַטשער, אַז ביי איהם איז שוין געווען אַזאַ מנהג: שבת פאַררויכערן די ליולקע, אָנ־טאָן די שטריימעל און זעצען זיך אין פענסטער פאַרריכטען די הויזען.

ביי אַלעם דעם האָט אַ בוטשאַטשער יוד ביז מיט אַ יאָהר 20 צוריק מורא געהאַט צושיקען די קינדער אין דער שולע. דער ערשטער איז געווען אַ קצב, וואָס האָט זיך דערוועגט זיינע זיהן אבצוגעבען אין דער שולע. היינט זענען זיי, — דעם קצב'ס

זיהו, — גרויסע דאָקטוירים.

דאָס מערקווירדיגסטע איז, אז גראָד היי יאָהר*) איז נע־פאַלען די מתנגדישע פעסטונג. בוטשאַטש, וואָס האָט העכער ווי הונדערט יאָהר אויסגעהאַלטען דעם קאַמפף געגען דעם דראַנג פון חסידות, איז געפאַלען א קרבן, איינגענומען געוואָ־רען פון די חסידים. היינט איז אין בוטשאַטש א רב א חסידי־שער ד ע ר קאַנדידאַט, וועמען דער טשאָרטקאָווער רבי האָט דיקטירט. אמת דאָס האָט געקאָסט 2000 גולדען „לאַפּקע" דעם מתנגדישען קולטוס־פאַרשטעהער, אָבער פון היי יאָהר אָן האָט שוין בוטשאַטש פאַרלאָרען איהר היסטאָרישע גרויסקייט. בוטשאַטש איז, ווי אַלע שטעדטלאַך אין גאַליציען, געוואָרען א נעסט פון חסידות, א שפּייז־קאַמער פאַר גוטע יודען.

בוטשאַטש צייכענט זיך אויס מיט נאָך א שטריך, וואָס מיר בעמערקען אומעטום אין גאַליצישע שטעדטלאַך, אָבער ערגעץ טרעט דאָס ניט ארויס אזוי בולט פאַר'ן אויג ווי דאָ.

דאָס איז די מ ש פ ח ה ־ ק ר ע נ ק.

פון פיער שטראַפען ליידט גאַליציען מעהר ווי אַלע לענ־דער אין אייראָפּא: פון הונגער, פון טיפוס, פון אזיאַטישע כאָ־לערא און פון — משפחה־קרענק. אין יעדער שטעדטעל הערשט א משפחה — א יחסנ'טע. אין מאָנאַסטרוטש זענען דאָס די סאַפרינס; אין סטאַניסלאַוו — די האַלפּערינס; אין בי־טשוטש — די ש ט ע ר נ ס. ווער איז אין ביטשוטש בירגער־מייסטער (סיטי מעיאָר) — א שטערן! ווער איז קולטוס־פאַר־שטעהער? — א שטערן! גבאי אין שול? ווייטער א שטערן! רב אין שטעדטעל — ווידער א שטערן! דאָקטאָר, סעקרע־טאַר פון דער געמיינדע, פּראָפּינאַטאָר, (דער וואָס האָט דאָס איינציגע רעכט צו פערקויפען בראַנפען) — אַלץ א שטערן, א שטערן, א שטערן... די הערשאַפט פון די שטערנס דויערט שוין דאָ פון דור דורות, העכער ווי הונדערט יאָהר. די שטערנס זענען פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. נאָר דאָ, אין בו־טשאַטש, איז זייער נעסט. די שטערנס האָבען זייער היסטאָ־

*) געשריבען אין 1913.

ריע, זייערע לעגענדעס אפילו. זייער שטאַמפּאַטער האָט גע־
הייסען יענקיל שטערן. לויט ווי דער היסטאָריקער פון שטעד־
טעל — נאַטירליך, אויך א שטערן — האָט מיר ערקלערט, איז
זיין עלטער־עלטער־זיידע געקומען אהער פון פוויזען. איהם האָט
אראָבגעבראכט דער דוכס (דוקעס) דער גראף פּאָטאָצקי, צו
ווערען דאָס שטעדטעל האָט בעלאַנגט. יענקעל שטערן איז געווען
ביין גראף פערוואלטער פון זיינע פינאַנצען. ער איז געווען פון
די ערשטע יודען, אויב ניט דער ערשטער יוד אין שטעדטעל.
שפּעטער, אז אין בוטשאַטש איז געוואָרען א היבשע יודישע גע־
מיינדע, איז יענקל שטערן, אלץ פינאַנץ־מיניסטער פונ'ם דוכס,
געווען פיהרער און, — ווייל ער איז געווען א גרויסער בעל דעה
ביין פריץ — פאקטיש דער הערשער איבער דער יודישער גע־
מיינדע. גאָט האָט געבענשט די שטערנס מיט רייכקייט און
גרויס פרוכטפּערקייט. באַטש בוטשאַטש האָט פארזייט מיט
שטערנס די גאַנצע וועלט, איז פונדעסטוועגען אין בוטשאַטש
גופא אויך געבליבען פון זיי א סך. שטעדטעל איז שוין לאַנג
ארויס פון די פּאָטאָצקעס הערשאַפט. אבער ניט פון די שטערנס.
צו זיי בעלאַנגען העלפט מויערן, די רייכסטע געשעפטען, די
שענסטע „שטעדט" אין אלע מזרח־ווענד פון אלע שולען. זיי האָט
אויך צו פערדאַנקען בוטשאַטש דערמיט, וואָס זי איז הונדערט
יאָהר נאָכאַנאַנד געווען א פעסטונג פון מתנגדות. ווייל, ווי מעכ־
טיג די חסידים זענען ניט געווען אין גאַליציען, האָבען זיי ניט
געקענט איינבערעכען די הונדערט־יעהריגע אייזערנע מאכט פון
די שטערנס. און די פעסטונג וואָלט נאָך איצט אפשר ניט גע־
פאַלען, ווען ניט דער פערראַט פון דיזעלבע שטערנס. ווארום,
ווי דער לעזער ווייס, האָט דער פרעזעס פון דער קולטוס־גע־
מיינדע — א שטערן — גענומען ביי די חסידים „לאַפּקע" צוויי
טויזענד גולדען. דער דאָזיגער שטערן, אגב געדערדט, זיצט
שוין אויף זיין פרעזעס־שטוהל ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי
35 יאָהר! געוועהלט ווערט ער אלע דריי יאָהר „איינשטימיג"
ד. ה. פאקטיש, בלויז מיט זיין איין שטימע און דערמיט, וואָס
קיינער אין שטעדטעל וואגט ניט צו געהן געגען דער „משפחה".
די „משפחה" איז שטארק, ווי געזאָגט, מיט זייער רייכ־

קיין און זייער אחדות. וואו א שטערן זאל ניט זיין: אין אמעריקא, אין פראנקרייך, אין דייטשלאנד, אין רומעניע, אין עגיפטען, — פון אומעטום איז ער פערבונדען מיט׳ן צענטער — מיט בוטשאטש. דעם פאריגען יאהר האבען אלע שטערנס פון דער גאנצער וועלט זיך ארגאניזירט אין איין משפחה — פעראיין. יעדער פון די שטערנס-מיטגליעדער צאהלט ניט וועניגער פון 1 קראנע מאנאטליך. פאר׳ן פאריגען יאהר 1913 האבען זיי, לויט ווי איין היסטאריקער דערצעהלט, 4100 קראנען געזאמעלט. דאס געלד געהט אויף צו שטיצען ארימע פאמיליאנטען. היי יאהר רעכענען זיי אויפצורופען אין בוטשאטש א שטערן-קאנפערענץ.

די מאראלישע פיזיאנאמיע פון די שטערנס איז ניט קיין אי-אי. דער אויבען דערמאהנטער בירגער-מייסטער — בערוש שטערן, וואס זיצט אויף זיין בירגער-מייסטער-שטוהל 35 יאהר נאכאנאנד און איז צו דערזעלבער צייט אויך אבגעארדענטער אין רייכסאטג, רייסט פון לעבעדיגע און פון טויטע, רואינירט די שטעדטעל. זיין קאנדידאטור ווערט שטענדיג אונטערשטיצט פון דער פוילישער שלאכטע, וויל ער איז איהר געהארזאמער דינער. אזוינע יודישע אבגעארדענטע און בירגער-מייסטערס — בלינדע געוועהר אין די הענד פון די פריצים — בעמערקען מיר אפט אין גאליציען. נאר בוטשאטש צייכענט זיך דערמיט וויעדער אוים געגען אנדערע שטעדטלאך. ערגעץ האט די טרויעריגע ערשיינונג ניט אנגענומען אזא העסליכען פנים, ווי דא.

ניט קוקענדיג אויף איהר יחוס׳דיגער פערגאנגענהייט בעלאנגט בוטשאטש צו די ארימסטע און קולטורעל-נידעריגסטע שטעדטלאך אין גאליציען. עס עקזיסטירט דא א ציוניסטישער און א סאציאליסטישער פעראיין, נאר ביידע זענען וועניג אין שטאנד צו מאכען אביסעל ליבטיגער אין שטעדטעל. די ארבייטער-בעוועגונג האט דא דורכגעמאכט א שווערען קאמפף. א דאנק איהר איז דער ארבייטס לוין געשטיגען פון 4-6 רייניש א וואך אמאל אויף 10-11 רייניש (גולדען) איצט. און די ארבייטס-צייט פערקירצט פון אמאליגען „עבודת פרך" ווען מ׳האט געארבייט פון א בליאסק אויף טאג ביז 11 אזייגער אין דער נאכט,

ד. ה. 18־16 שעה אין מעת לעת אויף צעהן א האלב שעה. דאס העלפט אבער גארנישט. ס'איז ניטא וואס צו טאן. זעלנער, מעק־לעריי, קליינהאנדעל, גוי'אישער וואכער — דאס זענען היגע יו־דעשע פרנסות. אלץ, וואס איז ענערגישער, טיכטיגער אין דער יוגענד צולייפט זיך, עמיגרירט. א אינטערעסאנטע ערשיינונג איז דא, וואס איז ערגעץ ניט צו בעמערקען אין קיין יודישע שטעדטעל: קיין יודישע שוסטער זענען לחלוטין ניטא. דער גאנ־צער שוסטער־פאך ליגט ביי גויים אין די הענד. די קריסטליכע שוסטער האבען דערהאלטען זייער צעך אין דער פארם, ווי עס געווען מיט הונדערטער יאהרען צוריק. שוסטעריי איז ניט בלויז ביי זיי א פריווילעגיע נאר א גרויסער יחוס. די שוסטער זענען די יחסנים פון שטעדטעל. זיי זענען די גבאים אין די קלויסטערס, די בעלי דעה'ס אין שטאדטיגע. אז א קריסט א בעל הבית אר־בייט זיך ארויף און וויל האבען כבוד קויפט ער זיך איין פאר אן עהרענמיטגליעד אין שוסטערשען צעך.

א „מערקווירדיגקייט" פון'ם 20טען יאהרהונדערט איז אויך די בוטשאטשער יודישע באד. א טיפ פון א מרחץ אין א פארוואָרפען יודיש שטעדטעל מיט א פאר הונדערט יאהר צוריק. אין עטליכע יאהר ארום וועט דער מרחץ געווים חרוב ווערען. איך וויל איהם ראטעווען פון פערגעסענהייט און געבען פון איהם כאטש א קורצען בילד. שטעלט זיך פאר א גרויסע פינ־סטערע שטוב, די וועגד שווארץ פון שימעל און פון פארע. אין איין זייט א רייהע לאנגע טרעפ — דער פאל; אין דער אנדער זייט — א קעסעל מיט הייסע וואסער. היינט איז דאנערשטאג, ערב שבת — האט מען געהייצט די באד. אויף קאלטע וואסער איז ניטא קיין ברונען, קיין קעסעל, קיין קראן. די באד שטעהט ווי אלע הייזער, אויף א בארג־ארויף. צווישען די בערג לויפען ערטער וויין שטראמען און בילדען שענע וואסער־פאלען. האט די באד ארייגעפאקט מיט פארשיידענע אלטפרענקישע טריקס, א שטויגער, ווי א הילצערנער רינשטאק, אזא שטראם, און צאפט פון איהם קאלטע וואסער, פשוט און לייכט. ווייל מ'הייצט היינט די באד אויף מארגען, איז דא היינט ווארים. און אזוי ווי ביי דער בעדערקע אין קאמער (טאקע דא דערביי) איז קאלט,

האט זי זיך מיט דער גאנצער געזינד אריינגעקליבען אין באד. שטעלט זיך פאר אייך פאר אזא מין קארטינע: דארטען, אויף די שוויץ־טרעפ זיצט זיך געמיטליך דער מרחץ־גוי, רויכערט זיין לולקע און פייפט פון גרוים הנאה, אנטקעגען אונטען ליגט זיך בהרחבה׳דיג זיין הונד און גיט פון צייט צו צייט א קוויטש, מיט וואס ער אקאמפאנירט זיין באלעבאס פייפען. ווייטער אבי־סעל, נעהענטער צום הייסען קעסעל זיצען דער בעדערקעס צוויי מיידלאך, פארטיפט אין א פוילישען ביכעל. זיי זענען היינט־וועלטיגע. ביי דער אנטקעגענגדיגער וואנד, אויף א ברעט, וואס איז איבער געווארפען אויף צוויי שעפלאך, זיצט די בעדערקע מיט נאך א וויבעל, א שכנה א פנים, שטריקען א זאק, שמועס׳ן געמיטליך צווישען זיך און האבען א פנים, שטארק הנאה פון דער פארע און דער ווארימקייט. הינטער די ווייבער, וואשט זיך א מאנספערשוין אין א „וואנע", ד. ה. אין א לאנגען צובער, קוים פארשטעלט מיט א פאר נידעריגע, שווארצע האלבע ווענט־לאך. דער מרחץ־גוי האט אריינגעגאסען דא, אין צובער א שע־פעל (א מין הויכען עמער, אונטען ברייט און אויבען שמאל) קאלטע און א שעפעל הייסע וואסער, אוועקגעשטעלט לעבען צובער נאך צוויי שעפלאך מיט קאלטע און ווארימע וואסער, אוועקגעלעגט דערביי אויף א צעבראכען בענקעל, אן אויפגע־טרענטען זאק, וואס דארף דיענען פאר א ליילאך און — די „וואנע" איז פארטיג.

די באד הייצט מען צוויי מאל א וואך. דינסטאג פאר ווײי־בער און דאנערשטאג אויף פרייטאג — פאר מאנסביל. דער צו־בער אין ווינקעל — דאס איז די איינציגע „וואנע" אין שטעד־טעל.

ווי אזוי ראטשילד איז אן עושר געווארען?

(א לעגענדע פונ'ם טשארטקאווער פנקס)

דער טשארטקאווער פנקס איז איינער פון די אינטערעסאנטעסטע פנקס'ן, וואס זענען נאך, צום גליק, ביי אונז איבערגעבליבען. איך האב דעם פנקס געהאלטען אין האנד. צו בעקומען איהם איז מיר שווער אנגעקומען. ער געפינט זיך ביים איצטיגען טשארטקאווער רבי'ן. איך האב געברויכט א סך השתדלות, ביז איך האב גע'פועלט דורך שטארקע פראטעקציע, טאקי פונ'ם רבי'ס טאכטער חוה'לע אליין, אז דער רבי, איהר טאטע, זאל מיר ערלויבען אריינקוקען אין פנקס.

א סך אינטערעסאנטע זאכען האב איך דארט געפונען. נאר, צום בעדויערן, זענען פונ'ם פנקס ניט ווייניג וויכטיגע בלעטער אויסגעריסען געווארען.

צווישען די אויסגעריסענע בלעטער איז אויך געווען די מעשה: מיט וואס האט ראטשילד זוכה געווען צו זיין אזא כ'עושר? דערפאר אבער לעבט די לעגענדע אין מויל פון טויזענדער טשארטקאווער חסידים, וואס דערציילען איהר אינ'ם נאמען פונ'ם אלטען טשארטקאווער, זכרונו לברכה, ווי אויך פון זיין זוהן דעם איצטיגען טשארטקאווער רבי, ר' ישראלניו, זאל לעבען. זיי ווידער — אי דער אלטער פארשטארבענער רבי אי זיין זוהן, דער איצטיגער, האבען עס דערצעהלט אינ'ם נאמען פונ'ם פנקס. אז די מעשה איז ווירקליך אין פנקס געשטאנען האבען מיר קיין שום גרונד זיי ניט צו גלויבען. ווארום דער

פנקס איז דאך ביי זיי אין האנד געווען און געפינט זיך נאך איצט אינ׳ם רבי׳ס ביבליאטעק. און דער רבי האלט איהם טייער, ווי די אויג. די אויסגעריסענע בלעטער זענען, מסתמא, אריין אלס מאטעריאל אין די ספרים, וואס חסידישע מעשיות־זאמלער האבען געדרוקט וועגען דעם בעריהמטען טשארטקאווער רב, רבי הערשעלע און זיין נאך מעהר בעריהמטען זוהן ר׳ שמעלקע, אונטער דעם נאמען „שמן הטוב“. איך האב טאקע אין דעם דאזיגען ספר געטראפען עטליכע זאכען פונ׳ם טשארטקאווער פנקס ארויסגענומען. די זאכען האב איך אין סאמע פנקס ניט געפונען. איז ביי מיר קיין ספק ניט, אז די בלעטער וואס פעהלען אין פנקס, זענען אויסגעריסען געווארען פון ד י, וואס האבען דעם דערמאהנטען ספר פארפאסט. אין דעם דאזיגען ספר האב איך אויך די לעגענדע פון ראטשילד׳ס עשירות געפונען. נאר דארט איז זי געבראכט פארבייגעהענדיג און פארקירצט. איך גיב דא איבער די לעגענדע אויף דעם גרונד פון ביידע קוועלען: די געשריבענע און די מינדליכע, ווי עס האבען מיר איבערגעגעבען אין טשארטקאוו בעגלייבטע מענשען אין דעם נאמען פון ביידע טשארטקאווער רביי׳אים.

אט וואס די לעגענדע דערצעהלט:

ר׳ מאיר אנשיל, דער שטאמפאטער פון דער פאמיליע ראטשילד, איז געווען א טשארטקאווער יוד. אין די יונגע יאהרען האט ער געהייסען פשוט: מאיר אנשיל און איז געווען א משרת ביי ר׳ הערשעלען, דעם טשארטקאווער רב. ער איז דאמאלס נאך געווען א בחור.

דערנאך האט מאיר אנשיל חתונה געהאט פון א קליין שטעדטעל סניאטין, ביי טשארטקאוו. צי איז איהם מאוס געווארען די שטעל פון א כלי קודש, אדער ער האט בעקומען עטליכע רייניש (גולדען) נדן און גלאט חשק געהאט צו מסחר — קורץ ער איז אוועק פונ׳ם רבי׳ן און געמאכט א קרעמיל אין סניאטין.

מאיר אנשיל האט א פנים צו האנדעל מעהר געטויגט, ווי צו דעם אמט פון א שמש ביין רב. ווארום אין א קורצע צייט האט זיך אין טשארטקאוו פארשפרייט קלאנגען, אז ,דעם רבי׳ס

משרת מאכט פון זיין קרעמיל גאנץ גוט.

אין דער צווישעז־צייט האט געטראפען ביים רבי'ן ר' הער־שעלע אזא סבה: ערב פסח איז דער רב אומגעגאנגען מיט דער הילצערנער לעפעל און מיט די פאר פעדערן, ווי דער דין און דער מנהג איז, אויסראמען דעם חמץ פון אלע ווינקעלאך. נאכדעם, ווי ער איז פארטיג געווארען מיט אלע אפענע און באהאלטענע ווינקלאך, שפאלטען און לעכער, האט ער אויך ארייגעקוקט, ווי אלע ערב פסח, צו „בדיקת חמץ", אין דעם טישקעסטעל פון זיין טיש, ביי וועלכען ער איז געזעסען און געלערנט. צו זיין גרויסער פרייד האט דער רב דארט געפונען אלץ כשר און ריין — קיין איין ברעקעל חמץ האט זיך ניט פארוואלגערט. אבער צו רב הערשעלעס נאך גרעסערען שטוינען און פארדראס האט זיך אין דעם טיש־קעסטעל ניט געפונען מעהר די בייטעלע מיט די 500 דוקאטען (רענדלאך), וואס ער האט דארט געהאלטען.

וואלט די בייטעלע מיט די 500 דוקאטען געווען זיינע, רבי הערשעלעס, וואלט דער רב אפשר קיין פיעל צער ניט געהאט. ווארום רבי הערשעלע האט באלאנגט צו יענע רבנים, וואס האבען בטבע ניט ליב קיין געלד. דאס געלד איז אבער פרעמדס, שלישית־געלדען, אבשפארענעסען פון ארימע לייט, נדן'ס פון יתומים און יתומות, ביי ועמען נאך פון גאר אמאל אן, דעם רב'ס טישקעסטעל, איז די זיכערסטע אייזערנע קאסע. אט די אלע געלדען די טרייסט און האפנונגען פון צעהנדליגע און אפשר הונדערטער ארימע לייט זענען איצט פארשוואונדען געווארען פון זיין קעסטעל. וואס וועט זיין איצט מיט אלע טשארט־קאווער ארימע לייט? וואס וועט ער זאגען די אלע, וואס האבען איהם, זייער רב, פארטרויט זייער האב און גוטס?

אט פאר וואס רבי הערשעלע האט זיך שטארק מצער געווען, ווען ער האט א קוק געטאן, אז דאס טישקעסטעל איז פוסט.

ביים רבי'ן אין שטוב איז געווארען א רעש. מ'האט גענומען קלערען: ווער האט עס געקענט טאן? וועמען קען מען חושד זיין?

נאך א סך קלערען האט מען זיך דערמאהנט אן מאיר אנש־לען, וועלכער איז מיט א האלב יאהר צוריק אוועק. פון אן

אַרימען משרת איז ער געוואָרען אַ קרעמער און לייט זאָגען, אַז ער מאַכט גוט, האָט געלד.

בשעת מאיר אַנשיל איז געווען אַ משרת ביים רב, האָט מען, בכלל, וועגען איהם ווייניג געקלערט. וואָס קען מען קלערן וועגען אַ משרת? אַז ער איז אַוועק האָט מען גענומען אַן אַנ־דער משרת. קנאַפּ אַרימע בחורים איז דאָ אין אַ יודיש שטעדטעל? אַ רב איז נאָך חלילה קיין מאָל ניט געבליבען אָהן אַ משרת. איז מאיר אַנשיל געווען אַן עהרליכער מאַן, צי ניט? די פראַגע איז כלל קיין פראַגע ניט געווען. וואָרום וועלכער משרת וועט זיך דאָס ערלויבען צו גנב׳ענען עפּעס ביי אַ רב? בפרט ביי רבי הערשעלען, וואָס איז געווען אַזאַ צדיק און געווען בעריהמט ניט בלויז אין טשאַרטקאָוו, נאָר ווייט אַרום, פאַר אַ בעל מופת און אַ הייליגען מאַן. אגב: וואָס האָט מען געקענט נעהמען ביים רב אַ חוץ זיין אַלטען קאַפּטען, די הילצערנע לעפעל און צינערנע טעלער?

קורץ: עס איז ביז איצט קיין שום גרונד ניט געווען צו קלערן וועגען מאיר אַנשיל, ניט צום גוטען, ניט צום שלעכטען. האָט דער רבי און די רעבעצן דערהערט, אַז זייער געוועזענעם משרת האָט גאָט מצליח געווען און ער האָט פּרנסה — מהיכא תיתא! האָט זיי הנאה געטאָן. וואָרום, אַז דער אויבערשטער וויל קען ער אַלעמען געבען, און וועמען ער גיט — יענער מסתמא איז ווערט.

איצט איז אָבער פּלוצלונג געוואָרען אַ קשיא? פון וואַנען קומט צו מאיר אַנשלען אַזוי גיך געלד און הצלחה? דער רב האָט זיך דערמאָהנט, אַז פון פאַר מאיר אַנשיל׳ס אַוועקגעהן ביז׳ן „בדיקת חמץ” האָט ער אין קעסטעל ניט אַריינגעקוקט. קיינער האָט קיין געלד ניט געבראַכט פאַר דער צייט.

און דער חשד איז אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געוואָרען אויף מאיר אַנשלען. וועה געטאָן האָט רבי הערשעלען זעהר די האַרץ חושד צו זיין אַ יודען. אָבער קיין אַנדערער, אַ חוץ דעם משרת, האָט דאָך ביי׳ן רבי׳ן אין חדר קיין איינגאַנג ניט גע־האַט. קיין שום מענש איז ניט געווען, אויף וועמען מ׳האָט געקענט קלערען. וואָלט דאָס געווען זיין אייגען געלד, וואָלט ער

געוויס א יודען ניט חושד געווען. „ר' נתן ור' לקח" — גאט האט געגעבען און גאט האט גענומען. אבער: ווי וועט ער קענען צוזעהן די טרערען און יאמערן פון ארימע יודען, פון יתומים און אלמנות?...

און מיט זעהר א שווער הארץ לאזט זיך רבי הערשעלע אין סניאטין, אין דער דערבייאיגער שטעדטעל, וואו מאיר אנשיל האט געוואוינט. ער האט קיינעם אין שטאדט קיין מעשה ניט דערצעהלט. איידער ער וועט זיך אליין דערוויסען און איבער־צייגען טאר מען דאך חלילה ניט מוציא שם זיין צום שלעכטען אויף א יודען.

מאיר אנשיל איז געווארען מארנע איבערראשט, ווען ער האט דערזעהן ביי זיך זיין רבי'ן. ער האט זיינע אויגען ניט געגלויבט: ווי קומט צו איהם אזא זכיה, אז דער רבי זאל קומען צו איהם! ער האט גאר ניט געוואוסט, וואס צו טאן איבער'ן רבי'ן.

אין גיכען איז אבער זיין שמחה פערשטערט געווארען, ווען ער האט בעמערקט אויף דעם רבינס פנים און אין זיין ריידען א גרויסע אונרוהיגקייט. ביסלעכווייז, ביסלעכווייז איז איהם קלאר געווארען: וואס האט געבראכט דעם רבי'ן צו איהם, צו מאיר אנשעל דעם משרת...

מאיר אנשעל איז בלאס געווארען אויף אן אויגענבליק און האט אין פלוג גאר נישט געענטפערט. ער האט געבעטען דעם רבי'ן זיצען א ווייל. ער וועט באלד אריינקומען. דער רבי זאל גאר קיין צער ניט האבען. ער וועט דאס געלד אבגעבען...

א פאר שעה האט רבי הערשעלע געמוזט ווארטען. ענדליך איז מאיר אנשעל געקומען.

— רבי — זאגט ער — נאט אייך דערווייל צוויי הונדערט דוקאטען. די איבריגע וועל איך אייך אבשיקען ביסלעכווייז. אבער זייט רוהיג. איהר וועט בעקומען דאס געלד אין גאנצען.

רבי הערשעלע איז אוועק מיט א פיעל דערלייכטערטען גע־מיט. א יוד בלייבט א יוד... א בייזע שעה געווען... א נארישקייט געטאן... אבער אין דעם ארט וואו בעלי תשובות שטעהען קען קיין צדיק גאר ניט שטעהן... ער וועט געוויס אבגעבען דאס איב־

ריגע. נאָר בעזונדער האָט איהם געפרעהט דאָס הארץ פאַר די יתומים און אלמנות.

מאיר אַנשעל האָט געהאַלטען וואָרט: ער האָט אָבגעשיקט ביסלעכווייז די איבריגע דריי הונדערט דוקאַטען.

עס זענען אַוועק אַ יאָהר, אָדער צוויי. די גאַנצע מעשה איז כמעט שוין פאַרגעסען געוואָרען. פלוצלונג, אין אַ שענעם, אָדער געוועהנליכען פריהמאָרגען קומט צום רב רבי הערשעלען אַ רייטער פונ'ם „וואָיעוואָדאַ" און פערלאַנגט, אז דער רב זאָל מיט איהם שוין פאָהרען צום פריץ. ער דאַרף איהם עקסטראַ נויטיג.

דער רב האָט זיך דערשראָקען. גאַנץ שטעדטעל איז אויך שטאַרק אונרוהיג געוואָרען. מסתמא שמעקט שוין מיט אַ גזרה, מיט אַ בלבול. מ'האָט אָבער גאָר נישט געקאָנט העלפען. אז דער פריץ רופט, מוז מען פאָלגען. קהל האָט געדונגען דעם רב אַ פוהר און בעגלייט איהם מיט ברכות, אז דער אויבערשטער זאָל אָבהיטען איהם און כלל ישראל פון שלעכטס.

רב הערשעלע איז אַוועקגעפאָהרען צום „וואָיעוואָדאַ" אין בעגלייטונג פון רייטער, און אידען האָבען זיך געזעצט אין די שולען זאָגען תהילים.

געגען רב הערשעלעס ערוואַרטונג האָט דער פריץ איהם פריינדליך אויפגענומען. נאָר זיין שרעק איז געוואָרען נאָך גרעסער, ווען דער וואָיעוואָדאַ האָט איהם געפרעגט: צי האָט מען ביי איהם מיט אַ צייט צוריק ניט גענגב'עט פינף הונדערט דוקאַטען? און פון וואַנען קומט צו איהם, צו אַן אָרימען רב, אַזוי פיעל געלד?

דער רב האָט דערצעהלט דעם פריץ די מעשה, אָבער ניט אין גאַנצען. דאָס געלד איז געווען שטעדטעלדיגע — פון שלישות'ען, פון אָבשפאָרענסען. און נאָך אַזוינע איינלעגעניסען. צו גענגב'עט האָט מען עס טאַקע, אָבער ווער וויים קיינער ניט.

ער האָט ניט געוואָלט ארויסגעבען מאיר אַנשלען דעם פריץ. למאי מאַכען אַ אידען אַ שלעכטען שם? בפרט, אז ער האָט אָבצאָהלט ביז אַ פרוטה.

דער פריץ איז ארויס, און אין אַ ווייל'ע אַרום — ארייַן צוריק, טראָגענדיג אַ ביטעל מיט גאָלדענע דוקאַטען אין האַנד און

אויסגעשאָטען די דוקאַטען אויפ׳ן טיש פאַר רבי הערשעלען אין די אויגען.

דער רב איז אַז ערשטוינטער געבליבען. דאָס איז זיין בייטעלע מיט די דוקאַטען... וואָס איז דאָס אַזוינס ?... ווי קומט דאָס בייטעלע צום פריץ ?... און די דוקאַטען ?... און מאיר אַנשעל ?...

— דאָס איז דיין בייטעל, פּאַני ראַבין ? — האָט דער וואָיעוואָדאַ געזאָגט, — דערקענסט ?... נאַ, נעהם דיין געלד... די גנבה האָט זיך אָבגעזוכט... נאָר דריי דוקאַטען האָט דער גנב צייט געהאַט אויסצוגעבען. די איבריגע 497 גאָלדענע מטבעות זענען גאַנץ. נעהם דאָס געלד און פאָהר אַהיים.

רבי הערשעלע האָט פון שטוינונג גאָר ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען. דאָס געלד איז געבליבען ליגען אויפ׳ן טיש. ער האָט זיך דערצו ניט צוגעריהרט. אין עטליכע מינוט אַרום, אַז ער איז געקומען צו זיך, האָט ער, שטאַמלענדיג, געפרעגט ביים פריץ: וואָס איז דאָס פאַר אַ רעטענים ?

דער פריץ האָט געהייסען אַריינפיהרען אין זאַל אַ פויער און אַ פויערטע. ווי די פויערטע האָט דערזעהן דעם רב, איז זי איהם געפאַלען צו די פיס מיט אַ געוויין, ער זאָל איהר מוחל זיין, דער פויער האָט געטאָן דאָס זעלבע.

די מעשה האָט זיך באַלד דערקלערט.

די פויערטע איז געווען די גוי׳ע וואָס האָט אויפגעראַמט ביים רב אין שטוב יענעם ערב פּסח, ווען דאָס געלד איז פאַרפאַלען געוואָרען. רייניגענדיג ביים רב אין חדר, האָט זי געפונען די טיש־קעסטעל אָפען און אין טישקעסטעל דאָס בייטעלע מיט די דוקאַטען. זי האָט געוואוינט אין אַ דערבייאיגען דאָרף. האָט זי אַוועקגעטראָגען דאָס געלד צום מאַן. יענער האָט עס בעהאַלטען אַ לענגערע צייט. ענדליך האָט ער ניט אויסגעהאַלטען: אַוועקגעטראָגען איין דוקאַט צום קרעטשמער פון דאָרף און פאַרשכורט. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט איהם געפונען. אין אַ פּאָר טעג אַרום — אַ צווייטען. ווען ער האָט עטליכע טעג שפּעטער געבראַכט אין קרעטשמע אַ דריטען דוקאַט, איז שוין די זאַך געוואָרען פאַרדעכטיג. מ׳האָט איהם פאַרנומען און געבראַכט צום

פריץ, בעקומענדיג א פארציע שמיץ האט ער זיך מודה געווען און געוויזען, וואו דאס בייטעלע מיט די דוקאטען ליגען.

די מעשה איז באלד בעוואוסט געווארען אין גאנץ שטעדטעל. איצט האט רב הערשעלע ניט געהאלטען פאר נויטיג צו פארבארגען עפעס. ער איז באלד ווידער אוועק אין סניאטין צו מאיר אנשלען, האט איהם אבגעגעבען די פינף הונדערט דוקאטען, און געפרעגט: פאר וואס האט ער אויף זיך גענומען די שולד און וואו האט ער גענומען דאס געלד צו באצאהלען די גנבה, וואס אן אנדערער האט געגנב'עט?

— איך האב געזעהן — האט מאיר אנשעל געענטפערט, אז דער רבי איז זיך שטארק מצער און האב רחמנות געהאט אויף די ארימע לייט... האב איך פארקויפט און פאר'משכונט מיינע גאנצע בעל־הבתישקייט און געליהען ביי וועמען איך האב געקענט אין שטעדטעל, ביז איך האב געקראגען די סומע צוויי הונדערט דוקאטען. דערנאך האב איך מקצר געווען מיין הוצאה, און דער אויבערשטער האט מיר געהאלפען — איך האב געקענט אייך אויסצאהלען דאס איבריגע...

— מאיר אנשעל! — האט רבי הערשעל געזאגט, זעגענענדיג זיך מיט זיין אמאליגען משרת הארציג און התלהבות'דיג, — מאיר אנשעל! ביזט א יקר א יוד!... זיי געזונד! דער אויבערשטער זאל דיר געבען ברכה און הצלחה אין אלץ, וואס דו וועסט טאן... דיר און דיינע קינדער און קינדס־קינדער...

און רבי הערשעלע'ס ברכה איז מקוים געווארען...

דער לעצטער „דבוק".

נאָך קיינמאָל, קיין מאָל האָט לאַשקאָוויץ*) ניט איבער־געלעבט דאָס, וואָס זי האָט איבערגעלעבט יענעם יום כפור.

אין שול האָט מען געהאַלטען ביים ענדיגען מוסף. נאָר דער עולם איז זיך שוין לאַנג צולאָפען און אין שול זענען איבערגע־בליבען נאָר די אַלטע, די פרומע יודען. אין איין ווינקעל ביים אָרון קודש איז געשטאַנען אין טלית און קיטעל דער לאַשקעוויר־צער רבי, חער לעצטער צווייג פון ר' מאיר פרימישליאַנער'ס גזע. ער האָט מיט גרויסע דבקות מתפלל געווען צו גאָט, גערופען דעם זכות פון זיין היילינגען זיידען, דעם צדיק רבי מאיר'ל פריי־מישליאַנער, ער זאָל איהם ביישטעהן.

אין דרויסען, אויפ'ן גרויסען פלאַץ הינטער בית המדרש האָט שוין לאַנג געברויזט, ווי פון כוואַליעס אין ים. הונדערטע מענשען, צונויפגעפאָהרענע פון טשאַרטקאָוו, בוטשאַטש, אָטעני, פון פראַשעווע, אפילו פון סאַמע טאַרנאָפאָל זענען געקומען מענשען, גרוים און קליין זענען געקומען, צוקוקען דעם קאַמפף, דעם ריזיגען צוויי־קאַמפף צווישען דעם היילינגען רבי'ן, דעם אור־אייניקעל פון ר' מאיר'ל פרימישליאַנער, און דעם „אפיקורוס" דעם „שאַפירניק" מעכעלע וואָלאַך פון טשאַרטקאָוו, וואָס האָט היינט אַרויסגערופען דעם רבי'ן אויף אַ וועט־קאַמפף.

„היינט דאַרף ענטפלעקט ווערען פאַר דער גאַנצער וועלט,

---

*) אַ דערפעל נעבען טשאַרטקאָוו.

ווּעמעם כּח איז שטאַרקער: צי דער כּח פוּן די צדיקים, פוּן דער הייליגער אמונה, צי דער כּח פוּן שטן, פוּן אפּיקורסים, „רחמנא לצלן", — אַזוי האָבּן געטראַכט און גערעדט די פרומע ווייבער, די אַלטע יודען, די אָנהענגער פוּן דער הייליגער גזע, פוּן דעם צדיק ר' אוּריה ליב לאַשקאָוויצער.

„היינט דאַרף ענטפּלעקט ווערען פאַר דער גאַנצער וועלט— ווּעמעס מאַכט איז גרעסער: צי די מאַכט פוּן פינסטערניש, פוּן אַבערגלויבען, צו די מאַכט פוּן ליכט און אויפקלערונג" — אַזוי האָבען געקלערט די אָנהענגער פוּן השכלה, די בעוואונדערער פוּן דעם העלדענמוט, מיט וועלכען דער „שאַפּירניק" „מעבּעלע וואָלאַך" האָט געוואַגט אַרויסצוּרופען אויף דעם וואונדערליכען „דועל" דעם לאַשקאָוויצער רבּי.

די צאָהל פוּן די און יענע איז אָבער געווען ווי אַ טראָפּען פוּן ים געגען דער גרויסער מענגע פּשוּט נייגעריגע מענשען, וואָס זענען געקומען זעהן דעם גרויסען וואונדער, ווי אַזוי דער צדיק וועט, בּפני כּל עם ועדה, פאַר דער גאַנצער וועלט מענשען, אויף דעם פרייען פּלאַץ, אונטער'ן פרייען הימעל, צווישען מוסף און נעילה, אין דער ביי זיין פוּן פּאָליציי און זשאַנדאַרמען — אַרויסטרייבען דעם „דבּוק" פוּן אַ ווייבּעל און אַריינטרייבען איהם אין מויל פוּן אַפּיקורס, דעם „שאַפּירניק" — מעבעלע וואָלאַך.

אַט איז שוין דער חזן אויסגעגאַנגען מוסף. אין שול איז שוין קיין נפש ניט געבּליבּען, אַחוּץ דעם רבּי'ן, רבּי אוּרילע און נאָך אַפּאָר אַלטע מזרח־וואַנד־יודען, וואָס האָבען איהם ניט געוואָלט פאַרלאָזען. עס הערט זיך פוּן זיין ווינקעל מורא'דיגע דבקות און בּכיות. זיי קלינגען אָב אין קרעכצען פוּן עטליכע אַלטע ווייבּער, וואָס זענען געבליבען אין ווייבערשער שול.

און דאָרטען, אויפ'ן פּלאַץ, שטעהט דער טויזענד־קעפּיגער עולם און וואַרט אין שפּאַנענדער אוּנגעדולד. די מענגע וואַקסט און וואַקסט. אַ קינד אין וויעג איז ניט געבליבען. עס ציהען זיך גויים און גוייעס, שקצים און שיקסעס פוּן שטעדטעל פוּן די אַרוּמיגע דערפער. אין מיטען שטעהט דרייסט און מוטיג מע־

בעלע וואַלאַך: אַ קליין מענשעלע, מיט אַ געל־גראָהליך בערדיל, תמיד מיט אַ שפּאַטיש שמייכעל אויף די ליפּען. דער שמייכעל האָט איצט אָנגענומען אַן אונגעווערהנליכען אויסדרוק. אין זיינע גראָהע קליינע אויגען האָט געברענט אַ פייער פון אַ גבור, וואָס איז גרייט צו ווארפען זיך אין ערביטערטען קאַמפף מיט'ן שונא, נאָר איז זיכער אין זיין זיעג; און אַז זיין זיעג איז דער זיעג פון ליכט, פון אמת איבער שקר און פינסטערנים.

מעבעלע וואַלאַך איז געווען אַ פשוטער יוד, אַ קרעמער. מיט עטליכע יאָהר צוריק איז ער נאָך געווען אַ חסיד. פון דעם רב שאַפּיראָ און די „שאַפּירניקעס" האָט ער חוזק געמאַכט. נאָר פּלוצלונג, מ'ווייס ניט ווי אַזוי, איז ער געקומען צום רב, האָט ביי איהם אָנגעהויבען ביכלאַך צו נעהמען, דעם „המגיד" קוקען. און געוואָרען איינער פון זיינע טרייעסטע אָנהענגער, וואָס איז גרייט געווען צו געהן פאַר'ן רבי'ן און פאַר דער „השכלה" אין וואַסער און פייער.

אַז מעבעל האָט געלעזען אין „המגיד" אַ קאָרעספּאָנדענץ, ווי אַזוי דער לאַשקאָוויצער „צדיק" שיקט פאַרנאַנדער איבער דער וועלט געדרוקטע בריעף, אַז ער היילט אַלע חולאת'ן; אַז זיין בעזונדערע ספּעציאַליטעט איז ארויסצוטרייבען דבוק'ן; אַז הונדערטער און הונדערטער „דבוקים" האָט ער שוין ארויס־געטריבען. און הונדערטער און הונדערטער ווייבער און מיידלאַך זענען דורכ'ן צדיק גענעזען געוואָרען, האָט ער, מעבעל, זיך גענומען שטאַרק צוהאָרכען און פאַרנאַנדערפרעגען: וואָס טוט זיך אין לאַשקאָוויץ. ער האָט דאָרטען גראָד געהאָט קרובים. זיי האָבען ניט שטאַרק געגלויבט און ניט געוואָגט אָבצולייי־קענען. איין זאַך איז קלאָר געווען: אַז דער רבי האָט קיין הענד ניט; אַז לאַשקאָוויץ איז פול מיט „דבוקים"; אַז די „דבוקים" האָבען אָנגענומען אַן עפּידעמישען כאַראַקטער. פון אַלע שטעדט און שטעדטלאַך האָבען זיך געצויגען קיין לאַשקאָוויץ אַלטע און יונגע, איבערהויפּט ווייבער און מיידלאַך, געכאַפּטע פון אַ דבוק"... די לופט איז פול געווען מיט„דבוק". וואו מ'איז געגאַנ־גען און וואו מ'איז געשטאַנען האָט מען גערעדט פון „דבוקים" און פון דעם לאַשקאָוויצער'ס גרויסע וואונדער.

דאן איז ארויסגעטראטען מעכעל. ער איז געקומען צום רב שאפירא און דערצעהלט איהם זיין פלאן: ער וועט ארויסרופען דעם לאשקאוויצער „צדיק" אויף א צוויי־קאמפף. ער וועט „מקדש השם" זיין דער השכלה. ער וועט אויפווייזען דער וועלט דעם לאשקאוויצער'ס בעטרוג און שווינדעל.

דער רב שאפירא האט איהם אבגעשלאגען פון דעם פלאן: דער אמת קעמפפט ניט מיט שטורם און מיט געפילדער. שטיל און בעשיידען איז זיין וועג. דער שקר וועט סיי ווי ניט דויערן לאנג. די פינסטערניס מוז אנטלויפען פאר דעם שטילען שיין פון ליכט.

נאר מעכעל האט ניט געפאלגט. ער נעהמט אויף דעם קאמפף אויף זיין אייגענע אחריות. דער רב האט אויך ניט געזוכט איהם אבצוהאלטען.

מעכעל האט געבעטען זיינע קרובים איבערגעבען דעם לאשקאוויצער זיינע ווערטער: ער, מעכעל, דער „שאפירניק", דער משכיל, לאכט פון זיינע „דבוקים". ער זאגט, אז דאס איז א שווינדעל, א מיטעל צו פערפינסטערען דעם פראסטען המון און אויסנארען געלד. און אויב דער רבי שטעהט פעסט דערויף, אז די מעשיות מיט די „דבוקים" זענען ניט קיין קונצען נאר אמת, טו זאל ער אפען פאר דער וועלט דאס בעווייזען. אויב ער קען ארויסטרייבען א „דבוק" פון איינעם, דארף ער איהם אויך קענען אריינטרייבען אין אן אנדערן. ער, מעכעל, איז גרייט אריינצונעהמען אין זיך דעם „דבוק". אויב דער רבי וועט ווייזען פאר אלעמען, אז ער קען באמת אי ארויסטרייבען א „דבוק" אי אריינטרייבען זאל ער בעשטימען א טאג ווען דאס זאל געשעהן.

מעכעל'ס קרובים האבען איבערגעגעבען זיין פארשלאג. דערוויילע האט אנגעהויבען קלינגען מיט דער געשיכטע טשארט־קאוו און לאשקאוויץ און אלע שטעדט און שטעדטלאך ארום. מ'זאגט, אז דער טשארטקאווער „הויף" האט שטילערהייט אונטערגעגעבען מעכלען קוראזש. צי דערפאר, וואס לאשקא־וויצער „צדיק" איז גרוים געווארען, האט אנגעהויבען פיהרען א הויף מיט גרוים פאמפ, מיט פדיונות און גבאים, און האט

געקענט ווערען א קאנקורענט; צי דעריבער, ווייל דער טשארט־קאווער הויף איז געווען צו אריסטאקראטיש פאר אזעלכע האַ־מענטע מופתים, ווי ארויסטרייבען „דבוקים" און האט געקוקט קרום אויפ'ן לאשקאוויצער, — דאס ווייס מען ניט אקוראט. נאר דאס איז אלענפאלס ריכטיג, אז פונ'ם טשארטקאווער הויף האט מען געווארנט דעם לאשקאוויצער, ער זאל זיך ניט אריינ־לאזען אין א וכוח מיט די אפיקורסים, ווארום דער כח פון דער „סטרא אחרא", פון שטן הייסט דאס, איז שטארק און א קטרוג קען מאכען, אז זי, די „סטרא אחרא" זאל גובר זיין. דע־מאלט וועט זיין א חלול השם...

נאר פאר דעם לאשקאוויצער איז שוין געווען צושפעט אבצוזאגען זיך פונ'ן קאמפף. ער האט געמוזט אויפנעהמען דעם וועט. דערפאר האט ער איהם, דעם וועט־קאמפף, ארומגעשטעלט מיט גרויס פייערליכקייט און מורא'דיגקייט, כדי אבצושרעקען דעם שונא, ער האט געפרעגט ביי אן אדוואקאט אן עצה, צי וועט מען איהם ניט מאכען קיין פראצעס, ווען דער רשע וועט פון „דבוק" געטויט ווערן. האט דער אדוואקאט איהם געענט־פערט, אז וועגען אזא מין מארד, וואס איז געשעהן דורך א ווארט איז אין געזעצבוך קיין שטראף ניטא. דאן האט ער דורך מענשען און בעזונדערס דורך מעכעל'ס קרובים געזוכט אבצוהאלטען איהם פון זיין עזות, ווארנען איהם פאר'ן ביטערן סוף. אבער מעכעל האט זיך געהאלטען איינס. ער האט פאר קיין זאך קיין מורא ניט, און ער איז גרייט אויף אלץ.

דאן האט דער לאשקאוויצער מיט א כוון בעשטימט דעם טאג פון דעם וועט־קאמפף אויף יום כפור, און דוקא פאר נעילה, ווען יעדער יוד איז אנגעשראקען פאר'ן יום הדין, פאר דער „חתימה". אבער דאס האט מעכעלען אויך ניט אבגעשראקען. זיינע פריינד אין טשארטקאוו האבען מורא געהאט פאר זיין לעבען און האבען געבעטען פאר איהם שוץ ביי דער ארטיגער רע־גירונג, וועלכע האט זיך אויך פעראינטערעסירט אין אט דעם מערקווירדיגען צוויי־קאמפף און האט געשיקט אויפ'ן פלאץ אין לאשקאוויץ פאליציי.

דער „דבוק" איז אויך געווען אויפ'ן פלאץ. דאס איז געווען

א יודענע, וואָס האָט געמאַכט אוואיעס, זיך געקרימט, געוואָר־פען מיט די הענד, מיט'ן קאָפּ. האָט געשליידערט גיפטיגע בלי־קען אויף מעכלען. מיט אויסגעקריצע ציינער און אויסגעשפּריי־טע הענד, האָט זי זיך געוואָרפען אויף איהם און געוואָלט זיך איינעסען אין איהם מיט איהרע ציין און נעגעל. נאָר מעכעל איז געשטאַנען פעסט אויף זיין אָרט און נאָר געדראָהט איהר מיט'ן פויסט: האַלט הענד! דו שפלה, שווינדלערקע!...

ענדליך איז ארוים פון שול דער רבי אין ווייסען קיטעל, אין טלית, די אויגען פאַרגלאַצט. מיט לאַנגזאַמע פייערליכע טריט, וואַרפענדיג בייזע בליקען אין מעכעל'ס זייט, געהט ער צו צום רונדען פּלאַץ. אין עולם ווערט א בעוועגונג, איבער אלע־מענס לייבער געהט דורך א ציטער. די שטימונג ווערט געשפּאַנ־טער מיט יעדען אויגענבליק. אלעם צערוקט זיך פאר דעם רבי'ן. אין שטילער פאַרכטיגקייט. קיינער וואגט ניט א וואָרט צו ריי־דען, אז אָטעם צו טאָן. די גאַנצע מענשען־כוואַליע איז ווי פאַר־גליווערט געוואָרען.

דער רבי שטעלט זיך אָב, זוכט מיט זיין שטרענגען דורכ־דרינגענדען בליק זיין בלוטיגען פיינד, מעכלען, הויבט אויף איהם אויף זיינע געדיכטע פינסטערע ברעמען, ווי א שטורם־וואָלקען, און ווענדט זיך צו איהם, צו מעכלען, מיט א דראָהענדען, אָבער עטוואָס ווייכען נגון.

„מיר האָבען ניט לאַנג געזאָגט אין דעם נאָמען פון'ם רבונו של עולם: שובו, שובו מדרכיכם הרעים, — קעהרט זיך אום, קעהרט זיך אום פון אייערע שלעכטע וועגען... יעזוב רשע דרכו ואיש מחשבותיו און". זאָל דער רשע פאַרלאָזען זיין וועג, און דער זינדיגער מענש זיינע בייזע געדאַנקען... היינט איז א טאָג פון תשובה, פון סליחה ומחילה... בכן בין איך דיר מתרה, דו רשע, דו אַפּיקורוס מעכעל, שוב יום אחד, שעה אחת לפני מיתתך, — טו תשובה איין טאָג, איין שעה פאר דיין טויט... דער אויבערשטער איז אן אל רחום וחנון און איך וועל דיר אויך מוחל זיין...

נאָר מעכעל'ס ליפּען האָבען זיך פאַרקרימט נאָך אין א מעהר שפּאָטישען געלעכטער. ער האָט זיך אויסגעדרעהט צום

רבי'ן איז א חוצפה'דיגער ארויסרופענדיגער פאזע און האט איהם געמעלדעט הויך, אבמעסטענדיג איטליכעס ווארט און ווארפענדיג טריאומפירענדע בליקען אויפ'ן גאנצען ארומיגען עולם:

— טוט וואס איהר קענט! איך בין ניט געקומען הערען אייערע מוסר. נאר ווייזען פאר דער וועלט אייער שווינדעל. איך עפען דעם מויל. נאט: טרייבט ארויין אין מיר דעם דבוק. אז ניט...

א דומפפער ברום האט זיך דורכ'ן עולם דורכגעטראגען. די פארגליווערטע מענשען-כוואליע האט ווידער א ציטער געטאן. אפיקורס!... מומר להכעיס... משומד... האט זיך ערטערווייז געהערט. נאר א ברויזענדער „שא!" פון דער איבעריגער מענגע האט ווידער די שטילקייט איינגעשטעלט.

דער רבי האט אויף אן אויגענבליק אציטער געטאן. אראבגעלאזען דעם קאפ צו דער ערד און באלד אויפגעהויבען איהם צוריק, און מיט א בייזען צארן אויסגעשטרעקט די רעכטע האנד צו דער ווייבעל מיט'ן דבוק, וואס האט זיך געדרייט, געקווייטשעט און געווארפען זיך מיט ווילדע תנועות צו מעבעלס זייט.

— שטיל, דו רשע! — האט דער רבי א געשריי געטאן — הערסט וואס איך זאג צו דיר?!... איך בין אויף דיר גוזר, אז דו זאלסט ארויס פון דער אשה דורכ'ן מינדסטען פינגער פון דער לינקער האנד און ארייין אין אזא רשע, ווי דו ביזט...

די מענשען-כוואליע האט ווידער א ברויז געטאן, איז אבער באלד אליין פון זיך ווידער פארגליווערט געווארען. אלעמענס אויגען האבען מיט שרעק זיך געווענדט אויף מעבעלען.

מעבעל האט זיך אבער ווענינ געקימערט פון די טויזענדער בליקען, וואס האבען איהם דורכגעדרונגען. ער האט נאך שפאטישער פארקרימט זיין אויג, ארויסגעשטעקט דעם צונג גלייך אנטקעגען דער ווייבעל מיט'ן דבוק:

— נא!... נו?!...

עס איז פארגאנגען א מינוט, צוויי, דריי. מעבעל, דער רבי און דער „דבוק" שטעהען נאך אלץ אין דער זעלבער פאזע. ווארפענדיג גיפטיגע בליקען איינע קעגען די אנדערע. נאך עט-

ליכע מינוט, נאָך אַ פערטעל שעה...

דער עולם ווערט אונגעדולדיג און קעהרט די בליקען צום רבי'ס זייט. דער צדיק ווערט בלייך. די אויגען שטאַרען, די הענד זינקען האָפנונגסלאָז.

מעכעל גיט זיך אַ הויב, גלייכט זיך אויס, פּאַרקאַטשעט די פּאָלע, דרעהט זיך אוים מיט'ן אָחור צום רבי'ן, גיט אַ געשריי:

— י־ש־ק־נ־י !...

און איז אוועק.

פויל, ווי אַן אָבגעשמיסענער, איז צוקראָכען דער עולם און ווי פאַר'גנב'עט אריין אין שול צוריק צו נעילה. אָנשטאָט „יום כפור" איז געווען „תשעה באָב" אין שול. דער רבי אַליין האָט אַ וואָכט מעהר ניט גערעדט. ער איז אוועק אויף זיין אָרט און האָט געגאָסען מיט טרערען. נאָכ'ן דאַוונען האָט ער זיך פאַרשלאָסען אין שטוב, איז ערגעץ ניט ארוים, און האָט מיט קיינעם ניט גערעדט. צוויי יאָהר האָט ער זיך ניט געוויזען אויף דער ווייסער וועלט, האָט געלעבט איינגעשלאָסען, פאַרלאָזען פון אַלעמען. צום ענדע פון די צוויי יאָהר איז ער געשטאָרבען און מיט איהם איז אין גאַנצען פאַרלאָשען געוואָרען די גזע פון ר' מאירל פּרימישליאַנער. און פון יענעם יום כפור אָן איז געקומען אַ סוף צו די „דבוקים" אין גאַליציען. מעכעל וואָלאָך האָט זיי פאַרטריבען אויף אַלע מאָל...

מעכעל וואָלאָך איז שוין אַ יאָהר 20 טויט. נאָר זיין נאָמען ווערט נאָך איצט אויסגעשפּראָכען אין מזרח־גאַליציען און אין דער בוקאָווינא מיט גרוים רעספּעקט, ווי דער נאָמען פון אַ מענשען, וואָס איז געגאַנגען אויף „קדוש השם" פאַר דער השכלה. אין טשערנאָוויץ, אויף דער רוסישער גאַס, הויז נומער 22, וואוינט מעכעל וואָלאָך'ס זוהן, וועלכער קען אייך, אויב איהר ווילט, דערצעהלען די גאַנצע געשיכטע פונ'ם לעצטען „דבוק", מיט אַלע איינצעלהייטען. מיר האָט די מעשה דערצעהלט וועלוויל גאָדל, וואָס וואוינט אויך אין טשערנאָוויץ. ער איז איצט אַ יוד פון קרוב צו זעכציג יאָהר. דאַן איז ער געווען אַ אינגעל פון 12 יאָהר. (איך בין שוין דעמאָלט געווען אַן

„אפיקורס" דערקלערט ער) האט געוואוינט אין יאנאווי, א דארף, ניט ווייט פון לאשקאוויץ און איז געקומען מיט א חברה פון נאך אנדערע דרייסיג אינגלאך קיין לאשקאוויץ זעהן דעם „דבוק". ער געדענקט, זאגט ער, די מעשה, פונקט, ווי זי וואלט ערשט פאר זיינע אויגען פאסירט.

דער „אוצר“.

שוין א מעשה פון אנדערהאלבען צעהנדליג יאהר, אז דאס איז געווען, אז דער „אוצר“ איז פערשוואונדען. און טשארטקא־ווער יודען קענען דאס ניט פערגעסען. זיי ריידען וועגען ד ע ם מיט בעדויערן, מיט פערדרוס, אבער אהן כעס.

פערשוואונדען איז דער אוצר אזוי פלוצלונג, אזוי געהיימ־ניספול, ווי „ער“ איז געקומען. א פיר־פינף חדשים צייט האט געדויערט יענער טרוים, דער גילדענער טרוים, וואס האט מיט אזא בכשופ'טען שיין בעלויכטען די גאנצע שטעדטעל — אלע־מען, בוכשטעבליך אלעמען, אלט און יונג, ארים און רייך, פון הערשעל ראפאפארט דעם רב'ס ערשטען גבאי ביז יאסעל דעם פיאקערניק בעל עגלה; פון הושיע דעם רבי'ס חזן, ביז דאבע די נעגעל־שניידערין און טוקערין אין באד.

דער „אוצר“ איז אייגענטליך ניט געווען קיין „ער“ נאר א „זי“. א דארע און א בלייכע איז זי געווען, מיט א פערטראכ־טען, פערהייליגטען פנים פון א רביצין. א יאהר 50 האט מען איהר געקענט געבען. פערפאהרען איז זי צו הושיע דעם חזן. פון וואנען זי איז געקומען און ווער זי איז האט מען ניט געוואוסט. נאר צו וואס האט מען געדארפט וויסען, וואס זי א י ז, אז מ'וויים וואס זי ק ע ן, וואס זי האט מיטגע־בראכט.

און איהר אויפפיהרונג איז געווען גאר מאדנע, חידושים'־דיג. ארומגערינגעלט איז זי תמיד געווען מיט א גאנצע מחנה

ווייבער. איהר ליבדינערין און טאַלמעטשערין, צווישען איהר און דעם עולם, איז געווען אַ אידענע, רחל שטעקעל, האָט זי געהייסען, (איצט איז שוין עליה השלום). נאָר אפילו איהר איי־גענער לייב־מענש, רחל, האָט געקענט זיין די נעהענטסטע צו איהר בלויז פון יענער זייט טיר. צו איהר אין חדר האָט קיינער ניט געוואגט אריין.

געגעסען האָט זי ביי'ם רב'ס גבאי, וועלכער האָט עס גע־האַלטען פאַר אַ גרויסע זכיה, און האָט זיך געשעצט גליקליך דערפון. שלאָפען פלעגט זי מיט דער גבאי'טע, מיט זיין ווייב הייסט עס אין בעט. געקליידט איז זי געווען אין סאמעט און אין זיידענס. פלעגט אָנטאָן יעדען טאָג אנדערע קליידער. ארימע לייט פלעגט זי טיילען נדבות פון דער פולער האנד. פאַהרען פלעגט זי אין די שענסטע קארעטען. די פיאקערניקעס פלעגען זיך איבער איהר שלאָגען און ניט נעהמען ביי איהר קיין געלד. אַלע טאָג פלעגט זי פאַהרען אין אַ וואגע. דער בעדער פלעגט איהר געבען אין באָד אַלע וואוילטאָגען. שניידער האָבען איהר די קליידער געניהט אומזיסט. קרעמער האָבען איהר אריינגע־שיקט די בעסטע, די טייערסטע סחורות אויף וויפיעל און וואָס זי האָט געוואָלט.

פרייטאָג, 12 אַ זייגער בייטאָג, איז שוין ביי איהר געווען שבת. דעמאָלט האָט זי זיך פערשלאָסען ביי זיך אין שטוב און דעם גאַנצען שבת, ביז נאָך הבדלה, געפּראַוועט „התבודדות". אַז זי פלעגט ארויסגעהן אויף אַ מינוט ווען זי האָט בעדאַרפט עפּעס האָבען צו די מענשען פון שטוב, צו איהר לייבוואַך — האָט זי גערעדט געצעהלטע ווערטער, און — נאָר לשון קודש.

אין אַ פינסטערע נאכט פלעגט זי אַמאָל ארוים מיט איהר מחנה ווייבער הינטער'ן שטאָדט, און דאָרט אין אַ געהיימנים־פולען געשפּרעך, מיט אַ מאָל אויפהויבען די פאַטשיילע. דאַן פלעגען די ווייבער ביי איהר אין האנד עפּעס צוויי לייכטענדע בריליאַנטען דערזעהן, יעדער בריליאַנט די גרויס ווי אַ חלה...

אַמאָל פלעגט ביי איהר פון האנד, מיט אַ כיון ארויספאַ־לען אַ ליימענער טעפּעלע און צובראָכען ווערען מיט אַ קלונג. דאַן פלעגט זי אַ וואָרף טאָן זיך אויף דער ערד און געהיימנים־

פול אויפהויבען עפעס א קיילעכדיגע, א בלישצענדיגע זאך, פון וואס דער קלונג האט זיך, אפנים, געהערט. זי פלעגט עס אויפ־הויבען און ארייינלעגען צוריק אין קעשענע, אויך גיך, אזוי אבער, אז די ווייבער ארום איהר האבען דייטליך געקענט זעהן, אז דאס איז א גאלדען רענדעל.

אמאל פלעגט זי ארויסנעהמען פון ערגעץ א גאנצען פעקעל רענדלאך און ברעכען איינעם נאך דעם אנדערן. די „סוויטע" האט עס צוגעקוקט מיט אויסגעטארטשעטע אויגען און מיט אפע־נע מיילער פון איבערראשונג. נאר קיינער פון זיי האט ניט געוואגט צו בעטען פאר זיך כאטש א האלבען, כאטש א שטיקעל רענדעל.

אט אזוי איז ביסלעכווייז „קלאר" געווארען אין שטעד־טעל „ווער" זי איז און, וואס ד א ס איז. פריהער האט מען זיך געשושקעט, דערנאך אלץ דייטליכער און דייטליכער גע־רעדט שוין אין די הייזער, אין די גאסען, אין די שולען, אין מרחץ און אין מקוה, להבדיל. אלע האבען שוין געוואוסט, אז דאס איז אן „אוצר", וואס גאט האט עקסטרא געשיקט אין טשארטקאוו, דורך דער הייליגער פערבארגענער צדקית.

אמאל האבען טשארטקאווער יודען און אידענעס מיט גרויס בשוואונדערונג דערזעהן, אז שבת, בשעת זי איז געווען פערשלאפ־סען אין שטוב וואס הושיע דער חזן האט איהר אבגעגעבען און געפראוועט דארט „התבודדות", איז ארייין, גלייך צו איהר, אן אלטער חשובער יוד, מיט גרויסע ברעמען, מיט א ברייטען לאנגען גראהען בארד, און האט פארבראכט ביי איהר דעם גאנצען טאג. דערנאך, איז ער ארוים, אזוי שטיל, אונבעמערקט, ווי ער איז אריין, און פערשוואונדען געווארען.

באלד נאכדעם איז זי ארוים און האט זיך געווענדט צו די ווייבער:

— האט איהר געזעהן, ווער עס איז ביי מיר געווען?

— יע! ווער איז דאס, דער?...

— אליהו הנביא...

— אליהו הנביא!... טאקע!?...

און גאנץ שטעדטעל האט זיך געלאזט איהם זוכען. כאטש

פון הינטען איהם אנקוקען. — נאר אומזיסט.
„אליהו הנביא“ איז פערשוואונדען.

די היינט־וועלטיגע האבען זיך פון אנהויב פערהאלטען צום „אוצר“ מיט א פערעכטליכען שמייכעל, ווי צו אלע חסידישע אבערגלויבעריען און נארישקייטען. נאר איינער פון זיי, דער „שאפירניק*)“, שאיע דער זייגער מאכער, א בייסענדער סאטיריקער, פאר וועמענס מויל גאנץ שטעדטעל האט געציטערט ווי פאר פייער, האט פון צייט צו צייט אונטערגעלייגט „שפיל־קעס“ דעם „אוצר'ס“ חסידים און חסידאצקעס. א שטייגער: אויף די „בריליאנטענע חלות“ האט ער געזאגט, אז דאס זיינען שטי־קער צעפוילטע האלץ; אויף די „געבראכענע רענדלעך“ — אז דאס זענען פאפירענע קנעפלאך. נור גיפטיגער ווי זיין קרי־טיק איז געווען זיין שמייכעלע. בעגעגענדיג אימיצען פון זיי, פון די „אוצר'ניקעס“. פלעגט ער א שמייכעל טאן ווי אונטער זיך אריינקיבעציען א ווערטעל, פון וועלכען יענער האט אזש א שפרונג געטאן. דער ווערטעל האט זיך אריינגעגעסען אין מוח און האט איהם גענאגט און געעגבערט טאג און נאכט. אזא כח האט געהאט שאיע דעם זייגער מאכער'ס „ווערטעל“.

ביסלעכווייז זענען די איבעריגע שאפירניקעס אויך איבער־געגאנגען פון שטילער פעראכטונג צו א שארפער קריטיק. די שטעדטעל איז מיט יעדען טאג אונרוהיגער געווארען און דער פראסטער המון, די פיאקערניקעס, האבען אנגעהויבען שוין אונטערמורמלען.

„אז די רענדלעך זענען דא און אליהו הנביא האט זיך שוין אויך בעוויזען, טא וויפיעל איז דער שיעור צו ווארטען?“

דער „אוצר“ האט בעמערקט, אז ארום א י הם הויבט

---

*) „שאפירניקעס“ האבען געהייסען אין טשארטקאוו די „משכילים“, די אויפגעקלערטע פון זייער רבי'ן ר' ישעיה מאיר שאפירא. זעה די וויטערדיגע טיפען און בילדער פון גאליציען.

מען עפּעס אַז צו שושקען זיך און די פּנים'ער פון די פּיאַקער־ניקעס, וואָס האָבען איהר אַלע טאָג אין מקוה געפיהרט, זענען שוין ניט אַזוי אונטערטעניג, ווי פריהער, האָט ז י אַנגעהויבען צוטרעטען צו דער „חלוקה".

זרח דער בעדער — אַ נייע באָד! יאָסעל דעם פּיאַקערניק — 6 פערד, ווי די ליבען און אַן אייגענע שטוב; יהושיע דעם חזן — אַ מויער; לייביש, דעם שניט־קרעמער — 2 מויערען; הענאָך דעם שניידער — אַ שטוב...

אַט דאָס זענען שוין געווען קלאָרע דבורים. דער עולם איז רוהיגער געוואָרען. אַבער בלויז אויף אַ ווייַלע. באַלד נאָכדעם האָט אויסגעבראָכען כמעט אַ פּשוטע רעוואָלוציע.

די געדולד אַפילו פון טשאַרטקאָווער יודען האָט געפּלאַצט. אומזיסט האָט „זי" גע'טענה'ט, אַז מ'זאָל וואַרטען נאָך אַביסעל, אַז די שעה איז נאָך ניט געקומען; אַז מענשען זענען נאָך ניט וואָרטה. עס האָט ניט געהאָלפען. דער קרעמער האָט אַ קוק געטאָן דעם חשבון פונ'ם „אוצר" — עס שמעקט שוין מיט 500 רייניש. דער שניידער האָט געווים ניט געקענט וואַרטען... מ'האָט אָנגעהויבען שיקען נאָך געלד, מאָהנען פון אַלע זייטען...

לענגער פון אַלעמען איז פעסט געבליבען הערשעל ראַפּאַפּאָרט, דעם רבי'ס גבאי. ער האָט געדעקט מיט זיין וועקסעל דעם קרעמערס חוב. דערפאַר האָט „זי" איהם צוגעזאָגט פאַר יעדען רייניש — טויזענד...

איין מאָל אין אַ פינסטערע בלאָטיגע נאַכט האָט יאָסעל דער פּיאַקערניק איהר געפיהרט פון ביי־טשאַרטקאָוו אין אַלט־טשאַרטקאָוו. פּלוצלונג האָט ער אין מיטען דער בלאָטע, פערקריכענדיג אין אַ זייטיגע געסעל, אָבגעשטעלט דעם פערד און געמעלדעט קורץ:

— דעם אוצר! אַז ניט—קלעפּ!...

ד אָ ס האָט געמאַכט, אַז דער טאָג און די שעה איז בעהענטער געקומען און מענשען זענען ווערט געוואָרען דער „אוצר" זאָל זיך ווייזען.

נאָר ניט אַלע זענען זוכה דעם „אוצר" מיט די אויגען צו

זעהן, און ניט יעדער ארט איז מסוגל, אז דארט זאל ער זיך אנטפלעקן...

הינטער חעם אלטען טשארטקאווער בית עולם איז דא א גרוב; הינטער דער גרוב — א גרויסער שטיין; הינטער דעם שטיין דריי קארטשעס. אויף דעם מיטעלסטען קארטש האט געזאלט דער „אוצר" זיך בעווייזען.

ברייגנגען אהין דעם „אוצר" פון איהר שטוב האבען גע־דארפט צוויי ווייבער פון איהר לייב־וואך, די וואס האבען מעהר אמונה געהאט, וואס האבען איהר טרייער געדיענט.

דער טאג און די שעה איז געקומען. דאס איז געווען פריי־טאג. גאנץ שטעדטעל איז אזוי ווי פערשטארבען אין שפאנענ־דער אונגעדולד און הארץ־קלאפענדיגער ערוואַרטונג. נאר קיי־נער האט ניט געטארט זיך ווייזען, ניט ארום איהר שטוב, ניט אויפ'ן גאנצען וועג, וואו מען וועט טראגען דעם „אוצר". א חוץ די אויסגעקליבענע 2 ווייבער, די גליקליכע.

דעם ערשטען מאל האט מען זיי ערלויבט אריינגעהן אין קאמער פונ'ם „אוצר". איהם זעהן מיט די אויגען, איהם טאפען מיט די הענד, איהם טראגען...

זי האט אויפגעהויבען דעם קישען און געהייסען די ווײ־בער נעהמען פון איהר צוקאפענס.

דאס איז געווען א קופערטעל מיט א הענדטעל, א גאנץ געוועהנליכער איינגעוויקעלט אין א פאטשיילקע.

— נעהמטביידע גלייך — האט זי געהייסען — בשעת איהר וועט טראגען טאר מען אויף דעם שטארק ניט קוקען.

די ווייבער האבען ציטערענדיג אנגענומען דעם „אוצר", ביידע מיט א מאל פאר'ן הענדטעל און א קרעכץ געטאן:

— שווער..

נאר באלד האט זיך בעוויזען אויף זייערע צורות א גליקלי־כער שמייכעל. זיי האבען געוואוסט, אז גאלד איז שווער...

באלד... באלד...

איידער זיי זענען ארויס פון שטוב האט זי ערנסט און פייערליך געמעלדעט:

—איידער מיר קומען צו'ם ארט, טארט איהר זיך ניט אבשטעט־

לען, טאָרט ניט ריידען קיין וואָרט, טאָרט איהם ניט ארויסלאָ־
זען פון די הענד. פאלט ער ארוים און ריהרט זיך אָן דער
ערד — ווערט פון די גאָלד — שטיינער..

אָט זענען זיי שוין הינטער׳ן שטעדטעל; קריכען דורך גערט־
נער, קלעטערען דורך פּלויטען, קומען צום בארג.

די ווייבער זענען שוין מיעד, שוועה... זיי בויגען זיך אין
דרייען און קלעטערען ווייטער אויפ׳ן בארג, דורך געדרעהטע
שטעגלאך... זי אפריהער און זיי נאָך איהר, עס גיסט זיך פון
זיי שוויים. די הענד חלש׳ן. מאָדנע שוועה... נאָר זיי שלעפּען
זיך ווייטער, ארויף בארג.

וואוהין פיהרט זי זיי?

נאָר זיי טאָרען ניט ריידען, טאָרען זיך ניט אָבשטעלען.
שוויים גיסט זיך פון זיי; זיי שטרענגען אָן די לעצטע קרעפ־
טען, קלאמערען זיך איין מיט די פינגער אין הענטעל פון קור־
פערטעל, מורא האבענדיג, ער זאָל ניט ארויספאלען, שאָקלען
זיך און שלעפּען זיך ווייטער... ווייטער...

נאָר זיי פיהלען, אז די קרעפטען פערלאָזען זיי. איינע וויל
געבען א ציה דעם אָטעם און פאלט. די אַנדערע נאָך איהר...

דער קופערטעל האָט זיך א זעץ געטאָן אָן דעם בארגיגען
פעלז און איז צושפּרונגען.

קיין „אוצר“ איז ניט געווען. אויף זיין אָרט זענען שטיינער
געלעגען...

אז די ווייבער זענען געקומען צו זיך, איז „זי“ שוין ניט
געווען.

אין איינע וואָכען ארום האָט מען „איהר“ געפאקט אין
טשערנאָוויץ און געלאָזט ארעסטירען.

און — א מערקווירדיגע זאך! צי איז פאר אזא אָריגינע־
לען שווינדעל אין עסטרייך קיין דייטליכע שטראָף ניט גע־
ווען; צי האָט דער פּראָצעס, וואָס האָט פאר די קריסטליכע
ריכטער געוויזען די טיפע אונוויסענהייט און נאַרישקייט פון
טשאָרטקאָווער יודען, זיי מעהר אמוזירט, ווי אויפגעבראכט גע־
גען דער שווינדלערין; צי די געליטענע אליין האבען ענדליך

זיך געשעמט אויסצוזאָגען דעם גאַנצען אמת; — אָבער די בע־שולדיגטע איז אַרוים ריין.

דערפאַר האָבען פון דעמאָלט אָן די הייגטוועלטיגע, (די „שאַפּירניקעס“) נאָך מעהר אויפגעהויבען דעם קאָפּ געגען די חסידים, און אַז איינער פון די בעשווינדעלטע האָט בעמערקט פון ווייטען אין גאַס שאַיע דעם זייגער מאַכער, האָט ער אָנגע־לעגט דריי גאַסען הינטער אַרום, ער זאָל זיך מיט איהם ניט בעגעגענען.

נאָר איינמאָל האָט זיך, שאַיע דער זייגער מאַכער, אָנגע־שטויסען אין אַ שמאָלער געסעל, אַ פּנים צו אַ פּנים, אויף הער־שעל ראַפּאַפּאָרט, דעם רבי׳ס גבאי, ביי וועמען די „רבי׳צין“ האָט אַ צייט לאַנג געגעסען און געטרונקען און מיט זיין ווייב אין איין בעט געשלאָפען. קיין אויסוועג, אויסצודרעהען זיך פון שאַיען, איז ניט געווען, און דער גיפטיגער וויצלינג האָט אויף זיין געוועהנליכען שטייגער סאַרקאַסטיש בעמערקט:

— אַ טשיקאַווע זאַך, רבי הערש! איהר ווייסט, וואָס מען זאָגט? אַז דאָס איז גאָר ניט געווען קיין „זי“, אַז דאָס איז געווען אַן „ער“...

שאַיע דער זייגער מאַכער איז כּמעט פון יענער צייט היבש עלטער געוואָרען, איז אָבער נאָך אַלץ דער זעלביגער בייסיגער „קיבעצער“ וואָס אַמאָל.

די "משיח'טע".

איך מוז זאגען דעם אמת: איך אליין האב אין איהר גע־גלויבט. געגלויבט גאנצע אכט טעג פון די 14 טעג, וואס איך האב פארבראכט אין טשארטקאוו. און אז איך האב אויפגע־הערט צו גלויבען, האב איך ניט וועניגער איהר בעוואונדערט.

און נאך איצט, בשעת איך שרייב אט די צייליען, בין איך אויף איהר ניט בייז, וואס זי האט ביי מיר אויסגעשווינדעלט עטליכע קראגען, וואס זי האט מיך געוואלט עקספלאאטירען נאך אויף א גרעסערן אופן. נאך איצט בעציה איך זיך צו איהר מיט דערזעלבער בעוואונדערונג.

זי איז די איינציגע פון מיינע טיפען, וואס ניט איך האב איהר, נאר זי האט מיך אויפגעזוכט. טאג־טעגליך איז זי צו מיין האטעל געקומען, האט אויף די טרעפ געווארט און מיך זעהן, מיט מיר ריידען געוואלט.

און איך מוז ווייטער זאגען דעם אמת. די עטליכע קראגען האט זי ביי מיר ניט אויסגעשווינדעלט. איך האב מיט איהר פשוט א מסחר געמאכט; כ'האב ביי איהר „סחורה" געקויפט און די סחורה איז ביי מיר אזוי וויכטיג געווען, אז ווען זי פער־לאנגט פון מיר פינף מאל אזוי פיעל, וואלט איך מיט פערגני־גען איהר געגעבען און נאך אימער געטראכט, אז איך האב די סחורה צו ביליג געקויפט. די גערעכטיגקייט פאדערט אויך צו זאגען, אז בשעת איך בין ביי איהר געווען, די „סחורה" איהר אבגעבראכט, ווייל זי האט זיך ארויסגעוויזען געפעלשט, און

איהר אין שווינדעל בעשולדיגט, האט זי רוהיג און שטאלץ די סחורה צוגענומען, מיר דאס געלד צוריק אבגעגעבען. נאר איך האב נאר א העלפט פונ'ם געלד אבגענומען און א העלפט פון דער סחורה צוריקגעגעבען. דאס איבריגע האב איך געלאזען ביי זיך. און ווידער מוז איך צוגעבען, אז ווען זי שפארט זיך איין און וויל דוקא די סחורה צוריק בעקומען וואלט איך איהר, אפילו פאר די געפעלשטע סחורה 5 מאל אזוי פיעל בעצאהלט און ביי זיך געלאזען.

געגלויבט האב איך, נאטירליך, ניט אז זי איז באמת א משיח'טע, נאר אז זי איז אויפריכטיג אין זיך איינגעגלויבט. א „משיח" האב איך שוין אויף מיינע רייזען איבער דעם אידישען געטא געזעהן. נאר א משיח'טע! דאס האב איך מיר קיין מאל ניט פארגעשטעלט. און דער לעזער קען זיך לייכט פארשטעלען, וואס פאר א פאר אויערן איך האב אנגעשטעלט, ווען די טשארטקאווער יונגע לייט האבען מיר אנגעזאגט פון אזא „געפינס", האבען מיר דערצעהלט, אז ביי זיי איז דא א „משיח'טע".

נאר אין דערזעלבער צייט, ווען זיי האבען מיר דאס דערצעהלט, האט זי, די „משיח'טע" אליין שוין געוואוסט, אז אין שטעדטעל איז געקומען א מענש, וואס שרייבט „אויף די בלעטער". און זי האט אויפגענומען די נייעס וועגען מיר כמעט מיט מעהר אינטערעס, ווי איך די נייעס וועגען איהר. זי האט ערקלערט אין שטעדטעל, אז געקומען בין איך אייגענטליך צוליב איהר. ס'איז געקומען די צייט, ווען זי דארף „נתגלה" ווערען אויף דער וועלט. האט מען צוליעב דעם מיר פון הימעל דאס איבערגעגעבען, איך זאל זיין, הייסט דאס, דער שליח דערפון...

איהר זעהט, אז צום טייל האט זי רעכט. איך בין טאקע דער שליח, אז דורך מיר זאל זי און נאך אזוינע, ווי זי אויף דער וועלט „נתגלה" ווערן...

„משיח'טע" רופען איהר אייגענטליך די שטעדטעלדיגע. איהר אמת'ער נאמען איז מלכה דבורה. זי אליין צעטיילט די נעמען אויף צווייען: דא רופט זי זיך „מלכה די רבצין" — דאס

איז, אזוי צו זאָגען, איהר וואכעדיגער נאָמען — דאָ רופט זי זיך „דבורה די נביאה'טע" — דאָס איז איהר יום־טוב'דיגער נאָמען, דער נאָמען וואָס ווינקט אָן אויף איהר בערוף, אויף דער הייליגער אויפגאַבע פון איהר לעבען.

און די אויפגאַבע פון איהר לעבען איז אראָבצוברייגגען משיח'ן, ריכטיגער: אָנזאָגען, אז די צייט פון דער „גאולה" איז געקומען, אז די „ישועה" איז נאָהענט, גאָר נאָהענט. דאָס ווענדט זיך אָן צוויי זאכען. ערשטענס: אז כל ישראל זאָל גלויבען אין איהר, אין איהר נביאות; צווייטענס, אז דער בעלזער רבי ועט שלום מאכען מיט'ן טשאָרטקאָווער, וועט קומען אין טשאָרטקאָוו.

משיח דאַרף אייגענטליך ניט אראָבקומען. ער איז שוין דאָ. ער איז אין טשאָרטקאָוו. צווישען אימיצען פון דעם טשאָרטקאָווער רבי'ס אייניקלאך, וואָס זענען דער זיבעטער דור פון דעם „בעל שם". ווער פון די אייניקלאך איז „משיח" זאָגט זי איך ניט אויס. דער עיקר אבער, אז ער איז דאָ. און צו איבערצייגען איך, רעכענט זי אייך אויס דעם גאנצען יחוס — בוים פון דעם „בעל שם טוב" אין וועלכען זי איז גוט קלאָר, ווי אין די „יחוס־בוימער" פון אלע שפּעטערדיגע גוטע אידען. אמת, דער טשאָרטקאָווער רבי קומט גאָר ארויס פון דעם מגיד'ס, רבי בער מעזעריטש'ס, גזע, און ר' בער מעזעריטשער איז, ווי בעוואוסט, געווען דעם „בעל שם'ס" א תלמיד. אָבער דער תלמיד מיט'ן רבי'ן זענען אין די שפּעטערדיגע דורות פערקניפּט געוואָרען אין מחותנ'שאפט.

דאָס אלץ און נאָך וויכטיגע גוטע בשורות, ניסים און נפלאות זאָגט זי אָן, בנבואה, צו כל ישראל דורך איהר צייטונג, וואָס זי דרוקט. זי האָט אויך אָבגעדרוקט א ספר וועגען דעמזעלבען ענין. אָבער דער ספר איז שוין ניטאָ. די צייטונגען אָבער, — צוויי בלעטער — האָט זי מיר געגעבען אומזיסט און געבעטען איך זאָל דאָס לאָזען איבערדרוקען און פאַרנאַנדערשיקען „בכל תפוצות ישראל", איבער דער גאַנצער וועלט יודען.

אָט זענען עטליכע מוסטער־שטיקער פון איהר „צייטונג":

„עס איז שוין דארינען דאָ פינף און דרייסיג יאָהר אז דער

הייליגער מלאך ר׳ בער פון אסטילי איז געפוהרען מיט זיין הייליגער טאכטער קיין טשארטקאב איז זי אריינגעגאנגין מיט איהר הייליגען פאטער צום הייליגען מלאך ר׳ דוד׳ל רואה נאמן האט זי געזעהען דאס איהר הייליגער פאטער האט זיך זייער געפרייט מיט׳ן הייליגען מלאך ר׳ דוד׳ל רואה נאמן און דער הייליגער מלאך ר׳ דוד׳ל האט געבענטשט, איהר הייליגען פאטער אז ער זאל נחות האבען פון אללע זיינע הייליגע קינדער און קינדס-קינדער, און פין זיין הייליגער טאכטער מלכה דבורה דיא הייליגע רביצן זאל ער האבען נאך מעהר נחות, און די הייליגע רביצן האט דער הייליגער מלאך ר׳ דוד׳ל געבענטשט, אז זי זאל האבען הצליחה און איהרע הייליגע דבירים וואס זיא וועט דערצעלין און זאל זיין חשוב ביי כל ישראל, און כל ישראל זאלין ווערין וויסען איהר דערצעלונג וואס זי דערצעהלט מיט הייליגקייט און כל ישראל זאלין וועלין וויסען ווי חשוב די הייליגע רעביצן איז אין היממעל ביי אונזער רחמנות׳דיגען טאטע לעבען און ער האט זי געבענטשט אז זי זאל נושא חן זיין בייא כל ישראל און וויא זיא האט נושא חן געוועזינ אין היממעל אין דערזעלבער צייט וואס דער הייליגער מלאך ר׳ בער מיט זיין הייליגער טאכטער זענין געוועזין ביי דעם הייליגען מלאך ר׳ דוד׳ל אין בית זענין געוועזין 12 יודען דייטש געקליידעט האט דיא הייליגע רעביצן מלכה דבורה געזעהן ווי איהר הייליגער פאטער מיט דעם הייליגען מלאך ר׳ דוד׳ל פרייען זיך מיט די 12 יודען און איהר הייליגער פאטער האט איהר געזאגט דיא 12 יודען זענין די 12 שבטים. אין אסטילי האט קיינער נישט געוויסט אז דער הייליגער מלאך ר׳ בער איז א פערבארגענער צדיק, אין אז ער קומט אלע טאג אין היממעל אריין און מען איז איהם מגלה סודום התורה און אין היממעל האט מען איהם מגלה געוועזין ווער עס זענין די הייליגע מלאכים, און זייא זענין די פמעליע של מלה און וואס פאר א פרימע נשמות די הייליגע מלאכים האבען אין אונזער רחמנות׳דיגער טאטע לעבען האט געזאגט אז דער הייליגער מלאך ר׳ בער זאל זאגען זיין הייליגער טאכטער אז זי זאל מבשר זייז אויף דער וועלט ווער ס׳זענין די הייליגע מלאכים״.

אין דעם דאָזיגען אויסצוג פון איהר „צייטונג“ שילדערט פאר אונז די „משיח'טע“ איהר איינוווידמונג פאר א נביאה'טע. נאָך גאָר א קליין קינד האָט זי בעקומען די „סמיכה“ פון דעם אלטען טשאַרטקאָווער רבי, רבי דוד'ל ז״ל נאמן, אז זי איז „א הייליגע רבי'צין“, אז זי איז בערופען צו געהן אַנזאָגען די „בשורה“ אויף דער וועלט...

דער סטיל פון איהר „צייטונג“ איז ערטערווייז אזוי פלאָנ־טערדיג, אז איהר פיהלט, לעזענדיג די ציילען, אזוי ווי איהר וואלט פלוצלונג אריינגעפאלען אין א דולהויז. באלד אבער ווערט די שפראך קלאָר, פשוט, בילדערדייך און דאָ פיהלט איהר — בעת זי שילדערט פאָר אייך איהרע חלומות פון דער „פמליה של מעלה“ מיט די הייליגע אבות און אמהות, מיט די אמאָליגע גוטע יודען, וואָס זיצען „אין 20 סאלאָנען און די סאַ־לאָנען זענען זעהר שען געמאָלט, און זי האָט געזעהן פערשיידענע חיות און זעהר טייערע מעבעל, און זעהר א סך גאָלד און בריליאנטען“... צוזאמען מיט די אבות און די דאָזיגע גרויסע מענשען זענען געזעסען „די הייליגע עלטערן פון דער „הייליגער“ נבואה'טע און אונזער הייליגע מוטער חוה איז געזעסען אויבען אָן. און זעהר שען געצירט און האָט אזוי געלויכטען ווי די זון אין תמוז... און אלע גילדערנע טישען זענען געווען געדעקט מיט אלערליי „אבנים טובות“ און עס האָט אזוי געשמעקט, נאָך בעסער, ווי אלערליי בשמים... און אלע אונזערע הייליגע אבות מיט איהרע „הייליגע“ עלטערן האָבען געזאָגט, אז זיי וועלען לערנען די הייליגע נביאה'טע, ווי אזוי מען זאָל אויסשרייבען דעם סוד פון דער תורה און זיי האָבען אלע געבענטשט די היי־ליגע נביאה'טע...“

נאָך מיט 90 יאָהר צוריק האָט דער „ריזשינער“ געזעהן בנבואה, אז „זי“ וועט קומען. ער איז געווען אויף א חתונה אין אַסטיליע (א שטעדטעל אין וואהלין) ביי איהר זיידען און באבען און האָט זיי געזאָגט, אז „פון זייערע קינדער וועט ארויס־קומען די הייליגע „דבורה די נביאה'טע“ און אז זי „וועט זוכה זיין צו הערן די הייליגע דבורים בנבואה פון הימעל און וועט אַנזאָגען א גוטע בשורה צו כל ישראל...“ נאָר צוזאמען דער־

מיט האָט דער „ריזשינער" פּאַראויסגעזאָגט, אַז „קיינער וועט איהרע נביאות ניט וועלען גלייבען, ווארום דער יצר הרע לאָזט ניט, אַז מענשען זאָלען גלויבען..."

א סך זענען מצער די „הייליגע נביאה'טע". „און די הייליגע נביאטה — איך גיב איבער מיט איהר לשון און איהר אויס־לעגעכץ — איז שוין 23 יאָהר נאַווינאַט און האָט געפּוילט (געפּועלט) די ישועה פון כל ישראל וועגען, און 14 יאָהר האָט זי זיך געפּאַניקט מיט תנתים, מיט סגופים, און זיא איז געגאַנ־גען 6 חדשים אין איין העמד, און דאָס העמד איז אויף איהר פערפוילט געוואָרען פין דעם שוויים און פין דעם דם, וואָס איהר הייליגער גוף איז געוואָרען הייליג ווינדען פין דיא ווערים, און בינען, און פליגען, און מערישקים און קאַמאַרים און די ווערים זענין געוועגן אזוי גרויס, וויא דיא פּיאַפּקים..."

בכלל איז קענטיג פון דער „ציימונג", אז זי איז א וואויל־געלערנטע. איך האָב ביי איהר געזעהן א גאַנצען פּעקעל מעשיות וועגען גוטע יודען. נאָר איהר שטאַרקע בעקאַנטשאַפט מיט דעם יחוס פון אלע בעריהמטע חסידישע רביים און זייער אינערלי־כען פאַמיליען־לעבען ווייזט דייטליך, אז דאָס, וואָס זי טענה'ט בסדר: זי שטאַמט פון גוטע יודען, — מוז דאָס האָבען א גע־וויסען גרונד. אַסטיליע אין וואָהלין, די שטעדטעל, וואָס זי גיט אָן פאר איהר געבוירן־אָרט, איז ווירקליך בעקאַנט אין דער חסידישער וועלט מיט איהרע רביים, וואָס האָבען אמאָל געשפּילט אַ ראָלע. איצט איז יענע „גזע" געפאַלען: א טאָכטער צי א איי־ניקעל פון יענע געפאַלענע „גוטע יודען" מוז זיין די „משיח'טע". איהר איינשמועצעס איז איינע פון די שטילע דראַמען, וואָס זענען ניט קיין זעלטענהייט אין די רבייאישע הויפען, ווען עס טרעפט דאָרט א בעגאַבטע נאַטור.

די „משיח'טע" איז אונגעוועהנליך קלוג. ווארפט אראָב פון איהר די שמאַטעס, וועלכע זענען אויף איהר אָנגעשטעקט און הענגען פון אלע זייטען, בעקומט איהר א שענע סאָלידע פרוי פון א יאָהר 35. געהט זי אראָב פון דעם פונקט, אויף וועל־כען עס דרעהט זיך איהר „איינריידענעס", רעדט זי מיט איך, ווי א פאָלקאָם געזונטער, פערשטענדיגער מענש. דאן איז מיט

איהר זעהר אינטערעסאנט צו פערברענגען.

איהר „ליטעראטור" שרייבט זי ניט אליין. שרייבען קען זי ניט. זי האט א סעקרעטער, א ישיבה־בחור׳ל, וואס שרייבט פאר עטליכע קרייצער איהרע „כתבים", ווי זי דיקטירט. די אויסלעג־פעהלערן פון איהר „צייטונג" זענען אלזא ניט איהרע, נאר זיינע, איהר סעקרעטאר׳ס. דער עסק מיט׳ן דרוקען — דאס פיהרט זי שוין אליין. אליין שיקט זי אויך פארנאנדער איהר „בשורה" דורך פאסט צו אלע רבנים, רביים, גבירים און גלאט בעוואוסטע יודען — אומזיסט. די אדרעסען קריגט און שרייבט איהר שוין אן פאר א פאר קרייצער איהר סעקרעטאר, אדער אן אנדער בחור׳ל, וואס איז א בעלן צו פארדינען עטליכע העלער.

איהר אגיטאציע און פראפאגאנדע פיהרט זי ניט דורך „ליטעראטור" אליין, נאר אויך „בילדליך" ד. ה. דורך פאטא־גראפישע בילדער. אט דא, אין דעם געביט, איז זי נאך א גרע־סערע קינסטלערין, ווי אין „ליטעראטור". אויף דער דאזיגער שטריקעלע האט זי מיך אויך געפאקט און בעשווינדעלט.

איך בעט דעם לעזער צוקוקען זיך צו דעם בילד פון „אונ־זער מוטער חוה". וואס געפינט זיך אין דעם באנד. דער לע־זער איז איבערראשט. א מערקווירדיגער בילד! ניט אמת? דאס האט די „משיח׳טע" מיר אנגעבאטען קויפען מיט א גאנ־צער רייהע אנדערע פאטאגראפישע און ליטאגראפישע קאר־טען. די אלע קארטען זענען מאדנע האמעטנע געארבייט. אבער דאך אונגעהייער אינטערעסאנט. איך האב אויף מיינע רייזען איבער יודישע שטעדטלאך אומעטום געזוכט אזעלכע אלטע יודישע טיפען, וואס ווייזען אמאליגע יודישע מלבושים. און דא האב איך צופעליג בעקומען אזא נ׳אוצר!

איך האב ביי דער „משיח׳טע" געקויפט די „מוטער חוה" און גענומען נאכפרעגען אין שטעדטעל: ווער קען דאס זיין? מ׳האט מיר געזאגט, אז דעם ריזשינער׳ס מוטער, דעם „מלאך׳ס" ווייב האט געהייסען „חוה". זי האט געלעבט מיט הונדערט יאהר צוריק. נאך איהר איז א נאמען דעם איצטיגען טשארטקאווער רבי׳ס מוזינקע — חוה׳לע. איך בין מיט איהר שוין געווען

בעקאַנט. בין איך אוועק צו איהר און געבעטען זי זאָל ווייזען דאָס בילד איהר מוטער און פרעגען: צי איז דאָס ווירקליך דאָס בילד פון דעם „ריזשינער'ס" מוטער: איך האָב אויף מאָרגען בעקומען אן ענטפער, אז אין דעם רבי'ס פאמיליע איז אונבעקאַנט אזא בילד. נאָר לויט ווי מ'שטעלט פאָר איז די קליידונג פון יענער צייט געווען עהנליך. די מאָדנע הויכע הויב, וואָס אויף דער קאָפּ פונ'ם בילד, איז עהנליך צו אן אמאָליגער שטערנטיכעל.

ביי מיר איז איצט געווען א קנאַפּער ספק, אז איך האָב ביי זיך ווירקליך די „מוטער חוה", ד. ה. די מוטער פון דעם בערימטען „ריזשינער", די שנור פון דעם מעזעריטשער מגיד. וועניגסטענס א טיפּ פון א חשוב'ער אידענע פון יענער צייט. איך האָב צוגעגעבען מעהר געוויכט און גלויבען איהרע איבריגע בילדער פון אמאָליגע און איצטיגע רביים. יעדער ווייס, ווי שווער עס איז צו קריגען א בילד פון א גוטען אידען. ביי זיי איז פאָטאָגראַפירען זיך א פערברעך. נאָר זעלטען, זעהר זעלטען ניט זיך איין איינעם, פערבאָרגענערהייט, פון א ווינקעל, אראָבכאַפּען זייער בילד. איך בין דעריבער זעהר גערן געווען צו בעקומען א גאַנצען פעקעל בילדער פון רביים מיט אמאָל. ווי אזוי זיי קומען צו דער משיח'טע? איז אפילו ביי מיר געווען א קשיה. אבער דעם איצטיגען טשאָרטקאָווער רבי האָב איך דאָך געזעהן אין פנים און זיין צורה איז דאָך ריכטיג. אויך דעם אַלטען טשאָרטקאָווער'ס בילד איז דאָ און זיין בילד איז אויך ביי דער משיח'טע ריכטיג. ריכטיג זענען אויך די שטריימלאך מיט די רייכע פוטערס אין וועלכע עס געהן ווינטער די רביים געקליידט.

איך בין דעריבער געווען זעהר צופרידען מיט מיין סחורה און האָב גענומען פלייסיג שטודירען מיין נייע בעקאַנטע — די „משיח'טע".

איין מאָל, — דאָס איז געווען אויפ'ן 11טען, אדער 10טען טאָג פון מיין אויפהאַלטען זיך אין טשאָרטקאָוו, בין איך געזעסען ביי „שאַיע דעם זייגער מאַכער". וואָס איז שוין בעקאַנט דעם לעזער פונ'ם „אוצר". ביי איהם איז געזעסען זיי-

נער א שכן. דער שטעדטעלדיגער פאטאגראף. איך נעהם ארויס די בילדער און דערצעהל פון מיין כשר'ער „מציאה", שאיע, דער שטענדיגער בייסיגער פאטיריקער פון שטעדטעל „איז געבליבען ערנסט און האט, אזוי ווי איך, בעוואונדערט „אונזער מוטער חוה", צוגעבענדיג, אז ס'איז טאקע גאנץ מעגליך, אז דאס זאל זיין חוה, דעם ריזשינער'ס מוטער, נאר דער פאטאגראף האט פון דער זייט א קוק געטאן אויף דעם „מוטער חוה'ס" שטעדרענטיכעל און האט פאר זיך ווי אונטערגעשמייכעלט.

— וואס שמייכעלט איהר? — האב איך געפרעגט.

— ווייזט, ווייזט אהער די קארטע! — האט ער געזאגט, צורוקענדיג זי נעהענטער צו זיך און, קוקענדיג אויף איהר, פערביסען די ליפ, קוים איינהאלטענדיג זיך פון געלעכטער.

— וואס מיינט איהר איז דאס אויבען אויפ'ן קאפ, אט די גרויסע הויב? — מאכט ער צו אונז.

— א שטערנטיכעל! אהן א שום ספק, זאג איך, וואס אמאל האבען אונזערע עלטער־באבעס געטראגען... אלע זאגען אזוי...

— כא—כא—כא! — האט זיך מיין פאטאגראף צולאכט.

—א שטערנטיכעל! כא—כא—כא! לעצטע מאדע פאריזער דאמענהוט־שאנטע־קלער! און ווער, מיינט איהר, איז „זי" אליין, אט דער „פנים"?

— וואס הייסט? שאנטע־קלער? פון וואנען נעהמט איהר? וואס? ווי אזוי? — האב איך איהם פערווארפען מיט שאלות ניט הערענדיג זיינע לעצטע ווערטער.

— און „זי" אליין, האט דער „פאטאגראף, ניט קימערנדיג זיך וועגען מיינע פראגען. ווייטער געזאגט, ווייזענדיג מיט'ן פינגער אויפ'ן פנים פון בילד — „זי" אליין איז גאר קיין „זי" ניט. נאר אן „ער", א פנים פון אן אלטען אמאליגען קאטוילישען גלח, אדער עפעס א פיליזאף, איך געדענק ניט אקוראט... און די קארעלען אויפ'ן האלז זענען צוגעטשעפעטע, און די פאטשערקעס איבער'ן פארטוך... און דער פארטוך אליין... אלץ איז צונויפגעשטוקעוועט פון פערשיידענע טיילען פון פערשיידענע בילדער. וואו זי קריגט די בילדער, ווייס איך

ניט. מיר פלעגט זי מריינגען פארטיגע צונויפגעקלעפטע „קאמ־פאזיציע“ מיט די אויפשריפטען אונטען, אויך צונויפגעשטעלט, ווי איהר בעמערקט, פון איינצעלנע געדרוקטע אותיות, אויסגע־שניטען פון איהרע „צייטונגען“, און איך פלעג עס איהר פאָ־טאָגראפירען אין צעהנדליגע עקזעמפלארען... ניט איין צעהנד־ליג קראָנען האָב איך פון איהר פערדינט...

— און די רביים? — האָבען מיר ביידע, איך און שאיע דער זייגערמאכער, איבערראשט און אריינפאלענדיג איהם אין די רייד געפרעגט. — די רביים זענען דאָך ריכטיג! ר׳ ישראל־ניו, דער איצטיגער רבי.. איך קען דאָך איהם אין פנים...

— דאָס איז דער איינציגער, וואָס איז ריכטיג, זיין טאטע, ר׳ דוד׳ל, אויך. אבער נאָר דער פנים! די שטריימעלע, דער פוטער, ביי איהם, ווי ביי אנדערע זענען צוגעשטוקעוועט... איהר זעהט ניט אויבען ווי עס זיצט אויף זיי? אט אזוי זיצט א נאַטירליכער הוט? א נאַטירליכע שטריימעל? זי קריגט ערגעץ, דער טייוועל ווייס איהר, פאראן אזעלכע בילדער — „גאוני ישראל“, „גדולי ישראל“ און אנדערע, יודישע, גוי׳אי־שע, זי בראקירט ניט, אבער עס זאָל פאסען צו איהר געשעפט. איבערהויפט געהט דער „מסחר“ ביי איהר „ימים נוראים“, אין די ארומיגע קלענערע שטעדטלאך און דערפער... פאראן נאָך גענוג „פראים“ אויף דער וועלט. נעהמט מען דאָס אַן פאר ראיעל. אלטע ווייבער, נארישע, מיינען מיט אַן אמת, אז דאָס איז „אונזער מוטער חוה“, אדם הראשונ׳ס פלונית׳טע... ס׳שטעהט דאָך אונטען בפירוש מיט געדרוקטע אותיות... נו, און אז ר׳ ישראל׳ניו איז ריכטיג, איז דאָך געווים דער צוויי־טער, ביי איהם רעכטס, מסתמא אויך ריכטיג — אליהו הנביא...

— איהר זאָגט — האָב איך איהם איבערגעריסען די רייד — איהר „פלעגט“ פאר איהר פאבריצירען אט די הייליגע ביל־דער“. און איצט?...

— איצט איז זי מיט מיר ברוגז, — האָט געענטפערט דער פאָטאָגראף. בשעת זי איז צו מיר געקומען דעם ערשטען מאָל, האָט זי אויסגענומען א תנאי, אז דאָס זאָל זיין בסוד. קיינער זאָל ניט וויסען. מיין דאגה!... איהר מיינט, ס׳איז מיר אנגע־

נעהם געווען דער געשעפט ? צו עוסק'ן זיך מיט אזא נפש ? נאר וואס זאל מען טאן ? די חיונה איז שווער. זעהר א שווערע צייט... קען מען דען אויסקלייבען... ווי דער גראשען קומט אן ?.. אמאל, הערט איהר, קומט זי אריין צו מיר — געהן פלעגט זי צו מיר אין שטוב, ניט אין פאטאגראפיע — אט אזוי, ווי איהר זעהט איהר, ארומגעהאנגען מיט איהרע שמאטעס; רעדט וועגען איהרע „געשעפטען". אין מיטען נעהט מיין ווייב ארויס פון שטוב. האלט זי איהר אויף. „ווארט" — זאגט זי — לאזט מיר ניט ביחידות (אליין) מיט אייער מאן..." מיין ווייב האט זיך צולאכט. אז ע ר וויל", — זאגט זי — „בלייבען מיט א י י ך ביחידות, דארפט איהר קיין מורא ניט האבען". איז וואו האלט איך ? יע. „קיינער", — זאגט זי „זאל ניט וויסען". אז איך האב מיט אייך געשעפט. בעגעגענען מיר זיך אין גאס, איז ווי מיר וואלטען איינער דעם אנדערן ניט קענען"...

רעכט ! בין איך מסכים. א גרויסער כבוד, מיינט איהר. אבצושטעלען זיך אין גאס מיט אזא בריאה...

האט זיך אבער אנגעקליבען אמאל א היבשע סומע. עפעס א זיבעציג, אכציג קראנען איז זי מיר שולדיג געווען. ס'געהט אוועק א חודש, דער אנדערער, דער דריטער — זי ווייזט זיך ניט. און פערענגט איז מען. וואס טוט מען ?... בעגעגען איך איהר אמאל אין גאס און דערמאהן איהר שטילערהייט דעם חוב. נעהמט זי אזוי אן א שטאלצע פאזע אין איהרע טראנטעס און מאכט : „איך האב דאך מיט אייך אבגערעדט, אז מיר זאלען זיך אין גאס ניט קענען ! איך וועל אייך אריינטראגען מארגען, איבערמארגען".

ווארט איך מארגען, איבערמארגען, א וואך, די אנדערע— קיין שפור ניטא פון איהר. אמת, אט דא האב איך שוין פער־לארען די געדולד. כאפ איך איהר אמאל אין גאס און מעלד איהר קורץ און שארף : איהר ברייננגט אב דעם חוב, היינט ניט אנדערש, איז רעכט, אז ניט וויים מארגען גאנץ שטערטעל פון אייער שווינדעל.

מיינט איהר, זי האט זיך דערשראקען ? „איך האב פאר אייך קיין מורא ניט", — זאגט זי — „איך האב אייך געזאגט,

איהר זאָלט מיר אין גאַס ניט אָבשטעלען".

ווי געפעלט אייך די פוריע?

פון דעסטוועגען האָט זי אָבגעבראַכט דעם חוב, העלפט, דעמזעלבען טאָג, דאָס איבריגע — אין עטליכע טעג אַרום.

פון דעמאָלט אָן איז זי מיט מיר ברוגז. צו זי אַרבייט ביי אַן אַנדערן, צי דער „מסחר" איז גלאַט שוואַכער געוואָרען, ווייס איך ניט.

אזוי האָט דערצעהלט דער פאָטאָגראַף.

איך וויל ניט לייקענען, אַז באַלד נאָך דער מעשה האָט זיך אין מיר דערוועקט דער גלגול פון א משכיל. „אַראָבוואַרפען די מאַסקע!" „קעמפפען געגען פינסטערניש!" ווי ניט גאָר צוגעפּאַסט די ווערטער זענען געווען צו אָט דעם מערק־ווירדיגען פאַל — איך האָב דאָך געפיהלט עפּעס א נויטיגקייט א שטופּענעס צו טאָן, עפּעס „רעאַגירען" — ווי מ'זאָגט אויף הויך, לשון — אויף דעם דאָזיגען פאַקט. אגב, — צווישען אונז זאָל דאָס בלייבען — איז מיר טאַקע ניט אָנגעשטאַנען, איך זאָל אזוי מאוס אריינפאַלען פאַר א קרבן דער „משיח'טע". אין בעגלייטונג פון א יונגען מאַן, איינעם פון מיינע פיהרער אי־בער טשאַרטקאָוו, האָב איך זיך געלאָזען צו דער „משיח'טע"..

מיר האָבען זי געטראָפען אין דער היים. מיין פיהרער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. עטליכע מינוטען האָט געדויערט ביז מיר האָבען דערהערט פון יענער זייט טיר א שאָרך, א דראַפּען אין טיר, א שליאַפּען מיט שווערע פאַנטאָפעל איבער דער פּאָד־לאָגע. דאַן האָט זיך א הויב געטאָן די פאַרהאַנקע פון טיר־פענסטערל און זיך ווידער אַראָבגעלאָזט. עס איז ווידער שטיל געוואָרען. ווידער האָט זיך געהערט עפּעס א שאַרענעס, א שליאַפּען מיט פאַנטאָפעל, און נאָך א פּאָר מינוט האָט געדוי־ערט, ביז די טיר האָט זיך ענדליך געעפענט.

איך געדענק איצט ניט אקוראַט, ווי אזוי דער גלגול פון א משכיל, האָט פון מיר אַרויס פּראָטעסטירט געגען דער „משיח'טעס" שווינדלערייען. דער לעזער ווייס שוין, אַז זי האָט מיך מקבל פנים געווען מיט דעם שטאָלץ און זעלבסט־רעס־פּעקט פון א מענשען, וואָס ווייס זיין „בערוף" און זיין ווערט...

דער לעזער ווייס אויך, אז בשעת איך האָב בעקומען צוריק די געלד, האָב איך אין מיטען „אָבמאכען דעם מסחר“ חרטה גע־האַט און געלאָזען ביי זיך א טייל פון איהרע „סחורה“.

איך דאַרף צוגעבען, אז באלד, נאַטירליך, ווי איך האָב זיך גוט איינגעקוקט אין דער „משיח׳טעס“ אייגענע שמאטעס, אין די בערג אנעצעס, ברעטלאך, שערבלאך, מיסט, וואָס זענען גע־לעגען אָנגעוואָרפען אין איהר שטיבעל, וועלכע איז מעהר עהנ־ליך געווען אויף א הונדס קאָנורע, ווי אויף דער וואוינונג פון אַ מענשען, ווי איך האָב זיך נאָר ארויסגעריסען פון דער פוילער שטיקענדער לופט, וואָס האָט ביי מיר דעם אָטעם פערכאַפּט, איז דער גלגול פון א משכיל ביי מיר באלד פערשוואונדען און און דער רוהיגער בעאָבאכטער פון לעבען האָט פערנומען זיין פּלאַץ.

די משיח׳טע“ איז ביי מיר ווידער געוואָרען א רעטעניס. איינע פון די פולע רעטעניסען, וואָס מיר זעהען אזוי פיעל אין יודעשען געטאָ, איבערהויפּט אין די חסידישע שטעדט־לאך פון גאַליציען. וואָס איז זי? א בעטראָגענע, צי אַ בעטרי־גערין? אַן איינרעדעניס, אדער אַ בעוואוסטזיניגע שווינד־לערין?

מיר האָט זיך דאַמאָלט געדוכט און עס דאַכט זיך מיר איצט — אז ביידע זאכען צוזאַמען. אלענפאלס אַן אונגליקלי־כער מענש, אין וועלכען עס זענען פערלאָרען געגאַנגען אונגע־וועהנליכע און פיליכט געניאלע טאלאנטען.

ריידען מיט איהר האָב איך מעהר ניט געוואָלט. איך האָב אויך ניט געפונען פאר נויטיג. איך האָב געהערט פון איהר און וועגען איהר גענוג. דערצו האָב איך געהאַט איהרע ליטע־ראַטור.

איך האָב גענומען דורכקוקען אויפמערקזאַם איהרע „צייר־טונגען“. א חוץ די אויבען געבראַכטע אויסשניטען זענען דאָ אין איהרע בלעטער נאך א סך אינטערעסאַנטע שטעלען. דורך אלע בלעטער געהט דורך ווי א רויטער פאַדים, איין גרונד־געדאנק, איין שטרעבונג. צו שפּילען די ראָלע פון א רעבעצין, פון א בעל מופת׳טע. גאַנץ אָפט טוט זי „מופתים“ פאר די

וואס גלויבען אין איהר, און געגען די וואס זענען איהר מצער. איינע האט איהר ניט געוואלט געבען א קווארט וואסער, איז א גאנצען זומער קיין רעגען ניט געגאנגען ביי א האליץ־סוחר'ס ווייב האט זי פערלאנגט א פדיון, וועט זי פתפלל זיין און פועלן אז ס'זאל זיין א סך וואסער, וועט איהר מאנס געהילץ אנקומען ניך קיין דייטשלאנד. האט די האליץ־סוחר'טע ניט געוואלט געבען. זי גלויבט ניט — זאגט זי — אין א רבי'ן בפרט אין א רבצין. אין קאזמיר האט די שטאדט־רעבעצין געגעבען איהר א פדיון. ד. ה. געמאכט איהר אויף הוצאות. איז דורך דעם די שטאדט קאזמיר ניצול געווארען פון אן אונגליק. אין יאהר תר'ן (1890) איז געוועזן גרויסע בלאטעס. אידען האבען קיין פרנסה ניט געהאט, האט זי געבעטען, עס זאל ווערען טרוקען און עס זאל זיין א שנת „מיסאמאטין", איז תכף געווארען א גרויסער פראסט און שנת „מיסאמאטין".

בכלל — איז אין דער חסידישער וועלט ניט קיין נייעס — א „רעבעצין", א „גוטע אידענע", וואס „טוט מופתים" און נעהמט פדיונות. דעם אלטען בעלזער'ס ווייב, פלעגט צייטענ־ווייז — ווי ס'ווערט דערצעהלט אין די חסידישע מעשיות — אין דער אבוועזענהייט פון איהר מאן, פערטרעטען זיין פלאץ, נעהמען א פדיון און געבען סגולות און קמעות. ר' מאיר'ל פרי־מישליאנערס טאכטער איז, נאך איהר פאטער'ס טויט, געזעס־סען אויף זיין טראן, געפיהרט די „מלוכה" און „בעוויזען מופתים" מיט דער קראפט פון זיין שטעקען...

די „משיח'טע" איז געבארען געווארען צו שפעט. מיט א 50 יאהר פריהער האט זי מיט איהרע טאלאנטען, געקענט זיך פיין ארויפארבייטען...

בעריל-„אנטימיליטאריסט."

גערופען האָט מען איהם פּשוט: „בעריל דער משוגענער".
גאָר זיין גאַנצע משוגעת האָט, אייגענטליך, געשטעקט דעריז,
וואָס ער האָט ניט געוואָלט דיענען דעם קייזער.

געגען דעם קייזער האָט בעריל, אין אמת גערעדט, גאָר
נישט געהאַט. פאַרקערט: ווי אַלע עסטרייכישע יודען, איז ער
געווען אַ טרייער פּאַטריאָט. נאָר איינס צום אַנדערען האָט ניט:
מ'קען בענשען דעם קייזער, זיין איהם אַ גוטער פריינד און ניט
וועלען „מאַכען זיך משוגע". וואָרום זיין אַ זעלנער האָט געהייסען ביי בעריל'ען מאַכען זיך משוגע.

אַ שטייגער: אַלע סאָלדאַטען געהען אויף מאַרשיראָווקע
און גימנאַסטיק. בערעלע פערשטעהט זיך, אויך מיט זיי. הייסט
מען אַלעמען אויפהויבען איין פוס, האַלטען זי אין דער לופטען
און אויף דער אַנדערער בלייבען שטעהן.

איינס! צוויי!

אַלע סאָלדאַטען בלייבען שטעהן אויף איין פוס. די אַנדערע אַרויסגעוואָרפען פאַראויס.

בערעלע, ווי ניט איהם מיינט מען: שטעהט פעסט אויף
ביידע פיס.

עס לויפט צו דער פעלדפעבעל.

— וואס איז מיט דיר, דו קערל? ווארום העבסט דו ניכט דיינע רעכטע פוס?

נאר בעריל ענטפערט קאלטבלוטיג:

— הויבט אליין! וואס בין איך א גאנז, וואס איך זאל שטעהן אויף איין פוס? — איהר ווילט זיך מאכען משוגע? זייט אייך משוגע א חוץ מיר! איך בין נאך דערווייל קלאר און וועל נישט שטעלען זיך אויף איין פוס, ווען איך קען, מיט גאט'ס הילף, האלטען זיך אויף ביידע....

דעריבער איז בערעלע אמאל צוואנציג אנטלאפען פון דיענסט.

אנטלויפען פלעגט ער יעדעס מאל אהיים, צו דער מאמען. קומען פלעגט ער אין דער זעלנערשער היטעל מיט'ן זעלנערשען לאנגען מאנטעל. בעהאלטען זיך פלעגט ער ניט.

דער זשאנדאר פון שטעדטעל האט ניט געהאט קיין סך מיה צו פאקען איהם טאקע פון מיטען גאס.

געפאקט — פארפאלען! אנטקעגען שטעלען זיך — דאס ניט. פיהרט איהם דער זשאנדאר אין דער מיליטערישער קאנצעלאריע. ער— א פריהער, בערעלע, — פון הינטען:

קומט צו דער קאנצעלאריע, מאכט בערעלע:

— „האלט! ווילסט כאפען פינף גולדען, פאר וואס דו האסט מיך געפאקט? א קרענק!"

און פארלויפענדיג א פריהער, פלעגט ער אליין זיך מעלדען דעם מיליטער־הויפטמאן.

אז אנדערס מאל, דאס איז געווען נאך א פינפטען צו זעקסטען מאל מאכען פליטה פון דיענסט, פיהרט מען בערעלען מיט זיין ראטע ערגעץ אין א שטאדט אוועק.

מאכט זיך גראד, אז מען פיהרט איהם דורך זיין שטעדטעל. ווי נאר די ראטע זיינע האט זיך פערגלייכט מיט זיין מאמעס שטיבעל, גיט בערעלע א שפרונג ארויס פון שערענגע און גלייך צו דער מאמען אין שטיבעל. אין א סעקונדע ארום געהט ער ארויס פון שטיבעל, ווי ניט איהם מיינט מען, מיט א פאר עמער אויפ'ן אקסעל, נאך וואסער, הייסט עס, פאר דער מאמען.

פאקט מען דאך איהם ווייטער, נאר בערעלע רייסט זיך און שרייט:

— איהר'ט מיך נישט איינשמועסען, ניין! דער קייזער איז נישט בילכער פאר דער מאמען...

פאר אזוינע חטאים האט מען בערעלען געמאכט א פראצעס, און פאר'משפט — צו שיסען.

נאר דא האט בערעלע נאך אמאל געמאכט א „ויברח“. אבער דאס מאל ניט צו דער מאמען, נאר גלייך אין וויען — צום קייזער. מ'ווייס ניט, ווי אזוי, נאר ער האט זיך דערשלאגען צום קייזער, און דער קייזער האט איהם בעגנאדיגט.

מ'האט געמיינט, אז נאך דעם וועט בערעלע ווערען רוהיג: וועט אויסדינען כשר זיין זעלנער־טערמין, ווי אלע סאלדאטען. ס'איז אבער געווען א טעות. ס'איז אוועק א חודש, צוויי, דריי נאך דער בעגנאדיגונג. בערעלע איז, דאכט זיך, געווארען א זעלנער, ווי אלע זעלנער. לויפט און שפרינגט און הויבט שוין די רעכטע און לינקע פוס.

מאכט זיך, אז ס'קומען אן גרויסע מאנעווערעס. דער קייזער אליין איז עקסטרא געקומען דערביי זיין און צוקוקען. און אויף מאנעווערעס, ווי בעוואוסט, ווערען דאך איבערגע'חזר'ט און ארויסגעוויזען אלע זעלנערישע קונצען. אין דעם ערפאלג פון די מאנעווערעס, הענגט אב די קאריערע ניט פון איין גענעראל און אפיציר. די סאלדאטען ווערען פערמאטערט, ארויסווייזענדיג די אלע שטיק, פונקט ווי אויף א מלחמה.

אט דא האט ביי בערלען געפלאצט די געדולד. פון אנהויב האט ער געמיינט, אז דאס איז טאקע אן אמת'ע מלחמה. מילא — מלחמה, איז דאך ניט שייך! איז נ י ט א קיין תירוצים... ווייזט זיך אבער ארויס, אז דער „שונא“. איז גאר קיין שונא נישט! אז די גאנצע מעשה איז א בלאף... ווארום אין דעם אנטקעגענדיגען לאגער, אין וועלכען ער האט געדארפט שיסען, האט ער בעשיינפערליך דערקענט שמעריל דעם וואסער־טרעגער, זיינעם א גוטען פריינד, וואס האט — ווי ער האט אויף זיכער געוואוסט — א פליעג אויף דער וואנד נישט אנגעריהרט, און איז דעם קייזער אליין אויך אזוי טריי ווי ער, ווי אלע יודען. און א

זײ שמערלען האט ער דארט דערקענט פּאַצעק'ן און יאַצעק'ן, דעם יאַהאַן און דעם שמידט, — גוײם, נישט בלױז גוטע בעקאַנ־טע, נאָר אַפילו אײגענע עסטרײכישע זעלנער, נאָר פון אַן אַנ־דער רעגימענט. און אַ חוץ דעם איז טאַקע דער שיסען אַלײן אױך געװען אױף צו בלומרשט... עט, גלאַט, פּאַצעציע!...
משוגע זענען זײ? צו װאָס?...
געװאָוסט האָט בערעל, אַז דאָ ניט װײט, פאַר עטליכע הונדערט טריט איז דאָ דער קײזער אַלײן, װאָס האָט איהם בעג־נאַדיגט. נישט שױן זשע װײס ער פון די אַלע „הינטישע שטיק?" פון די אַלע „משוגענע אוואיעס", װאָס דאָ טוט זיך אָפּ? עס קען נישט זײן!
און בערעל װאַרפט אַראָב פון זיך שנעל די שיך, די זאָקען, װאַרפט אַרױף דעם ביקס אױפ'ן אַרבעל און לױפט אַ באָרװע־סער.
פינסטער איז געװאָרען דעם קאָמאַנדיר פון זײן ראָטע אין די אױגען, ס'איז געװאָרען אַ גערודער. פערצװײפעלטע לאָזען זיך נאָך איהם די אָפיצירען, דער גענעראַל, כאַפּען איהם אָן.
— װאָס איז? װאוהין? אך!... נאָר בערעלע רײסט זיך.
— לאָזט מיך, לאָזט! איך מוז צו איהם, מוז צום קײ־זער... נײן! זאָל ער זאָגען, אדרבא, אױף װאָס דאַרף מען אָט די „משוגענע טענץ", אָט די קאָמעדיעס?...
די אָפיצירען און דער גענעראַל זענען איהם שיער צו די פיס ניט געפאַלען, האָבען זיך בײ איהם געבעטען, איהם געמוזט געבען די האַנד, אַז מאָרגען נאָך די מאַנעװורעס װערט ער בע־פרײט.
און בערעלע האָט אױסגעפיהרט: ער איז בעפרײט גע־װאָרען אױף אַלע מאָל.
װערענדיג אַ פרײער מענש, האָט זיך בערעלע אװעק גע־לאָזט איבער דער װעלט. ער איז אױסגעװען אין לאָנדאָן, אין פּאַריז, װאו איהר װילט. אין רוסלאַנד האָט ער געטאָגט און גע־נעכטיגט. קען רעדען פראַנצױזיש, ענגליש, דײטש, רומעניש, פּױליש, רוסיש. נאָך אַ פולע יאָהרען װאַנדערװען איז ער ענדליך צוריק געקומען אַהײם, אין זײן מאַמעס שטיבעל, איצט איז ער

א בחור שוין פון א יאָהר 55. האָט א משונה'דיג קאַצאַפּיש פּנים, טראָגט לאַנגע האָר, גערט זומער און ווינטער אין א קוטש־מע, דער בגד אַנגעהאַנגען אויף די אַקסלען. האַנדעלט מיט וואָס עס מאַכט זיך. דערצו איז ער א מעקלער פון דינסטען. האָט א מויל פון א „בריטאַן“, נאָך איצט אויך. נאָר געגען דער אַלטער מאַמען איז ער א טויב. געקומען אהיים — טראָגט ער אַן וואַ־סער, שפּאַלט אַן שפּענדלאַך, האַקט אַן האָלץ, בעדיענט דער מאַ־מען, א זקנה שוין פון א יאָהר אכציג.

בילכער פאַר דער מאַמען איז ביי איהם קיינער ניט. אפילו דער קייזער אליין. און דאָס האָט ער בעשיינפּערלעך בעוויעזען אין זעלנערישען דינסט.

די פלאָגערס.

וואָס זאָל מען לייקענען, — „דיענען דעם קיסר“ האָבען יודען קיין מאָל אין ערגיץ ניט געוואָלט. כאָטש אין דערזעלבער צייט זענען יודען שטענדיג און אומעטום געווען גרויסע פאַטריאָטען. אין דער צייט פון דער השכלה, ביז די ערשטע פּאָגראָמען פון 1881, איז די יודישע יוגענד אין רוסלאַנד געווען זעהר פּאַטריאָטיש געשטימט צו דער „ממשלה“, צו דער רעגירונג, הייסט עס. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט, אז פון דינסט זאָל מען אַנטלויפען וואו פעפער וואַקסט. נאָך פּאַטריאָטישער זענען תמיד געווען און נאָך איצט זענען די עסטרייכישע יודען צו זייער „קאַיזער“ און דאָך איז מען פון דאָרטען שטענדיג געלאָפען פון זעלנעריי און מ'לויפט איצט.

די סבה דערפון דאַרף מען דעם יודישען לעזער קיין סך ניט ערקלערען. דער יוד, וואָס האָט בעשאַפען אין דער פּערזאָן פון די אַמאָליגע נביאים דעם אידעאַל פון „וכתתו חרבותם לאתים וחניתותיהם למזמרות“ ד. ה. אז עס וועט קומען אַ צייט, ווען מענשען וועלען צעברעכען זייערע שווערדען און שפּיזען און מאַכען דערפון אקער־אייזענס און קאָסעס“, — אָט דער אידעאַל איז אריין אין דעם יודענ'ס פלייש און בלוט. ער פערשטעהט שוין זעהר גוט, אז ס'איז גאָר ניט נויטיג צו הרגענען זיך און קוילענען זיך מיט אַנאַנדער. און וויל מען נאָר ניט איינשלינגען די וועלט, אליין לעבען רוהיג און לאָזען יענעם צו רוה.

קען מען שוין שטענדיג געפינען א מיטעל, ווי אויסצוקומען מיט מענשען אויפ'ן פרידליכען שטייגער.

דערצו האט דער יוד צופיעל ליעב די פרייהייט, די אונאבהענגיקייט פון זיין פערזאן, אום צו וועלען זיך פרייוויליג איינשפאנען אויף יאהרען אין דעם יאך פון קאזארמע־דיסציפלין. דאס שטערט, אבער פערשטעהט זיך, ניט די יודישע יוגענד ארויסצוגעהן מוטיג אין קאמפף און פערגיסען זייער בלוט, ווען עס האנדעלט זיך אום פערטיידיגען די אמת'ע פאלקספרייהייט און ניט די אינטערעסען פון די שטארקע. דערצו האט אונז געגעבען געגנוג ביישפילען די רוסישע רעוואלוציע.

אלעמען איז בעקאנט וויפיעל פלאגענעס, יסורים און חרבנות דער יודישער יוגענד האט אמאל געקאסט דער פריזיוו זעהר ווייניג אבער ווייסען, אז אין גאליציען האט די דאזיגע פלאגענעס אנגענומען נאך א מעהר טרויעריגען כאראקטער. דאס ווארט „פלאגער" איז דארט אזא בעגריף, וואס די רוסישע יודען ווייסען גאר דערפון ניט. דאס איז א גרויסער שטיק גאליציש־יודיש לעבען, וואס אהן דעם קענען מיר בכלל ניט האבען קיין ריכטיגע פארשטעלונג וועגען דעם גאנצען יודישען לעבען אין גאליציען. אזא טיפ, ווי „דאריע באנדער", א „אידענע אן איי־גענהאקערין", א „בעריל דער משוגענער", וואס פיגורירען אין מיינע פריהערדיגע בילדער פון גאליציש־יודישען לעבען, שיינען געוויס פאר דעם זייטיגען לעזער א מין „שארזש", עפעס א זאך וואס איז עהנליך צו אן אויסגעטראכטע סענסאציע. דער גאליציאנער יודישער לעזער ווייס אבער, אז אין זיין היים איז דאס די נאקעטע ווירקליכקייט.

ביז מיט פערציג יאהר צוריק איז געווען דער דינסט אין עסטרייך א סך שלימער, ווי איצט. נאר דאן האט מען געקענט קויפען פאר זיך אן אנדערן, א „סופלענט" האט עס געהייסען. דער מקח פון א „סופלענט" איז געווען פיער הונדערט רייניש. דאס איז געווען, נאטירליך, מעגליך פאר רייכע. אריימע האבען זיך געמוזט „האקען די אויגען". אדער זיין „נעלמים". ד. ה. בעהאלטען זיך. די הייזער זענען פון אנהויב אן געבויט

געוואָרען מיט בעהעלטעניסען, וואו די „כאַפּער" האָבען ניט געקענט צוקומען, אויב ס'איז ניט געווען קיין מסירה.

אז די סופּלענטען זענען אָבגעשאַפט געוואָרען, און דער דינסט איז שוין געווען ניט אזוי שווער, איז די „אויגענהאַ־קענס" אויסגעגאַנגען פון מאָדע. די בעהעלטעניסען האָבען שוין מעהר ניט געקענט שיצען. די לאַגע פונ'ם זעלנער איז אָבער נאָך אַלץ ניט געווען וואָס מקנא צו זיין, און יודישע יונ־גע לייט האָבען ניט געהאַט קיין לוסט צו געהן דינען. אַט דאָ האָט זיך ענטוויקעלט די פּלאַגענעם אין איהר גאַנצער טראַגי־קאָמישער געשטאַלט.

די איינבערופונג פון זעלנער אין גאַליציען קומט פאָר, אונגעפעהר, ווי אין רוסלאַנד — אין הערבסט. נאָר די „אסענ־טירונג", ד. ה. דאָס מעלדען זיך צום פּריזיוו, קומט פאָר פאר פּסח — מיט אַ האַלב יאָהר פריהער. דעריבער הויבט זיך אָן די „פּלאַגענים" אַ סך פריהער פאר דער „אסענטירונג" טאַקע באַלד נאָך חנוכה. די פּלאַגענים בעשטעהט אין טרינקען עסיג, פאַס־טען, ניט שלאָפען, אומגעהן אַ סך, ליגען אויף דער הוילער באַנק א. ד. ג. אין רוסלאַנד ווערען פּראַקטיקירט דיזעלביגע זאַכען. נאָר דאָרטען מאַכט דאָס יעדער פאַר זיך. אין גאַליציען אָבער איז די יוגענד געזעליגער. דאָ איז פון דער פּלאַגעריי, מיט דער צייט, געבילדעט געוואָרען אַ מין געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציע מיט אַ ניט געשריבענעם אוסטאַוו (קאָנסטיטו־שאַן), וואָס איז אָבגעהיט געוואָרען אויפ'ן האָר מעהר, ווי אַ געשריבענע; מיט איהרע טראַדיציעס, מיט איהרע העלדען און טיפּען, מיט איהרע צערעמאָניעס, ליעדער און טענץ. אין יעדער שטעדטעל איז געווען — און איז נאָך איצט דאָ — די „פּלאַגער שולכעל", וואָס האָט זיי געדינט פאַר אַ מין קלוב. קומט די צייט פון פּ ל אַ ג ע נ ע ם, קלייבט זיך אויף דער גאַנצער עולם־פּלאַ־גער אין זייער שולכעל, און קלייבט אויס אַ „רב", אַ מין פּרע־זידענט. דער דאָזיגער פּרעזידענט ווערט בעקליידט מיט אַ אונ־בעשרענקטער מאַכט.די דיסציפּלין אין דער פּלאַגער־אַרמיי איז שטאַרק. יעדער מוז געהאָרכען דעם פיהרער.

די פּלאַגעריי הויבט זיך אָן זעהר צערעמאָניעל. פריהער

געהט אַ „קאַפּאַראַש" — אַ מין טאַנץ, מיט מוזיק: אַ גוי'אישע ביליגע פידעל, מיט קונדס'יגע פּויקען און טאַצען. דערנאָך שפּילט מען אין פּעטש. איינעם האַלט מען צו די אויגען, אַ צווייטער גיט אַ פּאַטש אין הינטער־טייל. גאַנץ חברה גיט זיך אַ לאָז צו. ס'ווערט אַ טומעל. דער געפּאַטשטער דאַרף טרעפען: ווער ס'האָט געגעבען. טרעפט ער, דאַרף יענער, דער פּאַטשער שטעלען זיך אויף זיין פּלאַץ, אַז ניט קריגט ער ווייטער פּעטש.

געענדיגט דאָס שפּיל, לאָזט מען זיך איבער'ן שטעדטעל, און אונטער יעדען פענסטער ווערט געזונגען די פּלאַגער־סערענאַדע:

שטעהען מיר דאַ אַלע פּלאַגער.
שטעהען מיר דאַ אויף קצבה;
גיט אונז ארויס אַ פּלעשעלע בראַנפען,
וועט איהר האָבען אַ מצוה.

גיט מען איז גוט, אַז ניט ברעכט מען לאַדען, פענסטער. ביי דעם „פּרעזידענט" איז אויפ'ן שנירעל יעדער פּריזיוונִיק. אפילו דער וואָס וויל דינען, דער וואָס האָט אַ מיטעל אויסקויפען זיך פון דינסט, ניט פּלאָגענדיג זיך; אפילו דער וואָס וויל זיך בעפרייען דורך פּלטה אין אַמעריקאַ. קומט די „צייט" מוז יעדער בחור אריין אין חברה. אַ רייכער מוז זיך אָבקויפען מיט אַ פיינע מטבע. אַמאָליגע יאָהרען פּלעגען די פּלאַגער פריהער געהן צום רבי'ן נאָך אַ ברכה, און נעהמען ביי חסידים פּלאַגער־געלד. היינט איז דאָס אוים מאָדע.

חברה־פּלאַגער האָט געהאַט זייער אייגען שענקעל, וואו מ'האָט צו יעדער צייט געקענט בעקומען בראַנפען מיט הערטשענע פּלעצלאָך אויף קרעדיט. אונטער געוואַרימט זיך מיט אַ ביסעל בראַנפען — פלעגט מען זיך לאָזען איבער שטעדטעל הוליען. דאָ איז געווען פאַר יעדען „טאַלאַנט" אַ ראָלע. פון אָנהויב פּלעגט געהן רעדעס. אַ ציוניסט פלעגט „אָבטאַקען" זיין ציוניסטישע דרשה: אַ סאָציאַליסט פּלעגט רעדען וועגען „קאַפּיטאַל" „פּראָלעטאַריאַט" און סאָציאַלע רעוואָלוציע. ווען אַלע אַראַטאָרען האָבען געהאַט אויסגעלעדיגט זייערע „ספּיטשעס" האָט זיך אָנגעהויבען געוועהנליך די קאָנצערט־אָבטיילונג.

דערביי האָט מען זיך ניט געהאַלטען אַן אַ סיסטעם. חזנות, טעאַטער־שטיקלאַך, פאָלקסלידלאַך — אַלץ איז געווען אויסגע־מישט. נאָך האַלבע נאַכט פלעגט מען זיך אַ לאָז טאָן צו די חסי־דישע קלויזען, וואו די חסידישע בחורים פלעגען זיך פלאַגען אויף זייער שטויגער: זאָגען תהילים, לערנען, דערציילען זיך טרויעריגע מעשיות. די חסידישע יונגע לייט פלעגען מוזען אריין אין חברה, מיט־האַצקען זיך, מאַכען מיהלען, ד. ה. דרע־הען זיך אין אַ קאַראַהאָד און נעהמען אַ טייל אין אַלע שטוקעס. די שטוקעס זענען ניט אַלע מאָל געווען אונשולדיגע. עס פלע־גען זיך אריינמישען וואויל־יונגעריי און גראָבע שטיק. אַ שטוי־גער, ווי אויסציהען אויפ'ן טיש און שמייסען; אַנצינדען אַ פּאַ־פּיער אויפ'ן נאָז, אַבטונקען אין אַ צובער וואַסער. אין שטעד־טעל פלעגט מען איבער אַ נאַכט אַנטאָן חורבונות: ברעכען קאַסטענס, וואַרפען, שליידערן, איבערקעהרען קאַפּויר. די האַלץ אין קלויז פלעגט מען אַנצינדען, פון די ליכט מאַכען אילומי־נאַציעס. טאָמער פלעגט דער שמש פערשליסען די קלויז, פלעגט מען אויפברעכען די טיר און מאַכען דאָרט אַ חורבן.

די פלאַגענעס האָט אויסגעאַרבייט איהרע „פּראָפעסיאָ־נאַלען" — וואוילע יונגען, וואָס האָבען גאָר נישט געטאָן, נאָר אַבגעהיט די טראַדיציעס פון דער פלאַגעריי, געפיהרט אויפ'ן קאָפּ דעם חשבון פון די פלאַגער, געמאָהנט חברה־געלד, אַנגע־פיהרט די טענץ מיט אַלע שטוקעס. אַליין פלעגען זיי זיך גוט אַבפּיטערן פאַר דער צייט פון די פלאַגענעס און אַ גאַנץ יאָהר פערזאָרגט געווען מיט חיונה. די פלאַגער אַליין אָבער פלעגען גאַנץ אָפט ארויס קאַליקעס פון ניט עסען, ניט שלאָפען, פון אַ סך רויבערן, פון לעבערן די אויערן, שיטען קאַלך אין די אויגען און עהנליכע יסורים.

מיט דער ענטוויקלונג פון דער יודישער יוגענד געהט ביס־לעכווייז אויס פון דער מאָדע די פלאַגענעס. דער וואָס האָט אַ וועלכען עס איז בילדונגס־צענז און קען זיך מאַכען לייכטער דעם דינסט — געהט ער דינען. אַ פּשוטער אַרבייטער פער־זאָרגט זיך בעצייטענס מיט אַ טיקעט נאָך אַמעריקא. דער גע־לאָף פון דער גאַליצישער יוגענד קיין אַמעריקא איז בעזונדער

שטארק געווען די לעצטע צוויי יאהר פאר דעם וועלט קריג, בשעת די מלחמות אויפ'ן באלקאן. די עסטרייכישע רעגירונג האט אנגענומען עקסטרא מיטלען געגען די, וואס אנטלויפען פון פריזיוו ?? קען אבער גאר נישט מאכען. קריסטליכע יונגע לייט צולויפען זיך ניט ווייניגער פון יודישע.

אויף'ן יודישען „רעק" פון גאליציען.

וועגען גאליציאנער „דעק"־מענשען.

וואו איהר גיט א וואָרף אין גאַליציען מיט אַן אויג, בעמערקט איהר אַ טיפ. ערגעץ אין דער וועלט איז, דאַכט זיך, דאָס יודישע לעבען ניט אַזוי אָריגינעל, ווי דאָ. נאָר אָריגינעלער ווי אומעטום איז דאָס יודישע לעבען אין גאַליציען אויפ'ן דעק. די גאַליציש יודישע דעק־מענשען זענען העלדען אויף זייער שטויגער — העלדען און מאַרטירער צוזאַמען. און בעטראַכטענדיג זיי, ווייסט איהר ניט וואָס פריהער צו באַוואונדערן. צי די טיעפע אָריגינעלקייט פון זייער נאַטור, וואָס די אונמענשליכע בעדינגונגען פונ'ם דעק־לעבען האָבען ניט געקענט איינברעכען, צי די אייזערנע געדולד, מיט וועלכער אַט די מענשען האָבען געטראָגען און טראָגען אַ מאַרטירער־לעבען, ניט פערלירענדיג אין גאַנצען דעם צלם־אלקים.

אַלענפאַלס בעשטעטיגט גאַליציען נאָך מעהר, ווי רוסלאַנד, דעם פאַקט, אַז דער יודישער דעק־מענש איז ניט גלייך צו גאָרקי'ס רוסישע דעק־טיפען. י ע נ ע זענען שוועבליגע, פראַזיאָרען, און ד י זענען אמת'ע העלדען, נאָר געבראָכענע, און זעענדיג צעקאַלעטשעט פון דעם אונמעגליכען לעבען אויפ'ן יודישען דעק, וואו די בעדינגונגען זענען שרעקליכער ווי אויף דעם גוי'אישען דעק, בלייבען זיי דאָך העלדען אויף זייער שטויגער.

איך וויל דאָ פאָרשטעלען דעם לעזער אַ צעטעל פון אַ גאַנצע רייהע יודישע דעק־מענשען אין גאַליציען, וואָס איך האָב פאַרנאָטירט ביי זיך אין ביכעל. איך נעהם זיי ווי זיי שטעהען און געהען, אָהן אַ סדר, אַזוי ווי איך האָב זיי בעגעגענט אין לעבען, אָדער געהערט פון זיי. נאָר יעדער שטעלט פאָר אַ בעזונדער טיפ, אַ בעזונדער ווינקעל אין „גהינום התחתון" פון גאַליציאַנער יודישען דעק.

יענדזשע בעל עגלה.

זיין נאָמען איז אייגענטליך הערש. נאָר יענדזשע רופט מען איהם צוליעב זיין ווייב — רחל׳ע יענדשע. רחל׳ע איז א קאַשעק־יודענע — א בראַנד. קומט זי אין מארק, גערט פון איהר דער מארק חאָדאָראָם. דערפון איז לייכט צו פערשטעהן, אַז זי טראָגט די הויזען און ע ר ציטערט פאר איהר ווי פאר פייער. זי איז ניט פויל אַמאָל אריינצופאָהרען איהם אין באַק. „יענדזשע" גיט ניט צוריק נאָר נעהמט אָן פאר גוט און גיט נאָך איהר גע־רעכט. וואָרים „יענדזשע" האָט א טבע, ווען ער דערטאַפּט א פּאָר גילדען, פערשפּילט ער זיי אין קאָרטען. דעריבער האַלט זי שטענדיג די קאַסע אין איהר לעדערנעם מארק־בייטעל, ביי זיך אונטער קיסען.

ווי איהר זעהט איז יענדזשע דער בעל עגלה אין נאַטור ניט קיין שלעכטער. נאָר קינדער האָט ער ליעב ווי דעם לעבען. ניט קוקענדיג וואָס יענדזשע־ער ווערט פון יענדזשע־זי ניט זעהר צערטליך בעהאַנדעלט, פון דעסטוועגען קינדעלט זי אלע יאָהר, און ווען עס קומט צו א ברית גערט ער צו הערש שטעקל דעם גביר, מיט וועלכען ער האַלט זיך מחותנה׳שאַפט, ווייל „זייביידען האָט מען א נאָמען געגעבען נאָך איין זיידען". און מעלדעט איהם: — גוט מאָרגען, רבי הערש! איך קעהר זיך מיט אייך אָן: ווייטער א ברית! גיט צו שטייער!

ווענען די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד און דער רוסישער רעוואָ־לוציע וויים יענדזשע נאָר דערפון, וואָס אַמאָל זענען פערפאָהרען

אין שטעדטעל אקטיארען פון לעמבערג, צו טאקע פון סאמע ווארשע, און האבען דארט געשפילט טשיריקאוו'ס „יודען". ער אליין איז אין טעאטער ניט געווען. נאר ער האט געהערט, אז דארט האט זיך געטאן מעשים: מ'האט געשטאכען, געמארדע־וועט.

פון דעמאלט אן רופט ער די היינטיגע יונגע לייט: „יודען". צווישען ציוניסטען און סאציאליסטען ווייס ער ניט קיין אונ־טערשיעד. ער ווייס נאר, אז מ'קלייבט עפעס געלד: שקלים... אקציעס... און אז מ'קלייבט, מסתמא טיילט מען דאך אויך. און אז מ'לאזט איהם דורך, איז אן עולה... דעריבער ווענדט ער זיך אפט מיט א פארוואורף צו די שטעדטעלדיגע יונגע לייט: „ציוניסטען! יודען! סאציאליסטען! נו, גיט מיר אויך עפעס געלד..."

מאַנדזע „קנאַק"

אַ געוועזענער „וואוילער יונג", אַ „שמשון הגבור". נאָר פון זיין אַמאָליגע גבורה האָט ער שוין לאַנג פערגעסען. ער איז איצט ניט מעהר ווי אַ יאָהר 35 און איז שוין אַלט, געבראָכען, אַן ארימאַן, ווי טיטום איז געווען אַ רשע.

זיין פּראָפעסיע... נאָר ווי אַלע מענשען פון דעק, האָט ער ניט איין פּראָפעסיע. ער איז אַ טרעגער, אַ בעל עגלה, אַ שטעד־טעלדיגער יאָהריגער פאַלש־שווערער און אונטערצינדער... צייט־טענווייז קלייבט ער נדבות פאַר ארימע לייט און — גיט אָב ביז אַ פּרוטה. אין אָט דער הינזיכט איז ער אידעאַל עהרליך. וואו אַ רעדעל איז ער דאָ. איבערהויפּט לויפט ער זיך אָננעהמען אין אַ געשלעג צווישען יודען מיט גויים. איין אויג נאָר האָט ער אַ געזונטע, פון דער צווייטער רינט שטענדיג. זי סטאַרטשעט מאָדנע ארויס און צוליעב דעם איז זיין מויל פערקרימט און דער גאַנצער פּנים משונה'דיג. אָנגעטאָן געהט ער אָן דער וואָ־כען אין אַ מאָדנעם מלבוש: אַ קאַפּטאָן ניט קיין קאַפּטאָן, אַ זאַק ניט קיין זאַק. דערפאַר, אַז ס'קומט ימים נוראים, קריגט ער ערגעץ אַ קאַפּעליוש, אַן אַלטע קאַפּאָטע און אַ גאַרטעל און געהט, צוגלייך מיט אַלע יודען אין שול. אָבער ניט מעהר, ווי ימים נוראים. אַ גאַנץ יאָהר, שבת און יום טוב, זעהט מען איהם ניט אין אַ מקום קדוש. פון דער וואָכען איז געווים אָבגערעדט.

„קנאַק" רופט מען איהם, ווייל בשעת ער פאָהרט אויף זיין „לייב" האָט ער ליב צו קנאַקען מיט דער בייטש וואויל־

יונגעריש. און פאהרען פאהרט ער שטעהענדיג אין וואגען. זיין „לייב" איז שוין איין מאל א „בריאה". איהר פרייז איז געווענליך ניט מעהר ווי 20 רייניש. דער פאר האט ער אלע מאנטאג און דאנערשטאג א פרישע. מאנדזשע "קנאק" איז א „קאט", א תליון אויף זיין פערד! אט האט מען איהם צונויפגעמאכט אין שטעדטעל אויף א קליאטשע; אין צוויי וואכען ארום, ער טראגט זיך שוין מיט איהר פעל... קויפען קויפט ער געוועהנליך לכתחילה א „פגירה" מיט גע'פטר'טע פיס און בלינד אויף די אויגען. נאר ווענדיג קוראזשען זיך פאר די פיאקערניקעס און פאר שטעדטעל, פאהרט ער ניט, נאר טראגט זיך גאלאפ אויף זיין „נבלה", קנאקענדיג מיט דער בייטש. דערביי האט ער אזא טאלאנט אונטערצווארעמען זיין „בריאה", אז זי מוז ביי איהם שפרינגען ביז זי פאלט אנידער און ציהט אויס די פיס...

דעמאלט ווערט ער א טרעגער ביז אימיצער האט ניט רחמנות אין שטעדטעל און מען מאכט איהם ניט אויף ווידער א 20 ריינש אויף אן אנדער נבלה, וואס האט אין גיכען אויך אזא סוף, ווי די פאריגע...

אחוץ אט די געוועהנליכע פראפעסיעס האט מאנדזע „קנאק" נאך עטליכע, אזוי צו זאגען סעזאנע פרנסות. נאך חנוכה שטעהט ער צו צו די „פלאגערס", אזוי, פון טשיקאוועס וועגען. און אמאל פאלט אריין פון חברה א ביסעל משקה און טאקע עפעס פערבייסען אויך. פאר פסח ווערט ער א טרעגער פון מצות. פורים, איבערהויפט אין די אינגערע יאהרען, פלעגט ער צושטעהן צו די פורים־שפילער. זיין ראלע איז געווען צו לויפען א פריהער מיט א דראנג און קלינגען מיט א גלאק און פארשטעלען „מאנדרעכאי". צייטענווייז, ווען זיין קליאטשע איז צו דער צייט געווען א לעבעדיגע, פלעגט ער, רייטענדיג אויף איהר, זיך פארשטעלען פאר אן אולאן, אדער א סעקוועסטער ד. ה. א שטייער־מאנער.

ווי געזאגט האט „מאנדזע קנאק" בכלל ליב צו זיין דארטען, וואו עס איז א טומעל, אן אויפגעלאף. ביי א לויה שפרינגט ער אונטער מיט זיין אקסעל און העלפט טראגען דעם בר־מינן. ביי א שרפה, איז ער תמיד גרייט צו פאמפען וואסער אדער

העלפען ראטעווען. נאר אין א געשלעג צווישען יודען און גויים דארטען לעבט ער! כאטש, דעם אמת זאגענדיג איז ניט אזוי ער העלפט, ווי ער קריגט אליין קלעפ. נאר דער „נאציאנאלער" גע־פיהל שטויסט איהם און ער מוז זיין אויפ'ן ארט.

מאנדזע „קנאק" האט די דריטע ווייב. א טאכטער פון א קאטערינשטשיק. צייטענווייז קומט דער שווער צו איהם צו גאסט. דעמאלט זעהען שכנים א סצענע, ווי שווער און איידעם שלאגען זיך. אין א גוט'ן אופן וואלט זיך דער קאטערינשטשיק ניט פערגונען בעזוכען זיין טאכטער. ער קומט געוועהנליך אננעהמען זיך פאר דער טאכטער, וואס דער מאן שלאגט איהר. און שלאגען שלאגט מאנדזע די ווייב ניט פאר דאסזעלבע, וואס ער שלאגט זיין פערד. יענעם קנוטעוועט ער פון פארדרוס, פאר וואס אלע פיאקערניקעס האבען לייטישע „בהמות", וואס לוי־פען אליין, פעררייסען די מארדעס און זיין „פגירה" דארף ער נוקען, זי איז אהן פיס און אהן אויגען און צו דאס אלעם — גע־קויפט פאר צונויפגעמאכט געלד. די ווייב שלאגט ער ערשטענס ווייל זי בעט עסען, בעט אויף דער הוצאה; צווייטענס — ווייל קיין אנדער מענש, ווען ס'איז ביטער אויפ'ן הארצען און מ'מוז האבען צו וועמען אויסלאזען דעם כעס, וועט זיך ניט לאזען שלאגען. נאר אז דער שווער פארקאטשעט די ארבעל און שרייט צום איידעם: מאנדזע „קנאק", א רוח אין דיין טאטען אריין! ווארום שלאגסטו מיין טאכטער! עפעס מיינסטו, אז זי איז מיר גרינג אנגעקומען?... שווייגט מאנדזע און טענהט, ווי פאר זיך: קראנק... קראנק... בעסער שטארבען, ווי אזא לעבען...

נאר זאל קומען צו מאנדזע „קנאק" דער „מלאך המות", וועט ער, „מאנדזע קנאק" זיך דערשרעקען, און אבשיקען איהם צו אן אנדערן. ווארום ערגעץ איז ניט אזוי שטארק דער דורשט צום לעבען, ווי אויפ'ן יודישען דעק...

געציל דער וואסער טרעגער.

א פערהארטעוועט גראב פנים, וואס קוקט טעמפ: אויגעלאך קליינע, פערשלאפענע, תם'עוואטע: די האר און בארד קיין מאל נישט געקאמט. אמאל איז ער געוועזן פון די „פער" אויפ'ן דעק. ווארום ער פלעגט טראגען וואסער צו גבירים, און ביי א גביר אין שטוב, נאטירליך, קריגט מען אמאל א צוגאב צום קרייצער פאר א פאר וואסער, עפעס אן אלטען בגד, אן איבערבלייבעכטס פון יום טוב'דיגען עסען און נאך אזוינס. נאר, זינט עס איז געווארען די וואסערלייטונג, איז זיין קורס שטארק געפאלען. פון די געהויבענע הייזער אין מיטען שטעדטעל האט ער געמוזט זיך ארונטערלאזען עק שטעדטעל צו די ארימע לייט. נאר געצעל איז א גרויסער בעל בטחון, און זאגט, אז גאט פערלאזט איהם הינטער שטעדטעל אויך ניט. כאטש צייטענווייז, אין שול בין מנחה למעריב, איז ער אביסעל מתרעם אויף די נייעסען. צו וואס — זאגט ער — דארף מען האבען די פאמפעס? וואס פעהלט, אז מ'ברענגט פון טייך מיט דער פעסיל, צי מיט דער פאר עמער?

ביי געצלען טרעפט ניט זעלטען ארבייטס־לאזיגקייט. ווארום ביי א גביר איז אלץ מיט דער פולער מאס. וואסער אויך. פלעגט געצעל זיך אמאל פערגעסען און אנטראגען עטליכע פאר איבריגע, האט מען אויך צוגענומען. אז ארימאן אבער וויל פערשפארען. איז אז געצעל ברייננגט צוויי פאר וואסער, זאגט מען: ס'איז שוין גענוג.

דערפאר קריגט ער א מאָל א זייטיגע ארבייט. אַט איז ער א בין מנחה למעריב געקומען צולויפען אין שול מיט התפעלות: ער האט אבגעארבייט א טאָג און אויסגעארבייט 5 קראַנען! איהר פערשטעהט, גאַנצע 5 קראַנען! ס'איז דאַ א גאַט! שרייט ער און גענומען טאַנצען און שפּרינגען פאר שמחה.

געצעל איז ביי גאנץ שטעדטעל שטארק בעגליבט. מ'קען אויף איהם לאָזען גאָלד, וועט ניט ווערען געריהרט. גרויס און קליין האבען פאר איהם דערפאר דרך ארץ. שבת און יום טוב טוט ער זיך אָן אין שטריימעל און געהט דאווענען צום רבי'ן אין קלויז. אויף עברי איז ער, לא עליכם, גאר הארט, אָבער ער „נעהמט" מיט גוואלדען. בשעת ער דאווענט קעהרט ער איבער די קלויז, רייסט הימלען.

געצעל האט דרך ארץ פאר אלע באלעבאַטים אין שטעד־טעל. אלעמען זאָגט ער גוט מאָרגען, אפילו א קינד. א גרעסערען לייט, כדומה למשל — דעם דאָקטאָר, זאָגט ער נאָך דערצו א פּאָר גוטע ווערטער. א שטויגער:

— גוט מאָרגען, דאָקטאָר! לאָמיר זיין געזונד! לאָמיר טראָגען וואסער! לאָמיר עסען ווייטער ברויט מיט קנאָבעל.

מ'קען ניט זאָגען, אז דער דאָקטאָר זאָל זיין שטארק צו־פרידען מיט אזא ברכה...

געצעל איז דער לעצטער וואסער טרעגער אין דער גאַלי־צישער קליין שטעדטעל. די וואסערלייטונג גראָבט אונטער די דאָזיגע פרנסה, מאכט האסטיג א סוף צו איהר.

אַ מענש מיט פינף צונעמענעסען.

דאָס איז איינער פון די נויטיגע מענשען אויפ'ן דעק. וואָס קיינער אין שטעדטעל קען זיך אָהן זיי ניט בעגעהן. אַ שטויגער: די באַלעבאָסטע האָט ניט, ווער עס זאָל איהר געהן קוילענען די גענז; יענער באַלעבאָס דארף האָבען מ'זאָל איהם אין שטוב ברייגען דעם קהל'שען אתרוג; אַ דריטער דארף האָבען ווענען צו שיקען מיט „שלח־מנות“; אַ פערטער דארף גלאַט עפּעס אַ שטוביגע ארבייט צו אַ שליחות. פאר אָט די אַלע צופעליגע און עקסטרא־פאַלען, סעזאָנע מלאכות און יום טוב'דיגע ארבייטען, איז שטענדיג דאָ, אין גאַליציען אויפ'ן דעק, אַ האַנד און אַ פאָר פיס, וואָס קאָסטען ביליג. אזא האַנד און פאָר פיס, טראָגט געוועהנליך, אַחוץ דעם נאָמען, וואָס מ'האָט איהם געגעבען אויפ'ן אכטען טאָג נאָך זיין קומען אויף דער וועלט, נאָך אַ צונעמענעס, אָדער אַ פאָר.

דער דעק־מענש נומער 2 וואָס איך שילדער דאָ, האָט זיי, די צונעמעסען, געהאַט גאַנצע פינף. אַ שטויגער: „יאָסיל־קרוק“, „יאָסיל שטוים“, „יאָסיל ליאַלקע“, יאָסיל קניאָבל“, יאָסיל אָנזעצער“. דעם לעצטען, „טיטול“, זענען די גאַליצישע יונגע לייט, וואָס האָבען מיר אָט די בריאה פאָרגעשטעלט, ניט געווען אין שטאַנד צו דערקלערען. וואָרום: וואָס איז שייך ביי אזא נפש אָנזעצען? גיכער האָט מען איהם אָנגעזעצט, ד. ה. ניט באַצאָהלט פאר אַ שליחות. אַלע איבריגע צונעמענע־

סען אָבער האָבען זייער גענויע דערקלערונג, און טאַקע ניט אין קיין אנדער זאַך, ווי אין יאָסיל׳ס פּנים און פיגור.

א שטויגער: „קרוק“ האָבען איהם געטיטעלט א טייל שטעדטעלדיגע לייט, וואָס האָבען געפונען אז זיין פּנים איז שטארק עהנליך אויף א וואָראָנע („קרוק“ איז אין פּויליש א וואָראָנע). אַנדערע ווידער האָבען אויסגעפונען, אז זיין פּנים איז כלל ניט עהנליך אויף א לעבעדיגע בריאה, נאָר גלאַט עפּעס אַ „אַנגעמאָלטע צורה“ און האָבען איהם דעריבער געגעבען דעם צונעמענעמס „ליאַלקע“. ווידער אַנדערע האָבען געזעהן א שטאַרקע עהנליכקייט פון זיין בערדיל, וואָס איז עפּעס מאָדנע צעצופּט און איינגעקנייטשט צו א קניאָבל. דערפון שטאַמט זיין דריטער „טיטעל“. „שטוים“ אָבער (אויף גאַליציש יודיש, בעטייט דאָס „בעל גוזמא“, ס׳הייסט איינער וואָס האָט די נאַטור צוצופּארבען, ווען ער דערצעהלט עפּעס אזוינס, וואָס ער האָט געהערט, אָדער געזעהן). שטוים ווייזט, אז יאָסיל האָט א דיכטערישע נאַטור.

צו די אויבען דערמאָהנטע פּרנסות דארף מען צוגעבען נאָך צוויי. יאָסיל איז א מבין אויף פעל און א פיש־קאַפּער. די לעצטע פּרנסה איז, אזוי צו זאָגען, יאָסיל׳ס שטאָלץ און עהרע. נאָר, שטעדטעל זאָגט, אז גראָד אין אָט דער פּרנסה איז ער א גרויסער שלימזל. כאַפּט ער שוין אַמאָל אין א שמיטה א פּלאָטקע איז דאָס א טויטע, אַ גע׳סם׳טע. איינער פון די שטעדטעלדיגע לצים ווענדעט זיך דאן צו איהם מיט א כלומרשט פעראינטערעסירטער מינע: יאָסיל, וואָס טראָגסט דאָס? א פיש? וואָס בעטסטו דערפאר? נאָר יאָסיל ענטפערט איהם מיט גאוה: ניט פאר אייך...

לייבעלע שמייסער און זיין ווייב ריבעלע.

„שמייסער“ רופט מען איהם וועגען זיין אמאָליגער פראָפעסיע: ער איז געוועזן אַ שמייסער ביי א פיאַקערניק („בעל עגלה“) נאָר דאָס איז געוועזן שוין לאַנג. לאַנג שוין אויך, ווי ער איז געוועזן אין אמעריקא און האָט דאָרט חתונה געהאַט מיט ריבעלען, א „מיידעל“ פון א „פריילעכע“ הייזעל. זי איז געוועזן אַ שען מיידעל און זיי האָבען געמאַכט א שען לעבען פון „באָרדער“.

נאָר ביידען איז אמעריקאַ ניט געפעלען: מ'קען דאָרט ניט אָבהיטען קיין יודישקייט... האָבען זיי זיך געלאָזען צוריק אין גאַליציען, אין דער אַלטער היים. דאָרט האָט ריוועלע געעפענט א „הייזעל“ הינטער שטעדטעל אויפ'ן אַמעריקאַנער שטויגער, פאַרפוצט מיט א גראַמאָפאָן.

לייבעלע שמייסער האָט זיך אין די „ביזנעס“ ווייניג געמישט. ער פלעגט געהן אלע טאָג דאַווענען און בין מנחה למעריב צושפּארען זיך ביי אַן עק טיש — הערן „אורח חיים“. פון אָנהויב האָט ער געהאַט אביסעל אונאנגענעהמליכקייט: ביי וועלכען עק טיש ער פלעגט זיך, שטעהענדיג, צו שפּארען האָבען זיך די יודען פון דאָרטען אבגערוקט מיט א מינע, ווי איינער ריהרט זיך אָן אָן א מאוסע זאַך. דערנאָך איז מען צו איהם געוואוינט געוואָרען און מ'איז געוועזן צו איהם גלייכגילטיג. קיינער האָט מיט איהם ניט גערעדט, נאָר קיינער האָט זיך פון איהם ניט אָבגערוקט. דאָס איז אויך ניט נויטיג געוועזן. וואָרום לייבעלע

שמייסער האָט שוין פאַראויס פאַרנומען אַזאַ פּאָזיציע ביין טיש, וואו ס'איז געוועזן לעדיג. דער עולם ווידער האָט שוין געוואוסט זיין אָרט און קיינער האָט דערביי קיין פּלאַץ ניט פאַרנומען. אחוץ אַ צופעליגען פרעמדען, וואָס האָט איהם ניט געקענט.

נאָר איצט האָט שוין לייבעלע שמייסער און זיין ווייב ריד־וועלע „די ביזנעס“ אויפגעגעבען. ער פיהלט זיך שוין תקיפ'ער אין שול ביין־טיש. ווארום ער האָט אַ „באַלעבאַטישע“ פרנסה: ער איז אַ מעקלער פון פערד, הייזער און דינסטמיידלאַך. די „הייזעל“ האָט מען אָבגעגעבען אין אַרענדע. ער געהט שוין שבת און יום טוב אין שול אין אַ שטריימעל און זי, ריוועלע, איז בעריהמט אין שטעדטעל פאַר אַ גרויסע בעל צדקה'טע: גיט גרויסע נדבות, טיילט אָרימע לייט פליישׁ. איבערהויפּט ליגט זי גאַנצע טעג אין שפּיטאָל, האָוועט אַרום די קראַנקע, ברייננט זיי אַ קרעפּטיגס, אַ דערקוויקענעס: וויין, יוך, איינגעמאַכטס. אַז מ'דאַרף חתונה מאַכען אַ יתום, אַ יתומה, איז ריוועלע די גאַנצע מחותנת'טע: ברייננט פון אַלס דאָס גוטס און גיט מזומן עטליכע רייניש. קיין קינדער האָבען זיי ניט. האָדעוועט מען הינד, און די הינד האָבען ערגעץ ניט אַזאַ גוט לעבען, ווי ביי לייבעלען און ריוועלען. שטעדטעלדיגע זאָגען אַמאָל אין לצנות: „קדישים...“ נאָר אויפ'ן דעק פערשטעהט מען די פּסיכאָלאָ־גיע פון אָט די בעלי תשובה'ס בעסער ווי „אויבען“ און קיי־נער ערלויבט זיך ניט צו בעליידיגען זיי מיט אַ וואָרט.

הענאַך קלאַטשע.

דער גאַליציאַנער „דעק“ האָט זיין אריסטאָקראַטיע. די יוגענד פון אט דער יחוס־פאַמיליע אויפ׳ן דעק, דורך געוויסע „טאַלאַנטען“ (שענע מיידלאַך, טענצערקעס), קומט אין בעריהרונג מיט די באַלעבאַטישע קרייזען, לערנט זיך דאָרט אוים שענע פראַזען און שענע מאַנירען און פערשפּרייט זיי ביי זיך אויפ׳ן דעק. דעריבער גיבען זיי דאָרט דעם טאָן. מ׳האָט פאַר זיי דרך ארץ, מ׳לערנט זיך פון זיי.

אין דער גאַליציאַנער שטעדטעל נ... שטעלען פאַר די אריסטאָקראַטיע (די „גזע“ ווי מיינע פיהרער האָבען זיך אויסגעדריקט) צוויי פאַמיליעס, וואָס זענען צווישען זיך פערקנעפּעלט דורך מחותנה׳שאַפט. דער שטאַמפאָטער פון איין פאַמיליע — הענאַך קלאַטשע — איז לויט זיין פּראָפעסיע א מצבות־פיהרער, און איז קלאָר ניט בלויז אלע וועגלאַך און שטעגעלאַך פון בית חיים אין זיין שטעדטעל, נאָר ער קען אייך דערצעהלען דעם יחוס, די היסטאָריע פון יעדער מצבה. ווינטער ווען דאָס „פעלד“ איז מיט שנעע בעדעקט און אין זיין געוועהנליכער פּרנסה הערשט ארבייטסלאָזיגקייט, פיהרט ער ברעטער.

זיין יחוס האָט הענאַך אייגענטליך ניט פון זיך אליין נאָר דורך מחותנה׳שאַפט. גאָט האָט איהם געלייטזעליגט מיט צוויי שענע טעכטער און דורך די קינדער איז ער דערהויבען געוואָרען. אין זיין עלטערע טאָכטער האָט זיך פערליבט א טאַנץ־לעהרער, וואָס האָט דערצו נאָך טאַלאַנטען: ער איז א פּאָעט, א זינגער

און ארטיסט אהן פאסיקעס. ווייל מיר דאכט, אז ער האט די דאזיגע טאלאנטען מיט אן אמת. ער האט מיר פארגעשטעלט, ווי א בדחן שטראפט די כלה מיט גראמען, וואס ער האט אליין פערפאסט, און אנדערע פיזיאנאמיעס און טיפען — זעהר פאלקסטימליך און קאמיש. ער טרעט צייטענווייז ארויס אין דער ראלע פון א בדחן. גראמען־זאלציגע, הומאריסטישע, קען ער אויך שיטען פעק. ביי א געהעריגער ערציהונג וואלט פון איהם פיליייכט ארויס א גוטער קאמיקער. אויפ'ן דעק אבער איז א טאנץ־לעהרער די העכסטע קאריער, צו וואס ער האט געקענט דערגרייכען.

איך האב איהם געפרובט מוסר'ן: גזלן, זאג איך, וואס זיצט איהר דא, אין גאליציען, אין א העק! אין אמעריקא וואלט איהר גאלד געשארט, ווען איהר עפענט דארט א זאל מיט מו־זיק און טענץ.

— איך וויים, — זאגט ער, — אלע זאגען מיר דאס. אבער וואס פעהלט מיר דא? איך האב דא אויך מיינע פאר הונ־דערט רייניש א חודש. צוליב וואס זאל איך ווארפען א זיכערן שטיקעל ברויט.

נאר מיר האט זיך גערדאכט, אז דער טאנץ־לעהרער, האט נאך א סבה פאר וואס ער זוכט ניט קיין גליקען אין אמעריקא. דא האט ער ניט בלויז א זיכערן שטיקעל ברויט, ער איז דא אויך זיכערער מיט זיין שענער ווייבעל.

וואו דאָס פּאַלקסליעד ווערט געבאָרען.

דער צווייטער שטאם פון דער דעק־אריסטאָקראַטיע אין דער גאַליציש שטעהטעל איז פּייטעל פּלאַטשע, טאָקע א ברודער פון הענאַך קלאַטשע. ער האָט א זעלנערש פּנים; דאָס קליין בערדעל טראָגט ער שטענדיג אונטערגעבויגען. געבוירט איז ער — אייזען. פּייטעל איז א וואסער־טרעגער. ביידע ברידער זענען רוהיגע מענשען. שבת געהען זיי ביידע אין שול אין שטריימלאַך. פּייטעל, איז נאָך מעהר בעריהמט אין שטעדטעל, ווי הענאך. ווארום, אחוץ וואָס ער האָט אויך שענע טעכטער, איז זיין ווייב א צוזויגערין פאר האלב שטעדטעל. אלע ארבייטען ביי פּייטלען. די טעכטער זענען דינסטמיידלאך, פליקען פעדערן, קלייבען בעבלאך, שטריקען זאָקען. אויסער דעם איז די שטוב א האָטעל פאר קאַטערינטשיקעס, קונצענמאַכער, קאַרטענוואַרפער, שטענגעס־שלעפער און נאָך אזעלכע פרייע וואנדער פויגלאך.

דורך פּייטעל פּלאַטשעס אינגסטע טאָכטער, א זאָקענמאַכעריז, האָב איך טאָקע געהאָט די געלעגענהייט פערזענליך בעקאַנט צו ווערן מיט דער אריסטאָקראַטיע פון דעק. מיט איהר האָט מיך בעקאַנט געמאַכט איהרע א חבר'טע א דינסטמיידעל. און דער אלגעמיינער פערמיטלער אונזערער איז געווען דאָס יודישע פּאָלקסליעד. דאָס יודישע פּאָלקסליעד ווערט, ווי בעוואוסט, גרעסטענטיילס, געבאָרן אויפ'ן „דעק". אהין מוזט

איהר ארונטערקומען, ווען איהר זוכט דאָס יודישע פאָלקסליעד.

מיט דער דינסטמיידעל האָב איך געשלאָסען בעקאַנטשאַפט דורך א סטודענט, איינער פון מיינע בעגלייטער אין דער גאַליציש שטעדטעל. ער האָט אַ שטונדע ביי איהר באַלעבאָסטע. זי, די דינסטמיידעל, האָט אַ טבע צו זינגען אין קיך ביי דער ארבייט לידלאך. פלעגט ער, נאָך דער לאַנגווייליגער שטונדע, איהר אריינרופען אין זאל און בעטען ספּעציעל פאַר איהם איבער'חזר'ן זיי. אזא פרייע בעציהונג צווישען דעם הויז־לעהרער און דער שטוב־מיידעל וואָלט אין א גרויסער שטאָדט געווים געשאַדט דעם לעהרער'ס רעפּוטאַציע אין ביזנעס, נאָר אין דער קליין שטעדטעל, איז דער סטודענט א יחסן און מ'מוז אויסטראָגען זיינע קאַפּריזען.

אז די קעכין האָט פאַר מיר, טאַקע אין זעלבען זאל, אויסגעלעדיגט איהר ניט גרויסען רעפּערטואר, אין דער אַנוועזענהייט פון איהר באַלעבאָסטע, באַלעבאָס און סטודענט, האָט זי מיר ערקלערט, אז זי האָט א חבר'טע, וואָס זינגט בעסער פון איהר און יענע קען לידלאך ממש גאַנצע פעק.

אויף מאָרגען זענען מיר שוין אלע געווען ביי דער שענער זאָקענמאַכערין — די זינגערין פון פאָלקסלידלאך. עס האָט מיר מיט איהר געגליקט. צייט האָט זי געהאַט גענוג: ס'איז ניט געווען קיין ארבייט. בעדונגען זיך מיט איהר — 10 העלער א שטיק. פאַר פאַרזינגען צום איבערשרייבען און אויפנעהמען אויף נאָטען. צווישען מיינע בעגלייטער האָט זיך אויך געפונען א מוזיקער, וואָס האָט זיך מיט חשק גענומען צו דער ארבייט. דער פּלאַץ איז געווען איהר שוועסטער'ס כאַלופּע, אַ שטיבעל — א שפּאַן אויף א שפּאַן, וואָס בעשטעהט פון איין קאַמער, איין בעט, א צובראָכענעם אויווען, אַ טיש און א פּאָר צעבראָכענע שטוהלען. די פענסטער ביי דער ערד און — דער באַלקען אויפ'ן קאָפּ. דערפאַר שטעהט די שטיבעל אין רעכטען מיטען שול־הויף. און דאָס גופא הייסט — אין רעכטען מיטען שטעדטעל, אין צענטער פון דעק. איך דאַרף צוגעבען, אז פאַר'ן זעלבען פּרייז האָט די שוועסטער, די ווייבעל, צוגעהאָלפען. און ניט בלויז פרעמדע, זי האָט אויך אייגענע לידלאך געזונגען, וואָס זי האָט אַליין פערפאַסט.

מ'דארף דאָ ערקלערן, אַז אין פאָלק, ווערט זעהר זעלטען א ליעד געזונגען, אַזוי ווי מ'האָט עס איבערגענומען. איעדער, איעדע גיט עפּעס צו: א וואָרט, אַ קנייטש, אַן „אוי". דער „אוי" בעגלייט יעדען פערז און אָפט, איז אין פערז צוויי מאָל „אוי" פאַראַן. דער „אוי" האָט זיין בעזונדער טאָן, זיין ספּעציעלען נגון, איינער און דערזעלבער אין יעדער ליעד. דער אָדער די, וואָס האָט א געפיהל צו זינגען, גיט צו פערזען, סטראָפען גאַנצע, מאַכט נייע נגונים, פּאַסט צו דאָס גאַנצע ליעד צו די געשעהעניסען פון דעם אייגענעם אָרט. דער כאַראַקטער פון דער ליעד, בלייבט אָבער אומגעענדערט, זיין פערזען־מאָס דערזעלבער. די געליבטעס־טע ליעדער אויפ'ן „דעק" זענען: זעלנער־ליעדער און ליעבעס־ליעדער. אַ ליעבעס־ליעד אויפ'ן דעק איז ניט קיין שפּיל. זי קאָסט טייער.. זי בעהאַלט אין זיך דעריבער שטענדיג אַ דראַמע.

א ליעבע צו שפּילען
איז ניט קיין עולה'דיי,
נאָר ווען איז דאָס גערעדט געוואָרען:
מיט איינער — ניט מיט דריי.

אויפ'ן דעק זענען די ליידענשאַפטען שטאַרקער און דער קאָנטראָל איבער זיי שוואַכער. דער קרבן איז אימער די פרוי. אי־בערהויפּט ווען זי איז אַ שענע.

איך האָב זיך צוגעקוקט צו די צוויי זינגערינס, די צוויי שוועסטער. די וויבעל איז, — ווי מיין בעגלייטער האָט מיר געזאָגט, — מעהר ניט אַלט ווי אַ יאָהר זעקס, זיבען און צוואַנ־ציג. אַמאָל האָט מיט איהר, מיט דער שעהנער מיידעל, גע־שלונגען אויפ'ן דעק. איצט איז זי אַ חורבה. די שוועסטער מיט זעהן יאָהר אינגער, איז נאָך אין איהר רעכטער בליהונג. זעהר שלאַנק. שפּריצט מיט לעבען, מיט יוגענד־קראַפט. נאָר, אין עטסטען פאַל, וואָרט אויף איהר אויך אַזאַ כאַלופּע, ווי איהר שוועסטער'ס און נאָך אין עטליכע יאָהר, וועט זי מסתמא אויך זיין אַזאַ חורבה. אויב ס'וועט ניט געשעהן מיט איהר עפּעס אנדערש, וואָס קען איהר אָדער אויפהויבען פון דעק, אָדער אריינ־וואַרפען אין אַבגרונד.

אַז מיר האָבען געהאַט איבערגעשריבען אַ 6־5 ליעדער און

געזעגענט זיך מיט די שוועסטער, האט די איינגערע ערקלערט אז זי האט נאך א סך, שענע לידער. מ'האט געמוזט אבלעגן אויף מארגן אבענד. נאר דעם צווייטן אבענד, ביים געזעגענען זיך, איז געווען דיזעלבע ערקלערונג. דעם דריטן אבענד דאס־זעלבע. דאס איז געווען א קוואל פון פאלקסלידער, וואס האט זיך גאר ניט געלאזן אויסשעפן. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז עס איז כמעט ניט געווען איין לידל, וואס זי האט ניט גע־קענט.

און געזונגען די לידלאך האבן די שוועסטער אויף מאדנע. דאס איז ניט געווען געזונגען. דאס האבן זיך געגאסן קרעכ־צען פון דעם פאלקס נשמה, טויזענדיאהריגע, פערשטיקטע, פערקלעמטע... יעדעס ליד — א דראמע, וואס האט געהאט א שטארקע שייכות מיט אט דער כאליפע, מיט די מענשען, וואס וואוינען דא.

די לידער וואס האבן בעזונדערס אויסגעדריקט די וועה־טאגען פונ'ם פאלקס־לעבען, האבן די זינגערינס איבערגעחזר'ט עטליכע מאל מיט אנגעבראכענע, טיעף אין דער נשמה ריהרענ־דע, שטימען, און מיט טרערן אין די אויגען. בעזונדערס קען איך ניט פערגעסען דעם איינדרוק פון דער „ליעד מיט'ן גאזאמע־טער", וואו עס ווערט געשילדערט, ווי א שטארבענדער אר־ביימער, דערהרג'עט פון א געפלאצטען גאזאמעטער, זעגענט זיך פאר'ן טויט מיט זיין כלה. נאר בעזונדערס שטארק און הארצגרייפענדיג, איז „דאס ליעד פונ'ם דעריגען", ווי ער זעגענט זיך פאר'ן טויט מיט דער וועלט.

דער לאמפ ווערט פארלאשען,
נאך קיין גוטס ניט גענאסען,
איך געה אזוי יונג פון דער וועלט,
אוי, ווער וועט זיך אננעהמען,
פאר מיינע ארימע יתומים'לאך,
באהיטען זיי פאר הונגער און קעלט...

ניין! אז איהר ווילט פיהלען, אז איהר ווילט פערשטעהן דאָס יודישע פאָלקסליעד — געהט ניט אין קאָנצערט־זאַל צום אַרטיסט און דער אַרטיסטין, וואָס טראָגען אייך זיי פאָר אין אַ שווארצען פראַק און אין אַ דעקאָלטירטער זיידענער קלייד מיט אַ שלעפּע. געהט אהער אויפ'ן דעק, וואו דאָס ליעד איז געבאָרען און אויסגעליטען...

די שענע טענצערין און איהר דראמע.

אויפ'ן דעק פאסירען דראמעס ניט וועניגער אינטערעסאנטע און ריהרענדע, ווי אויבען, אויף די העכערע שטאפלען. אזא דראמע האט דורכגעמאכט דעם טאנץ־מייסטערס שוועגערין — די צווייטע אינגערע טאכטער פון הענאך קלאטשע, אויך זעהר א שענע. זי האט אויך געהאט א פערליבענעס מיט א שניידער. א שענער יונג, א העלד. יענער איז אוועק אין אמעריקא. האט איהר, פון אנהויב, גוט בריעף און די קינדער ווארימע גרוסען געשריבען און געלד געשיקט. דערנאך האט ער איהר אנשטאט די גוטע בריוועלאך און געלד — א גט אריינגעשיקט. האט זיך מיט אן אנדערער פערדרעהט. זי האט דא מיט אן אנדערען חתונה געהאט. שווער האט זי געלעבט. נאר מיידעלווייז איז זי א גוטע טענצערקע געווען. דערפון האט זי איצט צוהעלפענדיג אין טאנץ־קלאס דער שוועסטער און דעם שוואגער, געקענט עפעס פערדינען.

ס'זענען אוועק עטליכע יאהר. אמאל, אין א אבענד, עפענט זיך ביי'ן טאנצלעהרער די טיהר. ס'קומט אריין א יונגער מאן, פאלט איהר ארויף אויפ'ן האלז און נעהמט איהר קושען. זי האט זיך פון אנהויב דערשראקען. אבער באלד האט זי איהם דערקענט. דאס איז געווען ער, איהר ערשטער מאן. ער בעט, זי זאל איהם מוחל זיין. דער זיידע, זאגט ער, איז איהם צו חלום געקומען, איהם רוהען ניט געלאזט: פאהר צוריק, נעהם די ערשטע ווייב, זאלען די קינדער דיינע האבען א טאטען.

זי האָט זיך פון אנהויב פערלאָרען. קוקט זיך אין איהם איין. נאָך אַלץ אַזאַ שענער. אַ העלד... זעה, ווי ער איז אויסגעפוצט. האָט מסתמא געלד אויך...

און ע ר האָט פאַרגעשלאָגען פּלאַנען, ווי אַזוי ד אָ ס וועט געשעהן. זי וועט מיט די קינדער פערשווינדען. צוזאמען מיט איהם בעהאַלטען זיך ערגעץ אַביסעל צייט. דערנאָך אַוועק אין אמעריקא.

זי האָט אויסגעהערט זיינע פּלאַנען, האָט זיך ווי אַ צובּעגעטאָן און געענטפערט ענטשלאָסען:

— געה! איך בלייב מיט מיין איצטיגען. אַז דו האָסט געקענט מיך ווארפען איין מאָל, וועסטו קענען מיך ווארפען אַ צווייטען מאָל...

די „סוויטקע".

זיין נאָמען, שטאַמט פון דעם פויערשען פעלץ, וואָס ער טוט קיין מאָל פון לייב ניט אויס. ער לעבט הינטערן שטעדטעל. א פּנים פון אַן אַלטען מכשף. א הויכער, א געשוואָלענער, ווי א בלאָטער, מיט א פערשוואָלען פּנים, פערשלאָפענע קראַנקע אויגען גערהט כמעט קיין מאָל פון שטוב ניט ארויס. זיין שטוב איז א נאַכטלעגער פאַר קאַטערינשטשיקעס, גראַמאַפאָנשטשיקעס, קונצענמאַכער און חברה „לאָפּ". זיין ספּעציאַליטעט איז—גורל־וואַרפען. זיין נאָמען קלינגט ווייט ארום און ארום, „להבדיל", ווי פון א גוטען יודען. און די „פּרנסה" טראָגט איהם אריין ביז 20 רייניש א וואָך. האָט מען ביי אימיצען א הוהן גע'גנב'עט; וויל א כלה וויסען וואָס פאַר א מערכה זי וועט האָבען פאַר איהר חתן, נאָך דער חתונה; האָט א ווייבעל דער מאַן געוואָרפען — אַלץ קומט צו דער „סוויטקע". יודען, גויים און אמאָל אפילו א דייטש'ל אין א קורצען ראָק. מיט שטעדטעלדיגע יודען האָט ער קיין מאָל, אַחוץ די וואָס קומען צו איהם, נישט צו טאָן. אין שול געהט ער קיין מאָל ניט, ניט וואָך, ניט שבת, ניט יום טוב, ניט אפילו אום יום כפּור. שטעדטעלדיגע יודען האַלטען איהם ניט פאַר א יודען, ניט פאַר א גוי. דאָך האָט מען פאַר איהם מורא און זעלטען וועלכע ביטער הארץ אויפ'ן דעק און אפילו העכער, איז ביי איהם ניט געווען גורל־וואַרפען.

דער „דבוק".

דער „דבוק איז א טרעגער — א הויכער, א לאנגער. בשעת מ'האט איהם אבגעגעבען פאר א זעלנער האט מען זיך דערפרעהט: אזא גרויס! אן אויסגעבונדענער הוזאר!

אבער דער „דבוק", אזוי ווי בעריל־אנטימיליטאריסט, האט ניט געוואלט דינען, ניט צוליעב דעם, וואס ער האט געהאלטען, די זעלנערישע מורשטיראווקע פאר א משוגעת. ער איז פשוט געווען פויל אויפצוהויבען די פיס און די הענד. א גרויסער פויליאק. דעריבער האט ער געוואלט איינשמועס'ן די מיליטעריש גרויסע לייט, אז אין איהם איז א „דבוק" און האט זיך געמאכט משוגע. מ'האט איהם אבער ניט געגלויבט. און אנשטאט דריי יאהר האט ער אבגעדינט צעהן. דערפאר האט ער א פעלד־פעבעל דערטרונקען און אן אפיציר געפאטשט און בשעת מעשה א ווארף געטאן זיך אויף דער ערד און געמאכט געוואלדען, אז דער אפיציר שלאגט איהם. ערשט דערמאלט האט מען זיך ארומגעזעהן, אז פון אזא נפש איז בעסער פטור צו ווערן און מ'האט איהם ארויסגעווארפען פון מיליטער.

פון דאמאלס אן רופט מען איהם — דער „דבוק". א פויילער איז ער איצט אויך. די איבעריגע טרעגער ווילען מיט איהם ניט ארבייטען, ווארום ער לאזט די גאנצע ארבייט אויף יענע און אליין טוט ער נאר און הוקעט.

דער פּיאַקערניק און די שיקסע.

דעם גאַנצען לעבען האָט ער אָבגעלעבט, ווי אַ יוד דאַרף לע־בען: געהאַט אַ ווייב, מיט וועלכער ער האָט כשר אַמאָל חתונה געהאַט מיט חופּה און קידושין; געהאַט קינדער; אויסגעגעבען זיי.

און שוין נאָר אויף די עלטערע יאָהרען, איז ער זיך מישב: לאָזט די ווייב און נעהמט אַ שיקסע.

דאָס האָבען, פערשטעהט זיך, די קינדער ניט געקענט פאַר־טראָגען, און אַמאָל, בשעת דער פּיאַקערניק איז געווען מיט זיין פערד און וואָגען אין שטאָדט, איז אַ טאָכטער זיינע מיט איהר מאַן צו איהם געקומען און גענומען שלאָגען די שיקסע. דאָ איז אָנגעקומען דער בעל עגלה און זיך אוועק גענומען שלאָגען די טאָכטער און דעם איידעם.

געהאָלפען האָט נאָר דער באַיקאָט פון די קרעמער, פון וועמען ער האָט געלעבט. ווי שטאַרק עס איז ניט געווען די פאַר־שפּעטיגטע ליעבע צו דער שיקסע, פּרנסה איז געווען טייערער. צוליעב ברויט האָט ער געמוזט לאָזען די שיקסע און אומקעהרען זיך צו דער ווייב.

פערלאג „פאלקסבילדונג“, ניו יארק.

א. ליטווין.

יודישע נשמות.

פערטע אויפלאגע

באנד 6

ביים רבינ׳ס טיש.

הויפט פערקויף ביי:
סטאר היברו בוק קא.
18 ארטשארד סטריט, ניו יארק.

Copyright 1917
by S. Hurwitz, New York.

All rights reserved.

ביים רבינ׳ס טיש.

מיין פאטער'ס און מוטער'ס אנדענקען געווידמעט.

אינהאַלטס־פערצייכנעס.

ביי די רביים אין טשאָרטקאָוו און סאַדיגור.

1) רבייאים און חסידות אין גאַליציען.
2) דער ריזשינער.
3) וויזשניצער חסידות.
4) אין רבינ׳ס הויף.
5) אַ וויזיט ביין טשאָרטקאָווער רבי׳ן.
6) ביי די סאַדיגורער רבייאים אין אַ וויזיט.
7) אַ דראַמע אינ׳ם רבינ׳ס הויף.

ביין בעלזער רבי׳ן.

1) איך פאָהר צום רבי׳ן מיט׳ן רבי׳ן.
2) איך קום אין בעלז.
3) דעם בעלזער רבינ׳ס חסידים.
4) בעלזער חסידים־רעוואָלוציאָנערן.
5) דעם בעלזער רבינ׳ס מופתים און סגולות.
6) סאָציאַליסטען, ציוניסטען און דער בעלזער רבי.
7) ביין בעלזער רבינ׳ס טיש.
8) אַ וויזיט ביין בעלזער רבי׳ן.

די פיהרונגען אין רבינ׳ס הויף.

1) אַ וואָכעדיגער און שבת׳דיגער טאָג אין רבינ׳ס הויף.
2) ימים נוראים אין רבינ׳ס הויף.
3) פסח און שבועות אין רבינ׳ס הויף.
4) „שמחת תורה“ אין רבינ׳ס הויף.
5) אַ חתונה אין רבינ׳ס הויף.

דעם רבינ׳ס „סוויטע“.

1) דעם רבינ׳ס „גוואַרדיע“ און דעם רבינ׳ס „סוויטע“
2) דער „יאַפּאַנטשיק“.
3) לייזער פּאַנפּאַטש.
4) דער „שוויינער.“
5) „מיט נחת“.
6) דער „תענוג“.
7) שלום שכור.
8) דער „בעל תשובה“.
9) דעם רבינ׳ס הויפמייסטער.
10) אַ צלם אין רבינ׳ס קלויז.

ביי די פּוילישע רבייאים.

1) דער גערער הויף.
2) גער אַמאָל און איצט.
3) ביים גערער רבי׳ן אין אַ וויזיט.
4) אַ רבי — אַ ברוקירער.
5) אַ רבי — אַ דאָקטאָר.
6) דער ביאַלער הויף.

ליטווישע גוטע יודען.

1) אין שטעדטעל פון אַלטען רבי׳ן.
2) דער ליבאַוויטשער רבי.
3) ר׳ יעקב מאיר (אַ מינסקער גוטער יוד).
4) דער לעצטער גוטער יוד (דער סלאָנימער).
5) דער בייקיער „בחור־בעל־שם.“

בײַ די רביים אין טשאָרטקאָוו און סאַדיגור.

רבייאים און חסידות אין גאליציען.

א גרעסערע ראלע ווי אין רוסלאנד האט די חסידות, איי־בערהויפט האבען די פערזענליכקייטען פון די רביים, געשפילט אין גאליציען.. עס איז ניטא, כמעט, אין גאליציען די שטאדט, דאס שטעדטעל, וואס זאל ניט זיין די רעזידענץ פון א וועלכען רבי, אדער רבי׳לע. ס׳איז פאראן, א שטייגער, אזעלכע שטעדט, אדער שטעדטלאך, וואס האבען ניט איינעם, נאר עטליכע רביים. אין קאלאמעא זענען, דאכט זיך, 8 רביים פאראן. אין דראה־ביטש, האט כמעט יעדער גאס אן „אייניקעל". דארט לעבען זיי גראד זיך דורך ניט שלעכט. אבער אין אנדערע ערטער איז די רבייאישע „ביזנעס" שטארק געפאלען צוליב דער קאנקורענץ.

דאס זענען אבער אלץ קלענערע „גוטע יודען", די איי־דעמס, די אייניקלאך. זייערע שלעכטע ביזנעס איז א רעזולטאט פון זייער קארגען גייסטיגען פערמעגען, פון זייערע שוואכער פערזענליכקייט. אויף די הויפט טראנען אבער — אין בעלז, אין טשארטקאוו, אין באיאן, זיצען נאך איצט דירעקטע יורשים פון די גרויסע רביים, וואס האבען אמאל, מיט הונדערט יאהר צוריק, אדער מעהר, אט די חסידישע מלוכות געגרינדעט. און אט די יורשים בעזיצען ניט וועניגער פאר זייערע עלטער־זיידעס גרויסע טאלאנטען פון לידערס. זיי זענען אונבעדינגט די לעצ־טע. די צייט איז געגען זיי. זי צעשטערט מעכטיגערע טראנען ווי די חסידישע. די רבייאישע הויפען געהען אונטער, מוזען אונטערגעהן, אין גאליציען, ווי אין רוסלאנד.

אבער גראד איצט איז זעהר אינטערעסאנט א קוק צו טאן דעם אינערליכען לעבען אין רבינ׳ס הויף. דאס איז א ווינקעל, וואס איז דעם לעזער ווייניג בעקאנט. אזוי ווי אמאל איז נאך איצט דעם רבינ׳ס הויף אן ארט, וואו דער לעבען שפרודעלט, ווי ערגיץ ניט אין דער יודישער גאס. ווען איהר ווילט זעהן די יודישע „נשמה יתרה" אין איהר יום טוב׳דיגען מלבוש, קענט

איהר זי ערגעץ ניט געפינען אזוי לייכט, ווי דא. ווארום אין חסידות, אין רבינ׳ס הויף, האט זיך שטענדיג געצויגען און ציהט זיך נאך איצט, אלץ, וואס איז געווען העכער פאר דער מיטעלמעסיגקייט, וואס האט בעזעסען און בעזיצט טאלאנט און טעמפעראמענט ביי די פרומע יודען. גאנץ אפט איז דאס פערקריפעלט, אז איהר קענט קוים דערקענען די „נשמה יתרה". צייטענווייז אבער, ווען די גרויסע פערזענליכקייט האט ניט אויסצושטעהן קיין צוגרויסען קאמפף אין די סתירות פונ׳ם לעבען, אדער איז גרעסער, איז שטארקער פאר אט די סתירות, — צולאזט זי זיך און בליהט זיך פונאנדער אין א וואונדערליכער שענקייט, אז מיר שטעהען און שטוינען פאר איהר שענקייט, פאר איהר מאכט.

אזא פערזענליכקייט איז, אהן א ספק, געווען דער אלטער סאסאווער רבי, וואס האט געלעבט מיט א הונדערט יאהר צוריק. ווען די וועלט וויים נאך פון איהם וועניג איז דאס, ערשטענס, דערפאר, וואס די יודישע געשיכטע פאר די לעצטע פאר הונדערט יאהר, איבערהויפט פון די רוסישע און גאליצישע יודען, איז נאך, אייגענטליך, ניט געשריבען. צווייטענס וויים מען פונ׳ם „סאסאווער" ווינציג דערפאר טאקע, ווייל ער איז געווען דער סאסאווער, ווייל ער איז געווען א בעהאלטענער. ווייל נאר אין סאסאוו האט מען פון איהם געוואוסט. דערפאר האט מען טאקע נאך קיין גוטען יודען, נאך קיין צדיק און גאון אין דער וועלט ניט געפראוועט אזוי דעם יאהרצייט, ווי ער ווערט געפראוועט אין סאסאוו, נאכ׳ן סאסאווער, פון גאנץ שטעדטעל, קליין און גרוים.

דער סאסאווער איז אייגענטליך ניט געווען קיין רבי, האט ניט געהאט קיין „הויף", ניט געפראוועט קיין טיש, זיינע חסידים; אדער בעסער — דער חסיד ביי איהם איז געווען די מענשהייט, ריכטיגער — דער מענש, וואס און ווער ער זאל ניט זיין. נאר... איך וויל ניט פארלויפען א פריהער. ווענען סאסאווער און זיין יאהרצייט וועט גערעדט ווערן בעזונדער, אביסעל שפעטער.

איך קעהר זיך אום צו די רביאישע הויפען.

דער „ריזשינער“.

(דער גרינדער פונ׳ם סאַדיגערער טראָן).

סאַדיגער! די בעריהמטעסטע רעזידענץ פון גאַליציאַנער חסידות! וואס איז פון דיר געוואָרען?!

אַמאָל — און דאָס איז געווען ניט זעהר לאַנג, אין גאַנצען 60 — 70 יאָהר צוריק, — האָט מיט סאַדיגער די וועלט געדודערט. סאַדיגער האָט געקלונגען ביי אַלעמען, ווי אַ לעגענדע, ווי אַ צויבער־מעשה. נאָך איצט קען די קריסטליכע וועלט נאָר איין „וואונדער־ראַבי“ — דעם „וואונדער־ראַבי פאָן סאַדיגור“. קריסטליכע אַרטיסטען, מאַלער, דיכטער, פּאָליטיקער, געלעהרטע לאָזען זיך אָפט נאָך איצט אַראָב אין סאַדיגור אָנקוקען דעם וואונדערליכען פּאַלאַץ פון דעם וועלטבעריהמטען „וואונדער־ראַבי“. שטונדענלאַנג דרעהען זיי זיך אַרום, בלאָנדזען, זוכען, נאָר זיי געפינען גאָר נישט.

וואַרום סאַדיגור׳ס רוהם און גלאַנץ איז פערשוואונדען, פערשוואונדען אויף אייביג.

נאָר אפילו איצט, בשעת די וועגען צו סאַדיגורע שטעהט וויסט, דער פּאַלאַץ, געבויט, ווי אַ מיטעלאַלטערליך ריטער־שלאָס, קוקט טרויעריג און פערלאָזען. מאַכט אָט די אַלטע חסידישע רעזידענץ אַ שטאַרקען איינדרוק ווי אַלע רביאישע הויפען אין גאַליציען. זי דערמאָהנט אָן דעם אַמאָליגען גלאַנץ און פּראַכט, אָן דעם אַמאָליגען שטורמדיגען לעבען, וואָס דאָ איז פאָרגעגאַנגען. זי דערמאָהנט אָן דעם גרינדער פון דער בעריהמטעסטער רביאישער „גזע“ אין גאַליציען — דעם אַלטען „ריזשענער“, אין אַ געוויסען זין — דעם מערקווירדיגסטען פון אַלע חסידישע רביאים אין דער וועלט.

ר׳ ישראל ריזשינער איז אַרויסגעטראָטען אויף דער סצענע

מיט א יאָהר 90—100 צוריק. די חסידות איז שוין דעמאָלט געווען איינגעפונדעוועט אי אין רוסלאַנד, אי אין גאַליציען. דאָס איז געווען קורץ נאָכ'ן זיעג פון דעם אַלטען לאַדיער. די חסידות האָט דאַן, אין דער ערשטער צייט פון איהר אויפבליהונג, ארויס־געבראַכט א גאַנצע רייהע אריגינעלע פּערזענליכקייטען מיט גרויסע טאַלאַנטען, וואָס האָבען געשפּילט א וויכטיגע ראָלע, געהאַט אַן אונגעהייערע ווירקונג אויפ'ן יודישען לעבען.

דער ריזשינער האָט געלעבט אין א קליין שטעדטעל פון דרום־רוסלאַנד. האָט פון אָנהויב זיך מיט גאָר נישט ארויסגע־וויזען. נאָר אין איהם האָבען שוין דאַן געברויזט גרויסע קרעפ־טען, וואָס פאַר זייער ענטפּלעקונג איז אין ריזשין געווען צו ענג. ער האָט געדאַרפט א פרייערן פּלאַץ פאַר זיין שטורמישער נאַ־טור און קאָכיגער טעטיגקייט.

דער ריזשינער האָט געהאַט א גרויסען טאַלאַנט פון א לי־דער. אבער ניט פון א פאָלקס־פיהרער, נאָר פון א וועלטליכען הערשער. זיין בעגריף וועגען דער ראָלע פון א רבי'ן איז געווען א גאַנץ אַנדערער, ווי פון אַלע חסידישע רביים, פאַר איהם און נאָך איהם. די ערד מיט איהרע ליידענשאַפטען, מיט איהרע שטורמס און גענוסען האָבען ביי איהם פערנומען מעהר פּלאַץ, ווי דער הימעל.

זיין שטרעבונג צום ערדישען גענוס, צו ערדישער מאַכט, האָט געפונען א פערשטאַרקונג און אונטערשטיצונג אין דער לע־גענדע, וואָס האָט זיך געהאַלטען אין זיין פאַמיליע, אַז זי, אָט די פאַמיליע, שטאַמט פון די „מלכי בית דוד“. ווי בעוואוסט, האָט יענע שטורמדיגע עפּאָכע פון דער פראַנצויזישער רעוואָ־לוציע און רוסיש־פראַנצויזישען קריג ביי א סך פרומע יודען ארויסגערופען דעם גלויבען, אַז ס'איז געקומען משיח־צייט. האָט זיך אין געהיים ביי דעם ריזשינער ענטוויקעלט א געדאַנק, אַז עס איז מעגליך, אַז ער איז בערופען צו זיין דער ערלויזער פונ'ם יודישען פאָלק, אַז ער איז משיח..

אָט די געדאַנקען האָט ער ניט ארויסגעזאָגט אויסדריקליך. נאָר זיין פיהרונג, זיין גאַנצער בענעהמען זיך האָבען דאָס בע־וויזען.

ער האָט זיך אָבער פאַרגעשטעלט משיח־צייט און משיח אליין גאַנץ פּשוט: אין דער געשטאַלט פון א וועלטליכען פירשט. ארץ ישראל האָט פערנומען אין זיין פאָרשטעלונג א קנאַפּען אָרט, איז דאָך דעמאָלט געווען די געבורט פון דער יודישער בורזשואַזיע. א סך חסידים האָבען געהאַט רייכטימער, געלעבט גרויסאַרטיג, ניט ערגער פון פּריצים. זיי האָבען זיך געקענט פאַרגינען צו האָבען אויך דעם איבריגען פּוץ־אַרטיקעל פון דער קריסטליכער וועלט — דעם ניט געקרוינטען פירשט. דעם מיליטערישען פּאָמפּ און אַנדערע צערעמאָניעס פון דעם קריסטליכען אדעל — דאָס איז אַלץ ניט נויטיג אין דער מלוכה פון דער בורזשואַזיע, וואָס פערמאָגט א מאַכט, שטאַרקער פון קרוינען און טראָנען. זי פערמאָגט — געלד...

און דער ריזשינער האָט געוואָלט שפּילען די ראָלע פון א וועלטליכען פירשט. זיין אַמביציע איז ניט געווען אין קאָנט־ראַסט מיט׳ן בעל שם׳ס תורה. איז דאָך דער עיקר פון אָט דער תורה — שמחה. געניס מאַכט פרייד. פרייד שאַפט א געהויבענע שטימונג און נאָר מתוך התלהבות, אין א בעגייסטערטער, גע־הויבענער שטימונג קען דער מענש זיין נאָהענט צו גאָט.

„איך האָב מורא“, — האָט אַמאָל געזאָגט דער ריזשינער צו זיינע חסידים, — איך האָב מורא, אז די רשעים וועלען האָ־בען יענע וועלט אויך. וואָרום זיי לעבען תמיד אין שמחה און מתוך שמחה איז מען מסוגל מקבל צו זיין די שכינה“..

אָט דאָס ווערטעל איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פּערזענליכקייט פון דעם ריזשינער.

און ריזשינער הויף האָט זיך טאַקע געפיהרט נאָר אַנדערש, ניט ווי אַלע רבייאישע הויפען. אַנשטאָט דבקות און הימלישע התלהבות, האָט מען אָפט געקענט זעהן דעם רבי׳ן, רייטענדיג ביי זיך אין גאָרטען און אַרום די פעלדער פון זיין שטעדטעל אויף א שטאָלצען שענעם פערד, ניט זעלטען אַרומגערינגעלט מיט א סוויטע פון יונגע — און אַמאָל ניט דוקא יונגע — רייכע חסידים. מ׳זאָגט, אז די סוויטע און מקורבים פלעגען ביי די געהויבענע רייט־שפּאַצירען פאַר מנחה און בין מנחה למעריב אַריינקומען אין אַזא בעגייסטערונג, אז זיי פלעגען שרייען,

קוקענדיג, ווי דער רבי טראַגט זיך קעניגליך אויף זיין ווייסען פערד: יחי המלך! עס לעבע דער קעניג! „דוד מלך ישראל חי וקים!“ דוד דער קעניג פון ישראל לעבט! לעבט!

אַזא פיהרונג פונ׳ם ריזשינער הויף האָט ניט געקענט ניט ארויסרופען קיין פּראָטעסט אין דער אַרומיגער וועלט. מ׳דאַרף צוגעבען, אַז צוזאַמען מיט דער געבורט פון דער יודישער בור־זשואַזיע איז געבאָרען געוואָרען די השכלה. אַלעקסאַנדער דער ערשטער און ניקאָלאַי דער ערשטער האָבען גענומען אונטער זייער פליגעל די השכלה מיט די משכילים. אין אינערליכען יודישען לעבען אָבער האָבען די פּעראייִנצעלטע משכילים פון יענער צייט און אפילו א סך שפּעטער, געהאַט אויסצושטעהן א ביטערן קאַמפּף און גרויזאַמע פערפאָלגונגען. בעזונדערס אין די חסידישע קרייזען. ריזשינער אויפפיהרונג האָט אַלזאָ אויפגע־בראַכט געגען זיך ניט בלויז די מתנגדים, נאָר אויך די משכילים און אפילו אין חסידישע קרייזען איז מען געווען שטאַרק אומ־צופרידען מיט דעם „עולם־הזה׳ניק“ — דעם ריזשינער. פיה־רען א דירעקטען קאַמפּף קעגען ריזשין האָט אָבער קיינער ניט געוואַגט. האָבען זיך גענומען שיטען אין די הויכע פענסטער מסירות — די געוועהר פון די שוואַכע. מ׳האָט פאַרגעשטעלט דעם ריזשינער, אַלס א „מורד במלכות“, אַלס איינעם, וואָס וויל מאַכען א מלוכה אין א מלוכה און גיט זיך אַרוים פאַר משיח׳ן.

די דאָזיגע מסירה איז בכלל געווען אַן אומזין. דעם ריזשי־נער׳ס פּירשטליכער פּוץ האָט ניט געהאַט און ניט געקענט האָ־בען קיין שום געפאַהר פאַר דער רוסישער רעגירונג. מיט פּאָ־ליטיק, מיט פּאָליטישער הערשאַפט, מיט רעוואָלוציע האָט עס קיין שום שייכות ניט געהאַט. דאָס איז מעהר ניט געווען ווי א פּוץ. דער ריזשינער, א לעבענסלוסטיגע נאַטור, אַן אַריסטאָ־קראַט אין דער נשמה און לויט טראַדיציע און ערציהונג — האָט געשטרעבט ניט נאָך מאַכט, נאָר נאָך פּראַכט. די חסידישע סוויטע האָט אויך מיט די געשרייען: „יחי המלך“ „דוד מלך ישראל חי וקים!“ ניט געהאַט חלילה קיין רעוואָלוציאָנערע הינטער־גע־דאַנקען. דאָס איז מעהר ניט געווען ווי א פּאַטעטישע גוזמא אין א בעגייסטערונגס־צושטאַנד. דער ריזשינער אַליין האָט

באַטש, יע געטראָגן אין דער נשמה, ווי פריהער איז שוין גע־וועזן בעמערקט, עפּעס אַ דונקלען גלויבען אין זיין משיח־בע־רופונג, אָט דער גלויבען האָט אָבער ניט געהאַט קיין שום רעאַלע פאַרשטעלונגען. ער איז אויך מעהר געוועזן אַ פּאַטעטישער.

די רוסישע רעגירונג, וואָס זינט דער פראַנצויזישער רע־וואָלוציע איז זי געווען איינע שרעק פאַר בונטען אין רוס־לאַנד — איבערהויפּט האָט זי מורא געהאַט פאַר פּוילען — האָט אָבער צוגענומען זעהר ערנסט די מסירות אויפ'ן ריזשי־נער. עס איז געשטעלט געוואָרען אויף די פיס די גאַנצע אָר־טיגע רעגירונג. עס איז געגעבען געוואָרען אַ בעפעהל צו „נעה־מען" דעם ריזשינער אַ לעבעדיגען, צו אַ טויטען. דער גובערנאַ־טאָר איז געמאַכט געוואָרען פעראַנטוואָרטליך פאַר איהם, פאַר דעם ריזשינער.

דער ריזשינער איז אַרעסטירט געוואָרען. אַ לאַנגע צייט איז ער אָבגעזעסען אין טורמע. איהם האָט זיך אָבער דאָך איינ־געגעבען צו אַנטלויפען אַריבער גרענעץ. פריהער אין רומעניען, דערנאָך אין עסטרייך. די דאָזיגע פּליטה פונ'ם ריזשינער איז פערבונדען געווען מיט אַזוי פיעל געפאַהר, אַז זי איז אַרומגע־רינגעלט מיט אַ גאַנצע קייט פון לעגענדען. ניט ווייניגער, ווי די פּליטה פון מאַהאָמעד. די רוסישע רעגירונג איז איבער־ראַשט געווען פון דעם ריזשינער'ס „ויברח". איהר שטרענגע אויפזיכט, איהרע געהיימע צירקולאַרען האָבען ניט געהאָלפען. דער פערדאַכט איז ביי איהר געוואָרען נאָך שטאַרקער, אַז דאָס שמעקט מיט אַן אויפשטאַנד. זי האָט געפאָדערט פון דער עסט־רייכישער רעגירונג, אַז זי זאָל איהם אַרויסגעבען. די גאַנצע עסטרייכישע רעגירונגס־מאַשין איז געזעצט געוואָרען אין בע־וועגונג.

נאָר די חסידים פונ'ם „ריזשינער" האָבען ניט געשלאָפען. געלד האָט זיך געשאָטען, ווי מיסט. דעם ריזשינער'ס מעטריקע איז „פערפאַלען" געוואָרען אין רוסלאַנד. אין עסטרייך האָבען די פויערן פון סאַדיגור, „געשוואָרען", אַז ער איז ביי זיי אין שטעדטעל געבאָרען געוואָרען, זיי האָבען אפילו „געקענט" זיין

טאטען. נאך יאהרענלאנגע וואנלענעם האט זיך ענדליך איינגעגעבן דעם ריזשענער צו בלייבען רוהיג אין סאדיגור.

דער „ריזשינער“ איז געווארען „סאדיגערער“. דא אין סאדיגור האט ער געקענט אונגעשטערט איינארדנען זיין הויף, ווי ער האט געוואונשען. די פערפאלגונגען פון דער רוסישער רעגירונג, די פיעלע געפאהרען, וואס דער ריזשינער האט געהאט אויסצושטעהן אויף זיין פליטה, זיין מוטיגער האלטען זיך — דאס אלץ האט איהם אויפגעהויבען נאך העכער אין די אויגען פון זיינע חסידים. זיי האבען אבגעקויפט ביי א פריץ סאדיגור׳ער הויף: האבען איהם אויסגעבויט דעם שלאס, געמויערט מיט טורמען אין מיטעלאלטערליכען סטיל, פערזעהן איהם מיט אלע בעקוועמליכקייטען. דער „ריזשינער“ האט איצט געקענט אויספיהרען אלע זיינע פערלאנגען. האט איינגעפיהרט א פירשטליכען צערעמאניאל; זיין קאטש פערד האט בעטראפען — זאגט מען — 6000 רובל. גאלד האט זיך געשאטען אונטער די פיס. דער גרעניץ האט געשטערט די ארימע חסידים צו קומען צו איהם פון רוסלאנד. נאר דאס איז גראד קיין חסרון ניט געווען. דערפאר פלעגען קומען נאר רייכע. פרומע און ניט פרומע, דייטשע יודען און יודען פון אנדערע אייראפעאישע לענדער זענען געפאהרען צו איהם אין די צעהנדליגע טויזענדער. דער איינטראג איז געווען אזוי גרויס, אז פאר די מאסען פדיונות האט מען איינגעפיהרט דריי קאסעס. דער ריזשינער האט אזוי ערקלערט, פאר וואס עפעם דריי קאסעס: צווישען די חסידים זענען פאראן — האט ער געזאגט — דרייערליי מדרגות. די ערשטע מדרגה — זענען אמת׳ע, אויפריכטיגע חסידים — זייער געלד געהט — אויף צום לעבען. די צווייטע מדרגה — דאס זענען מיטעלע חסידים. זייערע פדיונות ווערען גענוצט אויף קליידער. דער 3־טער סארט חסידים — די דאטשען, די ניט אמת׳ע — פאר זיי איז די דריטע פושקע, וואס געהט אויף פערד, אויף לוקסוס. דערמיט האט דער ריזשינער געגעבען א זעהר געשיקטען תירוץ אויף צוויי קשיות: פאר וואס ער פיהרט זיך אזוי רייך, ניט ווי אלע רבייאים, און פאר וואס ער נעהמט

פדיונות פון אזעלכע מענשען, וואס זענען גאר קיין חסידים נים.

בכלל איז דער ריזשינער געווען דער רבי פון דער חסידישער אריסטאקראטיע, ריכטיגער פון די רייכע מאדערניזירטע חסידים. ארימע חסידים האבען צו איהם א קנאפען צוטריט געהאט. דאס האט אבער נים געמינערט די עהרפארכטיגקייט פון די חסידים צו זייער רבי'ן. פארקעהרט: ער איז נאך מעהר פערגעטערט געווארען און אזוי פערהייליגט איז ער געבליבען אין אנדענ־קען פון די חסידים ביז היינטיגען טאג.

ווישניצער חסידות.

די חסידות אין גאליציען נעהמט זיך, איבערהויפט, פון דריי הויפען, דריי זעלבסטשטענדיגע מלוכות: סאדיגער, בעלז און ווישניצע. יעדער פון די חסידישע טראן־גרינדער האט צו פערדאנקען זיין הערשאפט און זיין מאכט נאר זיך אליין, זיין אייגענעם טאלאנט און אונטערנעהמונגספעהיגקייט. א חוץ סאדיגער, וואס איהר ערשטער רבי, דער ר י ז ש י נ ע ר, האט אויסער זיין פערזענליכער ענערגיע, אויך געהאט גרויסע זכות אבות: ער איז געוועזן דעם „מלאך׳ס" א זוהן, דעם מגיד׳ס פון מעזעריטש — און אייניקעל.

יעדער גרינדער האט זיך נאטירליך געשטיצט אויף דער־זעלבער קוועלע — דעם בעל שם׳ס תורה. נאר איטליכער פון זיי האט אין איהר אריינגעטראגען זיין שיטה, זיין סיסטעם.

די ווישניצער חסידות האט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר דעמאקראטיזם. דער רבי האלט זיך געמיינשאפטליך מיט די חסידים. דאווענט שטענדיג פאר׳ן עמוד. דער דאווענען און דער גאנצער פיהרונג איז מיט התלהבות, דבקות, שמחה, ווי ס׳איז געוועזן ביים „בעשט" אליין.

סאדיגור, אין געגענטייל, האלט זיך אריסטאקראטיש. ניט בלויז דער רבי דאווענט קיין מאל ניט פאר׳ן עמוד, נאר ער דאווענט בכלל ניט צוזאמען מיט די חסידים. ער האט א בע־זונדער שטיבעל אין קלויז, וואו ער דאווענט אליין. ביי׳ן טיר פון זיין שטיבעל אויף יענער זייט, אין קלויז, שטעהט דער גבאי. דער רבי גיט איהם סיגנאלען דורך א דריי מיט׳ן שליסעל אין טיר, אז ער האט געענדיגט א ברכה. דער גבאי גיט א סיג־נאל דעם חזן, און יענער דאווענט ווייטער.

אין זייער אויפפיהרונג, אזוי ווי אין דאווענען, האלטען זיך

די רביים פון דעם ריזשינערס׳ם שטאַם, אויך אַזוי אַריסטאָקראַ־
טיש, איינגעהאַלטענע, שטאָלץ. דער צערעמאָניאַל איז שטרענגער.
דער רבי רעדט זעהר ווינציג. אַ בליק, אַ ווינק, אַ מאַך מיט׳ן
האַנד. בלויז וועניגע אויסדערוועהלטע האָבען די זכיה צו בע־
קומען אַ ספּעציעלע אוידיענץ און פערבריינגען מיט׳ן רבי׳ן.

בעלז איז, אין אַ געוויסען זין, נאָך מעהר דעמאָקראַטיש,
ווי וויזשניץ. יעדער חסיד האָט צוטריט צום רבי׳ן. ער, דער
רבי, קען כמעט יעדען פון זיינע חסידים ביי דעם נאָמען, וואָס
זיינע פאַמיליען־אָנגעלעגענהייטען. האַלט זיך בכלל זעהר נאָ־
הענט צום פאָלק. דערפאַר האָט קיין רבי ניט אַזאַ אונבעשרענק־
טע מאַכט איבער זיינע חסידים, ווי דער בעלזער.

דער גרינדער פון וויזשניצער טראַן, ריכטיגער פון קאָסאָ־
ווער „כסא“ איז געווען רבי מענדעלע קאָסאָווער. זיין פאָטער
ר׳ קאָפּיל חסיד, איז געווען אַ פּשוט׳ער יוד, אַ קרייקע־הענדלער.
גויים האָבען איהם, ר׳ מענדעלעס פאָטער, אויך געהאַלטען פאַר
אַ הייליגען מענשען. „סוויטי טשאָלאָוויק“, — האָבען זיי אויף
איהם געזאָגט. קיין רבי איז ער ניט געווען. האָט קיין טיש
ניט געפיהרט, קיין תורה ניט געזאָגט. די פערגעטערונג פון
פאָלק צו איהם האָט זיך אָבער ניט געוואָלט ענדיגען מיט זיין
אָבשטאַרבען און זיין זוהן רבי מענדעלע קאָסאָווער, פער־
שטעהט שוין צו אָרגאַניזירען די פערעהרער פון זיין טאַטען אין
אַ שטענדיגע מלוכה. ער איז ניט געווען אַזאַ פּשוט׳ער פאָלקס־
העלד ווי זיין פאָטער. ער האָט שוין בעזעסען די קונסט פון אַ
לידער, האָט געוואוסט די גאַנגען ווי צוציהען דאָס פאָלק.

נאָך פעהיגער פון איהם איז געווען זיין זוהן ר׳ חיים׳ל
קאָסאָווער. פאַר איהם האָט זיך קאָסאָווער חסידות פערשטאַרקט,
פערשפּרייט איבער גאַנץ מזרח־גאַליציען און גאַנץ בוקאָווינאַ.
ער האָט געמאַכט אַ ספר „תורת חיים“, אַ פּרוש אויף חומש,
לויט דער סיסטעם פון קבלה.

דער מערקווירדיגסטער אָבער פון אַט דער גזע איז געווען
ר׳ חיים׳ס מיטעלסטער זוהן — רבי מענדעלע דער צווייטער.
לויט דער טראַדיציע פון דאָס רוב חסידישע הויפען, געהט אי־
בער דער „טראָן“ ניט צום עלטער׳ן, נאָר צום פעהיגסטען. דער

אלטער, שטארבענדער רבי לאזט געוועהנליך איין אט דעם זיין צוואה, אדער גיט איבער אויסדריקליך זיין ווילען די נאהענטע מענשען, וואס רינגלען איהם ארום בשעת זיין „פטירה“.

אזא אויסדריקליכע צוואה איז נים געווען ביי ר' חיים'לס פטירה. ר' מענדעלע דער צווייטער האט נים געוואלט האבען צו טאן מיט זיין עלטעסטען ברודער, האט פארלאזען קאסאווע און זיך בעזעצט אין ווזשניץ.

חסידים דערצעהלען, אז דער רב, וואס איז דעמאלט געווען אין ווזשניצע, א גרויסער ארימאן, האט געזעהן דורך נבואה, אז ווזשניץ וועט דערהויבען ווערען: דארט וועט ווערען א „כסא מלוכה“. א גרויסער עולם וועט אנקומען אהין. קיין „טיש“ האט ער פאר'ן עולם נים געקענט אנגרייטען, ווייל, ווי געזאגט, איז ער געווען א גרויסער ארימאן. האט ער אנגעגרייט לעפעל.

דעם רב'ס נבואה איז מקוים געווארען. נאר ער איז גע־בליבען ביי די לעפעל און די מלוכה האט גאר בעלאנגט צו ר' מענדעלען.

ר' מענדעלע דער צווייטער איז געווען א גרויסער חכם און א בעל תורה. דער גרעסטער טייל פון קאסאווער חסידים זענען איבערגעגאנגען אין ווזשניצע. ווזשניצע איז געווארען גרעסער ווי קאסאווע.

רבי מענדעלע ווזשניצער איז געווען א גרויסער דיפלא־מאט. ער האט געבויט א גאנצע סיסטעם, ווי אזוי צו פארשטאר־קען זיין טראן. די הויפט פאליטיק איז געווען: שליסען שדוכים מיט געהויבענע חסידים, פיהרען מיט זיי געשעפטען. צו דער־זעלבער צייט אבער האט ער געזעהן ווירקען אויף די רייכע חסידים, זיי זאלען שטיצען די ארימע דורך „גמילות חסדים“. ער אליין האט געפיהרט א ברייט הויז, פערטיילט א סך גמילות חסדים צווישען ארימע חסידים. איז נים געווען קיין געלד, האט ער געגעבען וועקסלען. ביי זיין טיש פלעגען אפט זיצען פרעמדע חסידים פון אנדערע רביים, נאכ'ן טויט האט ער געלאזען 100 טויזענד קראנען חובות.

ר' מענדעלעס זוהן, ר' ברוך'ל האט א קורצע צייט גע־

הערשט. ער איז געשטארבען יונג — צו 40 יאהר. האט אבער צייט געהאט צו לאזען 12 קינדער. דער עלטסטער פון זיי, ר׳ ישראל׳ניו, איז דער איצטיגער וויזשניצער רבי.

די צייטען זענען איצט איבערהויפט געווארען שווערע פאר א רבי׳ן. ער דארף ניט בלויז פיהרען אן אייגענע, א חסידישע פאליטיק. ער ווערט אפט געגען זיין ווילען אריינגעריסען אין דער אלגעמיינער פאליטיק. אזוי האט צ. ב. אין דעם קאמפף צווישען אלטע-רוטענער, יונג־רוטענער, פאליאקען, יודען, סאציאל־דעמאקראטען, דער וויזשניצער רבי זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די יונג־רוטענער. די וויזשניצער יודען אבער האבען קיין נויט ניט אנצושליסען זיך אן אן אנדער פארטיי. ווארום אויף יעדע הונדערט מענשען פון דער וויזשניצער בעפעלקערונג איז 98 יודען און 2 קריסטען. דערפון איז ארויסגעקומען א פלאנטער. דער רוטענישער אבגעארדנעטער האט אויסגעפיהרט אין לאנדטאג און רייכסטאג, אז אין וויזשניץ זאל געבויט ווערען א גימנאזיע. און דער אונטעררריכט זאל דארט זיין אין דער נאציאנאל־שפראך. די יודען האבען זיך געפונען אין אזא לאגע: די גימנאזיע, ווי יעדער גימנאזיע אין א גאליציש שטעדטעל, ווערט, אויסגעהאלטען און בעזוכט מעהרסטענס פון יודען. אין וויזשניץ אבער, וואו די יודישע בעפעלקערונג מאכט אויס 98 פראצענט, האלטען די יודען כמעט אין גאנצען אויס די גימנאזיע. עס איז נאטירליך, אז די יודען האבען ארויסגעוויזען א שטארקען פראטעסט געגען דעם, אז די נאציאנאל־שפראך זאל הייסען דוקא רוטעניש. און אז דער רבי האט אגיטירט פאר רוטעניש — אלס נאציאנאל־שפראך, איז געווארען א מורא׳דיגע אויפרעגונג געגען איהם צווישען וויזשניצער יודען. דער רבי האט זיך פארענטפערט, אז וויבאלד יודען וועלען אין דער גימנאזיע ניט שיקען זייערע קינדער, וועלען די קינדער נאר האבען דערפון א טובה: זיי וועלען בלייבען ביי יודישקייט... דער תירוץ האט אבער ניט געהאלפען. די אויפרעגונג געגען איהם איז געווארען שטארקער. דער רבי האט זיך דערשראקען און איז אנטלאפען אין שלאס פון דעם פוילישען פריץ, קאנדידאט פון דער פוילישער נאציאנאליסטישער פארטיי, וואס אט די פארטיי

האָט איהם ארויסגעשטעלט געגען דעם יודישען קאַנדידאַט, דעם בעוואוסטען יודישען שריפטשטעלער, דר. בירנבוים. אין שלאָס פון אַט דעם פּריץ האָט דער רבי פערבראַכט דריי וואָכען.

אין דער חסידישער וועלט איז געוואָרען אַ גוואַלדיגע אי־בערקערעניס. וויזשניצע האָט זיך ארומגעזעהן, אַז זי בלייבט אָהן פּרנסה. ווארום דאָס רוב שטעדטעל ציהט איהר חיונה פון רבי'ן און פון די חסידים, וואָס קומען צו איהם. מ'האָט גענומען זוכען מיטלען, ווי אַזוי צוריק צו בעקומען דעם רבי'ן. דער וויזשניצער געמיינדע־ראַט, ווי די יודען, אַזוי די קריסטען — אַלע אָנהענגער פון'ם רבי'ן — האָבען בענוצט די געלעגענ־הייט. אין אַ שענעם פריהמאָרגען האָט מען ארויסגעשיקט אַ דעפּוטאַציע, מיט'ן גלח אַן דער שפּיץ אין צנאַטען — אַזוי הייסט דער שלאָס, וואו דער רבי האָט פּלטה געמאַכט — מיט, אַן אַלט־אונטערטעניגסטע בקשה דער „פּאַסטוך" זאָל רחמנות האָבען און קומען צוריק צו די „שאָף".

דער רבי האָט זיך געלאָזט איבערבעטען. מיט טריומף איז ער אריינגעפאָהרען אין זיין איינגענומענע שטאָדט. ער האָט געזיגט.

אָבער ניט אויף לאַנג.

די אָפענע רעוואָלוציע געגען רבי'ן האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַ געהיימען טעראָר. מ'האָט ביים רבי'ן די שויבען געבראָ־כען. מסירות זענען געפלויגען אין די הויכע פענסטער. דער רבי האָט זיך דאָך געמוזט אונטערגעבען. ער האָט זיך אָבגעזאָגט פון פּאָליטיק אויף אַלע מאָל.

וויזשניצע, בכלל, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער חסידישער וועלט מיט אַ 50—60 יאָהר צוריק, בשעת רבי מענדעלע דער צווייטער איז געזעסען אויפ'ן טראָן, געהט אונטער. מעהר טאַלאַנט פון ר' ישראל'ניו האָט אַ פּנים זיין אינגערער ברודער, דער צווייטער פון ר' ברוך'לם צוועלף זיהן. יענער האָט זיך בעזעצט אין באַיאַן, אַ שטעדטעל ניט ווייט פון טשאָרטקאָוו און האָט דאָרט געגרינדעט אַ בעזונדער „מלוכה". אַן איידעם דעם אַלטען טשאָרטקאָווער'ס, האָט ער אי־בערגענומען דעם אריסטאָקראַטישען פּוץ און דעם גלאַנץ פון

זיין שווער׳ס פיהרונג. ער האט א סך מעהר חסידים, ווי זיין על־טערער ברודער, און קאנקורירט שטארק מיט טשארטקאוו.

אין קאסאוו ווערט נאך אבער אלץ געפיהרט א בעזונדער מלוכה. אויפ׳ן טראן זיצט דארט ר׳ משה׳לע, אן אורייניקעל פון ר׳ מענדעלע דעם ערשטען. קאסאווער טראן איז שטארק געפאלען. דער איצטיגער רבי איז מעהר סוחר, ווי גוטער יוד. ער האנדעלט צו מיט בהמות, ברויכט צו וואכער. פון טאטענס הייזער געמאכט דירות און שטאלען און פערדינגט זיי. נאך זענענדיג אן אינגעל, זאגט מען, איז ער אריין שבת אין שטאל און האט זיך געזעצט רייטענדיג אויף א פערד. ער מאכט חוזק פון׳ם גאנצען עניין. ס׳רוב חסידים זענען אריבער צום וויזשניצער. ס׳זענען אבער נאך געבליבען געגוג ביי איהם, וואס טראגען פדיונות. ווארום ווען אין חסידות, ווי אומעטום אין דער וועלט, שפילען א גרויסע ראלע פערזענליכע טאלאנטען, האט דא אבער אויך א סך צו זאגען „זכות אבות“.

די איבעריגע פון דער „גזע“ האבען זיך שוין לאנג אראב געלאזען צו דער מדרגה פון פראסטע מענשען. אין דעם אינגע־רען דור זענען שוין פאראן א סך וואס שטודירען. אפילו די קינדער פונ׳ם סאמע באיאנער רבי׳ן, איבערהויפט די טעכטער, זענען שוין היינטוועלטיג. א טייל פון זיי זענען אפילו מאדערן געבילדעט און בעלעזען.

אין רבין'ס הויף.

(דעם ריזשינער'ס קינדער).

דער „ריזשינער" האָט געלעבט אין סאדיגור ניט זעהר לאַנג. ער איז געשטאָרבען א יאָהר עטליכע און זעכציג. דערפאַר האָט ער ג ע ל ע ב ט. די לעגענדע דערצעהלט פון א סיצילישען הערשער אין אלטערטום, אז ער איז געווען אזוי גליקליך, אז מורא האָבענדיג פאַר דער קנאה פון די געטער, האָט ער מיט א כוון אריינגעוואָרפען אין ים א גאָלדענעם רינג מיט א טייער'ן שטיין. דאָס האָט איהם כלומרשט געמאַכט ליידען און זיין גליק איז שוין געווען פאַלקאָם. די געטער, וואָס קוקען תמיד מיט א בייז אויג אויף מענשען, וואָס זענען גליקליך, האָבען, הייסט עס, איצט קיין גרונד ניט געהאט אויף א שנאה צו טראָגען געגען איהם. די געטער האָבען אבער ניט אָנגענומען זיין מתנה. אַמאָל, אז מ'האָט געכאַפּט א וואונדערליכען פיש און דערלאַנגט איהם צום קעניג'ס טיש, האָט מען, אויפשניידענדיג דעם פיש געפונען אין זיינע געדערים דעם קעניג'ס רינג. די געטער האָבען זיך שפּעטער מיט'ן סיצילישען הערשער גרויזאַם אָבגערעכענט.

דער ריזשינער האָט אויך געוואָלט אָבקומען פאַר זיין „עולם הזה" און פלעגט געהן, כדי זיך צו פּייניגען, אין שיך אָהן זוילען. זיינע „סגופים" זענען אָבער, א פּנים, ניט אָנגענומען געוואָרען, ווי די געטער צום הער־שער פון סיציליען, אזוי גרויזאַם איז אויך געווען דער שיקזאַל פון דעם ריזשינער'ס קינדער. ער אליין האָט נאָך געלעבט און איז געשטאָרבען אין גלאַנץ און פּראַכט פון זיין פירשטליך־רבייאישער מלוכה. אָבער זיינע קינ־דער איז שוין ניט געווען בעשערט דיזעלבע ניט געשטערטע רוהיגע הערשאַפט.

דער ריזשינער האָט געלאָזען 4 זיהן: ר' אברהם יעקוניו, ר' משה דוד'ל, ר' בערעניו און ר' מרדכי'עניו. דער עלטסטער — ר' אברהם יעקוניו, איז געבליבען אויפ'ן טאַטענס טראָן. פאַר'ן צווייטען — ר' משה דוד'ל האָט מען געקויפט אַ מאַיאָנטעק „פּאַטאָק זלאָטי", ניט ווייט פון טשאָרטקאָוו. ער האָט, אלס יונגער מאַן, ניט ארויסגעוויזען קיין שטאַרקע סמנים צו קענען זיין אַ פיהרער פון א חסידישער מלוכה. ער איז געווען פיעל מעהר ספּעציאַליסט צו פאַהרען רייטענדיג אויף פערד. דעריבער האָט מען איהם געגעבען די מעגליכקייט עוסק'ען זיך ארום פערד און לעבען ווי א פּריץ. ס'איז אָבער געווען א טעות. כאָטש קיין גרויסער „בעל תורה" און „בעל קבלה" איז ר' משה דוד'ל ניט געווען, א טאַלאַנט פון א חסידישען פיהרער האָט ער אבער יע געהאַט. און דאָס האָט זיך ארויסגעוויזען שפּעטער, ווען ער האָט געגרינדעט דעם טשאָרטקאָווער טראָן און גלענצענד געפיהרט די מלוכה ביז אין טיעפען עלטער.

פאַר ר' מרדכי'לען האָט מען געגרינדעט א בעזונדער טראָן אין הוסיאַטין — א שטעדטעל ביים סאַמע גרעניץ פון רוסיש-פּאָדאָליען. דער טראָן עקזיסטירט ביז היינטיגען טאָג.

דער עלטערע זוהן פאַר ר' מרדכי'לען, ר' בערעניו, — א זעהר תמימות'דיגער יונגער-מאַן, א דיכטערישע נאַטור, דער איינציגער פיליכט, וואָס האָט זיך בעצויגען מיט טיעפען ערנסט צו חסידות און קבלה, האָט ניט געטויגט, א פנים פאַר גאַליציען, פאַר דער אלגעמיינער סיסטעם פון דער ריזשענער'ס „גזע". פאַר איהם האָט מען געגרינדעט א טראָן, אָבער ווייטער פון די אויגען, אין א קליין שטעדטעל לעווע, אין רומעניען.

אָט די צוויי עלטערע זיהן איז בעשערט געווען א לעבען פול מיט שטורם און קאַמפּף. ר' אבדהם יעקעניו איז א לאַנגע צייט געזעסען אין טורמע, מיט דער רביצין, זיין ווייב און מיט'ן גבאי, צוליעב א מסירה, אז ער האָט געמאַכט פאַלשע רוסישע רובל'ס. דאָס איז געווען א דונקעלע, פערפּלאָנטערטע געשיכטע. מ'האָט אין „הויף ווירקליך געפונען א מאַשינקע פון געלד פאַבריצירען. די בעווייזע געגען „הויף" זענען געווען אזוי שטאַרק, אז ס'איז קיין אנדער וועג ניט געווען, ווי ארויפ-

צואווארפען די שולד פאר דעם אונטערזוכונגס־ריכטער אויף דער רביצין, און פאר די חסידים — אויפ'ן גבאי. דעם רבי'ן מיט דער רביצין האט מען בעפרייט. דערפאר האט מען פעסט פארזעצט דעם גבאי. דער גבאי איז אבער אויך לאנג ניט געזעסען. מ'האט איהם ארויסגע'גנב'עט, פארשטעלט פאר א דייטש. ער איז אוועק אין „ארץ ישראל“.

נאך שטורמדיגער און פול מיט דראמאטישען אינטערעס איז געוועזן דער שיקזאל פון צווייטען זוהן — ר' בערעניו. ער איז געווארען, שוין כמעט אויף דער עלטער, אן „אפיקורס“, און געשטארבען אין א קורצער צייט ארום מיט א געהיימניספולען טויט. נאר ר' בערעניו'ס דראמע איז א קאפיטעל פונ'ם אינערליכען רבייאישען הויפס־לעבען אליין פאר זיך. דאס איז פיליכט די ריהרענדסטע דראמע, וואס האט ווען עס איז פאסירט אין דער חסידישער וועלט.

נאך ר' אברהם יעקעניו'ס טויט הויבט אן סאדיגור האסטיג צו פאלען. זיינע קינדער שטארבען יונגע. דער קאנטראסט צווישען דער פרייער און לעבענסלוסטיגער ערציהונג אין דער יוגענד (צו לערנען ערנסט ווערין די קינדער אין סאדיגור ניט געצוואונגען: דערפאר האבען זיי פולע פרייהייט אומצולויפען און פערברייינגען די צייט אין שטאל פון די פערד) מיט דעם איינגעשלאסענעם, אויף יעדען טריט געמאסטענעם לעבען נאך דער חתונה, מאכט זיי קרענקליך און זיי פארוועלקען פריה. עס בלייבט פונ'ם פערשטארבענעם רבי'ן א קליין קינד, א „ינוקא“. דערצו: אן עהרגייציגע רביצין־אלמנה און א ענערגישער גבאי. זיי ווילען זיך ניט שיידען מיט'ן טראן און מיט'ן גוט לעבען, וואס איז פארבונדען מיט דער מלוכה. עס קומט פאר א קאמפף, מיט אינטריגעס, טאקע פונקט, להבדיל, ווי אין די אמת'ע קייזערליכע הויפען. דער „ינוקא“ ווערט געזעצט אויפ'ן טראן. די רביצין אבער און דער גבאי זענען די פאקטישע הערשער. געגען ד ע ם פראטעסטירט דעם פערשטארבענעם רבי'ס אינגערער ברודער. ער האט זיינע אנהענגער, און מיט זייער הילף פראקלאמירט ער זיך אלס רבי. ער שטארבט

אבער אויך יונג, און דאָסזעלבע פּאַסירט מיט זיין זוהן און מיט דעם יונגעסטען ברודער.

אַט אזוי האָבען מיר איצט אין סאדיגור דריי רביאים אין איין הויף. די קאָנקורענץ איז מורא'דיג. די חסידים זענען צו־ריסען צווישען די דריי. דער גרעסטער טייל אָבער פון די ערנ־סטערע זענען אין גאנצען אוועק פון סאדיגור. ווער אין טשאָרט־קאָוו, ווער אין באיאן, ווער אין אָטיניע, ווער אין הוסיאטין, וואו עס הערשען בעזונדערע צווייגען פון דעם ריזשינער'ס גזע. אין סאדיגור אָבער קוקען די דריי רעבעציגס, דריי קאָנקורענטקעס, אָפט שטונדענלאַנג ארוים פון די פענסטער, זעהן צי עס געהט אַ חסיד. און אז עס ווייזט זיך איינער, ווערט ניט זעלטען אַן אָפּענע, הוילע רייסעריי. דער גוי'אישער לאַקיי פון איין רבי'ן ציהט דעם אורח צו זיך און רעדט אוים וואָס אין קאָרט שטעהט אויף דעם צווייטען רבי, וואָס וואוינט טאקע דערביי אין אַ צווייטער טיר. דער גוי פון דער אַנדער טיר שלעפּט דעם חסיד צו זיין רבי'ן און קרוינט דערביי מיט גאָר ניט קיין שענע טיטו־לען דעם רבי'ן פונ'ם ערשטען לאַקיי, ניט פערגעסענדיג דער־ביי אויך די רביצין און איהר גאַנצע משפּחה.

געפאַלען איז סאדיגור!... פערדונקעלט איהר גלאַנץ און וויסט שטעהען די ווענען צו איהר. טרויעריגע געדאנקען פּילען אַן אייער נשמה, ווען איהר קוקט אויף די שטאָלצע טורעמס־שפּיצען פון דעם נאָך איצט אויסערליך שענעם שלאָס. עס דאכט זיך אייך, אַז די שפּיצען פון די טורעמס שפּאַרען זיך, ווי יתומים, אין הימעל, זוכען דאָרט דעם ריזשינער און קלאָגען זיך פאר איהם: אויף וועמען האָסטו אונז געלאָזען...

ביי'ן טשאָרטקאָווער רבי'ן.

טשאָרטקאָוו האָט שוין לאַנג פערנומען דעם פּלאַץ פון סאַ־דיגור. אהער איז איבערגעגאנגען דער גלאַנץ פון דעם ריזשי־נער'ס מלוכה־פיהרונג. ר' משה דוד'ל, וועמען דער ריזשינער האָט געלאָזען אהן א טראָן, ווייל ער האָט געזעהן, אז ער איז צופיעל אריינגעטאָן אין פערד־שטאַל, האָט אין אָט דעם זוהן געהאט א טעות. דער לוסטיגער פערד־ליבהאבער האָט זיך שפּע־טער ארויסגעוויזען דוקא דער פעהיגסטער. און ווען דער שטערן פון'ם ריזשינער'ס גזע גלאנצט איצט העל און שטארק אין טשאָרטקאָוו, האָט ער עס זיין טאלאנט צו פערדאנקען.

קיין בעל תורה איז דער אלטער „טשאָרטקאָווער" קיין מאָל ניט געווען. ער האָט עפּעס געלאָזען א קליין ספר'ל—ריכטיגער חסידים האָבען געדרוקט א קליין דין ספר'ל פון זיינע תורה'עס. וואָס ער פלעגט זאָגען ביי'ן טיש. אבער, א פּנים, זיי, די חסידים אליין, האַלטען ווייניג פון זיינע תורה'עס.

דער עיקר איז אויך ניט געווען אין דעם „טשאָרטקאָווערס" תורה. ווי תורה, בכלל, פערנעהמט ווייניג פּלאַץ אין דעם ריזשי־נערס מלוכה־פיהרונג. דער עיקר איז דאָ די „עבודה" — דער פייערליכער צערעמאָניאל. דעריין האָט דער אלטער „טשאָרטקאָ־ווער" פּאָלקאָם איבערגענומען די ירושה פון דעם ריזשינער'ס סיסטעם. אלץ איז דאָ נאָך דעם אלטען שניט. ביי יעדער געלע־גענהייט האָט מען דערצעהלט פון דעם ריזשינער'ס פיהרונגען, דעם ריזשינער'ס תורה, דעם ריזשינער'ס ווערטער, ווערטלאך, מעשיות.

ר' משה דוד'ל האָט גראָד געלעבט לאַנג. וואָס עלטער ער איז געוואָרען, אלץ ערנסטער האָט ער זיך בעצויגען צו זיין בערוף, אלץ שטארקער איז געוואָרען זיין גלויבען אין זיך. ער

איז געווען די שטאַרקסטע פּערזענלעכקייט צווישן אַלע קינדער פון'ם ריזשינער. האָט אויך אין דער גאַנצער חסידישער וועלט געהאַט מעהר אַנזעהן. סאַדיגור איז אין גאַנצען פאַרדונקעלט געוואָרען פון טשאָרטקאָוו. טשאָרטקאָוו איז צעהנדליגע יאָהרען געשטאַנען, ווי אַ צויבערלעגענדע אין דער יודישער וועלט. דער פּרעכטיגער פּאַלאַץ, דער פּאַנטאַן אין רבי'נ'ס הויף; די מערק־ווירדיגע רייכקייט און פּוץ פון די זאַלען; דער שענער פּאַרק אינ'ם רבי'ס הויף; די ברייטקייט, די פייערליכקייט פון די פיה־רונגען אין די געהויבענע טעג; די פּרעכטיגע, טייערע קליידער פון די הויף־פּרויען; דער גרויסאַרטיגער אַרויספאָהר אויף די טייערע פערד. דאָס אַלץ האָט געוועקט די בעוואונדערונג פון דער גאַנצער וועלט. און ווען מ'האָט גערעדט פון דעם גלאַנץ און פּראַכט פון די גאַליציאַנישע רבייאישע הויפען, האָט מען אייגענט־ליך גערעדט וועגען טשאָרטקאָוו.

דאָס אַלץ איז פערשטאַרקט געוואָרען דורכ'ן גלויבען אין דער בעריהמטער יחוס־אַבשטאַמונג פון דעם רעזשינער'ס „גזע". ר' דוד'ל האָט פעסט געגלויבט, אז אויב זיין טאַטען, דעם רי־זשינער איז ניט בעשערט געווען צו זיין דער ערלויזער פון די יודען, וועט די ראָלע פון משיח'ן אויספאַלען געווים איהם. מ'זאָגט אויך, אז דער ריזשינער האָט איהם דערין פערזיכערט, בשעת ער האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען.

ניט אומזיסט טראָגט ער דעם נאָמען פון דוד המלך... זיין פּנים, צו די עלטערע יאָהרען האָט געמאַכט אַ טיעפען איינדרוק אויף דעם, וואָס האָט איהם געזעהן. עפּעס פערקלערטעס, ניט ערדישעס איז געווען אויסגעגאָסען אין די שטריכען פון זיין געזיכט. אז ער פלעגט דורכגעהן אין מאַריענבאַד, וואוהין דעם רבי'ס פאַמיליע פאָהרט אַלע יאָהר, נאָך פונ'ם ריזשינער'ס צייטען, — פלעגען זיך אַלע קורגעסט אַבשטעלען מיט בעוואונדע־רונג קוקען. וואָס פאַר אַנזעהענעס ער האָט געהאַט אין גאַנץ עסטרייך, בעווייזט דער פאַקט, אז הערצל האָט געהאַלטען פאַר נויטיג צו שיקען צו איהם אַ דעפּוטאַציע, אום צו פאַראינטערע־סירען איהם מיט'ן ציוניזם (דער אַלטער טשאָרטקאָווער איז געשטאָרבען מיט אַ 5—6 יאָהר פאַר הערצל'ס טויט). די דע־

פּוטאַציע, וואָס איז בעשטאַנען פון דר. אוועבוך און דר. זאלץ — צוויי וויכטיגע ציוניסטישע טוער אין גאַליציען — האָט פערבראַכט אין טשאָרטקאָוו איינינע מאָנאַטען. זי האָט אָבער גאר נישט גע׳פּועל׳ט. יע ר. רבי דוד׳ל, וואָס איז גע־ווען, לויט זיין טיעפען גלויבען, אליין א גלגול פון דוד המלך, וואָס נאָר איהם אליין האָט געפּאַסט צו זיין דער „משיח“, האָט מסתמא געקוקט מיט א שמייכעל אויף די שטרעבונגען פונ׳ם אפיקורוס הערצעל צו זיין דער ערלויזער פון די יודען.

נאָר דער אַלטער טשאָרטקאָווער איז געווען דיפּלאָמאַט גענוג ניט צו אָבזאָגען גלייך דער דעפּוטאַציע פון דר. הערצל. דער זוהן, דער טראַנפּאַלגער — איטינגער רבי — האָט דער דעפּוטאַציע, זאָגט מען, געגעבען אָנצוהערענעס דורך זיין גבאי, אז דער רבי וואָלט פיליייכט צושטעהן צום ציוניזם. ס׳איז אָבער נויטיג אז די „שקלים“ זאָלען געהן דורך טשאָרטקאָוו...

אָבער אָבגעבען די פינאַנצען הייסט אָבגעבען אין גאַנצען די מאַכט. דאָס וואָלט הייסען איבערגעבען דעם שיקזאַל פונ׳ם ציוניזם אין די הענד פון דעם חסידישען רבין. אויף ד ע ם, נאַטירליך, האָט דר. הערצעל ניט געקענט איינגעהן. דער „שדוך“ איז אַלזאָ נ י ט ג ע ו ו אָ ר ע ן געשלאָסען.

דער איצטיגער רבי פון טשאָרטקאָוו, ר׳ ישראל׳ניו, איז דער עלטסטער זוהן פון דעם אַלטען טשאָרטקאָווער, ר׳ משה דוד׳ל. נאָך א צייט פאר דעם אַלטענס פּטירה איז ער געווען בעשטימט צו זיצען אויפ׳ן טאַטענס טראָן.

ווען עס וואָלט איצט ניט געווען אַנדערע צייטען, וואָלט טשאָרטקאָוו פאר׳ן איצטיגען רבי׳ן, דערגרייכט דעם העכסטען רוהם. אין דער גזע פונ׳ם מעזעריטשער מגיד איז פיליייכט קיין מאָל ניט געווען קיין מענש, מיט א גרעסערן טאַלאַנט צו זיין א רבי, ווי דער איצטיגער טשאָרטקאָווער. אין זיין שטאָל־צען, בעפעהלערישען קוק, אין זיינע רוהיגע, מאַיעסטעטישע בעוועגונגען, אין זיין גאַנצער הויכער און ברייטער פיגור איז אויסגעגאָסען עפּעס פירשטליכעס. אין קיינעם פון דעם ריזשי־נער׳ס קינדער און אייניקלאך האָט זיך ניט אַזוי פערקערפּערט די סיסטעם פון דעם ערשטען סאַדיגורער רבינ׳ס גרויסאַרטיגען

פיהרונג, ווי אין אַט דעם גרעסטען און לעצטען פיהרער פון גאַליציאַנער חסידות.

יע, דעם לעצטען. ווארום ניט זיינענדיג בעקאַנט אפילו מיט דעם אינערליכען צושטאַנד פון'ם איצטיגען חסידישען לעבען אין גאַליציען, קען דער לעזער לייכט זיך אָנשטויסען, פערגלייכענדיג אויפ'ן בילד דעם רבי'ן, ר' ישראלניו, מיט זיינע צוויי זיהן, און זיין אייניקעל, אז מיט איהם, מיט רבי ישראל'ניו, ענדיגט זיך די שטאַלצע און גלענצענדע רבייאישאַפט לויט דער אידעע און פאַרשטעלונג פון דעם „ריזשינער".

ביים טשאַרטקאָווער רבי איז מיר ניט געווען שווער צו קריגען אַן אוידיענץ. איך בין שוין געווען בעקאַנט מיט זיין טאָכטער, די יונגע חוה'לע, און מיט זיין איידעם, חוה'לעס מאַן, א צווייג פון ראחמיסטראָווקער און טאַלנער רבייאים. דאָס איז געווען א פרייטאָג צו נאַכט. חוה'לע האָט זיך גענומען אויף מאָרגען אבענד, שבת צו נאַכט מיר צו אַראַנזשירען די אוידיענץ. א פאָר ווערטער וועגען חוה'לען אַליין. דאָס איז נאָך דעם רבי'ן, די איינציגע פערזאָן אין הויף, וואָס איז אונגעהייער פּאָפּולער אין שטעדטעל. פון אַלע קינדער דעם רבי'ס איז זי די איינציגע, וואָס איז שטאַרק געראַטען אין איהם, ווי אויסערליך, אין פּנים, אַזוי אינערליך — גייסטיג. וואָלט זי געווען ניט קיין טאָכטער, נאָר א זוהן, האָט דער רבי געקענט זיין רוהיג מיט זיין טראַנספּאָלגער. זי איז אבער א טאָכטער, און די צייט ווען דעם רבינ'ס פרוי אָדער טאָכטער, האָט רעגירט מיט דער מאַכט פון'ם רבינ'ס שטעקען (ווי צ. ב. ביי ר' מאיר'ל פרימישליאַנער) איז שוין אוועק. דערצו איז חוה'לע א פּראָגרעסיווע, איז, אויב ניט סיסטעמאַטיש געבילדעט, דאָך פיין ענטוויקעלט. זי לעזט ניט בלויז די דייטשע ליטעראַטור, נאָר איז אויך בעקאַנט מיט דער יודישער. לעזט יודישע ערנסטע זשורנאַלען. ווייס פון אַלע פראַגען, וואָס שטעהען אויף דער טאָגעס־אָרדנונג אין יודישען לעבען. איז בעקאַנט מיט די קלאַסישע יודישע שריפטשטעלער. מיט אייניגע פון זיי — פּער־

זעגליך, דורך מאריענבאד. איהר ענטוויקלונג און ערציהונג האט זי בעקומען דורך איהרע א לעהרערין, א זעהר אינטעליגענטע גאליציש־יודישע מיידעל, א ווארימע נאציאנאליסטקע. וואס האט איהרע שטימונגען און מיינונגען געסטארעט זיך איבערגעגעבען איהר געהויבענער שילערין. דאס איז געווען אין יענע טעג, ווען גאליציען איז געווען שטארק בעלעבט אונטער דעם איינפלוס פון דער רוסישער רעוואלוציע.

חוה'לע איז געשטימט שטארק ציוניסטיש. זי וואלט אויך געווען, ווי איך פערשטעה, עמפפענגליך פאר מעהר דעמאקראטישע אידעען, ווען אין שטעדטעל וואלט געווען א דעמאקראטישער יוגענד־קרייז.

מ'קען לייכט פערשטעהן, אז דער לעבען אין רבינ'ס הויף, דער גאנצער רבייאישער רעזשים הארמאנירט ניט שטארק מיט חוה'לעס מאדערנער וועלט־איינשויאונג. מ'קען זיכער זאגען, אז איהר ווייטערדיגער לעבען וועט געהן אויף א גאנץ אנדער שניט. בפרט, אז איהר מאן איז פאלקאם איינשטימיג מיט איהר. ער אליין איז פון דרום־רוסלאנד. אויב ער האט זיך ניט בעטייליגט אין דער רעוואלוציאנערער בעוועגונג, ווי די איינינקלאך פון ביאלער און לאדיער רבייאים, האט ער זיך דאך געפונען, צום טייל, אונטער דעם איינפלוס פון יענער מערקווירדיגער עפאכע. ווארום אין יענע טעג איז בוכשטעבליך קיין מענש, קיין ארט ניט געבליבען אויסער דער ווירקונג פון דער רוסישער רעוואלוציע.

דער קאמפף, וואס חוה'לע האט צו פיהרען אין הויף ווערט אבער געלינדערט דורך איהר געזעצטען האראקטער, קלוגען טאקט און — דער עיקר — דורך דעם רעספעקט און ליבע, וואס זי האט צו איהר פאטער, צום רבי'ן. דערפאר איז זי אויך, זאגט מען, דעם רבי'ס ליבלינג. זי איז, אזוי צו זאגען, זיין געהיימראט אין וועלטליכע זאכען, כאטש זי איז נאך זעהר יונג — ניט עלטער פון צוואנציג יאהר*).

די טעכטער, ווי בעוואוסט, געניסען, בכלל, אין די רביי־

*) געשריבען אין יאהר 1913.

אישע הויפען, א סך מעהר פרייהייט, ווי די זיהן. חוה׳לע האט נאך מעהר פרייהייט. מ׳גיט ניט שטארק אכטונג, ווער עס קומט צו איהר אין שטוב, מיט וועמען זי האט בעקאנטשאפט. דער־צו איז דער איצטיגער טשארטקאווער רבי אליין א מענש מיט א ברייטער׳ן קוק אויפ׳ן איצטיגען לעבען, איז א מענש א וועלט־ליכער. ווען די ראלע פון א רבי׳ן שטערט איהם דירעקט צו האבען פערבינדונגען מיט דער ברייטער וועלט, אויסער זיין הויף, איז ער דערפאר זעהר גערן צו וויסען אלץ, וואס דארטען קומט פאר, דורך דער פערמיטלונג פון זיין טאכטער. מ׳זאגט, אז חוה׳לע לעזט איהם אדער גיט איהם איבער אלץ, וואס זי האט אליין געלעזען, געהערט און געזעהן אינטערעסאנטעס. דער רבי נעהמט דאס איבער, פערשטעהט זיך, אויף זיין שטויגער, נעהמט דאס אבער אלץ אריין אין זינען. די טראדיציאנעלע זומערדיגע מאריענבאד־רייזע ווירקט אויך א סך ברייטער צו מאכען דעם רבי׳ס, ווי אויך דעם גאנצען הויף׳ס קוק אויפ׳ן לעבען. דארטען קומען זיך צוזאמען חסידים פון די פערשיידענסטע מינים, פון פערשיידענע לענדער. יעדער גיט איבער, וואס ס׳טוט זיך אין זיין לאנד, אין זיין שטאדט, אין זיין קרייז, אין זיינע געשעפ־טען. יעדער דערצעהלט זיינע איבערלעבונגען. מאריענבאד דינט די לעצטע יאהרען, אפט, פאר די חסידים, אלס א פלאץ פון צוזאמענגריידען זיך אין אינערליכע חסידישע זאכען, אבער אויך — אין ברייטערע, אלגעמיין־יודישע אינטערעסען. ס׳פער־שטעהט זיך: די בעראטונגען, די בעשלוסען ווערן אנגענומען אין חסידישען, אין שטרענג רעליגיעזען זין. ס׳איז אבער א פאקט, אז די חסידים און די רבייאים זענען די לעצטע יאהרען געצוואונגען ארויסצוגעהן פון די „פיער איילען" פון זייערע ענג חסידישע ענינים. דער ציוניזם, דער סאציאליזם, דער פאליטי־שער און נאציאנאלער קאמפף אין רוסיש־פוילען און גאליציען, און טאקע די פרנסה אליין, די ברייטערע עקאנאמישע אינטער־רעסען, וואס ווערען מיט יעדען יאהר אלץ מעהר פערוויקעלט און פערקניפעלט מיט די נאציאנאלע, סאציאלע און פאליטישע פראגען פון לעבען, דאס אלץ פאדערט אז ענטפער. ניט ווייניגער פון דאס אלעס, און פילייכט מעהר פון די אלע פראגען, ארט

איצט שטאַרק דעם חסיד — די ערציהונגס־פראגע. דער סאָציאַ־ליזם, דער ציוניזם און מעהר פון זייביידען — די אסימילאציע רייסט אוועק פון חסיד זיינע קינדער. דער רבי איז דער גרעסטער אויטאָריטעט. ער מוז זיך צו דאָס אלץ צו האָרכען. ער מוז גע־בען אַן עצה. ער אליין איז אין דעם מיט לייב און לעבען פער־אינטערעסירט. וואָרום די ווינטען פון דער נייער צייט האבען זיך אויך אין זיין הויף שוין לאנג אריינגעריסען. דעם חסיד׳ס צרה איז זיין צרה.

און אזוי ווערט אין מאריענבאד געלעגט דער פונדאמענט פון אָרגאניזירען די גאנצע יודישע אָרטאָדאָקסיע. דער „פיינד" איז צו שטאַרק. דיזעלבע וואונד, דערזעלבער וועהטאָג ביי די חסידים, ווי ביי די פרומע מתנגדים. די אלגעמיינע צרה פער־בינדט די געגנער און פיינד אין קאמפף געגען א נאך גרעסערן און שטאַרקערן פיינד.

אַט אזוי ווערט געגרינדעט מיט עטליכע יאָהר צוריק די „כנסת ישראל", וואָס האָט שוין א ברייטערן כאראקטער, ווי די פריהערדיגע „מחזיקי הדת". זי הויבט אָן אריינצונעהמען אין איהר פּראָגראם נאַציאָנאלע און עקאָנאָמישע פראגען. ווערט אָבער באלד חרוב דורך די קאָנטראסטען פון איהר פּראגראם און עלעמענטען. די פּראגראם און אָרגאניזאציע פון די אָרטאָ־דאָקסען מאכען דורך פערשיידענע גלגולים. די ערשטע פּרובען גיבען זיך ניט איין. דער דעוויז: „אָרטאָדאָקסען פון אלע לענדער פעראייניגט אייך!" קלייבט ניט לייכט צונויף גרויסע מחנות. די נויטיגקייט אין אָרגאניזאציע פיהלט זיך אבער שטאַרק. בע־גוגענט מען זיך דערווייל מיט דעם שלאגוואָרט: „רבנים פון אלע לענדער פעראייניגט אייך". עס ווערט בעשאפען מיט א פּאָר יאָהר צוריק די „אגודת הרבנים". אונטער איהר פאָהן קו־מען זיך צוזאמען, ווי די גרונדזיילען פון חסידות — דער טשאָרטקאָווער, דער גערער, דער ראדזימירער, אזוי אויך דער גרעסטער אויטאָריטעט פון די רוסישע רבנים — דער בריס־קער רב — ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק. דער „אגודת הרבנים" האָט זיך ווירקליך איינגעגעבען אריינצונעהמען די גרעסטע רבנים פון דער גאנצער וועלט.

איינעם פון די וויכטיגסטע פלעצער, און פיליכט דעם וויכטיגסטען פלאץ פערטרעט, ווי מ'האט געזאגט, אין אט דעם רבנים־פערבאנד דער טשארטקאווער רבי. ער איז דער גרעסטער קאמפראמיסלער. נאך זיין מיינונג איז נויטיג די בעשאפונג פון דער רבנים־ארגאניזאציע ניט בלויז צוליב קאמפף, נאר אויך עפעס צו טאן, עפעס צו בעשאפען. כדי צו קעמפפען מיט דער וועלטליכער שולע בעשליסען די רבנים צו גרינדען אומעטום אייגענע ארטאדאקסישע שולען. דער טשארטקאווער רבי מיינט, אז דאס איז ווייניג. די שולע מוז פערבונדען ווערען מיט א האנדווערק־שולע. עס זאל זיין „תורה עם מלאכה“, ווי אונזערע חכמים האבען געהייסען. די שולען פון די פרומע דארף זיך ניט אונטערשיידען מיט קיין זאך פון די אלגעמיינע שולען.

נאר דער וואס וויים די איצטיגע בעדינגונגען פונ'ם חסידי־שען ערציהונג אין גאליציען און רוסיש־פוילען, קען אבשאצען די אונגעהייערע בעדייטונג פון דעם טשארטקאווער רבי'ס רע־פארם. איך שטעל דעםווארט ר ע פ א ר ם ניט אין פאר־סעקלאך, ווייל איך בין מיט דער מיינונג, אז דעם טשארטקא־ווער רבי'ס אידעע פערדינט מ'זאל זיך צו איהר ערנסט בעצי־הען. די פעראייניגונג פון דער עלעמענטארער פאלקסשול מיט א האנדווערקשול איז די פאדערונג פון דער נייסטער פעדאגא־גיק. אין אט דער הינזיכט שטימט דעם טשארטקאווער רבי'ס אידעע פאלקאם מיט די נייע ערציהונגס־רעפארמען אין דער לעצטער צייט. פאר גאליציען און רוסיש־פוילען אבער, ווי אויך פאר דער גאנצער יודישער ערציהונג, האט אט דער פראיעקט אן אונגעהייערע בעדייטונג. דער גרעסטער אונגליק פון יודי־שען לעבען אין גאליציען און רוסיש־פוילען בעשטעהט אין דעם, וואס די מלאכה פאלט דארט שרעקליך ביי יודען.

דעם טשארטקאווער רבי'ס פראיעקט אלזא, בעשטעטיגט, מיט דער מאכט פון אזא אונגעהייערן אויטאריטעט, ווי ער (דער רבי) איז אין דער ארטאדאקסישער וועלט, צוויי גרויסע זאכען: ערשטענס — דעם איבערגאנג פון דער אלטפרענקישער תלמוד־תורה אין א מאדערנער פאלקסשול; צווייטענס — די פעראייניגונג פון דער פאלקסשול מיט א האנדווערק־שול. אמת

פראגרעסיווע עלטערן, וואס שטעהען אויף דעם שטאנדפונקט, אז רעליגיאן איז א פריוואט־זאך, און דעריבער דארף זי אויסגע־שלאסען ווערען פון דער שולע, וועלען זייערע קינדער אין אזא שולע ניט שיקען. אבער פרומע יודען זענען אין גאליציען, אין רוסלאנד און אפילו אין אמעריקע נאר זעהר, זעהר א סך. זיי וועלען נאך לאנג ניט שיקען זייערע קינדער אין אזא שולע, וואו רעליגיאן איז דארט אויסגעשלאסען פון דער ערציהונג. פאר זיי איז דעם טשארטקאווער רבי'ס פראיעקט א ריזיגער שריט פארווערטס. ס'פערשטעהט זיך: ניט דערמיט, וואס ער האט אין זיך עפעס נייעס, נאר דערמיט, וואס ער איז ד ע ם ט ש א ר ט ק א ו ו ע ר ר ב י ' ס, וואס ער בעלאנגט צו א מענשען וועלכער האט דעם גרעסטען אויטאריטעט אין דער חסידישער וועלט.

איך האב זיך אויף דער יודישער ערציהונגספראגע און אויף דעם טשארטקאווער רבי'ס פראיעקט געמוזט לענגער אב־שטעלען, איידער איך שילדער פאר'ן לעזער מיין וויזיט ביים טשארטקאווער רבי'ן. וועגען דעם פראיעקט האב איך געוואוסט פריהער. מיין בעזוך האט דא אלזא געהאט מעהר בעדייטונג פאר מיר, ווי דער וואונש צו בעטראכטען דעם רבי'ס פערזענ־ליכקייט. איך האב געוואלט מיט א י ה ם פערזענליך ריידען, וויסען, ווי שטעלט ער זיך פאר די יודישע ערציהונגס־פראגע און וואס האט ארויסגערופען זיין שול־פראיעקט. מיין נייגיריגקייט צו זעהן איהם (דעם רבי'ן) איז אלזא געווען גרעסער, ווי די נייגיריגקייט צו זעהן אן אנדער רבי'ן.

אין דער בעשטימטער צייט בין איך אריין אין רבי'ס שטיבעל. א סך חסידים האבען געווארט אויף זייער רייה „פרא־וועןן זיך" ביים רבי'ן*). נאר איך בין שוין געווען בעקאנט מיט איינינע הויפט פערזאנען פון רבי'ס הויפשטאאט. מ'האט מיך באלד אריינגעלאזען.

דעם רבי'ס אודיענץ־קאבינעט שטעלט פאר א גאנץ ברייי־

*) „פראווען זיך" הייסט אויף חסידישען לשון קריגען ביים רבי'ן אן אודיענץ, אריינגעלאזען ווערען צו איהם.

טען און שענעם זאַל. אָרום די ווענט — אַ זאַפּע מיט ווייכע שטוהלען. קיין גבאי אינעווענינ, אַזוי ווי אין סאַדיגער און אין בעלז, איז ניטאַ. דער טשאָרטקאָווער רבי דאַרף ניט האַבען דעם גבאי'ס הילף ביי זיינע אויפנאַמען. דאָס ווייזט אויף זיין שטאַלץ, אויף זיין מאַכט.

איך האָב מיך ניט געדאַרפט פאַרשטעלן פאַר'ן טשאָרט־קאָווער: ווער און וואָס איך בין און צוליב וואָס איך בין גע־קומען. חוה'לע האָט דאָס מיר פערשפּאָרט. דער רבי האָט מיר, זיצענדיג ביים טיש אויסגעשטרעקט איבער'ן טיש די האַנד, אָבער מיט אַ גאַנץ פריינדליכען פּנים און אָנווייזענדיג מיר אויף אַ דערבייאיגען שטוהל, געבעטען זיצען.

נאָכ'ן „שלום עליכם" און זעצענדיג זיך אויפ'ן שטול, ביים טיש, געגענאיבער דעם רבי'ן, בין איך גלייך צוגעטראָטען צו דער טעמע, וואָס מיך האָט אינטערעסירט. עס האָט זיך אָבער ארויסגעוויזען, אַז דער טשאָרטקאָווער האָט ניט זעהר גערן גע־וואָלט אריין אין פּרטים וועגען זיין רעפאָרם־פּלאַן.

די מעשה איז, אַז ווי נאָר די „אגודת הרבנים" האָט אָנ־געהויבען צו ווייזען סמנים, אַז זי בויגט זיך אַביסעל צו דער זייט פון קאָמפּראָמיסען מיט'ן לעבען, האָט זיך אָנגעהויבען געגען איהם אַ קאַמפּף. פון איין זייט איז ארויסגעטראָטען מיט אַ פייערדיגען אויפרוף צו די חסידים — דער בעלזער רבי; פון דער אנדער זייט האָט זיך דערשראָקען פאַר די „רעפאָר־מען" איהר אויפטועד אליין — דער בעריהמטער פאַנאַטיקער, דער פראַנקפוטער דר. ברייער. ער איז ארויסגעטראָטען פון דעם רבנים־פערבאַנד און האָט געגרינדעט אַ נייעם פעראיין „אגודת הרבנים החרדים", ד. ה. אַ פעראיין פון אמת־פרומע רבנים. אין אַלגעמיין בעקומט זיך זעהר אַן אינטערעסאַנט בילד: אַ חסידישער רבי אַלס רעפאָרמער און אַ דאָקטאָר פילאָזאָף אַלס קעמפּפער געגען אַלע רעפאָרמען...

דער רבי האָט מיר אָבגעלייקענט דעם פאַקט, אַז דער פּראָ־יעקט פון שולען פאַר רעליגיעזער ערציהונג, בילדונג און מלאכה צוזאַמען שטאַמט פון איהם. אָבער ער סימפּאַטיזירט מיט איהם שטאַרק. דאָס גלייבען, ווי ער האָט מיר ערקלערט, האָט ער אויך

ניט געגומען קיין בעזונדער שטארקען אנטייל אין גרינדען די „אגודת הרבנים". אבער ער שטימט אויך מיט איהר נויטיגקייט. ער ווייס אויך, אז אידען בעלי מלאכות ליידען א סך דערפון, וואס זיי ווייסען שלעכט די ארבייט. דער לעבען איז ניט אזוי פשוט ווי אמאל. ביי די רבנים גופא איז פאראן א סך פראגען צוליב וואס זיי מוזען זיך פעראייניגען.

איך האב איהם געזאגט, אז איך ווייס, אז דער בעלזער איז קעגען זיין פלאן.

— יע, — זאגט ער, — צוליב דעם טאקע מיש איך זיך איצט ווייניג. איך וויל אויסמיידען מחלוקת. דאס וואס איז נויטיג, וועט מסתמא זיין. מ'דארף אביסעל אויסווארטען.

דער טשארטקאווער רבי איז בכלל א רוהיגער מענש. א שטארקע פערזענליכקייט און א דיפלאמאט, מישט ער זיך פונדעסטוועגען ווייניג אין פאליטיק. יעדע פאליטיק פיהרט צו מחלוקת און ער וויל לעבען מיט דער וועלט בשלום. פונדעסט־וועגען הארכט ער זיך צו אלץ צו, האט פאר אלץ אינטערעס. ער איז כמעט דער איינציגער חסידישער רבי אין איצטיגער צייט, וואס געניסט פיעל אנזעהן אין אלע קרייזען. דער בע־ריהמטער פוילישער פירשט לובאמירסקי קומט צו איהם אין א וויזיט דורכשמועסען זיך איבער פאליטישע פראגען. דער בעוואוס־טער ציוניסט דר. טריטש פראיעקטירט מיט עטליכע יאהר צו־ריק א נייע טעריטאריע, דעם אינזעל ציפערן, האלט ער פאר נויטיג צו פאהרען צום טשארטקאווער, געווינען איהם פאר זיין פראיעקט. דר. יונג וויל גרינדען א יודישע גימנאזיע; דר. רופין — פערוואלטער פונ'ם ציוניסטישען נאציאנאל־פאנד—מאכט א פארשונגס־רייזע; דר. זאלץ פראיעקטירט א נייע קאלאניע אין ארץ ישראל — אלעם געהט צום רבי'ן און ער הערט אלע־מען אויס.

איך האב נאך מיט'ן רבי'ן פערבראכט א היבשע צייט. איך האב איהם איבערגעגעבען מיינע איינדריקען פון מיין רייזע איבער גאליציען. מיר האבען גערעדט איבער דעם שווערען קריזיס, וואס גאליציאנער יודען לעבען דורך, איבער דעם עקא־נאמישען אנטיסעמיטיזם פון יודישע פאבריקאנטען אין רוסיש־

פוילען און גאליציען. איך האב איהם געזאגט, אז נאך מיינונג קען געהאלפען ווערען נאר דורך א גרינדליכע ענדערונג און דער ערציהונג פון דער יודישער יוגענד. די חסידישע רביים שטעהען צופיעל אין א זייט פון לעבען. זיי האבען געקענט א סך ווירקען אויף די פרומע יודען, ווען זיי וואלטען זיך צוקוקען נעהענטער צום יודישען לעבען.

איך קען זיך ניט בעריהמען, אז איך האב געהאט א געוויסע ווירקונג אויפ'ן טשארטקאווער. איך בין אויך צוליב דעם ניט געקומען. דער רבי האט זיך געהאלטען זעהר פארזיכטיג. אבער זיין געשפרעך מיט מיר איז געוועזן מעהר, ווי אן אפיציעלער. עס איז קענטיג געווען, אז די אויסענוועלט אינטערעסירט איהם שטארק. צום שלום פון אונזער געשפרעך האט ער געהאלטען פאר נויטיג איבערצו'חזר'ן, אז דער פראיעקט פון שולען שטאמט ניט דירעקט פון איהם, און אז ער בעטייליגט זיך איצט וועניג אין דער „אגודת הרבנים". אבער די פראגען פון יודישען לעבען אינטערעסירען איהם. ביים געזעגענען זיך האט ער מיך בעגלייט ביז צום טיר, און מיר עטליכע מאל געדריקט ווארם די האנד.

אויף מארגען האט מיר חוה'לע אויסגעוויזען דעם רבי'ס פאלאץ, די גרויסארטיגע זאלען, די פראכטפאלע מעבעל, הויזגעשיר, בילדער, בעפוצונג. דאס אלעס מאכט א שטארקען איינדרוק דורך דעם פיינעם, אריסטאקראטישען סטיל, וואס ליגט אויף יעדער זאך. דורך דער ברייטקייט, רייכקייט און שטרענגע ארדנונג, וואס הערשט אומעטום. בעזונדערס אינטערעסאנט איז דער שלאפצימער פונ'ם אלטען רבי'ן ר' משה דוד'ל. עס שטעהען נאך די צוויי בעטען, איינפאכע הילצערנע לאקירטע בעטען, פערבעט; ווי זיי ווארטען נאך אויף איהם, אז ער וועט קומען און לעגען זיך דארין. דערביי — זיין זופעצע, זיין שטריימעל, זיין שטעקען — אלץ ניט געריהרט, אין דער זעלביגער ארדנונג, ווי בעת ער האט געלעבט.

ברייט און שען איז אויך דעם רבי'ס הויף און דער גרויסער גארטען ארום דעם פאלאץ. דאס אלץ איז ניט פערשלאסען, ניט פערריגעלט פאר שטעדטעלדיגע און זייטיגע מענשען, ווי

אז אמת'ער קעניגליכער און פירשטליכער שלאָס. דאָ, און אין גאָרטען, איז דער שטעדטעלדיגער שפּאַציר־אָרט. שבת נאָך וואַרמעס קומען אהער יודען, ווייבער, קינדער אויסרוהען זיך אויפ'ן גראָז, אונטער'ן רבי'ס פענסטער. אין די אַלעען פונ'ם גרויסען גאָרטען מאַכען שטעדטעלדיגע בחורים און מיידלאַך זייער ליבעס־זעהענעסען. קיין חרם ווערט אויף זיי ניט אַרויפגעלעגט. קיינער ווערט ניט געשטערט. דער רבי מישט זיך ווייניג אין אינערליכען לעבען פון זיין שטעדטעל. א קאַמף־פראַמיס צווישען השכלה און חסידות איז דאָ שוין לאַנג אויסגעקעמפּפט. א פייערדיגער שאַפּירניק איז דער הויף־בלעכער ביי'ן רבי'ן. א בעוואוסטער אַמאָל אפּיקורס — דער בוכפיהרער אין געשעפט פון דעם רבי'ס זיהן.

ביי די סאַדאַגורער רביים'לאַך אין א וויזיט.

אַנגעהויבען האָב איך פון דעם אינגסטען, דאַכט זיך ר' מענדעלע רופט מען איהם. געקומען בין איך אפריהער צום שבת'דיגען טיש. מיין אריינקומען האָט ניט געמאַכט קיין בעזונדער איינדרוק. דעם רבי'ס טיש איז שטענדיג אָפען פאַר יעדען: א שטעדטעלדיגער צו א פּרעמדער, א חסיד צו א „דייטש". איהר דאַרפט זיך נאָר בעציהען ערנסט, ניט לאַכען, קימערט מען זיך דאָ ניט וועגען אייך. מ'האָט מיך זאָגאַר מקרב געווען: איינגעלאַדען זיך זעצען אויפ'ן באַנק, נעהענטער צום רבי'ן. נאָר איך האָב גערעכענט פאַר זיך בעקוועמער צו בעטראַכטען דעם „טיש" פון א זייט.

אויף די בענק, ארום טיש און ביי די זייטען, זענען געזעסען און געשטאַנען א דריי, פיער מנינים חסידים. נעהענטער צום רבי'ן — עטליכע שענערע יודען. דאָך, א פּנים, ניט זעהר קיין געהויבענע. א פייערליכע שטילקייט האָט געהערשט אין שטיבעל. אויף די פּנים'ער איז געלעגען אַן ערוואַרטונגספולע שטימונג. אַלעמענס אויגען זענען געווען געווענדט אין דער זייט פונ'ם רבי'ן.

דער „רבי" — אייגענטליך א רבי'לע: מ'האָט איהם פון וויטען מעהר ניט געקענט געבען, ווי א יאָהר דרייצעהן, פערצעהן. —איז געזעסען אין א נייער שוואַרץ־אַטלעסענער זופּעצע מיט א גרויסער, א הויכער שטריימעל — א פּנים א ירושה פונ'ם טאַטען — געזעסען איינגענורעט טיף דעם פּנים און אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די איילענבויגענס. עס האָט אויסגעזעהן, ווי ער וואָלט זיך פערטיפט אין גרויסע מחשבות, שוועבענדיג, בשעת מעשה, ערגעץ אין אנדערע וועלטען, און גאָר ניט קימערנדיג זיך וועגען דעם, וואָס טוט זיך ארום.

א לאנגע צייט האט געדויערט אט די פאוזע. דערנאך האט זיך דער רבי'לע, אזוי ווי אויפגעכאפט: צוריק אראבגעלאזען זיך פון יענע הויכע עולמות אויף דער זינדיגער ערד, א טיעפען זיפץ געטאן און אויך אזוי שטיל געבומען זיך שאקלען, דבקען אלץ מיט אראבגעלאזטע אויגען, מיט אן איינטאניגען „אי־אי־אי", פריהער לאנגזאם, לאנגזאם, דערנאך פארנאנדערשאקלענדיג זיך אלץ שטארקער און פער'דבק'ענדיג זיך אלץ הארציגער, רחמנות'דיגער, טיעפער.

די ארומיגע האבען אלץ ניט אבגעקעהרט פון איהם די אויגען, ארויסלאזענדיג צייטענווייז א זיפץ און ווארטענדיג אויף עפעס, ווי עס האט געדארפט פאסירען וואס אונגעוועהנליכעס.

איינינע מינוטען האט געדויערט אט די צווייטע אבטיילונג פונ'ם שבת'דיגען טיש. דאן איז ווידער איינגעטראטען א פאוזע. די ארומיגע, איבערהויפט די, וואס זענען געזעסען נעהענטער צום רבי'לען, האבען אריינגעשפארט אין זיין זייט די אויגען נאר אין א מעהר שפאנענדער ערווארטונג.

אין מיטען האט דער שמש דערלאנגט צום טיש: חלה און עטליכע קליין געשניטענע שטיקלאך פיש. דער רבי'לע האט אויסגעשטרעקט אויך אזוי פייערליך און לאנגזאם, ווי ער האט זיך פריהער גע'דבק'עט, צווי פינגער, גענומען פון איין טעלער א שטיקעל חלה (געוואשען זיך און קידוש געמאכט האט ער א פנים, פריהער, ביי זיך אין דער היים).

אין דערזעלבער סעקונדע האבען זיך, ווי א פייל פון בויגען, א לאז געטאן פוןביידע זייטען טיש א צעהן פאר הענד, און דער טעלער איז מאמענטאל לעדיג געווארען. ווידער א פאוזע. דער רבי'לע האט נאך אמאל אזוי ווי פריהער, אויסגעצויגען די פינגער, דאס מאל נאך א שטיקעל פיש. און ווידער איז, אין דערזעלבער סעקונדע, דער טעלער געבליבען לעדיג פון פיש. דאס זעלבע האט פאסירט מיט פלייש, מיט די צימעס.

אט די טיש־צערעמאניע הייסט כאפען „שיריים". דער „שיריים־כאפען" איז געבויט אויף דעם גלויבען, אז דעם רבי'ס פינגער זענען הייליג. צו וואס ער ריהרט זיך צו, אין דאס געהט איבער זיין געטליכע קראפט און דעריבער איז דאס הייליג, איז

דאָס א סגולה אריינצובעקומען אין זיך די נצוצות, — פונקען— פון דעם רבי'ס געטליכקייט.

פון מיין אויג איז אבער ניט ענגאנגען, אז איינער פון די חסידים האָט געפּאַלשעוועט אין די „שיריים". וואו ער האָט אהין געטאָן — די שטיקלאַך פיש, פלייש, און אז. וו. האָב איך ניט געוואוסט. נאָר איך וואָלט שווערן, אז אין מויל האָט ער זיי ניט געלעגט.

איך האָב אויפמערקזאַם געמאַכט אויפ'ן פאַלשען חסיד מיין בעגלייטער, א סטודענט פון טשערנאָוויצער אקאַדעמישען יודישען קולטור־פעראיין. ד ע ר האָט מיר ערקלערט, אז דאָס איז ניט קיין זעלטענהייט. עס זענען דאָ חסידים — דעליקאַטע נאַטורען, וואָס זיי עקעלט נעהמען אין מויל די עסעניז, וואָס אנדערע האָבען איבערגעטאַפּט און איבערגעקנאָטען מיט די פינגער. ניט כאַפּען — פאַסט ניט. דאָס וואָלט געהייסען א בעליידיגונג פאַר די חסידים און, אפילו, פאַר'ן רבי'ן אליין. דאָס וואָלט דאָך געווען אן עפענטליכער לייקענען אין דעם רבי'ס הייליגקייט. בענוצען זיי זיך מיט דעם אלגעמיינעם טומעל פון דער כאַפּעריי און וואַרפען אריין די שיריים אין א פּאַפּיר, וואָס זיי האָבען שוין פון פריהער אָנגעגרייט אין קעשענע, דערנאָך וואַרפען זיי עס ארויס.

קיין תורה האָט דער רבי'לע ניט געזאָגט. נאָכ'ן עסען האָט מען מכבד געווען איינעם פון די חסידים, וואָס זענען געזעסען די נעהענטסטע צום רבי'ן — א פנים א חשובער אורח — מיט בענשען. נאָכ'ן בענשען, וואָס האָט לאַנג ניט געדויערט, האָט זיך דער רבי אויפגעהויבען, אין בעגלייטונג פון זיינע צוויי גבאים, וואָס זענען געשטאַנען ביי איהם די גאַנצע צייט פון ביידע זייטען, און האָט זיך מיט לאַנגזאַמע טריט, מיט גרויס ווירדע, אין פייערליכען שווייגען, געלאָזען אין זיינע חדרים.

מיר האָט זיך געדוכט, אז, אריינקומענדיג, צו זיך אין שטוב, און פיהלענדיג זיך פריי פון דעם שטייפען עטיקעט, וואָס די רביי'שאַפט האָט דעם יונגען אינגעל אָנגעצוואונגען, האָט דער פריהער ערנסטער, פערגלאָצטער און פערדבק'עטער „רבי", אראָבגעוואָרפען פון זיך די שווערע שטריימיל און נאָך שווע־

רערע, לאנגע אטלעסענע זופעצע, און שטיפעריש צושריען זיך: „מאמע! גיב אן עפעל!"

איבריגענס איז דער „ינוקא" שוין מעהר קיין קינד ניט געווען. ער האט שוין געהאט א ווייב. אמת, ניט קיין ווייב, נאר — א ווייבעלע. ביי איהם איז שוין אפילו א פאר יאהר נאך דער חתונה. חתונה האט ער געהאט פאר'ן זעצען זיך אויפ'ן טראן. ביי רבייאים האבען די קינדער, אין אלגעמיין, פריה חתונה. נאר מיט'ן „ינוקא" האט מען זיך נאך מעהר צוגעאיילט, ווייל א רבי טאר ניט זיין קיין בחור. א בחור קען אמאל האבען זינדיגע מחשבות און א רבי דארף זיין ריין פון זינד, דארף זיין הייליג.

אין אבענד, שבת צו נאכט, בין איך געווען ביים רבי'לע אין א וויזיט. מ'האט מיר געראטען איך זאל זיך אויסגעבען פאר א דאטש — א חסיד פון רוסלאנד, צי פון אמעריקא. נאר מיך האט גראד אינטערעסירט צו זעהן, ווי אזוי מ'וועט קוקען אין רבי'ס הויף אויף א מענשען, וואס קומט ניט אלס חסיד, נאר דוקא אלס שריפטשטעלער, און קומט דערצו אהן א פדיון. איך האב מיך דעריבער ניט געוואלט פארשטעלען. האב גע־זאגט דעם אמת: ווער און וואס איך בין, און אז איך קום אין גאליציען צו שטודירען דאס יודישע לעבען.

געפעלען איז אט דער פשוט'ער אמת ניט זעהר. אין רבי'ס הויף, ווי אין אלע „הויפען" האט מען ניט שטארק ליב אונזערע ברידער. דאך האט דער טיר־גבאי געפיהלט, אז ער וועט בעקור־מען זיין „מטבע" שפעטער און האט מיר אריינגעלאזען צום רבי'ן.

דער רבי'לע איז געזעסען אויף א ווייכען לעהנשטוהל אין א ווינקעל, קעגען טיר. דער אויפנעהם־חדר איז געווען ניט קיין גרויסער, אבער שענער, מיט ווייכע מעבעל בעפוצטער צימער. נעבען איהם איז געשטאנען דער הויפט גבאי — א רויטער איי־זערנער יוד, נאהענט צו פונפציג, מיט אן ענערגישען, דורכגע־טריבענעם פנים. ס'איז קענטיג געווען, אז דער רעכטער הערשער איז ער און דער רבי'לע איז ביי איהם אין שפאן.

דער טיר־גבאי האט זיי — דעם גבאי־ראשון און דעם רבי׳לע, שוין פריהער פון מיר דערצעהלט. דער לייב־גבאי האט מיר אויסגעשטרעקט די פינגער מיט קענטיגער אונצופרידענהייט, געבענדיג מיר „שלום" און פרענענדיג מיט א קאלטען, אפיציעלען טאן: וואס איך פערלאנג.

פיעל ווארימער איז אבער געווען דער „קבלת־פנים" פונ׳ם רבי׳לע אליין. ער האט מיך אנגעקוקט מיט זעהר נייגיריגע, פריינדליכע אויגען, ווי א מענשען, וואס איז געקומען צו איהם פון אן אנדער, איהם גאנץ אונבעקאנטער וועלט.

איך האב איצט געהאט די געלעגענהייט גוט צוקוקען זיך צום רבי׳לע. ער האט מיר אויסגעוויזען עלטער ווי אין דער פריה ביים טיש, אבער נאטירליכער, מענשליכער. אין אמת׳ן איז ער אלט א יאהר זעכצעהן־זיבצען. אויף זיין פנים איז געווען אויסגעוואקסען א מערקווירדיגע צארטקייט, „זייד," ווי מ׳זאגט אין פאלק. בעזונדערס איז אין זיינע שווארצע, רונדע, געדיכט בעברעמטע אויגען, געלעגען א מין אריסטאקראטישער אדעל, און דערצו — א פיינע אנגעבארענע אינטעליגענץ.

אין מיין געזיכט האט ער, אפנים, אויך ניט בעמערקט קיין שום פערדעכטיגס. נאך אן איינגעהאלטענעם, אבער גאנץ פריינדליכען „שלום" האט ער מיך געבעטען זעצען זיך אנטקעגען איהם אויפ׳ן צווייטען לעהנשטול. די שטייפע, אנגעקראכמעלטע, אפיציעלע רבייאישע האלטונג איז כמעט אין גאנצען אראב. ער האט מיט גרויס נייגיריגקייט מיך אויסגעפרעגט וועגען דער לאגע פון יודען אין רוסלאנד, וועגען ביילים׳ען, וועגען די גזרות און גירושים אויף יודען, און האט שטארק בעדויערט די רוסישע יודען.

עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער רבי׳לע איז, בכלל, גאר ניט אזוי אונוויסענד אין וועלט־זאכען. ער לעזט די „נייע פרייע פרעסע", לעזט אפנים, אפשר בעהאלטענערהייט, נאך עפעס: איז בעקאנט ניט שלעכט מיט דער פאליטישע לאגע, מיט די נאציאנאלע פראגען אין עסטרייך, מיט דער עקאנאמישער לאגע פון יודען אין גאליציען, מיט דעם שווערען קריזיס, וואס

זיי לעבען דורך. קורץ, כאטש קיין ערנסטע שפורען פון בילדונג האט מען ביי איהם ניט געקענט ענטדעקען, אבער אין איהם איז אונבעדינגט קענטיג געווען א שטרעבונג צו וויסען מעהר, ווי ער וויים פון דער ברייטער אויסערליכער וועלט, פון וועלכע די חסידות, די ראלע פון א רבי'ן האלט איהם אבגעצאמט.

ווען ער האט מיר, אין אונזער געשפרעך, בעמערקט, אז אין דער שווערער לאגע, וואס יודען לעבען דורך אין רוסלאנד, זענען שולדיג די יודען אליין, די יודישע יוגענד, ווייל זי איז רעוואלוציאנער, האב איך, דעריבער געהאלטען פאר נויטיג איהם געבען אן אפענע ערקלערונג.

— די יודען אין רוסלאנד, — האב איך געסטארעט זיך איהם געבען צו פערשטעהן, — ווערען ניט פערפאלגט דער־פאר, וואס זיי זענען רעוואלוציאנער, נאר זיי זענען רעוואלו־ציאנער דערפאר, וואס זיי ווערען פערפאלגט. איהר זייט שלעכט בעקאנט מיט דער לאגע פון יודען אין רוסלאנד. זי איז עקא־נאמיש א סך בעסער, ווי אמאל. די אינדוסטריע, דער האנדעל ענטוויקעלט זיך דארט האסטיג. דער ארויספיהר, דער אריינ־פיהר פון סחורות, א גאנצע רייהע בראנזשעס פון מסחר אין לאנד גופא — דאס אלץ איז אין יודישע הענד. אין גייסטיגען לעבען שטעהען זיי אויך הויך. די פרעסע איז גרעסטענטיילס אין זייערע הענד. יודען זענען פול אומעטום, שפילען א וויכ־טיגע ראלע אין אלע ווינקלען פון לעבען. יודען זענען אין רוסלאנד א מאכט. די רוסישע רעגירונג איז ניט אין שטאנד ארויסצושטופען זיי פון די פאזיציעס, וואס זיי האבען פערנו־מען אין לאנד. דאס אלץ מאכט זיי, איבערהויפט די יוגענד, שטארק פיהלען די פאליטישע רעכטלאזיגקייט, וואס איז פאל־קאם אין קאנטראסט מיט זייער ראלע אין עקאנאמישען און קולטורעלען לעבען פון לאנד. ערביטערן און טרייבען אין פער־צווייפלונג אזא עלעמענט, וואס איז פארשפרייט איבער'ן גאנ־צען לאנד און ווירקט אומעטום, ווא הויוען, איז פאר דער רעגירונג געפעהרליך. איבערהויפט ביי דער אונצופרידענהייט, וואס הערשט אונטער אלע אונטערדריקטע נאציאנען פון רוס־לאנד. ווארום די יודען זענען ביי דער רעגירונג ניט די איינ־

ציגע ווענען זי אונטערדריקט און פערפאָלגט. די איצטיגע אָרד־נונג אין רוסלאַנד קען זיך ניט האַלטען לאַנג. די צייט איז ניט ווייט, ווען אַלע פעלקער אין רוסלאַנד וועלען בעקומען פריי־הייט. צוזאַמען מיט זיי יודען אויך.

איך האָב איהם ווייטער געזאָגט, אַז אויך אין גאַליציען, ווי בכלל אומעטום אין איירפאָפּא, מוז די מעהר ענטוויקעלטע יודישע יוגענד האַלטען מיט די סאָציאַליסטען, ווייל די סאָציאַ־ליסטען זענען די איינציגע פּאַרטיי, וואָס נעהמט זיך אומעטום אָן פאַר יודען.

דער לעזער קען זיך לייכט אנשטויסען, וואָס פאַר א פּנים דער גבאי האָט געשניטען, בשעת איך האָב געפיהרט אַזאַ מין שמועס מיט'ן רבי'לען, וואָס האָט מיך, ווי איך האָב בעמערקט, גאַנץ גוט פערשטאַנען. ער איז געשטאַנען ווי אויף הייסע קוילען, האָט געקוקט אַלע ווייַלע אויפ'ן וואַנדזייגער און אויפ'ן טיר, הינטער וועלכער עס האָבען געוואַרט חסידים, אורחים. עס איז שוין טאַקע געווען ניט פריה: באַלד האַלבע נאַכט.

איך האָב זיך אויפגעהויבען פון שטוהל און געגעבען דעם רבי'ן די האַנד.

נאָר דער רבי'לע האָט מיר ניט געלאָזען אוועק. „זיצט, זיצט, נישט קשה“, — האָט ער מיר אָנגעוויזען מיט'ן האַנד אויפ'ן לעהנשטול, — זיצט!

איך האָב מיך ווידער געזעצט און מיר האָבען גערעדט וועגען די יודען אין דער בוקאָווינא און נאָך אַנדערע זאַכען. ער האָט געשיינט זעהר צופרידען, וואָס איך רייד צו איהם, ווי צו א פּשוט'ן מענשען, ניט ווי צו א רבי'ן. פיליכט אויך דערפון, וואָס איך בעציה זיך צו איהם, ווי צו א דערוואַקסענעם מענשען, ניט ווי צו א אינגעל. אין געשפּרעך מיט מיר האָט ער אין גאַנצען פאַרגעסען זיין ראָלע פון א רבי'ן; געהאַלטען זיך איינפאַך, נאַטירליך, ווי א מענש רעדט מיט א מענשען. אַזאַ צופאַל האָט ער געהאַט, פיליכט, דעם ערשטען מאָל אין זיין לעבען.

נאָר דער גבאי האָט דעמאָנסטראַטיוו די אויגען פון זייגער ניט אַראָבגעלאָזען. פון יענער זייט טיר האָט זיך געהערט אַן

אונגעדולדיגע בעוועגונג. איך האָב זיך אויפגעהויבען א צוויי־טען מאָל און געלאָזט זיך צום טיר. דער רבי'לע האָט מיר זעהר פריינדליך געגעבען די האנד און געוואונשען ערפאָלג.

אויף מאָרגען בין איך געוועזן ביים צווייטען רבי. דאָס איז דעם ערשטענס א פעטער. דעם פערשטאָרבענעם רבי'ס א אינגערער ברודער. ער האָט אויסגעזעהן א יאָהר 24-25 — ניט מעהר. מיט א בערדעל, העכער אביסעל, ווי זיין פלימעניק, ברייטער, נאָר אויפ'ן געזיכט — שטארק עהנליך צום לעצטען. ער האָט מיר אויך גאנץ פריינדליך צוגענומען. נאָר אין געשפרעך האָט א שטארקען אנטייל גענומען דער גבאי. דאָס האָט מיר געשטערט צו געבען דעם שמועס א מעהר אינטימען כאראקטער. דער איינדרוק פון אָט דעם רבי'ן איז אויך געוועזן ניט קיין שלעכטער. עס האָט מיר אויסגעזעהן, אזביידע רביים, אי דער ערשטער, אי דער צווייטער, ווייסען ווייניג פון די הויף־אינטריגעס, און וואָלטען געוועזן פילייכט מעהר צופרידען צו זיין אין דער ראָלע פון פשוטע מענשען, ווי צו זיצען אויף די „טראָנען" דורך דער מאכט פון די רביצינס און גבאים און רייסען זיך מיט•אנאַנדער.

דער הויף איז אמאָל, זאָגט מען, פאר דעם „ריזשענער" און זיין זוהן, ר' אברהם יעקעניו, געוועזן מעהר עהנליך אויף א פאלאץ, ווי איצט, אלץ איז אָבגעלאָזען, שמוציג. און נאָר די טורם־שפיצען און די שענע געביידע פון דעם ריזשינער'ס קלויז, דערמאָהנען אן אמאָליגען גלאנץ.

א זכר פון „יענע טעג" איז אויך דער מערקווירדיגער 500־יאהריגער פרוכת, וואָס איך האָב געזעהן אין סאדיגורער הויף. ער איז בעשאָטען מיט דימענטען, סאפפירען און רובינען, און וואונדערליך קינסטלעריש געארבייט. דער גבאי האָט מיר דערצעהלט די געשיכטע פונ'ם פרוכת. דער פרוכת שטאַמט פון שפאניען. ער האָט בעלאנגט צו אן אונטערערדישער שול פון די מאראנען — די געטויפטע יודען און זייערע קינדער, וואָס זענען נאָר עפענטליך קריסטען געוועזן, אין געהיים אבער זענען זיי געבליבען טריי זייער אלטען גלויבען. דער פרוכת איז פערקויפט געוואָרען אויף אן אויקציאָן אין פעטערבורג, נאָכ'ן טויט פון א

בעריהמטען רוסישען פירשט, אָדער גראף. יענער האָט איהם, צוזאמען מיט אנדערע אנטיקען, אין אויסלאנד, אויף אויף אַן אויקציאָן געקויפט. רייכע פעטערבורגער חסידים האָבען דעם פרוכת פאר 20 טויזענד רובל בעקומען און איהם געגעבען א מתנה דעם ריזשינער. איצט גיט מען פאר'ן פרוכת צוויי הונ־דערט טויזענד רובל. נאָר דעם ריזשינער'ס ירושה ווערט גע־האַלטען טייער און מ'וועט עס פאר קיין געלד ניט פארקויפען.

א דראמע אין רבינ׳ס הויף.

אין יאהר 1869 האט א גוואלדיגע פאסירונג אין דער יודישער וועלט אויפגעשטורמט די יודישע און אפילו די אלגעמיינע פרעסע פון רוסלאנד, גאליציען און דייטשלאנד. איינער פון די גרעסטע חסידישע רביים פון גאליציען, דער ליאוועער רבי ר׳ בערעניו, א זוהן פון דעם „ריזשינער“, און אייניקעל פון דעם „מלאך“, און אור־אניקעל פון דעם „מגיד“, ר׳ בער מעזעריטשער אליין, איז פלוצלונג און כמעט אויף דער עלטער „נתפקר געווארען.“ ער האט זיך אבגעזאגט פון זיין חסידישען טראן, פערלאזען ווייב, פערלאזען זיין משפחה און ערקלערט זיך אפען פאר דער גאנצער וועלט אלס פריידענקער. און ניט בלויז ערקלערט זיך, נאר אויך פאקטיש געוויזען דעמאנסטראטיוו, דערמיט, וואס ער האט גערויכערט אום שבת, גענעסען אהן א ברכה, אהן א היטעל און אהן געוואשען, איז א געזעלשאפט פון „אפיקורסים“ און גויים; געטרונקען מיט זיי ויין, און געטאן נאך אזעלכע אפיקורסישע זאכען. עס זענען אפילו פערשפרייט געווארען קלאנגען, אז ער, דער ליאוועער רבי ר׳ בערעניו, האט זיך געשמד׳ט.

די דאזיגע ידיעות האבען געמאכט אן אונגעהייערן רושם אויף אלע קרייזען פון דער יודישער געזעלשאפט און אפילו פון קריסטען. דער סאדאגורער טראן איז דאן געווען דער גלענצענדסטער פון אלע רביאישע טראנען. דער „ריזשינער“ וואס איז ניט לאנג צוריק געשטארבען, איז געווען א טאלאנטפולער לי־

דער, א מענש מיט א גוואַלדיגער אמביציע און מיט א גרויסען געשמאַק צו אלע געניסען פון לעבען. ער האָט געוואוסט ארומצורינגלען זיין הויף מיט אזא פּראַכט און כמעט פירשטליכען פּאָמפּ, אַז דער „וואונדער־ראַבי פון סאַדיגור" איז, אפילו אין דער קריסטליכער וועלט, נאָך פאַר זיין לעבען, א לעגענדע געוואָרען. אין דער יודישער וועלט האָט ער געהאַט דעם גרעסטען אָנהאַנג מעהר פון אלע חסידישע רבייאים. זיינע חסידים זענען געווען די רייכסטע, די אנגעזעהענסטע אין גאליציען, פּוילען און וואָהלין. די איבריגע „גוטע יודען" האָבען אויף „סאַדיגער" געקוקט מיט גרויס קנאה. זיי האָבען זיך אבער פאַר איהם, פאַר דעם ריזשינער, געמוזט בויגען און לאָזען איהם פּריוויליג דעם ערשטען פּלאַץ.

צו דערזעלבער צייט איז אין גאליציען גופא און אויך אין פּוילען, ליטא און וואָהלין געווען די גילדערנע וואָך פון דער „השכלה". דער קאַמפּף צווישען „השכלה" און „חסידות" איז געווען אין רעכטען ברען. א סך פון די משכילים זענען אין די פריהערדיגע יאהרען אליין געווען חסידים, און טאַקע ריזשינער. גאָטלאָבער אליין, דער בעריהמטער העבּרעאישער דיכטער, איינער פון די גרעסטע השכלה־קעמפּפער אין יענער צייט, איז אין דער יוגענד, געווען א פייערדיגער ריזשינער חסיד.

מ'קען זיך אלזאָ פאָרשטעלען, וואָס פאַר א מורא'דיגע באָמבע דער פאַל מיט דעם ריזשינער'ס בעליבטעסטען זוהן איז געווען פאַר דער חסידישער און משכילישער וועלט. די משכילישע קרייזען האָבען שטאָלץ אויפגעהויבען דעם קאָפּ. פון קיעווער סטודענטען, פון קישענעוו, פון אנדערע שטעדט, זענען געפלויגען אין טשערנאָוויץ, וואוהין דער געוועזענער רבי און איצטיגער „אפיקורס" איז אנטלאָפען, בריעף מיט פייערדיגע בעגריסונגען. מיט ברענענדער אונגעדולד האָט מען איינער דעם אנדערן געפרעגט: וואָס הערט זיך? די פּערזאָן פון'ם העלד פון'ם טאָג, פון דעם ליאָווער רבי'ן אליין, זיין אייגענע דראַמע, האָט דעם עולם ווייניגער געקימערט. דער עיקר איז געווען די סענסאציע און די נקמה אַן די רבייאים. וועלוויל זבאַרזשער, דער בעריהמטער גאליציאַנער פאָלקסזינגער פון יע־

נער צייט, האָט, צוליב דער געשעהעניש, פערפאסט פּיער סאַ־ טירישע לידער, וואָס זענען גלייך אויפגעכאַפּט און פערשפּרייט געוואָרען איבער גאַנץ גאַליציען און ווייט אויף יענער זייט גרעניץ — איבער רוסלאַנד.

אַ קורצע צייט האָט געשטורמט די יודישע וועלט. אבער באַלד איז שטיל געוואָרען. די חסידים האָבען אָנגעשטרענגט אַלע קרעפטען צו דערשטיקען די „רעוואָלוציע" און זיי האָבען זי דערשטיקט. דער העלד פון דער דראמע איז באַלד אראָב פון דער סצענע און איז פערשוואונדען. דער ברייטער עולם האָט זיך אפילו ניט אינטערעסירט צו וויסען: מיט וואָס זשע האָט זיך די גאַנצע טראַגעדיע געענדיגט.

ווען איך האָב בעזוכט גאַליציען און די בוקאָווינא מיט אַ קורצע צייט צוריק (דאָס איז געווען ערב דער מלחמה) האָב איך זיך אָבער איבערצייגט, אז ר' בערעניו, דעם ליאָוואער רבי'ס דראמע, איז אויף דעם אָרט, וואו זי איז געשעהן — ניט פער־ געסען. עס לעבען נאָך פּערזאָנען, וואָס געדענקען זי. עס לעבט נאָך דער דאָקטאָר רייטמאַן, איינער פון די טשערנאָוויצער אינ־ טעליגענץ. פון די משכילים — אסימיליאטאָרען פון יענער עפּאָ־ כע, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין ר' בערעניו'ס דראָמע. אין דער חסידישער וועלט טאָר ר' בערעניו'ס נאָמען ניט דערמאָהנט ווערען. דערפאַר בעציהט זיך צום אנדענקען פון דעם רבי־אפּיקורס די גאַליצישע און בוקאָווינער יודישע יוגענד מיט גרוים צערטליכקייט און בעטראַכט איהם, ווי אַ מארטי־ רער. מערקווירדיג איז אבער, אז אַלץ, וואָס מ'דערצעהלט אייך פון דעם ליאָוואער רבי'ס דראמע, טראָגט אַ לעגענדארען כאראַק־ טער. כאָטש עס זענען פאראַן, ווי געזאָגט, פּערזאָנען, וואָס גע־ דענקען אי דעם רבי'ן רבי בערעניו, אי זיין דראמע, האָבען זיי אָבער זעהר אַ נעבעלדיגע פארשטעלונג וועגען איהר. די סבה דערפון איז, וואָס דער קאַמפּף צווישען דעם רבי ר' בערעניו און דעם סאדיגורער הויף איז געווען זעהר אַ פערוויקעלטער און אַ דונקעלער. די געהיימע פעדים האָבען נאָר געוואוסט צוויי פּער־ זאָנען, וואָס זענען געווען נאָהענט צום רבי'ן־אפּיקורס. איינער

פון זיי — דער אויבען דערמאָהנטער דאָקטאָר רייטמאַן, איצט א זקן פון נאָהענט צו אכציג יאָהר, וואָלט געקענט געבען דעם בעסטען מאטעריאל פאר דער געשיכטע פון יענער דראמע. דער פּרעזעס פון דער יודישער אקאדעמישער יוגענד אין טשערנאָוויץ, וועלכער איז בעוואוסט פון דעם וויכטיגען קולטור־היסטאָרישען ווערט, וואָס דער מאטעריאל פאר דעם ליאָוער רבי'ס דראמע האָט געקענט האָבען, האָט אויף מיין פאָרשלאָג זיך געווענדט צום דאָקטאָר מיט א בקשה, ער זאָל איהם מיטטיילען זיינע ערינערונגען וועגען יענער פּאסירונג. דר. ר. האָט אבער, ווי דער פּרעזעס פונ'ם יודישען אקאדעמישען פעראיין האָט מיר שריפטליך געמעלדעט, זיך ארויסגעמאכט פון צו רעדען אויף אָט דער טעמע.

מיט גרוים מיה האָט זיך מיר איינגעגעבען דאָך צו געפינען אין דער בוקאָווינא איינעגע פּערזאָנען און, דער עיקר, דאָקומענטען, וואָס האָבען פאר מיר געקענט ווארפען מעהר ליכט אויף דער טראגעדיע פונ'ם ליאָוער רבי'ן. אויף דעם גרונד פון אָט די דאָקומענטען און פּערזענליכע שילדערונגען פון פערטרויענסווערטע מענשען, וועל איך דאָ איבערגעבען דעם לעזער די טרויעריגע געשיכטע, וואָס איז צו דערזעלבער צייט א וויכטיגער שטיק קולטור־געשיכטע פון אונזער ניט לאנגיגען עבר, פון יענער עפּאכע, די זיבציגער יאָהרען פונ'ם פאָריגען יאָהרהונדערט, וואָס איז בכלל געוועזן איינע פון די מערקווירדיגסטע עפּאָכען אין דער יודישער היסטאָריע.

אײדער איך געה דערצעהלען די דראמע פונ'ם ליאָוער רבי'ן, וויל איך — אום דער לעזער זאָל האָבען אויף איהר דעם ריכטיגען קוק — זאָגען א פּאָר ווערטער וועגען דער ענטוויקלונג פון „חסידות“ און „גוטע יודען“ אין פאָריגען יאָהרהונדערט.

וועגען „חסידיזם“ בכלל האָבען מיר נאָך ניט אזא ווערק, וואָס זאָל געבען דעם איצטיגען יודישען יוגענד־לעזער דעם ריכטיגען שטאנדפּונקט אויף אָט דער אלענפאלס מערקווירדיגער בעוועגונג, וואָס האָט געשפּילט אזא גרויסע ראָלע אינ'ם יודישען

לעבען פונ׳ם ענדע 18טען און דעם גאנצען 19טען יאהרהונדערט. איהר ראָלע אינ׳ם לעבען פון די אבגעשטאַנענע יודישע מאסען האָט זי נאָך אפילו איצט ניט אויסגעשפּילט, כאָטש עס זענען פאראן קענטיגע סמנים, אז די דאָזיגע בעוועגונג דערלעבט איה־רע לעצטע יאהרען. אין יעדען פאַל אבער, וועלען די שפּורען איהרע נאָך לאנג לעבען אין דער יודישער נשמה, אזוי טיעף איז געווען די ווירקונג פון חסידות און קבלה אויף דער ערציהונג פון גאנצע דורות יודען.

עס איז, צום ביישפּיל, ניט קלאָר גענוג דער עקאָנאָמישער און פּאָליטיש־סאָציאַלער אונטערשלאג פון „חסידיזם". און מיר ווייסען דאָך איצט, אז אָט די צוויי פּונקטען פערנעהמען דעם וויכטיגסטען פּלאַץ אין יעדער געזעלשאַפטליכער בעוועגונג. און חסידיזם איז ניט בלויז געווען א גייסטיגע בעוועגונג. ביז עס איז געקומען די רוסישע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג איז דער חסידיזם געווען די מעכטיגסטע סאָציאַלע, אָדער ריכטיגער, קול־טור־סאָציאַלע בעוועגונג ביי יודען.

ניט אריינלאָזענדיג זיך אין לאנגע טעאָריעס, קען מען זאָ־גען, ניט מורא האָבענדיג אריינצופאלען אין א טעות, אז אויפ׳ן „חסידיזם" האָבען געווירקט א גאנצע רייה גאנץ פערשיידענע סבות. ער איז אזוי צו זאָגען, געווען צוזאַמענגעשטעלט פון עט־ליכע שטראָמען. איין שטראָם האָט זיך געצויגען אזש פון דער מעסיאַניסטישער שבתי־צבי־בעוועגונג, וואָס איז שפּעט אריינ־געקומען אין פּוילען און האָט שטארק בעהערשט די גייסטער אינ׳ם יודישען געטאָ.

א צווייטער שטראָם איז, אָהן א ספק, געווען — אן אבקלאנג פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציע, וואָס האָט אויפגעטרייסעלט גאנץ אייראָפּא און האָט אין די פערוואָרפענע ווינקלאָך פון פּוי־לען, גאַליציע און וואָהלין, אפילו פון דער ניכטערנער ליטאַ, אויך אויפגערייסען די גייסטער פון דרימעל און אויף פערשיי־דענע קרייזען, פערשיידען געווירקט.

א דריטע סבה איז אויך געווים געווען די עקאָנאָמישע אויפ־לעבונג אין יודישען געטאָ, וואָס האָט, פון איהר זייט, געפיהרט צו א העכערן קולטורעלען צושטאנד. די בעדערפעניס אין א

העכערן גייסטיגען לעבען האָט אין יודישען געטאָ נאָר אין איינצעלנע, זעלטענע פאַלען געקענט האָבען א נאָרמאַלע בעפרידיגונג. אין אַלגעמיין האָט זי געמוזט געהן אויף געדרייטע וועגען, אננעהמען פערקריפּעלטע פאָרמען צוליב דער אוננאָרמאַלער פּאָליטישער און סאָציאַלער לאַגע פון די עסטרייכער, פּוילישע און רוסישע יודען. לעבענדיג צווישען האַמער און שמיד־אייזען, צווישען פּריץ און פּויער, האָט דער יוד אונמעגליך געקענט אנטגעהן דער קולטורעלער ווירקונג פון אָט די ביידע עלעמענטען. די שגעונ׳דיגע „יאַ־יעסטעם" גאוה, די שטאַרקע הערשאַפט פון דעם פּריץ האָט זיך געמוזט אויף וועלכען ס׳איז אופן אבשפּיגלען און ווירקען אויף דעם יודען, וואָס איז געווען נאָהענט צום פּריץ. ניט ווענינ יודען האָבען אָנגעקליבען עשירות, געווען שטאַלץ און געזוכט צו הערשען. אזוי ווי קאָנקורירען מיט׳ן פּריץ אין זיין הערשאַפט איבער׳ן פּויער האָט דער יוד ניט געקענט, ניט געוואגט, האָט ער געזוכט א בעפרידיגונג פאַר זיין אַמביציע און הערשזוכט אין די אייגענע יודישע מאסען. די יודישע מאסען אבער, וואָס זענען געשטאַנען נעהענטער צום פּויער, אָדער האַלב פערשקלאַפטען, אויך, אזוי ווי דער פּויער, אונגעוויסענדען, אבערגלויבישען און טעמפּען קריסטליכען קליינבירגערטום, זענען געשטאַנען ניט קיין סך העכער פון זייערע שכנים אין דאָרף און אין שטאָדט: זענען געווען, פּונקט אזוי ווי יענע, דונקעל, אָרים און דערשלאָגען.

אָט די אַלע אומשטענדען האָבען געשאַפען א גינסטיגען באָדען פאַר דער ענטוויקלונג פון חסידיזם, וואָס האָט, א חוץ דעם, בעפרידיגט די שטאַרק געוואָרענע שטרעבונג, סאי אין די מיטעלע קלאַסען, סאי אין די מאַסען, צו סאָציאַלער אָרגאַניזירונג, צו א העכערן געזעלשאַפטליכען לעבען. ס׳איז א פאַקט, אַז די בעוועגונג האָט בעריהרט די מעהר בעגאַבטע, די אָריגינעלערע נאַטורען, און אריינגעצויגען זיי אין שטראָם.

די „גוטע יודען", די בעשאַפער פון דער בעוועגונג זענען געווען אַלענפאַלס מענשען מיט גרויסע טאַלאַנטען פון פאָלקספיהרער, מיט א העכערער אינטעליגענץ. צום טייל זענען דאָס געווען, דיכטערישע נאַטורען, נשמה־יתרה־יודען, וואָס האָבען

געשטערבט צו א העברון לעבען: צום טייל — מענשען מיט א גוואלדיגער אמביציע און הערשזוכט, וואס האבען געשטרעבט צו וועלטליכער מאכט. אזוי ווי די ערדישע הערשאפט איז שוין געווען פארנומען פון אנדערע, פון עשו׳ס קינדער, האבען זיי זיך אויסגעקליבען די הימלען, וואו זיי האבען נאך געקענט פאלקאם געוועלטיגען. די הימלען זענען אבער געווען ניט קיין אמת׳ע, נאר איינגעבילדעטע, בעוואוסטזיניג, אדער אונבעוואוסטזיניג. דורך די הימלען האט מען געשטרעבט צו געוועלטיגען אויף דער ערד, אויף די מענשען. די „גיטער פון דער ערד" זענען געווען דער ציעל, ווי פון די גוי׳אישע, אזוי אויך פון די יודישע הערש־זיכטיגע מענשען. ס׳זענען אבער אויך געווען, דעם אמת מוז מען זאגען, אנדערע מענשען. מענשען מיט דעם טאלאנט פון לידערס און — צו דערזעלבער צייט — גרויסע פאלקס־פריינד, פאלקס־אידעאליסטען, וואס האבען ליעב געהאט דאס פאלק און מקריב געווען זייער לעבען פאר איהם.

דעם ריזשינער׳ס הויף האט זיך אויסגעצייכענט פון אלע רבייאישע הויפען, מיט זיין שטארקער נייגונג אויב ניט צו וועלטליכער מאכט, איז צו וועלטליכער פראכט און גענוס. דער־מיט האט ער אויפגעבראכט געגען זיך אנדערע רבייאים. ווי בעד וואוסט איז בכלל ניטא קיין שלום צווישען פארשיידענע רבייאים. ניט זעלטען פערפאלגען איינע די אנדערע מיט די שארפסטע קאמפפסמיטלען, ווי די ביטערסטע פיינד. חסידים פון פארשיידענע רבייאים זענען איינע מיט די אנדערע פייער און וואסער. א חסיד פון איין רבי רעדט אוים אויף דעם רבי׳ן פון א צווייטען חסיד, וואס אין קארט שטעהט. דער קאמפף איז צו מעהרסט א שטילער, אבער פארביסענער. נאר אין געווי־סע מאמענטען ברעכט אוים דער שטילער קאמפף אין א שטורם.

אזא שטורם איז אויסגעבראכען אין קורצען נאך דעם רי־זשינער׳ס טויט.

שוין פאר זיין לעבען האט ער געהאט א סך געגנער און שונאים. זיין אנטלויפען פון רוסלאנד: די מאסען צרות, וואס ער האט געהאט אויסצושטעהן ביז ער האט זיך פעסט בעזעצט אין סאדיגור, האט ער געהאט צו פארדאנקען זיינע געגנער

און פײַנד, סײַ פֿון דעם משכּילישען, סײַ אפילו פֿון דעם אײַ־געגנעם חסידישען לאַגער. נאָר אַ דאַנק זײַן פּערזענליכער ענער־גיע און גרױסע טאַלאַנטען פֿון אַ לידער, האָט ער, דער ריזשי־נער, אַלע שטערונגען בעזיגט און פֿערענדיגט זײַן לעבענס־קאַ־ריער מיט גלאַנץ.

זײַנע קינדער אָבער האָבען בעזעסען אַ סך װעניגער טאַ־לאַנט פֿון זײער טאַטען. אַ חוץ דעם זענען זײ אױך אין תּורה, אין לומדות געװען פֿיעל שװאַכער. די פֿרױען אין סאַדיגורער הױף האָבען זיך געפֿיהרט גאַנץ פֿרײַ און מיט גרױסען לוקסוס. ניט זעלטען זענען פֿאָרגעקומען אין הױף ליעבעס־דראַמעס, גאַנץ נאַטירליכע בײַ געװעהנליכע מענשען, אָבער די חסידישע װעלט איז דערצו ניט געװען געװאױנט.

דאָן איז די קנאה און די שנאה צװישען דעם ריזשינער׳ס קינדער און אַנדערע רבּיאים געװאָרען שטאַרקער. דער קאַמפּף הײסער און עפֿענטליכער. בעזאָנדערס איז אַרױס געטראָטען גע־גען סאַדיגור — דער סאַנדזער רבּי. סאַנדז האָט, פֿון אַלע רבּיאי־שע הױפֿען, דערהאַלטען שטרענגער די טראַדיציע פֿון אַמאָליגער חסידות, מיט איהר גאַנצען ברען, התלהבות און דבקות. מ׳דאַרף אױך צוגעבען אַז ר׳ חיים האַלבערשטאַם, דער סאַנדזער רבּי איז צו יענער צײַט געװען דער טאַלאַנטפֿולסטער כּמעט פֿון אַלע חסידישע רבּיים. ער איז אױך געװען אַ גרױסער למדן און דאָס פֿאָלק האָט געגלױבט אין איהם, אַז ער איז אַ גרױסער „בעל מופֿת". סאַנדז, אַזױ װי בעלז, האָט ניט געװאוסט פֿון קײן שום װעלטליכע תּאװות און לוקסוס. סאַנדז איז געװען פֿרעמד פֿון הערשזוכט. אין סאַנדז איז געװען דער פֿיהרונג אײנפֿאַך אין׳ם שטרענגען גײסט פֿון דעם בעל שם׳ס תּורה.

דער קאַמפּף צװישען סאַנדז און סאַדיגור איז אַלץ געװאָרען שטאַרקער און הײסער. אָבער נאָך איז ער ניט אַרױס פֿון די גרענעצען פֿון אַ געװעהנליכען קאַמפּף צװישען צװײ הױפֿען, װאָס איז, װי געזאָגט, ניט געװען קײן זעלטענהײט. סאַדיגור האָט געהאַט איהרע חסידים, רײַכע, אַריסטאָקראַטישע, צום טײל װעלטליכע, װאָס האָבען, פּונקט, װי זײער רבּי, געװאָלט אױך געניסען פֿון דער װעלט און האָבען שױן ניט געקענט פֿאַרטראַ־

נען דעם צו שטרענגען רעזשים פון אנדערע רבייאים. די יונגע־רע חסידים פון די דאָזיגע רבייאים זענען אויך געווען גענייגט צו „עולם הזה״ און זיי האָט שטאַרק צוגעצויגען דער אויסער־ליכער גלאַנץ פון סאַדיגורער פיהרונג. דער קאַמפּף צווישען סאַ־דיגור און אנדערע הויפען האָט פּילייכט געהאַט אונטער זיך א פּשוט׳ען עקאָנאָמישען באָדען; דעם קאַמפּף פאַר עקזיסטענץ.

נאָר ווי די מעשה איז, באַלד איז פאָרגעקומען א געשע־הענים, וואָס האָט געגאָסען בוימעל אויפ׳ן פייער פון דעם קאַמפּף צווישען סאַדיגור און סאַנדז. געגען סאַדיגור איז ארויס־געטראָטען אן אייגענער פיינד. טאַקע דעם אַלטען ריזשינער׳ס אייגענער זוהן. דער מיטעלסטער זוהן ר׳ בערעניו, אָדער, ווי ער האָט געהייסען, נאָך זיין שטעדטעל אין רומעניען. וואו ער איז געווען רבי, דער ל י אָ ו ו ע ר.

פון אַלע קינדער דעם ריזשינער׳ס, איז רבי בערעניו, דער מיטעלסטער זוהן, געווען, אָהן א ספק, דער פאַסענדסטער פאַר דער ראָלע פון א רבי׳ן. ער האָט בעזעסען א דיכטערישע נאַטור, א סך אמת׳ע התלהבות צו דער תורה פונ׳ם בעל שם. ער איז בכלל געווען א בעגאַבטע, גראַדע נאַטור. ער האָט זיך בעצוי־גען צו זיין בערוף ערנסט.

איהם איז אבער געווען פרעמד די שטרעבונג צו וועלטלי־כען גענוס און פּראַכט, וואָס האָט געהערשט ביי זיין טאַטען אין הויז. ער האָט אנדערש פאַרשטאַנען דעם בערוף פון א רבי׳ן. צווישען איהם און זיינע ברידער איז גאַנץ וואהרשיינ־ליך, שוין פון קינדערשע יאָהרען אָן ניט געווען קיין גוט לעבען.

און דאָס איז געוויס ניט קיין צופאַל געווען, וואָס זיינע איבריגע דריי ברידער האָבען אַלע בעקומען רבייאישע טראָנען אין גאַליציען גופא און אין דער בוקאָווינא, און איהם, דעם פעה־היגסטען, דעם בעגאַבטעסטען און דערצו — דעם בעליבטעס־טען זוהן פון דעם ריזשינער איז אָנגעקומען א קליין שטעדטעל אין רומעניען. זיין קוק אויף חסידות, אויף דעם בערוף פון א רבי האָט געקענט זיין שעדליך דעם גאַנצען שניט פון דעם רי־זשינער׳ס הויף. און מ׳האָט איהם דעריבער געדאַרפט האַלטען פון וייטען.

אַ סך יאָהרען האָט דער „ליאָוּוער“ פערלעבט אין זיין דרמענישער שטעדטעל. זיין לעבען דאָרט, זיין אויפפיהרונג איז וועניג בעקאַנט דער ברייטער וועלט. ער האָט געהאַט ניט קיין גרויסען קרייז חסידים. צו זיי האָט בעלאַנגט דער בעסערער טייל פון זיין טאַטען'ס, דעם ריזשינער'ס אַנהענגער, וואָס האָבען געוואוסט, אַז ער איז געווען דעם ריזשינער'ס ליבלינג און האָבען נאָר איהם אַנערקענט, אלס יורש פון דעם חסידישען טראָן. אַ חוץ אַט די פלעגט צו איהם פאָהרען דער חסידישער המון פון רומעניען און גאַליציען, פשוט'ע יודען, וואָס דער ליאָוּוער האָט זיי צוגעצויגען מיט זיינע תמימות, אויפריכטיגקייט און פשוט'ן בענעהמען זיך.

אזוי האָט געקענט דער ליאָוּוער פארלעבען זיין גאַנצען לעבען אין זיין שטעדטעל, אין דער שטיל. נאָר, ווען אויסערליך איז געווען ביי איהם שטיל און רוהיג, האָט זיך אין זיין אינערליכען פאמיליען־לעבען געקליבען אַ שטורם. זיין ווייב, די רביצין, אַ טאָכטער פון אַ געהויבענעם רבי אין וואָהלין, האָט געהאט אַ שטארקע אמביציע צו שפּילען די ראָלע פון אַ קעניגין אין אַ חסידישען הויף, מיט אַ רייכען שטאַאט און פּוץ פון גבאים, קוויטלאך, פדיונות און גרויסארטיגען ארויספאָהר, פּונקט ווי דאָרטען, אין סאדיגער, און אין טשאָרטקאָוו. איבערהויפּט, ווען זי האָט געוואוסט, אַז פון דעם ריזשינער'ס אלע קינדער איז איהר מאַן דער בעגאַבטעסטער, דער פּאסענדסטער פאַר דער ראָלע פון אַ רבי'ן. פיליכט אויך דער פאקט, וואָס ער האָט מיט זיין פרוי קיין קינדער ניט געהאט, האָט גרעסער געמאכט דעם ריס אין דעם ליאָוּוער'ס פאמיליען־לעבען. קורץ, מ'ווייס ניט אקוראט, וואָס עס האָט געווירקט מעהר אויף דער ענדערונג אין דעם ליאָוּוער'ס ביז אהער רוהיגען לעבען. אבער ער האָט בעשלאָסען אויפצוגעבען די רבי'אישאפט, לעבען ווי אַ פּריוואטער מענש, פיהרען זיך נאָך זיינע אינערליכע איבערצייגונגען, ניט רעכענענדיג זיך מיט קיינעם, ניט אָנפּרעגענדיג ביי קיינעם.

דער דאָזיגער בעשלוס, דעם ליאָוּוער'ס, האָט אָנגעמאכט אַ גוואלדיגען שטורם, אַ צוווייענדיגען שטורם אי ביי די חסידים,

וואס האבען אמת געליבט און געשעצט זייער רבי'ן, אי אין זיין פאמיליע. דער קאמפף מיט זיין פרוי איז געווארען בע־זונדערס שטארק און דאס האט געבראכט דערצו, אז דער ליאָ־ווער האט בעשלאסען מיט איהר זיך צו גט'ן. זיין אייגענע הויז איז איהם געווארען פרעמד. נאך פרעמדער זענען געווארען איהם זיינע ברידער — די חסידישע רבייאים פון גאליציען. די איינ־ציגע, מיט וועמען ער האט מיטליד געהאט, זענען געווען די חסידים, דאס פשוטע פאלק, וואס פלעגט צו איהם קומען. אבער העלפען זיי אויף זייער שטויגער, לעבען צווישען זיי און מיט זיי, שטיצענדיג זייער אבערגלויבען אין זיין געטליכקייט, בשעת ער האט אויף זיך געקוקט, ווי אויף א פשוט'ן מענשען, אזוי ווי זיי זענען, איז פאר איהם געווען אונמעגליך. אלעס וואס ער האט געוואלט איז: מ'זאל איהם לאזען צורוה. ער זאל קענען לעבען פאר זיך אליין, ניט פארבונדען מיט קיין שטאאט, מיט קיין פאליטיק.

אבער אָט דער געזעצליבער, לייכט אויספיהרבארער וואונש פון א פשוט'ען מענשען, איז גאר ניט אזוי לייכט פאר א חסידי־שען רבי'ן. ער האט אנגעריהרט די לייב־אינטערעסען פון א גאנצע רייהע מענשען, וועמעס שיקזאל איז געווען פארבונדען מיט זיין חסידיש־רבייאישען טראן. און מעהר פון אלעמען מיט זיין ווייב — א פרוי פון שטארקע ליידענשאפטען און אמביציע. דער קאמפף איז געווארען גרעסער און שארפער און האט געמוזט פיהרען צו קאטאסטראפע. די קאטאסטראפע איז געווען נאך אונפערמיידליכער צוליב דעם דאפעלדיגען פון צוויי געגענזעצ־טע עלעמענטען צוזאמענגעזעצטען כאראקטער פונ'ם ליאָווער רבי'ן.

פון איין זייט איז דאס געווען א גראדע, תמימות'דיגע נאטור, וואס האט ניט געקענט פארטראגען קיין שום מאסקע, קיין שום פאליטיק, קיין שום קאמפראמיסען מיט דער ארומיגער וועלט, פון דער אנדער זייט איז צו שטארק געווען איינגע־ווארצעלט אין זיין נאטור די לעבענסלוסטיגקייט פון זיין טא־טען און זיינע ברידער. דערצו האט ער זיין גאנצען אינערליכען קאמפף געמוזט דורכמאכען מיט זיך אליין, אהן א שום זייטיגע

הילף, און דורכמאכען זי שוין כמעט צו די עלטערע יאהרען, ווען ער איז געווען א מאן ווייט אריבער פערציג.

די לעגענדע, וואס די פערביטערסטע געגנער און פיינד פון דעם ריזשינער און זיינע קינדער האבען זיך געסטארעט צו פאר־שפרייטען וועגען דעם ליאָוואָער, אז א מיסיאנער פארשטעלט פאר א חסיד, האט זיך ארייגנעקליבען צו איהם און האט איהם אראבגעפיהרט פון וועג, האט קיין שום פאקטישען גרונד ניט. דערפאר איז זעהר וואהרשיינליך דער נוסח וואס אן אלטער מאן, א געוועזענער חסיד דעם ליאָוואָער'ס, האט מיר דער־צעהלט. לויט זיינע ווערטער האט דעם ליאָוואָער אראבגעפיהרט פונ'ם דרך זיינער א שכן — אן אפטייקער. דעם רבינ'ס גאר־טען האט זיך געגרענעצט מיט דעם גארטען פונ'ם אפטייקער. דאס האט געפיהרט צו א נאהענטער בעקאנטשאפט פון ביידע שכנים. צום אנהויב איז די בעקאנטשאפט געווען אן אויבער־פלעכליכע. בלויז: „גוט מארגען" — „גוט יאהר!" וואס מעהר אבער דעם ליאָוואָער'ס דראמע האט זיך ענטוויקעלט און דער תהום צווישען איהם און זיין פאמיליע איז געווען טיעפער, איז דעם ליאָוואָער'ס בעקאנטשאפט מיט'ן אפטייקער געווארען אינ־טימער. ער פלעגט אין דונקעלע נעכט, אין געהיים, דורך זיין גארטען, אוועקגנב'ענען זיך צום אפטייקער און פארברענגען מיט זיין פרייגעזאנענעם שכן גאנצע נעכט.

דער אפטייקער, ווי אלע יודישע אפטייקערס פונ'ם אלטען שניט, איז נאטירליך געווען א פרייער, אבער קנאפ געבילדע־טער, פון יענע משכילים־אסימיליאטארען, וואס האבען געקענט צעשטערען און ניט געווען פעהיג צו בויען. זיין גייסטיגער באַ־גאזש איז געווען אן ארימער און זיין ווירקונג אויפ'ן ליאָוואָער איז געווען בלויז אין איין זייט. דער ליאָוואָער האט געשטרעבט מיט אלע קרעפטען ארויסרייסען זיך פון זיין קרייז און לעבען פריי און לוסטיג, ווי אלע מאדערנע מענשען לעבען.

די חסידות, די מאראלישע און רעליגיעז־רעפארמאטארישע אידעע איהרע, איהר פאעטישע זייט — איז איהם, דעם ליאָוואָער, געווען פרעמד. צו נאהענט זענען איהם געווען איהרע דונקעלע זייטען, צופיעל האט זי איהם געמאכט צו ליידען. דערצו האט

דער ליאָוועֶר ניט בעזעסען גענוג, ניט דעם גייסט פון א לידער, ניט די בעדערפעניש אין א פילאָזאָפישער דענק־אַרט. אַלס גראַדע, אונגעקינסטעלטע נאַטור האָט ער נאָר גע־וואָלט אייך זאָך: בעקומען זיין פולע רעכט אויף זיך, אַז קיינער זאָל זיך ניט מישען אין זיין פּריוואַטען לע־בען, אַז קיינער זאָל קיין רעכט ניט האָבען איהם זאָגען א דעה ווי צו דענקען, ווי צו פיהרען זיך. דערצו איז ער ניט געווען א מענש, וואָס איז פעהיג צום קאַמפּף מיט די אַרומיגע אומשטענדען. ער איז געווען הילפלאָז אין זיינע תמימות און שוצלאָז אין זיין איינזאַמקייט. אַזאַ נאַטור, ווי ר׳ בערעניו׳ס, האָט געמוזט פאַלען א קרבן ביים ערשטען צוזאַמענשטויס מיט די פערוויקעלטע אומ־שטענדען פונ׳ם לעבען.

איהם האָט זיך אבער איינגעגעבען כאָטש אויף א קורצע צייט צו דערגרייכען זיין ציעל: אַרויס אין אָפענעם קאַמפּף מיט זיין סביבה, צערייסען מיט זיי אין גאַנצען דעם בונד און לעבען פאַלקאָם פריי. דאָס האָט זיך איהם אבער איינגעגעבען נאָר א דאַנק דעם, וואָס צופעליג האָבען זיך אריינגעמישט אין זיין שיקזאַל דריי מענשען: דער העברעאישער דיכטער גאָטלאָבער: א יודישער לעהרער, א משכיל פונ׳ם בעסערן שניט — אַרענ־שטיין; און דער אויבען דערמאָנטער טשערנאָוויצער דאָקטאָר רייטמאַן.

פאַר דעם דאָזיגען קורצען גליקליכען מאָמענט אין זיין לע־בען, האָט אבער דער ליאָוועֶר טייער בעצאָהלט. די קאַטאַסט־ראָפע איז בלויז אבגערוקט געוואָרען אויף א פּאָר יאָהר. זי איז אבער געווען אונפערמיידליך.

נאָר איך וויל ניט פאַרלויפען אפריהער.

דער ערשטער צוזאַמענשטויס איז געקומען „יום כפור“ צו „כל נדרי“ פון יאָהר 1868. דער ליאָוועֶר האָט בעשלאָסען מאַ־כען איין מאָל פאַר אלע מאָל א סוף צו די רייסענעס פון זיין נשמה, צו דער דראַמע פון זיין פערזענליכען לעבען. ער האָט גע־מעלדעט זיין פרוי און זיינע שטוביגע, פעסט און ענטשלאָסען, אַז ער וועט מעהר, ער קען מעהר ניט פיהרען אָט דעם דאָפּעלטען לעבען, וואָס צערייסט זיין נשמה.

זיין מעלדונג האָט אבער גאָר נישט געהאָלפען. זיין ווייב און די גבאים האָבען איהם ווידער מיט אלע מיטלען געפּרובט אבוועגדען פון זיין בעשלוס.

עס איז געקומען „ערב יום כפור.“ דעם ליאָוואָר׳ס הויף און קלויז זענען געווען געפּאַקט מיט חסידים, וועלכע, פיהלענדיג זייער רבי׳ס גייסטיגע דראמע, האָבען זיך געשפּאַרט נעהענטער צו זיין חדר, געגאַרט מיט א ברענענדיגער דורשטיגקייט, צו זעהן זיין פּנים, הערען פון איהם א וואָרט.

אָבער אָט איז שוין געקומען די צייט צו זאָגען „כל נדרי“ און דער רבי איז ניטאָ. די ווייב און די גבאים זענען אין פאַר־צווייפלונג אריין צו איהם אין חדר. אבער ע ר האָט זיי ענט־שלאָסען געמעלדעט, אז ער וועט אין שוהל ניט געהן.

ערביטערט און פאַרצווייפעלט ביז צו דער לעצטער מדרגה, האָבען די ווייב און די גבאים איהם גענומען שלעפּען אין קלויז. ראַנגלענדיג זיך מיט איהם, האָבען זיי אויף איהם צעריסען דעם טלית און מיט גוואלד, פאַר דער גאַנצער עדה חסידים אין די אויגען, איהם אריינגעשלעפּט אין קלויז.

די חסידים האָבען זיך ניט געקענט פאָרשטעלען די זאַך באַטירליך, און זיי האָבען אויף זייער שטויגער אויסגעטייטשט די דראמאַטישע סצענע, וואָס זייערע אויגען האָבען צוגעזעהן. דער רבי האָט גאָר נישט פאַרלאָרען אין זייערע אויגען דערמיט, וואָס ער האָט ניט געוואָלט געהן צו „כל נדרי“ אין קלויז. פאַר־קעהרט, ער איז ביי זיי נאָך העכער, נאָך טייערער געוואָרען. זיי האָבען בעשיינפּערליך געזעהן, ווי דער ס״ם וויל אריינקריגען זיין נשמה, מסתמא איז זייער רבינ׳ס נשמה גאָר פון א הויכער מדרגה.

און אלעמענס בליקען זענען געווען צוגעשמידט צו יענעם אָרט, וואו ר׳ בערעניו איז געשטאַנען אראָבגעלאָזען דעם קאָפּ, שווייגענדיג און טרויעריג אין זיין צעריסענעם טלית.

אויף מאָרגען נאָך „יום כפור“ האָט רבי בערעניו געמעלדעט זיין ווייב און די גבאים, אז אויב זיי וועלען איהם ניט לאָזען מעהר צורוה, וועלען איהם פּייניגען און פערפאָלגען, האָט ער קיין אנדער וועג ניט פאר זיך, ווי שמד׳ן זיך...

ס'איז קיין שום ספק ניט, אז די דאָזיגע דראָהונג איז מעהר ניט געווען ווי א דראָהונג און האָט ניט געקענט אָנגענומען ווע־רען ערנסט. אבער אויף די פריינד און פיינד פון דעם ריזשינער'ס „גזע" האָבען אָט די ווערטער געמאַכט א מורא'דיגען איינדרוק. ווי א בליץ האָבען זיי זיך פארנאַנדערגעטראָגען איבער'ן שטאָדט. דעם ליאָווער'ס חסידים האָבען נאָך מעהר פארהייליגט זייער רבי'ן און זייער צובונד און ליעבע צו איהם איז געוואָרען נאָך שטאַרקער. אבער די לאַגע פון דעם סאַדיגערער הויף, פון דעם ריזשינער'ס גזע איז געווען ניט בלויז א פערצווייפעלטע. זי איז געווען א געפעהרליכע.

סאַנדזער חסידים, די שטענדיגע פארביסענע פיינד פון דעם ריזשינער און זיינע קינדער, האָבען ענטוויקעלט א מורא'־דיגען קאַמפף געגען סאַדיגער. זיי האָבען פארשפרייט בריעף און געדרוקטע פלוג־בלעטער אין די טויזענדער. אין די פלוג־בלעטער האָבען זיי דערצעהלט די אונגלויבליכסטע לעגענדעס און פאַנטאַזיעס, וואָס האָבען זיך אין פאָלק אָנגעהויבען צו וויק־לען ארום ר' בערעניו'ס דראַמע. צווישען אנדערע זאַכען האָ־בען זיי איבערגעגעבען, אז ר' בערעניו האָט זיך פארליבט אין א שיקסע; האָט זיך צוליב איהר, דער שיקסע, געוואָלט שמד'ען. שפּעטער, אז רבי בערעניו איז אנטלאָפען אין טשערנאָוויץ און איז געזעסען ביי דעם דאָקטאר רייטמאַן אין שטוב, האָבען די־זעלבע סאַנדזער ווידער פארשפּרייט וועגען ר' בערעניו ראָ־מאַנטישע קלאַנגען, אז ער האָט זיך פארליבט אין דעם דאָק־טאָר'ס שענע טאָכטער און זי האָט איהם בע'כשופט מיט איהר שענהייט, מיט איהר זינגען און שפּילען.

נאָר ווי פערצווייפעלט ר' בערעניו'ס פאַמיליע איז ניט געווען וועגען די אלע קלאַנגען, מ'האָט געלאָזען רבי בערעניו צורוה ביז איבער סכות. דערווייל האָבען די ווייב און די גבאים צוזאַמען מיט סאַדיגער געוועבט אין דער שטיל א פערשווערונג געגען דעם ליאָווער. די פערשווערונג איז בעשטאַנען אין דעם: צו ערקלערן איהם פאר דער וועלט פאר משוגע און איינשפּאַרע־איהם אין א חדר אין סאַדיגער.

דאָס 'איז אבער ניט געווען קיין לייכטע זאַך אויסצופיהר־

רעז. דער קאך וועגען דעם איז שוין ווייט ארוים איבער די גרע־
נעצען פון גאליציען און רומעניען. עס האבען געקאכט דערמיט
די צייטונגען אין רוסלאנד, דייטשלאנד און עסטרייך. די גאנצע
אידישע משכילישע וועלט איז געווען אויף. מ'האט געדארפט
זיין זעהר פארזיכטיג. אבער אויך אבלעגען די זאך האט מען
ניט געטארט אויף איין מינוט. מיט יעדען טאג איז די לאגע גע־
ווארען געפעהרליכער.

אום איינצושלעפערן די פערדעכטיגקייט פונ'ם ליאווער
האט מען איהם כלומרשט אין גאנצען געלאזען צורוה. ר' בערע־
ניו איז געווען נאאיוו גענוג צו גלויבען, אז ער האט אויסגע־
פיהרט. נאך יום טוב, אין א שעגעם פריה־מארגען האט ער גע־
לאזט איינשפאנען זיין קאטש און געפאהרען שפאצירען. אויפ'ן
וועג האט ער בעגעגענט זיין בעקאנטען דאקטאר און האט איהם
געבעטען זעצען זיך מיט איהם און פאהרען אביסעל אויף א
שפאציר. דער דאקטאר האט זיך געזעצט. ער האט געהאלטען
אין האנד עפעס א פלעשעלע. אין איניגע מינוטען ארום האט
דער רבי אנגעהויבען צו פיהלען עפעס א טויטליכע מידיגקייט
אין אלע זיינע גליעדער. ער האט זיך ארונטערגעלאזען. אין
דערזעלבער מינוט זענען אויסגעוואקסען ווי פון אונטער דער
ערד עטליכע מענשען. מ'האט דעם ליאווער געבונדען מיט
שטריק, אריבערגעווארפען אין א בויד און געלאזען זיך מיט
איהם שנעל אריבער דעם רומענישען גרעניץ אין סאדיגור, צו
זיין עלטערן ברודער דעם דעמאלטדיגען סאדיגערער רבי'ן ר'
אברהם יעקעניו.

די גאנצע געשיכטע איז געהאלטען געווארען שטארק אין
געהיים. אבער די וועלט האט ניט געשלאפען. אין רוסלאנד האט
זיך מעהר ווי אלע מיט דער ליאווער'ס דראמע אינטערעסירט
דער דיכטער גאטלאבער, וואס איז אליין, ווי געזאגט, זיין גאנצע
יוגענד ביז צו די מיטעלע יאהרען געווען א ריזשינער חסיד. א
חוץ דעם האט ער זיך אינטערעסירט מיט דעם חסידיזם פון דער
וויסענשאפטליכער זייט. ער האט דעמאלט געהאט אנגעשריבען
א בוך וועגען דער ענטשטעהונג און געשיכטליכער ענטוויקלונג
פון חסידות. צו איהם, פריהער ווי צו די גאליציאנער משכילים

איז אַנגעקומען דורך פאַרשיידענע קוועלן די ידיעה וועגן דעם, אז מ׳האָט דעם ליאָוועך, געשמידט אין קייטן, איינגעשפּאַרט אין אַ חדר אין סאַדיגערער הויף.

גאָטלאָבער האָט ניט גערוהט און ניט גערעסט. האָט געשריבן בריוו צו טשערנאָוויצער משכּילים. אויף זיין אָנרעגונג איז דער אויבן דערמאָהנטער ארענשטיין, בסודי סודות אוועק אין סאַדיגער און דורך זיינעם אַ פריינד, אַ „געשטרויכעלטן" חסיד, טאַקע דעם אויפזעהער אויפ׳ן רבינ׳ס הויף, זיך דערוואוסט די גאַנצע טרויעריגע געשיכטע.

ער איז אוועק צוריק אין טשערנאָוויץ און האָט איבערגעגעבן אַלעס, וואָס ער האָט זיך דערוואוסט, צום טשערנאָוויצער געריכט. דאָס געריכט האָט אין דער שטיל געשיקט אַ קאָמיסיע אין סאַדיגער אויספאַרשען די זאַך. די קאָמיסיע האָט ווירקליך געפונען דעם ליאָוועך איינגעשפּאַרט אין אַ חדר. זיין עלטערער ברודער, דער סאַדיגערער רבי ר׳ אברהם יעקינזי, האָט ערקלערט פאַר׳ן פּראָקוראָר, אז זיין ברודער איז משוגע און האָט געוויזען אַ צייגנים פון אַ דאָקטאָר. די קאָמיסיע האָט אָבער דעם ליאָוועך בעפרייט, און אויף זיין בעגעהר איהם געבראַכט אין טשערנאָוויץ.

אין טשערנאָוויץ איז געוואָרען אַ פראַגע: וואָס זאָל מען טאָן מיט דעם בעפרייטען רבי׳ן. איבערלאָזען איהם אַליין איז געווען ניט זיכער. ר׳ בערעניו איז געווען שוצלאָז געגען אַ ווייטערדיגער פערשווערונג פון דעם אַלמעכטיגען סאַדיגערער הויף מיט די חסידים. אין טשערנאָוויץ גופא זענען אויך געווען אַ סך חסידים. דערצו איז דאָך טשערנאָוויץ בלויז אייניגע מינוטען פון סאַדיגער.

דער נאַטירליכער וועג איז געווען איבערצוגעבען ר׳ בערעניו צו די טשערנאָוויצער משכּילים. נאָר די טשערנאָוויצער יודישע אינטעליגענץ איז שוין לאַנג געווען אויסגעוועבט פון יעדען גייסטיגען אינטערעס. דאָס זענען אַלע געווען דיפּלאָמירטע קאַריעריסטען און אסימיליאַטאָרען, וואָס האָבען ניט געקענט, ניט פאַרשטעהן, ניט פיהלען די האַרצרייסענדע דראַמע, וואָס האָט זיך אָבגעשפּילט פאַר זייערע אויגען און וואָס האָט אויפגערו־

דערט האלב אייראפא. איינער פון זיי, דר. פעכנער, זעהר אן אנגעזעהענע פערזאן אין טשערנאוויץ, איז אפילו געווען דער אדוואקאט פונ'ם רבי'ס הויף. איבערגעבען ר' בערעניו'ס שיקזאל אזא מענשען איז געווען געפעהרליך. אנדערע האבען זיך ניט געוואלט מישען.

בלויז איין מענש איז געווען אין טשערנאוויץ, אן אמת'ער משכיל, א תלמיד פון „יוסף פערל" דעם גאליציאנער מענדעל-סאן. דאס איז געווען דער אויבען דערמאהנטער דר. רייטמאן, אויך אן אדוואקאט. ער האט איינגעשטימט אריינצונעהמען צו זיך ר' בערעניו און — ווען עס וועט זיין נויטיג — פערטיידי-גען איהם געגען זיין פאמיליע. די ארטיגע עסטרייכישע רעגירונג און דער געריכט האבען פון זייער זייט געקוקט מיט סימפאטיע אויף דעם קאמפף פון דעם ליאוועער מיט זיין פאמיליע. זיי האַ-בען געשטעלט ביי דעם דאקטאר רייטמאנ'ס טיר א פאליציי-אישע וואך, צו בעשיצען דעם „ראבי" און זיין גאסטפריינדלי-כען באלעבאס געגען גוואלד-מעשים מצד די חסידים.

באלד נאך דעם, ווי ר' בערעניו האט זיך בעזעצט אין דר. רייטמאנ'ס הויז און האט זיך געפיהלט זיכער און רוהיג, האט ער געלאזט אנשרייבען א בריעף אין „המגיד", וואו ער האט גע-לייקענט די קלאנגען, וואס האבען זיך אומעטום פארשפרייט, אז ער האט זיך געוואלט שמד'ען. ער איז טריי דער רעליגיאן פון זיין פאלק אזוי ווי פריהער. זיין קוק אויף דער ראלע פון א „גוטען יודען" און פון חסידות, האט זיך אבער געביטען און ער וויל מעהר נישט איין זאך: מ'זאל איהם לאזען צורוה. ער וויל לעבען, ווי זיין גייסט און געוויסען דיקטירען איהם, לעבען פריי-וואט און אין דער שטיל. אין זיין בריעף איז ער, נאטירליך, אויך שארף ארויסגעטראטען געגען חסידות און קבלה בכלל און בע-זונדערס געגען זיין פאמיליע.

די ערקלערונג אין „המגיד" האט געשריבען ניט ער אליין. ער האט קוים געקענט לעזען א צייטונג. שרייבען האט ער נאך ווייניגער געקענט. פאר איהם, אין זיין נאמען, האט געשריבען זיין רעטער, דער אויבען דערמאנטער לעהרער ארענשטיין, וואס איז פון איצט אן געווארען זיין פריינד און טעגליכער בעזוכער.

כדי אָבער די חסידים זאָלן דעם בריעף, וואָס איז געווען אַ
וויכטיגער דאָקומענט, ניט קענען אבלייקענען, האָט ארענשטיין
געפאָדערט, אז ר' בערעניו זאָל איהם איבערשרייבען מיט זיין
אייגען האנד. אבער אויך דאָס איז געווען פאר'ן ליאָוווער רבי'ן
זעהר אַ שווערע ארבייט, און ווי אָרענשטיין פערזיכערט, איז
דער געוועזענער רבי, איבערשרייבענדיג די ערקלערונג, ממש גע־
ווען בעדעקט פון אויבען ביז אראָב מיט שוויים.

אַ בעזונדער פריינד האָט דער ליאָוווער געפונען אין דר.
רייטמאנ'ס צעהן יעהריגער טעכטער'ל, וועלכע האָט מיט איהר
קינדערשער נשמה פארשטאַנען ר' בערעניו'ס דראמע. זי האָט
זיך געמיהט מיט אלע קרעפטען איהם אונטערהאלטען. זי האָט
פאר איהם געזונגען, געשפּילט פּיאנאָ; האָט איהם געלערנט לע־
זען און שרייבען דייטש; איז שטענדיג געווען גרייט איהם צו
טאָן אַ געפעליגקייט. די ארומיגע האָבען איהר גערופען: „דער
קליינער גבאי". די ליבליכקייט פון דער צעהן־יאָהריגער מיי־
דעלע צום אונגליקליכען רבי'ן האָט געגעבען אַ גרונד צו פער־
שיידענע לעגענדען. אין דער חסידישער לעגענדע איז דאָס קליי־
נע קינד אויסגעוואקסען אין אַ גרויסער מיידעל. און ניט קיין
פּראָסטע מיידעל, נאָר אַ מכשפה, אַ „לילית", וואָס האָט פאר־
כשופט דעם רבי'ן, געהאלטען איהם געפאנגען אין איהר צויבער־
נעץ. די דאָזיגע לעגענדע האָט אויך געגעבען אַ דייטשען, צי אַ
יודיש־דייטשען דראמאטורג אין בערלין, צי אין אן אנדער דייַ־
טשער שטאָדט, אָנצושרייבען אַ דראמע־ראָמאן וועגען דעם
רבי'ן ר' בערעניו. פון אלע זייטען עסטרייך און דייטשלאנד זע־
נען געקומען געהויבענע פּערזאָנען, קריסטען, פון דער ליטעראַ־
רישער און קינסטלערישער וועלט בעקאנט ווערען מיט דעם
העלד פון אָט די אלע לעגענדעס — דעם „וואונדער־ראבבי".
וואָס האָט פארלאָזען אזא גדולה און איז געוואָרען אַ פריידענקער.
זיי האָבען אלע גערעכענט צו בעגעגענען אן אויפגעקלערטען מענ־
שען, אַ פילאָזאָף, אַ דענקער, און זענען געוואָרען זעהר ענט־
טוישט, ווען אָנשטאָט אַ געבילדעטען מאן, אַ שארפען קאָפּ,
האָבען זיי געפונען אַ מענשען, וואָס האָט כמעט ניט געהאט קיין
שום רעאלען בעגריף פון דער אויסערליכער וועלט; וואָס האָט

קוים יעצט, מיט גרויסער שווערקייט, אויסגעלערנט פון א קינד אונטערשרייבן זיין נאמען אין דייטש; וואס איז אפילו אין יד־דישער וויסענשאפט געווען אין גאנצען אונוויסענד.

דער לעהרער ארענשטיין האט דעם ליאווער געבראכט פער־שיידענע השכלה־ספרים, ווי צ. ב. יצחק ערטער'ס, דעם בעריהמ־טען גאליציאנער יודישען סאטיריקער'ס, ווערק, ספינאזא'ס פי־לאזאפישע ביכער; ביכער וועגען דער פראנצויזישער רעוואלו־ציע. צו די אלע ווערק, איבערהויפט צו די היסטארישע, וועגען דער פראנצויזישער רעוואלוציע, האט ר' בערעניו ארויסגעווי־זען א שטארקען אינטערעס. ער האט ארויסגעוויזען גרויס חשק צו לערנען זיך, צו בילדונג. מ'האט בעשלאסען ביין דאקטאר רייטמאן צו בעקומען דעם רבי'ס געלד, פערציג טויזענד רובל, וואס ער האט געלאזען אין דערהיים אין זיין אייזערנעם שראנק. מיט דעם דאזיגען קאפיטאל האט דער ליאווער געקענט זיך לע־בען רוהיג ערגעץ אין אן איירָאפעאישער שטאדט. דעם דאזיגען אויפטראג האט מען געקענט פארטרויען נאר דר. רייטמאן אליין. ער איז אוועק אין דער רומינישער שטעדטעל ליאווע, ר' בערעניו'ס פריהערדיגע רעזידענץ. מיט דער שריפטליכער בע־פאלמעכטיגונג פון ר' בערעניו. נאר דארטען האט ער שוין קיין געלד ניט געפונען. ר' בערעניו'ס ווייב און פאמיליע האט, גאנץ נאטירליך, דאס געלד ארויסבעקומען פריהער.

דערמיט איז געווארען די לאגע פון דעם ליאווער א סך ערגער. ער איז יעצט מאטעריעל געווארען אבהענגיג פון דער משכיל'שער געזעלשאפט, וועלכער, א חוץ דעם דר. רייטמאן, איז געווען גאנץ גלייכגילטיג צו זיין דראמע. זיין פלאן: דער־לעבען ערגעץ דעם רעסט פון זיינע יאהרען אין א פריידענקענדער סביבה און ארבייטען דארט אויף זיין זעלבסטבילדונג, האט ניט געקענט פערווירקליכט ווערען.

דערווייל האט זיין פאמיליע, האבען די חסידים ניט גע־שלאפען. עס האבען אויך ניט געשלאפען די סאנדזער, די בלוט־פיינד פון דעם ריזשינער'ס גזע. זייער קאמפף האט גענהאט אן ער־פאלג. טויזענדער חסידים האבען אנגעהויבען אבצופאלען פון סאדיגער, פון טשארטקאוו, פון הוסיאטין, וואו עס זענען געווען

פארפלאנצט די צווייגען פון דעם ריזשינער'ס גזע. די משכילים אין רוסלאנד, עסטרייך און דייטשלאנד האבען בכלל געריבען די הענד פון שמחה, זעהענדיג אין דעם פאקט א טויט־קלאפ פאר חסידות און „גוטע יודען."

סאדיגער און טשארטקאוו האבען געמוזט אנשטרענגען די לעצטע קרעפטען צו בעקומען ר' בערעניו פון זיין מקום מקלט. פון דעם אפיקורס רייטמאנ'ס הויז, צוריק אין סאדיגער. די משכילישע געזעלשאפט אין טשערנאוויץ, וואס האט זיך בעצויגען, בכלל, צו דער גאנצער געשעהענים, גלייכגילטיג, איז ניט געווען אזא שטער צו זייער פלאן, ווי די בעציהונג פון די אפיציעלע קריסטליכע קרייזען, וואס האבען גענומען ר' בערעניו אונטער זייער פליגעל. אגב האט דעם ליאווער'ס ווייב און ברידער געדראהט א קרימינעלער פראצעס, וואס איז בעזונדערס געווען געפעהרליך פאר דעם סאדיגערער רבי ר' אברהם יעקעניו. וועלכער איז שוין איין מאל געזעסען אין טורמע אויף דער בעשולדיגונג פון מאכען פאלשע רוסישע מטבעות. דערצו האבען די הויכע פרומע קריסטליכע קרייזען דא געוויזען א בעזונדער אינטערעס. זיי האבען געגלויבט, אז זיי וועט זיך ווירקליך איינגעבען צו בעקעהרען ר' בערעניו'ן צום קריסטענטום. און דאס וועט געבען א געלעגענהייט צו פאנגען אסך יודישע נשמות.

דורך גרויסע שתדלנות גאר אין די הויכע פענסטער און, פילייכט, אויך ניט אהן ריזיגע כאבארען, האט זיך ענדליך די חסידים איינגעגעבען צו געווינען אויף זייער זייט דעם טשערנאוויצער שטאטהאלטער. די פרומע קריסטען איז זיי געלונגען צו איבערצייגען, אז די איבערקעהרענעס פון דעם ליאווער האט אנגעמאכט א גרויסע שמחה ביי די אפיקורסים און דאס קען שאדען די אינטערעסען פון רעליגיאן בכלל. עס שיינט, אז די קריסטליכע ריכטער פון טשערנאוויץ האבען איינגעשטימט מיט דער מיינונג, און זיי האבען אראבגענומען פון דעם אפיקורסישען ראבבי זייער שוץ־פליגעל. די ראלע פון דאקטאר רייטמאן אליין איז אונבעקאנט. די אינטערעסען פון פריידענקעריי און די אינטערעסען פון אמת און יושר האבען אויף קיין פאל ניט

געקענט ערלויבען איבערצוגעבען דעם ליאָוועד אין די הענד פון זיינע פייניגער. דאָס וואָס זיין בעשיצער ביז איצט האָט ניט געזוכט קיין מיטלען צו ברענגען ר׳ בערעניו אין א זיכערן פלאָץ און געבען איהם די מעגליכקייט צו לעבען נאָך זיינע איבערצייגונגען, האָט געגעבען א גרונד צו דעם קלאנג, אז דר. רייטמאן האָט זיין שוצלינג און גאסט פערראטען און פערקויפט. כאָטש קיין פאקטען, וואָס זאָלען בעשטעטיגען אָט דעם חשד זענען ניטאָ.

ווי די מעשה איז, די חסידים האָט זיך ענדליך איינגעגעבען צו בעקומען דעם ליאָוועד אין זייער רשות. אמת: די ברידער זיינע האָבען געמוזט צוזאָגען, אז מ׳וועט איהם ניט איינשפארען, ניט פערפאָלגען, און ערלויבען איהם צו לעבען פריי נאָך זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען. בלייבענדיג אָהן מיטלען, אָהן א שום שוץ פון אימיצען, האָט ר׳ בערעניו געמוזט נאָכגעבען זיינע ברידער און אומקעהרען זיך אין זייער קרייז.

ביי די חסידים איז געוואָרען ששון ושמחה. סאדיגער און טשאָרטקאָוו האָבען טרומפירט. מ׳האָט אין דעם ליאָוועד׳ס נאָמען געדרוקט אינ׳ם זעלבען „המגיד“ א חרטה־בריעף, וואָס האָט צוריקגערופען זיין ערשטען בריעף. אין דעם דאָזיגען חרטה־בריעף האָט ער כלומרשט, דערקלערט, אז יענעם בריעף, דעם ערשטען, האָט ער געשריבען אין א פינסטערער שעה, ווען זיין פערשטאַנד איז פערדונקעלט געווען. איצט האָט זיך זיין פערשטאַנד צו איהם צוריקגעקעהרט און ער איז א חוזר בתשובה.

ווען ר׳ בערעניו וואָלט באמת געווען א „חוזר בתשובה“ האָט ער געקענט איצט ווערען דער גרעסטער, דער סאמע פערגעטערטער רבי אין דער וועלט. ביי זיינע חסידים איז ער נאָך קיין מאָל ניט געווען אזוי הייליג און טייער, ווי איצט. דער קראַנץ פון לעגענדעס ארום זיין פערזאָן איז געוואָרען נאָך גרעסער און פערוויקעלטער. חסידים האָבען איבערגעגעבען, אז זיי האָבען בפירוש געהערט פון דר. רייטמאן׳ס קריסטליכער דינסט׳ס מויל, אז בשעת זי האָט דערלאַנגט צום טיש וואַרמעס, נאַטירליך, טרייפע מאכלים, איז געקומען אן אַלטער מאַן אין א זופּיצע און גאַרטעל (דאָס איז געווען אליהו הנביא) און האָט

ר׳ בערעניו׳ס טעלער צוגענומען און פארביטען זי אויף אן אנ־דערע. אן אנדער חסיד האט אויך איבערגעגעבן, טאקע פון דערזעלביגער קריסטליכער קעכינ׳ס מויל, אז, דער „ראבבי", וואס איז געווען ביי זיי אין שטוב, איז גאר באמת ניט גע־ווען קיין מענש, נאר א שד. זי האט אליין געזעהן, אונטער זיין קאפאטע פיס פון א האהן... א דריטער חסיד האט געשווארען, אז דער ליאוועער איז ביי איהם אזוי היילינ איצט, אז ווען ער זעהט איהם עסען חזיר, וועט ער אליין אויך עסען חזיר.

דער רבי ר׳ בערעניו אליין האט אבער גאר ניט געוואוסט פון אט די אלע לעגענדעס און האט זיך וועגען זיי ווענינ גע־קימערט. ער האט נאר געוואלט לעבען פריי און אליין. פון אנ־הויב האט מען איהם געגעבען א פלאץ ביי זיינער א שוועסטער אין א דערפעל „זשוטשקא", ניט ווייט פון סאדיגער. עס שיינט אבער, אז זיין פרייע אויפפיהרונג ביי דער פרומער שוועסטער האט געמאכט פאר איהם אונמעגליך צו לעבען ביי איהר ווייטער. און ער האט געדונגען פאר זיך א פויערשע שטיבעל, וואו ער האט געלעבט איינזאם און פארשלאסען פון דער ארומיגער וועלט, סיי פון די חסידים, סיי פון די משכילים.

אין אזא צושטאנד האט אבער דער לעבענסלוסטיגער און פראטעסטירענדער גייסט פונ׳ם ליאוועער ניט געקאנט לאנג אויס־האלטען. און ווירקליך: אין א קורצער צייט ארום האבען זיך פארשפרייט קלאנגען, אז דער ליאוועער איז געשטארבען. זיין טויט איז פארצויגען מיט א נעבעל פון געהיימנים. מ׳וויים ניט: צו ער איז געשטארבען אויף א נאטירליכען אופן — פון איינזאמקייט, הארצקלעמענעס און פערצווייפלונג, צו מיט א פערגוואלדיגטען טויט. מ׳וויים אפילו ניט, וואו זיין קבר איז. א טייל זאגען, אז ער איז אנטלאפען פון זיין נייער געפענגנים אין וויען און דארט איז ער געשטארבען.

דעם ליאוועער׳ס טויט האט ניט געמאכט קיין שום רושם אין דער וועלט. נאך דעם, ווי אין „המגיד" איז געדרוקט געווען זיין צווייטער בריעף, וועלכען די משכילים האבען ערנסט גע־גלויבט, האט זיין פערזאן פערלארען דעם אינטערעס אין די

קרייזען פון געבילדעטע און פריידענקער. מ׳האָט איהם איבער־געלאָזען אליין זיין שיקזאַל. דערצאָרענט און ערביטערט האָט „דער ליאָוער״ אין זיין נייער „פרייוויליגער״ געפאנגשאפט זיך אויפגעפיהרט אזוי, אז זיין פאמיליע האָט געמוזט זוכען מיט אלע מיטלען פון איהם לויז צו ווערען. ער האָט מיט זיינע ברי־דער גאָר נישט געוואָלט האָבען צו טאָן. איז ניט געגאנגען אויף זייערע קינדערשע שמחות. איז ניט געגאנגען אין שול, ניט שבת, ניט יום טוב. האָט פסח ניט געפראוועט קיין סדר. פלעגט קו־מען צום פריץ פונ׳ם דאָרף, וואו ער האָט געוואוינט, מיט איהם פארברייגגען און ביי איהם עסען אום פסח. זיין ניט פרומקייט האָט ער ארויסגעוויזען דעמאָנסטראטיוו שוין דעם ערשטען מאָל, ווען מ׳האָט איהם אַ געבונדענעם געבראכט פון זיין שטעד־טעל ליאָווע צו זיין ברודער אין סאדיגער. ווען זיין עלטערער ברודער ר׳ אברהם יענקעניו איז אריין צו איהם אין צימער — דאָס איז געווען פרייטאג צו נאכט — און איהם מיט טרערען אין די אויגען גענומען מוסר׳ן, וואס ער פארשוועכט זיין טא־טענ׳ס און זיידענ׳ס אנדענקען און איז מחלל השם פאר דער גאנצער וועלט, האָט ר׳ בערעניו דערויף געענטפערט מיט דעם, וואָס ער האָט פאר איהם, פאר׳ן ברודער אין די אויגען, גע־נומען און אָבגעשנייצט דאָס ברענענדיגע ליכט. ר׳ אברהם יענ־קיניו איז געפאלען צו דער ערד, און מ׳האָט איהם ארויסגעטראָ־גען אַ גע׳חלש׳טען.

אָט די מאניפעסטירענדע ניט פרומקייט האָט דער ליאָווער ארויסגעוויזען אויך ביי׳ן דר. רייטמאן אין הויז. און דאָס האָט אפילו אויף זיינע פריידענקער־פריינד געמאכט אַ שווערען איינ־דרוק. אזוי, אז אפילו דער לעהרער ארענשטיין, זיין רעטער און פריינד, איז שפעטער געוואָרען צו איהם קאַלט.

בכלל איז „דער ליאָווער״ געווען אַ קאָמפליצירטע, סתירות׳דיגע נאטור. די געזעלשאפט פון זיין צייט, סאי אין דעם רעכטען, סאי אין דעם לינקען לאגער, האָט איהם ניט גע־קענט פארשטעהן. ער איז געפאלען אַ קרבן מעהר פון אָט דער סתירות׳דיגקייט אין זיין נאטור, ווי פון די ארומיגע אומ־שטענדען.

א פאָטאָגראַפיש בילד איז געבליבען פון איהם, פון דער צייט, ווען ער איז געזעסען ביי רייטמאַנען אין הויז. די דאָזיגע בילדער האָט זיין פאַמיליע געסטאַרעט זיך מיט אַלע מיטלען אויסצוקויפען און פאַרניכטען. מיר האָט זיך אָבער איינגעגעבען אין זלאָטשוב (גאַליציען) איין בילד, פּילייכט דאָס איינציגע בילד פון'ם ליאָווער, צו זעהן. אין די שטריכען פון זיין פּנים איז ניט קענטיג קיין ק ע מ פ פ ע ר. דערפאַר אבער איז אויסגעגאָסען אין זיי אַ מאָדנער גייסטיגער אדעל, אינטעליגענץ און הייליג־קינדישע אונשולד.

אין די גאַליצישע רביאישע הויפען רעדט מען זעהר ניט גערן פון דעם „געשטרויכעלטען" רבי בערעניו. דערפאַר אבער האַלט נאָך ביז היינטיגען טאָג טייער זיין אנדענקען די חסידישע מאַסע. זי וויל ניט גלויבען, אַז ער, זייער פערגעטערטער, זייער געליבטער רבי איז אַן אפּיקורס געוואָרען. דאָס איז אַלץ געווען אַ פאַרשטעלענעס, אַ שפּיצעל פון דעם ס"ם. יעצט, ווי אַמאָל איז זיי הייליג און טייער די ריינע, געלייטערטע נשמה פון זייער ר' בערעניו, דעם ליאָווער רבי'ן, דעם מאַרטירער.

בײַן בעזוער רבין.

ביי'ן בעלזער רבי'ן.

אין בעלז בין איך געפאהרען מיט א ציטערנד הארץ. מ'האט מיך אין טשארטקאוו, אין לעמבערג — אומעטום אין גאליציען, שטארק אנגעשראקען.

„דעם בעלזער רבי'ן זעהן? איך זאל זיך דאס גאר ניט חלום'ן!

איהר קענט זיך שוין שעצען גליקליך, ווען איהר וועט ארויס פון בעלז מיט גאנצע ביינער!

מ'וועט אייך בעסער גאר ניט אריינלאזען אין בעלז!“

אט אזוינע ענטפערס האב איך בעקומען, ווען איך האב דערצעהלט גאליציאנער יונגע לייט וועגען מיין פלאן צו פאהרען אין בעלז. אנדערע זענען ניט געווען אזוי פעסימיסטיש געשטימט צו מיין נסיעה. אלא וואס דען? זיי האבען מיר געראטען איך זאל ווארטען אביסעל: פארלאזען בארד און פאות, אנטאן א זופעצע מיט א גארטעל און צו גרייטען טאקע א פעטען פדיון. עס זענען אויך געווען גרעסערע אפטימיסטען. דער עיקר, זאגען זיי, איז טאקע דער פדיון און ניט דוקא קיין פעטער. עס קומען אויך „דאאטשען“ צום בעלזער. אבער. אז „דאאטש“ — דארף זיין „דאאטש“, און ניט האלב דאאטש און האלב ליטוואק, ווי איך בין...

נאר... א גויאיש ווערטעל זאגט: „או לודזעי פיטאי, א סוואי ראזום מאי“, ס'הייסט: „ביי לייטען פרעג, און געה דיין אייגען וועג“. איך האב זיך געלאזט אויף „קדוש השם“, געזעצט זיך אין לעמבערג אין וואגאן, ווי איך שטעה און געה, ניט צוגרייטענדיג, ניט קיין טענות, ניט קיין פדיון, ניט ענדערנדיג מיין בארד און פאות, ניט מיינע מלבושים. אויף יעדען פאל

האָב איך נאָר געגומען ביי אַ לעמבערגער סאָציאַל־דעמאָקראַט אַן אַדרעס צו אַן אַרבייטער־סאָציאַליסט. אויב עס וועט, וואָס „טרעפען", זאָל כאָטש איינער וויסען: וואו מיינע ביינער וועלען אַהינקומען...

אַז דער לעמבערגער סאָציאַל־דעמאָקראַט האָט מיר געזאָגט, אַז אין בעלז עקזיסטירט אַ סאָציאַליסט און ניט בלויז איין סאָציאַליסט, נאָר אַ גאַנצע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, האָב איך דאָס מיר ניט געקענט פאָרשטעלען ווארום איהר דאַרפט וויסען, וואָס בעלז איז! בעלז לעבט ניט אין 20־טען יאָהרהונדערט! אין בעלז איז ניטאָ קיין איין יודענע, וואָס זאָל זיך ערלויבען געהן אין אַ פּאַרוק! (וועגען אייגענע האָר איז אָבגערעדט!) אַלץ, וואָס ווייבליך איז, מוז פון דעם מאָמענט, ווען זי געהט ארויס פון אונטער דער חופּה, געהן דעם קאָפּ געגאָלט, און פאַרוויקעלט אין אַ פאַטשיילקע. קיין איין מיידעל טאָר זיך אין שטעדטעל ניט בעווייזען אין אַ היטעלע אויפ'ן קאָפּ...

אַ נאָזטיכעל טראָגען אין קעשענע איז ניט בלויז שבת, נאָר אַנדערוועכען אַ פאַרברעך. זינט בעלז איז בעלז האָט נאָך דאָרט אַ בחור מיט אַ מיידעל ניט געוואַגט צו געהן שפּאַצירען. אַ בעלזער יונגעל האָט קיין מאָל ניט געטאָרט געהן אין אַ שולע און ניט וויסען וואָס איז דקדוק. אַלץ, וואָס מענליך איז, מוז געהן אין אַ לאַנגע קאַפּאָטע און אין לאַנגע, לאַנגע געקרייזעלטע פאות'ן. פון יעדערנס אויפפיהרונג אין שטעדטעל ווערט דעם רבי'ן אָבגעגעבען דין וחשבון. אַז אַ יוד צי אַ יודענע טוט אַן עברה אפילו אין טיפסטער נאַכט און אין די פערבאָרגענסטע ווינקלאַך, רופט מען איהם צום רבי'ן און ער מוז זיך מודה זיין און ארויסנעהמען אַ תשובה. פאַר'ן רבי'ן איז ניטאָ קיין שום פערבאָרגענע זאַך. אַלץ לעבט אין בעלז נאָך זיין בעפעהל, אַלץ ציטערט פאַר זיין קוק, אַלץ דורשט נאָך זיין בליק, נאָך זיינעם אַ וואָרט.

איצט פערשטעהט איהר, פאַר וואָס איך האָב דוקא געוואָלט זיין אין בעלז. און — איך בין געווען!

איך בין ניט נאָר געווען אין בעלז, איך בין אויך ביי'ן רבי'ן געווען! און ניט בלויז ביי'ן רבי'ן, אפילו ביי דער רבצין

אַן אוידיענץ געהאט. און אַז עדות האָב איך דעם... שטיק טאָרט, וואָס די רביצין האָט מיר צום אָנדענק געגעבען. דער שטיק טאָרט איז שוין איצט שטארק אויסגעטריקענט. אבער ער האָט זיך גוט דערהאַלטען ביי מיר אין רייזענזאק און איז ביי מיר איינע פון די אינטערעסאַנסטע ערינערונגען אַן גאַליציען, אַן בעלז.

נאָר... איך וויל ניט פארלויפען א פריהער און דערצעהל ווייטער וועגען מיין נסיעה אין בעלז נאָכ'ן סדר.

איך פאָהר צום רבי'ן — מיט'ן רב'ן.

איך האָב געוואָלט אַנקומען אין בעלז אויף שבת און בין ארויסגעפאָהרען פון לעמבערג פרייטאָג ארום האַלבען טאָג. אין וואגאָן איז געווען רוהיג. איך האָב זיך געזעצט אין א ווינ־קעל און געטראַכט: וואָס וועט זיין, אז מ'וועט מיך אין קיין איינפאָהר־הויז ניט אריינלאָזען? קיין האָטעלס איז אין בעלז ניטאָ. דאָס האָב איך פריהער געוואוסט. און אז מיר וועט אָב־גליקען, מ'וועט מיך שוין יע אריינלאָזען, — וואָס וועט זיין, אז מ'וועט מיך נעהמען אויפ'ן פערהער? וועל איך קענען אויס־האַלטען פרינציפּ: ניט פערשטעלען זיך, ניט געבען קיין פּדיון?

אין אזוינע און עהנליכע געדאנקען בין איך אָבגעפאָהרען עטליכע סטאַנציעס. אויף יעדער סטאַנציע זענען צוגעקומען צו עטליכע חסידים, וואָס זענען געפאָהרען אויף שבת צום רבי'ן. דאָך אָבער אַלץ איז געווען רוהיג. נאָר א פּאָר סטאַנציעס פאר בעלז, ביי איין אָבשטעל פונ'ם צוג, האָב איך בעמערקט א שטארקע אונרוהיגקייט. באַלד איז געוואָרען א גערודער, א גע־לאָף. די פּאסאזשירען פון מיין וואגאָן לויפען אריין און ארויס, סוד'ען זיך, שושקען זיך צווישען אנאַנדער. ענדליך האָב איך געהערט דייטליך:

— ער פאָהרט דאָ מיט אונז...

— ווער?

דער רבי... דער בעלזער...

— דאָ מיט אונז? אין ד ע ם צוג?

— דארט אין לעצטען וואגאָן, איך זאָג אייך אמת... אין ראוואַ האָט מען איהם (דעם וואגאָן) צוגעטשעפּעט צו אונזער צוג.

דער צוג איז געגאַנגען. איך האָב ארויסגעקוקט דורכ'ן פּענסטער פונ'ם וואגאָן. נאָך אַנדערע פּאסאזשירען האָבען זיך

געשפארט צו די פענסטער, ארויסגעלאָפען פון וואַגאָן אין אַ צווייטען און אריינגעלאָפען. נאָר זיי האָבען גאָר ניט געקאָנט מאַכען, דעם רבינ׳ס וואַגאָן איז געוועןן צום לעצטען, און מ׳האָט צו איהם ניט געקענט צוקומען. וואַגאָנעס פון ערשטען און צווייטען קלאַס האָבען פארשטעלט. דער רבי איז געפאָהרען, אזוי ווי מיר — אין דריטען.

מיר האָבען געמוזט ווארטען מיט געדולד, ביז דער צוג וועט זיך אָבשטעלען ביי דער נאָהענטסטער סטאַנציע — די לעצטע פאר בעלז. איך האָב אין געדאַנק געזוכט מיטלען, ווי אזוי צו קריגען די מעגליכקייט צוקוקען זיך צום רבי׳ן. ווארום אויף זעהן איהם אין בעלז האָב איך דאָן קיין שום האָפנונג ניט געהאָט.

איך געדענק ניט, ווי די סטאַנציע הייסט, ביי וועלכער דער צוג האָט זיך אָבגעשטעלט. ארויסקוקענדיג פון פענסטער האָב איך געזעהן, ווי דער גאַנצער פּלאַץ אויפ׳ן סטאַנציע איז שווארץ־בעדעקט מיט מענשען. אלע זאַלען פון וואָקזאַל גע־פאַקט — חסידים, חסידים... אַלטע, יונגע, אינגלעך — קיין ווייבער ניט: אַן אשה טאָר זיך ניט ווייזען פאר׳ן רבי׳ן.

אַך מיין גאָט! וואָס זענען דאָס געוועןן פאַר אַ חסידים! איך בין שוין אויסען געוועןן רבייאישע הויפען, האָב זיך אָנ־געזעהן חסידים, אָבער אזוינע האָב איך ניט געזעהן. דאָס זענען געוועןן חסידים, גאר פון אַן אנדער מין! בעלזער חסידים...

שפּעטער האָב איז זיך דערוואוסט ווי מ׳רופט זיי. דאָס זענען „פאַנטאָפעל־חסידים" חניאָקעס... לאָפּצעדריגעס: הויכע, דארע, אויסגעבויגענע, מיט צוריסענע איילענבויגענס, צוריסענע ברילִיקעס, צוריסענע פּאַנטאָפעל. אלע — צעווייקטע פּנים׳ער, פארזשמורעטע אויגען, וואָס קוקען אין דער ערד און אליין זענען זיי גאָר אין הימעל. מיט לאַנגע, לאַנגע קאַפּאָטעס: אַ פּאה — אַ קלאַפּטער, ווען מ׳זאָל זיי פארנאַנדערגרייזלען. אזוי אָבער שלעפּט זיך אויף יעדער פּאה אראָב אויפ׳ן אַקסעל. אלץ איז געוועןן אין משונה׳דיגע התלהבות. דער פּנים האָט געפלאַמט, האָט געגארט, די האָרץ, דער קאָפּ איז געוועןן פערנומען מיט איין געדאַנק, מיט איין פערלאַנג: אריינקוקען

דעם רבי׳ן אין פנים אריין, בעריהרען מיט זיין האנד דעם רבי׳ס האנד... געבען איהם „שלום“.

עפעס ווילדעס, משונה׳דיגעס, געצעגדינעריש איז געוועז אין אט דער סצענע, וואס איך האב געזעהן דעם ערשטען מאל אויף מיין לעבען. און דאך... אריינקוקעדיג טיעפער, נאך דער ערשטער איבערראשונג, איז אונמעגליך געוועזן ניט צוצוגעבען, אז דא איז שוין געוועזן עפעס אייגענארטיג־פאלקסטימליכעס, קינדישעס, איך וואלט זאגען — היילִיגעס. דאס אונגעקינטעלט פאלק ווייס ניט פון קיין צערעמאניאל. שטורעמדיג דריקט עס אוים זיין האס, ווי זיין ליעבע.

דא זענען געוועזן די ארימסטע פונ׳ם פאלק. די סאמע דערשלאגענע, סאמע פערהונגערטע און פערדורשטיגטע פון דער גאליציאנער יודישער מאסע. און דאך איז אפשר ביי קיינעם אין פאלק ניט אזוי שטארק ענטוויקעלט דער דורשט נאך שענקייט, נאך מאראלישע ריינקייט און הייליגקייט, ווי ביי זיי.

פאר זיי איז געשטאנען דער, וואס האט איז זיין פערזאן דאס אלעס פערקערפערט. און זיי האבען זיך געבויגט פאר איהם, געוואלט, אריינקוקענדיג איהם אין די אויגען, אנגעצונדען ווערן פון זיין שטראהל: בעריהרענדיג זיין האנד, אריינגעהמען אין זיך, דורך איהר, די ווארעמקייט פון זיין גלויבען.

איך האב זיך געסטארעט דורכשטופען זיך א׳ן דער מענגע און זעהן בעסער, וואס עס פאסירט. אויף דער צווייטער רעלסען־ליניע, וואס האט אבגעטיילט אונזער צוג פון דער פלאטפארם, האט מען געווארט יעדע מינוט אויף א צוג. איבערגעהן די רעלסען, צוגעהן צו אונזער צוג איז אלזא געוועזן פערבאטען. נאר צעהנדליגע מענשען, ניט קוקענדיג אויפ׳ן שטרענגען פערבאט, האבען זיך דורכגעריסען, צוגעלאפען פערשוויצט און פערסאפעט צום וואגאן־פענסטער, וואו דער רבי איז געשטאנען און געשטופט אין פענסטער די האנד צום רבי׳ן. דער רבי האט ערנסט, געלאסען אראבגעלאזען זיין האנד און צוגענומען דעם „שלום עליכם“. א טאטע האט שוין אליין געהאט די זכיה: געגעבען שלום עליכם דעם רבי׳ן, האט ער אבער געלאזען אויף יענער זייט אייזערנעם שטאנקעט א קליין אינגעל און גאר א

קלײנציקגען אינגעלע. לױפט ער, כאַפּט אײנעם פאַר׳ן הענטעל, דעם צװײטען אױפ׳ן האַנד, רײסט זיך װידער דורך דער מענגע, בױגט זיך אַרונטער, אונטער דעם שטאַנקעט, הױבט אױף דאָס קלײנע אפשר דרײ־יעהריגע קינד צום פענסטער. דאָס קינד רוקט דאָס הענטעל דעם רבי׳ן. דער רבי נעהמט זי אָן מיט׳ן זעלביגען ערנסט, װי די גרױסע האַנד. דער טאַטע שײנט; לאָזט אַראָב אױף דער ערד דאָס קלײן קינד, כאַפּט אױפ׳ן אַקסעל דעם עלטערן זוהנדעל. יענער שטעקט אױך גיך אױס זײן הענטעל דעם רבי׳ן.

איך האָב זיך געװאָלט אײנקוקען אין רבי׳ס פּנים. דאָס האָט זיך מיר ניט אײנגעגעבען. ער איז געשטאַנען אין סאַמע פענסטער, נאָר אַביסעל אָבגערוקט, מיט א זײט. איך האָב איהם אָבער, געקענט בעמערקען נאָר פון דער זײט, װײל צום סאַמע פענסטער איז געװען אונמעגליך צוצוטרעטען. ער האָט מיר אױסגעזעהן א גאַנץ געװעהנליכער יוד. קוקענדיג אױף איהם האָט מען, דאַכט זיך, פאַר קײן פאַל ניט געקענט זאָגען, אז דאָס איז א רבי, און ניט גלאַט א רבי, נאָר דער גרעסטער, דער מעכ־טיגסטער, נאָכ׳ן טשאַרטקאָװער, אין דער חסידישער װעלט.

אין בעלז.

אין בעלז גופא, אויפ'ן וואקזאל האט שוין געווארט אז עולם מענשען מקבל פנים זיין דעם רבי'ן און געבען איהם „שלום". אימיצער האט א כאפ געטאן מיין רייזענזעקעל און אנגעוויזען א פיהר וואו צו זעצען זיך. איך האב געוואלט פראטעסטירען, נאר האב זיך ארומגעזעהן, אז אלע פוהרען זענען שוין פערנומען. איך האב געמוזט געהארכען. אבער פאהרען איז מיר ניט אזוי גיך געראטען. קיין פוהר האט ניט געוואגט ריהרען זיך פון ארט, ביז דעם רבי'ס פערד האט זיך ניט געריהרט. דער רבי איז אויך געפאהרען מיט א פראסטען בעל עגלה. דער בעלזער האט ניט קיין אייגענע פערד, ניט קיין אייגענע וועגען, ביי דעם בעלזער איז אן אנדער פיהרונג.

באמת בין איך געווען גערן צו זיצען אויפ'ן וואגען און ווארטען. איך האב געוואלט עפעס זעהן, נאר זעהן האט זיך גארנישט איינגעגעבען. א גרויסע מענגע מענשען האט ארומגערינגעלט דעם רבי'ן און וואס אינוועניג, אין רעדעל, האט זיך געטאן, איז געווען אונמעגליך צו בעמערקען. ענדליך האט זיך אלץ א ריהר געטאן. דער רבי א פריהער, און מיר נאך איהם. אויפ'ן וועג האט זיך ארייננעכאפט צו מיר אין וואגען א איינגעלע, א צאציק, מיט א לאנגע קאפאטקעלע און ווי ביי אלעמען אין בעלז, לאנגע געקרייזעלטע פאה'קעלאך. דער פנים'ל בלאס, מאגער, אבער זעהר א שענער מיט קלוגע אומלויפענדיגע אויגלאך. דער אינגעלע האט זיך גערן ארייגגעלאזען מיט מיר אין א געשפרעך. ער דערצעהלט מיר, אז דער רבי איז ערשט מיט איינינגע טעג צוריק אוועקגעפאהרען. געפאהרען איז ער אין א שטעדטעל דא ניט ווייט. זיינער א שוואגער, דער דארטיגער רב איז געשטארבען. געבליבען א זוהן, וואס קען שוין אויך זיין רב, ס'איז געווארען א רייסעריי אין שטעדטעל צוליעב די רבנות.

איז ער געפאהרען מאכען אן אויסגלייך.

דאס האט געוויזען בעשיינפערלאך די גרויסע אכטונג, וואס דער רבי געניסט אין שטעדטעל. א פאר טעג ניט געזעהן איהם און מיט אזא פייערליכקייט מקבל פנים געווען.

איך האב געבעטען מיין פוהרמאן, ער זאל מיך פארפיהרען אין דעם בעסטען האטעל אין שטעדטעל און ער האט מיך אריינגעפיהרט טאקע... צו איהם גופא. דער צימער, וואס מ'האט מיר געגעבען איז גראד געווען ניט קיין שלעכטער, פאר בעלז, נאטירליך. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דאס איז ווירקליך דער גרעסטער „האטעל" אין שטעדטעל.

דער אינגעלע גופא האט זיך ארויסגעוויזען דעם פוהרמאנס זוהנ'דל. זיין מאמע — א טיעף סימפאטיש ווייבעל, אבער פער'מאוסט דורך דעם געגאלטען קאפ און שמוציגע טיכעל ארום קאפ, האט מיך געפרעגט צו וועל איך עפעס עסען, אדער פריהער געהן געבען שלום דעם רבי'ן און מקבל שלום זיין פון רבי'ן. ס'הייסט: עס איז גאר קיין אנדער קלער ניט געווען, אז איך בין געקומען נאר צום רבי'ן. איך האב איהר געזאגט, אז איך וועל פריהער געהן דאווענען מנחה צום רבי'ן אין קלויז. צום רבי'ן וועל איך שוין געהן מארגען, שבת צו נאכט.

איך האב טאקע אזוי געטאן. לויט מיין שטענדיגען מנהג בין איך פריהער אוועק אליין ארומבלאנדזען איבערן שטעדטעל. איידער איהר זעהט זיך מיט מענשען אין א נייעם ארט, איז דאך תמיד אינטערעסאנט אליין כאפען דעם שניט, די אלגעמיינע פיזיאנאמיע פון שטעדטעל.

און די שטעדטעל בעלז אליין זעהט טאקע אויס, ווי זי וואלט לכתחילה, פון „ששת ימי בראשית" אן געשאפען געווען פאר'ן בעלזער רבי'ן, פאר בעלזער חסידים. אזא אלט פרענקיש, קויטיג שטעדטעל וועט איהר זעלטען וואו קריגן, אפילו אין גאליציען. גאנץ שטעדטעל איז מארק. דערפאר איז דער מארק גרויס און ברייט. די קראמען זענען גרעסטענטיילס אויף די דירות, אדער צוזאמען מיט די דירות, אלטע איינגעהויקערטע— מעהר עהנליך אויף דארפישע שטעלכלאך, ווי אויף שטעדטעלדיגע הייזער, אין די זייטען גיט אבער אויך קליינע מויערלאך.

פאראַן אויך עטליכע גרעסערע צוויי שטאָקיגע מויערן. דעם רבי׳ס הויף אַליין, די קלויז זענען געמויערטע.

איך בין אַריין אין פּאַליש פון קלויז. דאָ איז געווען שטאַרק ריהרעוודיג פון עולם. דער פּאַליש איז מורא׳דיג הויך און אונגעהייער גרויס. אין פערשיידענע זייטען, אויף די בענק, אויף טישען זענען געשטאַנען בלעכענע סאַמאָווארען, מיט צו־בייסען דערצו: הערינג, אוגערקעס, קיכלאך, אנדערע גראָשענע „מזונות". דאָ זענען אויך געווען טישלאך מיט אנדערע מינים סחורות: סדורים, ציצית, ארבע־כנפות׳ן, נאָדלען, פּאַדים, און נאָך אַזוינע אַרטיקלען, וואָס אַ בעלזער חסיד קען בעדאַרפען, ווען ער קומט צום רבי׳ן. אין שטעדטעל איז ניטאָ קיין שענקען, קיין קאַפּיי־הייזער, קיין רעסטאָראַנס. פאַרטרעט דעם רבי׳ס פּאַליש אַט די אַלע זאַכען. עטליכע חסידים האָבען שוין פון דורות לאַנג אַ חזקה, יעדער — אויף זיין אַרטיקעל. קיין אַנדער טאָר זיך דאָ ניט שטעלען. ניט קוקענדיג אויף דער מאָנאָפּאָל, איז דאָ פּודעסטוועגען אַלץ ביליג. אין דעמזעלביגען פּאַליש פּראַוועט דער רבי „טיש", זאָגט תורה פאַר די חסידים.

נעהענטער צו „קבלת שבת" איז דער מאַרק אַרונטערגע־נומען געוואָרען פון פּאַליש. עס האָבען אָנגעהויבען צו קומען יונגע לייט, קליינע, „צאַציקלאַך", וואָס האָבען שטאַרק קונ־דייסעוועט, אין וואָס די פּאה׳קעלאַך און לאַנגע קאַפּאָטקע־לאַך האָבען גענומען אַ שטאַרקען אַנטייל.

„קבלת שבת" און „מעריב" האָבען זיך מיט גאָר נישט אויסגעצייכענט פון דיזעלבע תפילות אין אַ געוועהנליכע חסידישע קלויז. דיזעלבע אומלויפענים היז און הער, דיזעלבע „דבקות" און „התלהבות". דאָ איז נאָר געווען ענגער, שטיקענ־דיגער. צוליעב דעם רבי׳ס אָנקומען פון „וועג" איז דאָ געווען גאַנץ שטעדטעל. דעם רבי׳ן האָט זיך מיר ניט איינגעגעבען בע־העטער צו בעטראַכטען.

נאָך וועטשערע האָב איך זיך געלאָזען זוכען מיין סאָצי־אַליסט. ביי דעם בעל הבית און בעל הבית׳טע פון מיין „האָטעל" האָב איך נאַטירליך אויף אַזאַ נפש ניט געקענט נאָכפרעגען. דאָס וואָלט מיך דאָך „קאָמפּראָמענטירט". האָב איך זיך געלאָזען

איבער׳ן מארק. ס׳איז געווען פינסטער — קיין לאנטערנעס זענען ניטא אין בעלז — דאס איז אבער געווען פאר מיר נאך בעסער. איך האב מיך געמיהט קריגען א מענשען א אינגערן, מיט א ביסעל קירצערע פאות, מיט א פנים, וואס מ׳קען איהם טרויען, אז ער וועט מיך ניט ארויסגעבען.

א לאנגע צייט האט געדויערט ביז איך האב, ווי מיר האט זיך געדאכט, אזא פנים געקראגען. איך האב ביי דעם יונגען מאן געפרעגט: צי ווייס ער ניט, וואו וואוינט דער און דער. ער האט טיעף ארייגעקוקט אין מיין געזיכט און האט מיר ביי די שוואכע שפורען פון עטליכע בענשליכט, וואס האבען דא און דארטען דורך א פענסטער ארויסגעווארפען אביסעל שיין, מיר געוויזען ווי איך זאל געהן און מיר אבגעמאלט דאס הייזעל, וואו מיין סאציאליסט וואוינט. איך האב ווייטער געבלאנדזעט און האב דאך געטראפען. נאר אין הייזעל, אין די פענסטערלאך ביי דער סאמע ערד, איז געווען פינסטער. ס׳איז קענטיג געווען, אז מ׳האט שוין דא געשלאפען, אדער קיינער איז אין שטוב ניט געווען. איך האב פון יוצא זיין וועגען אנגעקלאפט. קיינער האט ניט געענטפערט. איך האב אביסעל געווארט און בין אוועק צוריק אין מיין האטעל, בלאנדזענדיג אין דער פינסטער דורך אנדערע געסלאך.

נאר, אז איך בין אריין צו זיך, האט מיר דער אינגעלע פון מיין גאסטהויז געמעלדעט, אז דא איז געווען א יונגער מאן און האט מיך געפרעגט. איך בין געווען פערראטען. אבער אין מיין איבערראשונג: ווי אזוי האט מיין סאציאליסט זיך דערוואוסט אז איך בין דא און וואו איך שטעה איין, האב איך וועגען מיינע בעלי בתים ניט געקלערט. באלד איז ער טאקע אליין געקומען, און אין גיכען האט זיך די מעשה דערקלערט. יענער, וועמען איך האב בעגעגענט איז געווען טאקע איינער פון קרייזעל. אוועקגעהענדיג פון מיר האט ער איהם בעגעגענט און האט איהם דערצעהלט, אז אימיצער פרעגט איהם, ניט עהנליך אויף א חסיד. יענער האט זיך אנגעשטויסען, אז ס׳איז ניט גלאט. ס׳איז דא מסתמא אן אורח פון די „אנשי שלומנו" און האט זיך גלייך געלאזען זוכען מיך.

דעם בעלזער רבי'ס חסידים.

קיין רבי אין דער וועלט האט ניט אזעלכע אינטערעסאנטע חסידים, ווי דער בעלזער. דער בעלזער אין זיין אויפפיהרונג, איז א גרויסער דעמאקראט. ער פאהרט קיין מאל ניט אין מאריענבאד, פאהרט אפילו ניט ארויס זומער אונטער שטעדטעל אויף פרישע לופט. נאך בעלזער וועלטאנשויאונג איז דאס א זינד. ווארום דער לעבען איז ניט געגעבען אויף פערגניגענס. דער לעבען איז אן אבקומענים. דעריבער ווערט אין בעלזער קלויז, ביין בעלזער'ס טיש געלערנט, געדאווענט, געזאגט תורה פורים און תשעה באב, יום כפור און שמחת תורה אלץ מיט איין טרויעריגען, טרויעריגען נגון. די טשארטקאווער רופען דאס „איכה־נגון". אויפ'ן רבי'ס הויף איז בלאטע און חזירים באדען זיך דארט אפילו אין די טרוקענע זומערדיגע טעג. ניט פיל ריינער איז אויך אינווענדיג אין דעם רבי'ס „פאקאיעם". פון דעסטוועגען וועט איהר ניט נעהמען דעם רבי'ס הוצאה מיט א 70—80 טויזענד רייניש א יאהר. אהן עין הרע א געזינד! קינדער, אייניקלאך, איידעמס, שניר. פוצען זיך טאר מען ניט אין בעלזער הויף. די רביצין האט אמאל געמאכט רויזעלען, דעם רבי'ס שוועסטערל — א יונג מיידעל א קליידל מיט עפעס א פוצעריי, האט דער רבי צעשניטען די קליידעל מיט'ן שוחט'ס חלף פאר אלע חסידים אין די אויגען. אויף לערנען די מיידלאך איז מען אויך קיין בעל הוצאות ניט. אמאל האט מען דערזעלבער רויזעלען געדונגען א לעהרערקע, זי זאל איהר לערנען אנשרייבען אן אדרעס אויף דייטש. האט דער רבי געמאכט א הונגערסטרייק. ד. ה. עסען האט ער גראד געגעסען. אבער ניט פון דער רבצינ'ס קיך, נאר פון דער סקארבאווער קיך, פון די עסענס, וואס מ'קאכט פאר די „יושבים". (די „זיצער", דעם רבי'ס

סוויטע). די רביצין האָט געמוזט נאָכגעבען. די לעהרערין האָט מען אנטזאגט, און רויזעלע האָט נאָך ביז היינטיגען טאָג ניט אויסגעלערנט דעם גאנצען „אַ־בע־צע".

עסען פון דעסטוועגען האָט מען אין הויף ניט גאָר פיינט. דערצו איז דאָך דאָס אַ הויף! טאָג־טעגליך געסט. שטענדיגע זיצער. גלאט אָרימע לייט, אויף צדקה איז דער רבי א גרויסער בעל הוצאה! א סך אָרימע קרובים האלט ער אויס; גיט זיי אויף אַ שדוך טאָן, נאָך אזעלכע זאכען. קורץ: ווען מ'זאָל מאכען אַן אויספיהרליכען רעכנונג וועט די סומע שטימען.

פון וואנען זשע בעקומט דער רבי אזוי פיעל געלד? דאָס רוב חסידים זענען אָרימע פליאסקעדריגעס. זייערע פדיונות זענען קליינע. אין בעלזער הויף בראקירט מען ניט מיט א רייניש — א פדיון, אפילו מיט א קראָנע.

איז דער תירוץ: ערשטענס האָט דער רבי א רייכען שווער אין קישענעוו. דערצו איז פאראַן נאָך אַ רייכער קוואַל און דאָס זענען — אונגארישע חסידים. ווי דער לעזער וועט באלד זעהן — איז דאָס גאָר אַ בעזונדער, אַ מערקווירדיגער טיפּ חסידים.

אַט קומט אַ שטויגער, אַ חסיד פון אונגארן צום רבי'ן. דער חסיד איז אַ יונגער מאַן, געהט אָהן א שטריימעל, אָהן אַ קאַפּאטע, אָהן אַ גארטעל, אָהן געקרייזעלטע פּאות, גאנץ פאַרקעהרט: דאָס איז אַ דאַטש שבדאַטשען: די מאָרדע געגאָלט, אויף זיך טראָגט ער אַ צילינדער און א קורצען פראַק. ער קומט מיט אַן ערנסטער שאלה, א פראַגע פון לעבען און טויט איז דאָס ביי איהם.

ער האָט א כלה. שוין לאַנג, ווי ער האָט זי ליעב. איצט וויל ער מיט איהר חתונה האָבען. ווילען טאַטע און מאַמע ניט. בעט ער דעם רבי'ן, ער זאָל איהם געבען זיין ברכה און זאָל זעהן, אַז טאַטע מאַמע, וואָס פאָהרען אָפט צום רבי'ן, זאָלען געבען זייער איינשטימונג צום שדוך.

דער רבי אינטערעסירט זיך: צו האָט אפשר די כלה ניט אַ חסרון, מיט וואָס זי איז זיין טאַטען און מאַמען ניט געפעלען.

— א חסרון ! — גיט א געשריי דער „חסיד" — בעהיטע גאט. א געראטענע, איינע אין דער וועלט! נאט, רבי, גיט א קוק איהר בילד, אויב איהר גלויבט ניט. איך זאג אייך ס'איז ווייט צו זוכען אזוינע. ז י י, (טאטע־מאמען) געפעלט זי ניט ! באשר וואס ? באשר זי איז א... שיקסע, „נו, ראבי, זי זינד יא איין פראמער מאג. זינד דען ניכט אלע מענשען גלייך? איין יודיש מעדכען, א שיקסע...

דער רבי ווערט ניט איבערראשט. דאס איז ניט דער ערשטער אונגארישער „חסיד" מיט אזא שאלה. ער הארכט איהם אוים רוהיג און גיט איהם אן עצה, ער זאל בעסער נעהמען א יודיש מיידעל. צווישען יודישע מיידלאך איז אויך פאראן שענע, נאך שענערע, ווי די שיקסעס...

— אך, רבי! — שרייט אוים דער „חסיד", — ווער זאגט דען, אז ניט. אבער צו וואס ברויך איך זוכען א כלה, אז איך האב זי שוין. בין מיט מיין געליבטער צוזאמען אין דער שולע געגאנגען. חברים זענען מיר געווען, ווי ברידער און שוועסטער פון קינדווייז אן. איך קען ניט ליבען קיין אנדערע. איך מוז זי נעהמען, אז ניט שטארב איך.

דער רבי, פערשטעהט זיך, וויל ניט געבען זיין ברכה דער שיקסע, פרובט דעם חסיד'ס זוהן אברייידען. עס העלפט ניט. דער חתן געהט אוועק ברוגז.

א צווייטער אונגארישער „חסיד" קומט צום רבי'ן און וואונדערט זיך, וואס ביים רבי'ן אויפ'ן הויף געהען אום אזוי פיעל חזירים. ער אליין עסט חזיר, אבער פארטיגע, געקויפט אין חזיר־קראם. אז מ'טאר ניט עסען חזיר, וויים ער ניט. ער ווייס בכלל ניט, וואס הייסט : „מ'מעג", „מ'טאר ניט". און פרעגט תמימות'דיג : „זינד דיזע אלע שווינע פיר דעם ראבבי'ס געברויך ?"...

א דריטער אונגארישער „חסיד" קומט מיט זיין זוהן א יונ־גען בחור צום רבי'ן .ער איז, ווי דאס רוב אונגארישע חסידים, א גביר, גיט א שענעם פדיון. דעריבער גיט מען איהם א שעהנע עליה, דאס מאל האט ער זיך אפגים, מעהר ווי אלע מאל, געלאזט צו דערקענען. איז מען מכבד זיין זוהנדעל אויך.

— ווי רופט מען איהם? — פרעגט דער גבאי.

— אדאלף! — ענטפערט דער טאטע.

— אבער יודיש? — פרעגט דער שמש.

— יודיש... יודיש?... פערקלערט זיך דער טאטע. — נון יא, דאס זאל געווים אין יודיש „אהרן" הייסען. אבער ביטע רופען זי איהם אדאלף־אהרן, זאנסט ווירד דער בורש יא ניכט וויסען...

דער גבאי געדענקט דעם פעטען פדיון און רופט אויף דעם זוהן, ווי דער טאטע האט געבעטען: אדאלף - אהרן.

אבער דער „בורש" ריהרט זיך ניט פון ארט.

— פ... פיו...־אוי... — גיט דער טאטע א פייף צום זוהנדל און א ווינק ער זאל געהן אויפ'ן בימה.

א פערטען אונגארישען חסיד ווערט לאנגוויילינ אין קלויז שבת. ער געהט ארוים אין שטעדטעל. פרעגט: צו איז ניטא ערגעץ א קאפע־הויז? מ'זאגט איהם, אז אין בעלז גיט ניט אזעלכע זאכען. ער ווערט אין כעס, נעהמט דעם פעקעל, געהט אוועק צום באהן און פאהרט אוועק.

א פינפטער, א פנים גאר א געהויבענער אורח, ווערט גע־לאדען צום גבאי צום טיש. צוליב זיין כבוד קומט אויך דער רבי צום גבאי צו ווארמעס. דער שטויגער איז, אז דער רבי נעהמט בלויז א קליין שטיקעל פלייש פון זיין טעלער און ווי ער ריהרט זיך נאר צו, ווערט דאס איבריגע, די שיריים, באלד צוכאפט פון די חסידים. דא האט דער רבי ניט געווארט ביז דער אורח וועט „כאפען" און האט איהם אליין מכבד געווען מיט „שיריים". צו אזא עהרע איז זעלטען ווער פון די חסידים זוכה. אבער דער אונגארישער אורח האט זיך אבגעקעהרט מיט א פערקרימטען נאז:

— איך ליב נישט קיין לעבערקאך! האט ער געענטפערט אויף דעם כבוד.

א זעקסטען אונגארישען „חסיד" האט מען געוואלט אויפ־רופען און געפרעגט איהם: וואס איז ער? א כהן, א לוי צו א ישראל?

— נישט קיין כהן, נישט קיין לוי, נישט קיין ישראל, נאר א „פושע ישראל" — האט ער געוויצעלט.

א זיבעטער אונגארישער „חסיד" איז געקומען און, נאכ'ן „שלום עליכם", אבגעגעבען דעם רבי'ן אזא דעקלאראציע:

— איך בין נישט קיין חסיד, די מוטער האט מיך צו אייך געשיקט. האב איך געמוזט טאן איהר ווילען. איך אליין בין נישט פרום. איך פיהר זיך אזוי, ווי אלע יודען װעלען זיך פיהרען אין הונדערט יאהר ארום.

— טו וואס זשע קומסט דו אהער? — פרעגט דער רבי פערוואונדערט.

—איך גלויב אין זיע ניכט! — ערקלערט דער חסיד", הויבט זיך אויף און געהט אוועק.

און אכטער... נאר איך מיין, אז אט די זיבען, וואס איך האב געבראכט, ווייזען גענוג דייטליך פון וואס פאר א מין די אונגארישע „חסידים" פון בעלזער רבי'ן זענען. א סך פון די איינגערע קומען, צו האבען שפאס; אנדערע פון נייגיריגקייט וועגען. ווידער אנדערע שיקט די מאמע, דער טאטע. א טייל, פער'גוי'טע, עם הארצישע אונגארישע יודען, וועלכע שוין לאנג ניט פון יודישקייט, זענען אבער אבערגלויביש און האלטען פאר זייער פליכט צו שטיצען דעם היילינגען „ראבי", בעזוכען איהם אויך אין א מאמענט פון שווערע פערזענליכע איבערלע־בונגען. אט די אלע סארטען „חסידים" צוזאמען זענען דאס די הויפט־קוועלע — און זעהר א רייכע קוועלע — פון וואנען דער בעלזער הויף ציהט זיין חיונה.

בעלזער חסידים — „רעוואָלוציאָנערן.

אונבעגרענצט איז דעם בעלזער׳ס הערשאַפט און מאכט אין זיין שטעדטעל. אבער אפילו דאָ און נאָך איידער די סאָציאַליסטען און ציוניסטען האָבען זיך געיאוועט, זענען געווען רעוואָלוציאָנערן געגען בעלזער. און אַט די רעוואָלוציאָנערן זענען דוקא פרומע יודען, אָדער אפילו חסידים — נאָר חסידים פון אנדערע רביים.

דער לעזער דאַרף וויסען, אַז צווישען חסידים פון פערשיידענע רביים עקזיסטירט זעהר אָפט אַ ביטערער האַס, וואָס ברעכט, ניט זעלטען, אויס אין אַ בלוטיגען קאַמפף.

ווי בעלז איז ניט אונטערגעבויגען אונטער דעם בעלזער׳ס יאָך, עס זענען אבער אין שטעדטעל פאַראַן יונגע לייט, וואָס מ׳האָט זיי פאר איידעמס גענומען פון אנדערע שטעדטלאַך. ביי זיך אין דער היים זענען די יונגע לייט געווען חסידים פון אנדערע רביים. אַ שטויגער: טשאָרטקאָווער, סאַנזער חסידים. אַ „טשאָרטקאָווער", אַ „סאַנדזער" וועט קיין מאָל ניט ווערן קיין „בעלזער". ווען די צאָהל פון די „איידעמס" האָט בעטראָפען עטליכע מנינים, האָבען זיי געקראָגען דעם מוט צו גרינדען פאר זיך אַ בעזונדער שולכעל, און האָבען זיי אַ נאָמען געגעבען „ישרי-לב"-שולכעל. דאָס הייסט אַ שול פון עהרליכע לייט. געגען דער שולכעל האָבען די בעלזער חסידים אָנגעהויבען פיהרען אַ קאַמפף. פריהער אַ שטילען. מ׳האָט געוואָרנט די עזות-פנים׳ער מיט גאָט׳ס שטראָף. בשעת מ׳האָט גענומען גראבען דעם פונדאמענט, האָבען חסידים געזאָגט: ווער עס וועט אויסגראָבען די ערשטע לאָפּעטע, יענער שטארבט. דאָס האָט אבער די „רעוואָלוציאָנערן" ניט אָבגעהאלטען. בשעת מויערן האָט שמעריל דער חסיד געזאָגט צו די איבריגע חסידים: „זעהט,

קוקט זיך איין! עס ווערט נידעריגער. דער מויער זינקט". אז די געביי איז פארטיג געווארען, איז גראד געשעהן א שרפה אין שטעדטעל. דא האבען די חסידים געטאנצט פון שמחה, לויט זייער איבערצייגונג איז דער פייער ארויסגעשיקט געווארען פון הימעל עקסטרא נאר צו פערברענען די ישרי־לב שולכעל, וואס איז געשטאנען נאהענט צו דער שרפה. דער סוף איז געווען, אז די שולכעל האט זיך נאך בעסער אויסגעטריקענט. די חסידים האבען געזעהן, אז גאט נעהמט זיך פאר זיי ניט אן. האבען זיי בעשלאסען אליין אבצורעכענען זיך מיט די „ישרי־לב'ניקעס", און טאקע אויף זייערן חסידישען שטייגער. די ישרי לב'ניקעס האבען ארויסגעבראכט א חזן און געריכט זיך צו פראווען גאר א פיינעם „חנוכת הבית". די חסידים האבען צוגעהיט דעם חזן אויף דער באהן און — גע'גנב'עט ביי איהם דעם רענצעל. אויף מארגען איז דער חזן געגאנגען אין מקוה, האבען די חסידים גענומען זיינע קליידער און אריינגעווארפען זיין אין וואסער אריין. די שולכעל אבער עקסיסטירט פארט. די ישרי־לב'ניקעס זענען צומעהרסט עהרליכע בעלי בתים, געגנער פון יעדען רבי'ן, נאך מעהר — פון'ם בעלזער מיט זיין פיהרונג. אבער אויסגעקעמפפט זייער שולכעל, האבען זיי זיך דערמיט בעגנוגענט און לעבען פאר זיך. דאך, איינצעלנע חסידים פון אן אנדער רבי'ן, איבערהויפט טשארקטווער און סאנדזער, ערלויבען זיך שארף ארויסצוטרעטען געגען רבי'ן. אזוי צ. ב. האט א טשארטקאווער, וועלכען א בעלזער האט געווארפען מיט א שטיין, גע־בראכט א זשאנדאר אין קלויז און צוגענומען דעם בעלזער פון עמוד. א צווייטער חסיד, א סאנדזער, איז געווען אן אבל. ער איז געקומען אין קלויז און זיך געשטעלט ביים עמוד דאווענען. שפעטער איז אונטערגעקומען דעם רבי'ס זוהן. דערזעהענדיג דעם סאנדזער ביים עמוד איז דעם רבי'ס „טראנפאלגער" צוגעגאנגען און גאר אהן צערעמאניעס, איהם אבגעשטויסען. אויף מארגען האבען דעם סאנדער'ס קינדער געבראכען ביים רבי'ס זוהן די שויבען. דער רבי האט דערפאר דעם סאנדזער געשאלטען. אויפ'ן צווייטען טאג איז דער רבי געגאנגען פון מרחץ, דער סאנדזער חסיד האט איהם געוואלט ווייזען, אז ער

איז פריש און לעבעדיג — די קַלָּה האָט איהם ניט געשאדט. געהט ער צו גלייך צום בעלזער און זאָגט אנווייזענדיג אויף זיין קוטשמע: אי, רבי, האָט איהר מיר צעבראָכען די „שליאפּאָ“*). דערביי איז געשטאַנען אַן אונגארישער חסיד. זעגענדיג זיכער, אַז פאַר אַזאַ חוצפּה וועט דער סאַנדזער ניט אויפשטעהן אַ לעבעדיגער, איז ער אויף מאָרגען גאַנץ פריה ארויסגעלאָפען אין שולהויף און פרעגט ביי די בעלזער חסידים: ווען וועט זיין די לויה?

אָבער דער סאַנדזער חסיד איז געזונד און שטארק און קלערט גאָר ניט צו טאָן די בעלזער און אונגארישע חסידים צוליב, אַז זיי זאָלען געהן נאָך זיין לויה...

*) אין די פּוילישע שטעדטלאך ביים רוסישען גרעניץ זענען אָפט אין געברויך רוסישע ווערטער.

דעם בעלזער רבי'ס מופתים און סגולות.

די גרויסע מאכט, וואס דער בעלזער רבי האט איבער זיינע חסידים, שטאמט פון זיינע „מופתים" און „סגולות". דערין איז ער דער גרעסטער ספעציאליסט צווישען אלע רבייאים פון איצטיגער צייט. ער אליין גלויבט אויפריכטיג אין זיין כח צו ווייזען וואונדער און היילען קראנקהייטען. דאס האט ער בירושה נאך פון זיין טאטען ר' יהושיעלע און זיין זיידען ר' שלום'ל. זיין טאטע ר' יהושיעלע האט זיך גערעכענט פאר א ספעציאליסט ארויסצוטרייבען „דבוקים".

מ'זאגט, אז דער איצטיגער בעלזער האט אין זיך ווירקליך א היפנאטיזירענדע קראפט. אמאל ווירקט ער מיט אן אמת דורך זיין היפנאטישען איינפלוס. דאס רוב אבער געהען אוועק די קראנקע אזוי ווי זיי זענען געקומען. איינער האט מיר דערצעהלט פון א פרימישליאנער בחור, א געלעהמטען, וואס איז געקומען מיט דריי יאהר צוריק צום בעלזער. ער איז אבגעזעסען ביים רבי'ן א פאר וואכען און איז אוועק א געזונדער. דאגעגען האט מיר אן אנדערער דערצעהלט, אז זיינע א שוועסטער האט געהאט א שווערע קראנקהייט. טאטע, מאמע — פרומע בעלזער חסידים, זענען אוועקגעלאפען צום רבי'ן. ער האט געהייסען מאכען וואנעס פון אלטע שוויץ־בעזימער. אין איינע פון די וואנעס איז די מיידעל געשטארבען. דעם בעלזער רבי'ס סגולות זענען איבערהויפט אזעלכע:

1. פאמעראנצען־בוימעל — פאר ברעכענעס אין רוקען.
2. וואנעס פון מרחץ־בעזימער פאר נערוועזע קראנקהייטען.
3. ניט עסען קיין מילכיגס.
4. אבשפרעכענעס. דער רבי שפרעכט אן מטבעות, טיכ־

לאך, גארטלען: דאָס בינדט מען אן דעם קראנקען. ער דארף דאָס טראגען, ביז ער ווערט געזונד.

5. אָנגעשפּראָכענע חלות. דעם רבי'ס גבאי באקט אָן אַ מאָסע חלות, דער רבי זאָל דאָס האָבען אָנגעשפּראָכען. די גבאים פערקויפען זיי פער גולדען א שטיק.

6. סוכה־עפּעלאך, וואָס מ'הענגט אָן פאר א צירונג ביין רבי'ן אין סוכה, ווערן נאָך סוכות צושיקט איבער דער וועלט צו די חסידים און דינען פאר א סגולה געגען געוויסע חולאת'ן.

7. דעסגלייכען ווערען פארנאָנדערגעשיקט איבער דער וועלט ערב פּסח קליינע מצה'לאַך פון רבי'ס פּאָד־ראד. דאָס דינט פאר א סגולה צו אנדערע סאָרטען קרענק.

8. איינע פון די בעסטע סגולות איז יום כפּור'דיגע היי פון אונטער דעם רבי'ס פיס. דאָס לעגט מען קליינע קינדער אין די וויגעלאך, זיי זאָלען וואַקסען.

אָט די אלע סגולות העלפען, נאַטירליך, ווי א טויטען באַנקעס. נאָר דער עולם גלויבט אין זיין שטארק.

בעסער העלפען וואָלט קענען דער בעלזער רבי דורך זיינע פּשוטע עצות. ווארום ער איז זעהר א קלוגער און בעגאַבטער מענש. ווייל ער איז אבער זעהר נאַאיוו און אַלטפרענקיש, ווייס ער ווענינ וואָס טוט זיך אויף דער וועלט. דעריבער העלפען זיינע עצות אזוי ווענינ, ווי זיינע מופתים און סגולות. אזוי צ. ב. דערצעהלט מען מיר, אז א געוויסער חסיד, מענ־דיל טאַרטיקעווער, האָט געהאט א פּראָצעס. דער בעלזער רבי האָט איהם גערעטען, ווי אזוי צו לעגען די טענות. **ער האָט** גע־פאָלגט און — געוואונען... 3 מאָנאָטען טורמע. א צווייטער חסיד, ביי יאראָסלאוו, האָט געהאט א מיהל. גוים האָבען לעבען איהם געוואָלט מאכען נאָך א מיהל. דער רבי האָט געהייסען געבען א פּאָר גויים געלד. די איבריגע האָבען געמאכט א געשריי. דער מיהלנער האָט, א חוץ דעם צווייטען קאָנקורענץ־מיהל, געקראָגען נאָך אויף זיך א פּראָצעס.

דער רבי ווערט אבער ניט נתפּעל, אויב זיינע א סגולה, אָדער אן עצה העלפט ניט. דער תירוץ איז א פארטיגער: ס'איז אן אבקומענעס פאר די זינד.

סאָציאַליסטען, ציוניסטען און דער בעלזער רבי.

מיין בעלזער סאָציאַל־דעמאָקראַט, צו וועמען איך האָב געהאַט אַן אַדרעס, פערדינט איך זאָל וועגען איהם זאָגען אַ פּאָר ווערטער. ער איז מעהר ווי אַ גרינדער פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישען קרייזעל אין אַ קליין שטעדטעל. זיין נאָמען פערדינט אַוועקגעשטעלט צו ווערן אין איין שורה מיט די גרעסטע קעמפּפער פאַר אויפקלערונג, וואָס זענען ווען עס איז געווען אין אַ יודיש שטעדטעל.

ווארום איהר דארפט וויסען, אַז בעלז איז ניט פּשוט בעלז. בעלז איז אַ וועלט אַנשויאונג. דער בעלזער רבי האָט צעהנד־ליגע טויזענדער חסידים אין דער גאַנצער וועלט. דאָ אין בעלז האָט זיך פאַראייניגט דאָס דונקעלסטע , דאָס טרויעריגסטע פון חסידות. בעלז נעהמט זיך פון דעם שרעקליכסטען דלות, טיפען אַבערגלויבען, אונבעהאָלפענקייט און האָפנונגסלאָזיג־קייט פון דער יודישער מאַסע. געבויט אויף דער מאסע און פון איהר גענעהרט האָט בעלז אין זיך, ווי דער לעזער וועט ווייטער זעהן, אַזוינע דעמאָקראַטישע שטריכען, וואָס קיין חסידישער הויף אין דער וועלט האָט דאָס ניט. אָבער די לעפּעל דעמאָקראַ־טיזם ווערט בטל בששים אין דעם אונענדליכען ים פון פינסטער־ניס, פון פערגליווערטען, פער׳עקשנ׳טען און בלינדען פאַנאַטיזם. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די צייט, דער פאָרטשריט, דער 20טער יאָהרהונדערט, — דאָס זענען אַלץ פוסטע ווערטער אָהן אַ שום אינהאַלט פאַר בעלז. די וועלט האָט זיך געמעגט איבערקעה־רען — בעלז האָט פון קיין זאַך ניט געוואָלט וויסען.

„ביי איך“, — האָט דער בעלזער רבי געזאָגט אין זיין אויפרוף וועגען דעם שולען־פּראָיעקט פון דעם טשאַרטקאָ־ווער, — ביי איך איז יודישקייט אין סכנה, דאַרפט איהר האָ־

בען שולען אויפצוהאלטען, ראטעווען די יודישקייט. ביי מיר אָבער איז מען נאָך יודען, ווי גאָט האָט געבאָטען, דארפען מיר קיין שולען ניט. יעדוועדע נייעס, יעדוועדעס נאָכטאָן די גויים שמעקט מיט אפיקורסות. כל זמן איך לעב, וועל איך דאָס אין מיין גבול ניט דערלאָזען".

נאָר דער בעלזער רבי האָט ניט געוואוסט, אז אין זיין גבול איז שוין דאָ די „אפיקורסות", און אין א סך געפעהרליכערער פאָרם, ווי דעם טשאָרטקאָווער'ס פראָיעקטירטע שולע פון תורה מיט מלאכה. עס איז געקומען פון לעמבערג דער דאמסקער שניידער איצעל. געקומען אָנגעפיקעוועט מיט סאָציאליסטישע געדאנקען. געקומען בעזעצען זיך ביי זיין טאטען און מאמען און פארפלאָנצען דעם סאָציאליזם אין בעלז.

דער סאָציאליזם, אלס עקאָנאָמישע לעהרע, אלס קאמפף פון ארבייט געגען קאפיטאל האָט דאָ, אייגענטליך, אין בעלז, קיין שום זין נישט. אין בעלז איז ניטאָ קיין אינדוסטריע, ניט קיין האנדעל, ניט קיין מלאכה. אלץ לעבט ארום דעם רבי'ן. אפילו די ביסעל קריסטען, וואָס זענען אין שטעדטעל. אינדירעקט — אפילו דער קסאָנדז פון שטעדטעל.

און איצעל אליין, אזוי ווי ער איז, איז אויך עפּעס גאָר ניט קיין כשר'ער ארבייטער. ער איז א באָס, א אונטערנעהמער, אַן „עקספּלואטאטאָר". ער איז א דאמסקע שניידער און „עקספּלואטירט" צוויי מיידלאך שניידערקעס. נאָר א קוק טועגדיג, ווי אזוי איצעל לעבט אין דער כאלופּע, א שפּאַן אויף א שפּאַן, מיט די פענסטערלאך צו דער ערד און דעם באלקען אויפ'ן קאָפּ; ארבייט דאָרט מיט זיינע ארבייטערינס און עסט דאָרט און שלאָפט, — ער, טאטע און מאמע און א האלבע טוץ היהנער, און דאכט זיך א ציג אויך, ווערט איהר, ניט ווילענדיג, שלום מיט זיין „עקספּלואטאציע".

אין אמת'ן האָט איצעל, אלס א גוטער בעל מלאכה, געקענט א סך בעסער לעבען אין אמעריקא, און, אפילו אין לעמבערג, אלס ארבייטער, ווי ביי זיך אין דער היים אלס באָס. נאָר דאָ האָט שוין א שייכות די פערזענליכע דראמע פון זיין לעבען.

איצעל איז אַן איין אייגציגער זוהן ביי זיין טאטען און

מאמען. זיי האָבען ניט א חוץ איהם, ניט קיין זוהן, ניט קיין טעכטער. דעריבער איז ער ביי טאַטען און מאמען די אויג אין קאָפּ. מ'האָט איהם געהאַלטען ביי זיך ביז צוואַנציג יאָהר. פון שטוב ניט ארויסגעלאָזען. די אויג פון איהם ניט אראָבגענומען.

אין בעלז טאָר א קינד ביז דער חתונה ניט אוועק פון שטוב אָהן טאַטע־מאמע'ס וויסען. און נאָך דער חתונה קען מען שוין ניט: מ'איז איינגעשפּאַנט אין יאָך. „טאָן" טוט מען וועניג, אָבער האָוועו, הארעווען דאַרף מען א סך.

און דאָך איז לעמבערג אזוי נאָהענט... ווי בעלז איז ניט אָבגעשלאָסען פון דער גאַנצער וועלט. אָבער דאָך קומען אַן אַמאָל פון דאָרטען, פון אָט דער לעבעדיגער, רוישענדער וועלט, ידיעות, וואָס בעצויבערן, וואָס ציהען אהין. און דאָ איז די אָרימקייט אזוי גרויס, דער לעבען אזוי גראָה, אזוי פערשי־מעלט.

עס טרעפען אויך אין בעלז דרייסטע יונגען. אין א פינס־טערע נאַכט גנב'עט מען זיך אָב, און אין דריי שעה ארום איז מען שוין אין לעמבערג. די פּאות ליגען אויף דער ערד, ביין שערער. דער טאַטע שילט דעם אפּיקורס, די מאמע וויינט, שטעדטעל געהט אום האַדאראַם. ביים רבי'ן איז וועגען דער געשעהענים אַן עקסטרא אסיפה, מ'קלערט וועגען א חרם...

און אין לעמבערג שטורמט עס מיט סאָציאַליזם, ציוניזם... און פון לעמבערג איז שוין דער וועג פריי קיין אמעריקא. מ'דאַרף נאָר אויף הוצאות.

און עס זענען שוין געווען אזוינע כוואַטעס — יונגען צווישען די בעלזער חניאַקעס, וואָס האָבען דורכגעמאַכט דעם ים, היין און צוריק. זענען געקומען אהיים אָהן פּאות'ן, אָהן א קאַפּאָטע, אָהן א שטריימעל. געקומען און געהן שטאָלץ איבער'ן מארק אין קאַפּעלושען, מיט געגאָלטע מאָרדעס.

קיינער לעגט זיי ניט אין חרם. קיינער וואָגט זיי ניט אָנצור־ריהרען. ווארום פון אמעריקא האָבען זיי אזא „קמיע" געבראַכט, וואָס שאַפט זיי אין בעלז אונבעריהרליכקייט פון פּערזאָן, וואָס מאַכט פאַר זיי א וואָרע.

די „קמיע" איז — געלד. געלד איז די איינציגע מאכט אין בעלז, וואָס קען קאָנקורירען מיט דער מאכט פונ'ם רבי'ן.

אַט די איינצעלנע כוואַטעס, מיט זייערע מעשיות פון דער ברייטער וועלט, האָבען שטאַרק פאַראינטערעסירט איצעלען. קיין אמעריקא, פערשטעהט זיך, האָט ער ניט געוואַגט. נאָר ער האָט שוין געפונען א מיטעל אַבצונאַרען טאַטען־מאַמען און אין איין שענעם פריהמאָרגען האָט ער דערזעהן לעמבערג.

טאַטע און מאַמע, אז זיי האָבען פון איהם אויף מאָרגען א בריוועל דערהאַלטען, האָבען זיי שיער ניט קריעה געריסען און זיך ניט שבעה געזעצט. מיט דער צייט האָבען זיי זיך אבער אביסעל בערוהיגט. איצעל האָט אָפט בריוולאַך געשריבען. ער האָט רחמנות געהאַט אויף דער מאַמען. פלעגט קומען אויף אלע יום טוב א היים, אַן אויסגעקליידטער, א פראַנט, געבראַכט מיט זיך א ביסעל מזומנים. דאָס האָט אויפגעהויבען שטאַרק זיין רעפוטאַציע אין שטעדטעל.

נאָר איצעל איז שוין געווען א בחור איבער... צוואַנציג יאָהר. אין בעלז איז דאָס אַן אַלטער בחור, איז דאָס א שאַנד, א פלעק אין דער משפחה. די מאַמע פלעגט איבער איהם וויינען, קלאָגען, פלעגט אָנשטעלען מענשען, שדכנים. איצעל האָט א צאַרטען, א בעשיידענעם, שטילען כאַראַקטער. ער האָט ניט געקענט צוזעהן דער מאַמעס טרערען. און איין מאָל, קומענדיג א היים, אויף א יום טוב, איז ער א חתן און, באַלד דערנאָך, א יונגער באַלעבעסל געוואָרען.

און דאָס איז זיין צווייטער אונגליק געווען.

די וויבעל, ווי אַלע בעלזער ווייבלאַך, איז געווען אונגווי־סענד, פאַנאַטיש, שלומפערדיג. ע ר איז שוין אָבער געווען א בעוואוסטזיניגער סאָציאַל־דעמאָקראַט, איינער פון די ענטוויקעלטסטע און טעטיגסטע אַרבייטער אין דער לעמבערגער יודישער שניידער־אָרגאַניזאַציע.

זיין לעבען איז א גהינום געוואָרען. ער איז אוועק פון דער ווייב. האָט איהר אָנגעבאָטען אַלץ, וואָס זי וויל, אבי זי זאָל גט נעהמען. האָט מענשען געזעצט. אפילו בעלזער דיינים האָ־

בען אנערקענט, אז זיי זענען ניט קיין גלייכע פּאָר, אז דאָס בעסטע פּארביידען איז — א גט.

נאָר די ווייב האָט איהם ליב געהאט.

און דאָס איז זיין דריטער אונגליק געווען. זי האָט איהם געמעלדעט, אז אָן איהם איז איהר לעבען קיין לעבען ניט. דער־פאָר אבער וועט אָהן איהר אויך ז י י ן לעבען קיין לעבען ניט זיין. אנטלויפען פון איהר וועט ניט העלפען. וואוהין ער וועט פאָהרען, וועט זי פאָהרען נאָך איהם.

אָט אזוי איז איצעל געבליבען א געשמידטער אין צוויי־ענדיגע קייטען: קייטען פון דער מאמען און קייטען פון דער ווייב.

אין אזעלכע קייטען האָט זיך איצעל געזעהן געצוואונגען לעבען אין בעלז, דאָס פינסטערע און דאָס אָרימסטע יודישע שטעדטעל אויף דער וועלט. לעבען האָט מען אבער געדארפט— עס העלפט ניט. האָט מען געמוזט מאכען עס זאָל ווערען ליכ־טיגער. ברייננגט ער אראָב אן אגיטאַטאָר פון לעמבערג אין שטרענגסטער קאָנספּירייישאָן. עס ווערט בעשאפען פריהער א געהיימער, אונטערערדישער קרייזעל. דערנאָך וועחט מען דרייסטער: מ'דינגט א שטיבעל און מ'מאכט א קלוב. טאַטעס און מאמעס דערוויסען זיך. עס קומט אָן צום רבי'ן. עס ווערט א שטורם. עס שיטען זיך קלעפּ אויף די יונגע פּאות. איצעל ווערט אריינגעלעגט אין חרם: קיין אידישע ווייבעל און מיידעל טאָרען איהם ניט געבען קיין ארבייט. אפילו אויף איצעל'ס טאַטען — א מוליער — שפּרייט זיך אוים דער חרם. טאַטע און זוהן בלייבען אָהן ברויט. דער טאַטע שרייט, די מאמע וויינט, מ'רופט איצלען צום רבי'ן. מ'דראָהט איהם מיט אלע שטראפען פון דער תוכחה, נאָר איצעל הערט ניט רבי'ן, הערט ניט טאַ־טען, הערט ניט מאמען, איז פעסט ווי אייזען אין זיין קאמפּף.

דאן הויבען זיך אָן שיטען מסירות, אז איצעל איז אן אנאַר־כיסט און מאכט אנאַרכיסטען־חברות. דער פעראיין ווערט ניט בעשטעטיגט. דאן נעהמט לעמבערגער סאָציאליסטישע צענטרא־לע דעם עסק אין די הענד.

עס קומט צו אן אָנפרעג אין פּארלאמענט. די אָרטיגע בע־

חערד (רעגירונג). וואָס איז געווען צו געהן האנד אין האנד מיט'ן בעלזער רבי'ן, ווען עס האנדעלט זיך צו דערשטיקען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, מוז נאָכגעבען און ארויסגעבען דעם פעראיין אַז ערלויבענים. דער חרם ווערט אויך בּיסלעכווייז שוואַכער. בעלזער חסידישע ווייבלאַך און מיידלאַך זעהען, אַז די שיקסעס און גויעס פון שטעדטעל געהען אויס־געפּוצט אין שענערע קליידלאַך פון זיי, נעהמט זיי אַן שטאַרק דער יצר הרע פון קנאה. זיי ווייסען גאַנץ גוט, אַז דאָס איז איצעל'ס מלאכה. אַז איצעל איז דער איינציגער אין שטעדטעל, וואָס האָט ביי זיך וויענער זשורנאַלען און פערשטעהט זיך אויף זיי.

הויבען זיי אַן בּיסלעכווייז, ביי נאַכט, קיינער זאָל זיי ניט זעהן, און בעהאַלטענדיג זיך איינע פון די אַנדערע, צו בעזוכען איצלען, געבען איהם קליידלאַך און יאַקלאַך נייהען און פער־שווערן איהם, אַז קיינער זאָל ניט ווייסען.

איצעל טרומפּירט. ער וואַגט שוין ניט בלויז אַ לאָקאַל צו דינגען, נאָר אַפילו ארויסהענגען אַ שילד: „בעלזער יודישער ארבייטער פעראיין". אין לאָקאַל איז דאָ אַ ביסעל ביכער, מען שרייבט אויס דעם לעמבערגער „סאָציאַל־דעמאָקראַט". איצעל האָט זיך שוין אפילו אָבגעג'גנב'עט פון דער מאַמען אויף צוויי, דריי טעג אין לעמבערג אויף אַ סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ אַלס דעלעגאַט פון דעם „בעלזער סאָציאַל־דעמאָקראַטישען פער־איין".

איצט האָט מען זיי צורוה געלאָזען. פאַר'ן פּאַרלאַמענט האָ־בען מורא — אי דער בעלזער רבי, אי די בעלזער חסידים, אי די בעלזער קליינע רעגירונגס־משרתים. בפרט, אַז מ'האָט זיך איבערצייגט, אַז קיין גרויסע געפאַהר פאַר יודישקייט איז פון די סאָציאַליסטען ניטאָ. זיי מאַכען ניט קיין סטרייקס, קיין דעמאָנסטראַציעס. די פּאות מיט די קאַפּאָטעס האָט מען ניט אראָבגענומען. איצעלע אַליין געהט מיט'ן טאַטען, אַלע שבת, ווי אַ כשר'ער חסיד, אין זיין שטריימעל צום רבי'ן אין קלויז.

אַ סך מעהר, ווי דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ארבייטער קרייזעל, האָט געהאַט אויסצושטעהן צרות דער ציוניסטישער

פעראיין. ווארום ציוניזם ביי די בעלזער חסידים און ביי דעם רבי'ן איז טרייפער, ווי סאציאליזם. סוף כל סוף טוען דאך די „בעלי מלאכות" מעהר גאר נישט, ווי זיי קלייבען זיך אויף אין זייער „שטיבעל" אביסעל דורכשמועסן זיך. אבער די ציוניסטען — די אפיקורסים, לייקענען אין משיח'ן. נאך ערגער: זיי ווילען אליין זיין משיח... און דאס איז א סכנה ניט בלויז פאר יודישקייט. דורכ'ן ציוניזם פערלירט בעלז איהר גאנצע בעדייטונג. ווארום נאך פונ'ם ערשטען רבי'ן אן, גלויבט בעלז, אז משיח וועט דעם ערשטען אריינפאהר פון רוסלאנד אין גאליציען מאכען אין בעלז. זעלבסטפערשטענדליך, אז ער וועט זיין ביים בעלזער רבי'ן אויף א „לעקאך און בראנפען". מ'ווייזט אייך אפילו אן, וואו משיח וועט דורכגעהן אין בעלז: צווישען באד און שעכטהויז, דורך דער קליין טירעלע, וואס וועט זיך מסתמא דעמאלט אויפהויבען, לכבוד משיח'ן.

די אלטע בעלזער שול וועט נאכגעהן מיט די יודען אין ארץ ישראל און וועט שטעהן די ערשטע לעבען „בית המקדש". דארט וואו דער נר תמיד געפינט זיך, וועט דער כהן גדול מקריב זיין קרבנות. אזא זכות וועט די אלטע בעלזער שול האבען, ווייל פון איהר ביז'ן „כותל מערבי", לויט ווי דער אלטער בעלזער רבי, רבי שלום'ל האט אויסגעמאסטען על פי קבלה, איז ניטא קיין איין „טומאה". פאר דער שול איז דא א גרויסער פלאץ. דער רבי האט דארט געוואלט, לכבוד משיח'ן, פערפלאנצען בוימער. האט ער זיך אבער מישב געווען, אז דערפון קענען יודישע קינדער געשטרויכעלט ווערען: עס וועלען אומגעהן שפאצירען מיידלאך מיט אינגלאך און דער פלאץ, וואו עס דארף פארקומען דער „קבלת-פנים"-פאראד פאר משיח'ן וועט ווערן „טמא"...

אט די פעסטע איינגלייבונג פון די בעלזער חסידים, אגב אורחא, בעלאנגט צו די גרונדזיילען אויף וואס עס האלט זיך די מאכט פון בעלז. זי איז, אזוי צו זאגען, א געוועהר געגען טשארטקאוו. ווארום זי ווייזט: ערשטענס, אז ניט פון טשארטקאוו וועט קומען משיח; צווייטענס, אז די רעכטע מחותנים אויף דער גאולה-שמחה און גרעסטע מקורבים צו משיח'ן וועלען

זיין דער בעלזער רבי מיט זיינע חסידים. נאטירליך וועט בעלזער בעלי בתים אנקומען די בעסטע און שענסטע פארציע „שור הבר" און „לויתן".

אט פאר וואס דער ציוניזם איז אזוי געפעהרליך פאר בעלז. געפעהרליכער נאך דערפאר, וואס מיט'ן ציוניזם האבען זיך עוסק געווען ניט פראסטע באלמלאכעס, שוסטער, שניידער־יונגען א שטויגער, נאר די שענסטע באלעבאטישע קינדער. וואס די ארימע ציוניסטען פון בעלז האבען געהאט אויסצושטעהן איז אונמעגליך צו בעשרייבען. זיי האבען געמוזט דינגען א שטיבעל ביי א גוי אונטער שטעדטעל, דארטען צו מאכען זייער קלוב און ביבליאטעק. נאר אפילו דער גוי האט חרטה געהאט. מ'האט איהם ארייגעלעגט אין חרם. ס'הייסט קיין יוד האט איהם ניט געוואלט נעמען אויף ארבייט. און די בעלזער גויים, ווי בעוואוסט, לעבען כמעט נאר פון יודען. די ציוניסטען האבען שוין אבער פון איהם א קאנטראקט געהאט און האבען דורך געריכט איינגענומען די שטיבעל. די ציוניסטען גופא מוזען געהן אין זייער קלוב בעהאלטענערהייט, דורך זייטען געסלאך, טאטע — און מאמע זאלען זיך ניט דערוויסען. דערפאר איז דארט געמיטליך, לעבעדיג. איהר געפינט דארט די העברעיאישע, יודישע און דייטשע בלעטער, אויך א קליינע ביבליאטעק.

אז דער ציוניזם פאר בעלז איז „געפעהרליך", האב איך געהאט די געלעגענהייט זיך אליין צו איבערציינגען. ער איז שוין ארייגעדרונגען גאר אין די הויכע פענסטער: אזש צום רבי'ס אויבער־גבאי אין שטוב אריין. זיין זוהנדעל, א לעבעדיגער 17־יאהריגער אינגעל מיט שען און דין פערגרייזעלטע פאה'קעלאך, איז איינער פון די הויפטפיהרער אין ציוניסטישען קרייזעל. בעהאלטענערהייט, בסודי סודות, האט מען מיך מיט איהם צוזאמענגעפיהרט. דאס איז זעהר א דענקענדער יונגער מאן מיט דעם ברען פון אן אמת'ן חסיד.

ביידע קרייזלאך, דער סאציאליסטישער און דער ציוניסטישער, ווי דער שטויגער איז אומעטום, רייסען זיך אום. צום

טייל איז דאָס אַ מעלה. די קאָנקורענץ ציהט אריין אלץ מעהר בעלזער חסידישע יונגע לייט אין קאמפף, וואָס איז אי דאָ, אי דאָרט דערוויילע מעהר ניט, ווי אַ השכלה־קאמפף. מיידלאך בעריהרט נאָך די בעוועגונג דערווײילע גאָר ניט. מיידלאך טאָרען ניט אריינקומען, וואו בחורים זענען. אבער ס׳איז אַ האָפנונג, אז אין בעלז וועט דאָך ווערן ליכטיגער.

מיין וויזיט ביין בעלזער רבי'ן.

נאך די אלע זאכען, וואס איך האב געהערט פון בעלזער, בין איך ניט געווען גאר זיכער, אז מיר וועט זיך איינגעבען צו קריגען אן אוידיענץ ביים רבי'ן. דעם אמת זאגענדיג, האב איך דערצו אויך ניט געהאט קיין גרויסען חשק. דער גלאנץ פון'ם בעלזער איז שטארק בלאס געווארען אין מיינע אויגען, אלס אריגינעלע פערזענליכקייט. פון דעסטוועגען האבען מיר די יונגע לייט, וואס האבען מיר געגעבען די ידיעות פון בעלזער הויף, שטארק צוגערעדט איך זאל מאכען דעם רבי'ן א בעזוך און, אויב ס'וועט זיין נויטיג, אפילו געבען א פדיון, אבי אריינ־צוגעהן. דער בעלזער איז דאך, האבען זיי גע'טענה'ט, א זעהר אינטערעסאנטע פערזענליכקייט. ער האט אין זיך א גרויסע היפנאטישע קראפט. ער בעצויבערט יעדען איינעם. גאנץ אפט קומען צו איהם „דייטשען" צוליב קוריאזיטעט און הויבען אן צו פאהרען צו איהם מיט אן ערנסט.

דיזעלבע יונגע לייט האבען מיר געזאגט, אז מיט עטליכע יאהר צוריק איז געווען אין בעלז יעקב גארדין און מיט גרויס שוועריגקייט און א פעטען פדיון איז איהם געלונגען צו בעקומען אן אוידיענץ.

איין יונגער מאן, א ציוניסט, אבער א טיעף פערקאנס־פירירטער, וואס אין הויף ווייס מען נאך פון איהם ניט, אז ער איז געווארען אן אפיקורס, און דעריבער האט ער נאך דארטען א פרייען צוטריט, האט זיך גענומען מיך בעגלייטען. זיין פרו־מער פנים, לאנגע פאות און קאפאטע האבען אויף מיר אויך גע־לעגט א שטעמפעל פון „כשרות" און איך בין פריי דורכגעגאנגען גלייך אין רבי'ס חדר מיוחד.

דער חדר איז געווען זעהר א גרויסער. דער רבי איז

דאָרט ניט געווען אַליין. ער איז געזעסן אין אַנחויב טיש. אַרום איהם זענען געשטאַנען צוויי גבאים. אַן דער זייט עטליכע חסידים. טייל זענען שוין געווען „געפּראַוועטע", טייל האָבען זיך נאָך גערארפט „פּראַוועו", ד. ה. בעקומען זייער אוידיענץ. דער בעלזער נעהמט ניט אויף איינציגווייז, ווי דער טשאָרט־קאָווער. זיין פיהרונג, ווי געזאָגט, איז איינפאַכער. די גבאים זענען שטענדיג דערביי, אבער זיי שפּילען א קנאַפּע ראָלע. גלייך ווי איהר קומט אריין, פיהלט איהר דעם בעלזער'ס הער־שאַפט און מאַכט.

איך מוז דאָ מודה זיין, אז אין א געוויסען זין האָבען די בעלזער יונגע לייט געהאט רעכט. איך האָב איצט געהאט די געלעגענהייט צוקוקען זיך נאָהענט צום רבי'ן. זיין פּנים, זיין פּערזאָן, זיין גאַנצער פיגור האָבען מיר ערשיינט אין א גאַנץ אנדער געשטאַלט, ווי מיט עטליכע טעג פריהער, בשעת איך האָב איהם צום ערשטען מאָל געזעהן אין וואַגאָן. אויב ער האָט מיך ניט בעצויבערט, קען איך אַלענפאַלס זאָגען, אז אַן איינ־דרוק האָט ער געמאַכט אויף מיר א שטאַרקען, א פיעל שטאַר־קערן, ווי דער טשאָרטקאָווער.

צווישען דעם בעלזער און דעם טשאָרטקאָווער קען ניט זיין קיין שום פערגלייך. דאָס זענען צוויי גאַנץ בעזונדערע טיפּען, ווייט איינער פון דעם אנדערן, ווי מזרח פון מערב. אויב אין דעם טשאָרטקאָווער געפינט איהר עטוואָס מאַיעסטעטישעס, בעפעהלערישעס, געפינט איהר א טיפּ פון אַן אַריסטאָקראַטי־שען פיהרער, וועלכער האַלט זיך שטענדיג אויף זיין שטאָלצער הויך און לאָזט זיך קיין מאָל ניט אראָב צום פאָלק, זעהט איהר אין דעם בעלזער דעם אמת'ן פאָלקספיהרער, וואָס ווייס ניט פון קיין שום בלאָזען זיך, פון קיין שום ראַנגען. ער איז שטענ־דיג אין פאָלק און מיט'ן פאָלק. פון פאָלק טיילט איהם נאָר אָב דער פייערדיגער טעמפעראַמענט, דער נאַטירליכער געוויכט און אויטאָריטעט פון זיין וואָרט, אין וועלכען אַלעס גלויבט, ווייל ער אַליין גלויבט אין איהם, אין זיין אייגען וואָרט — דער ערשטער.

אז איך בין אריין אין רבי'ס חדר האָב איך גלייך, אָהן א

שום הקדמות, געמעלדעט, ווער און וואס איך בין און צוליב וואס איך בין געקומען. אזוי ווי ביים טשארטקאווער און ביי די פריהערדיגע רבייאים, האב איך ערקלערט, אז מיין קומען צו זיי איז נאטירליך, ווייל איך בין געשיקט קיין גאליציען צו בע־קענען זיך מיט'ן לעבען פון די גאליציאנער יודען. פאר מיינע ציעלען זענען גלייך — די פרייע און די פרומע, חסידים און מתנגדים. מיר זענען בעזונדער אינטערעסאנט די רבייאים, ווייל זיי האבען א גרויסע ווירקונג אין פאלק און ס'איז פאר מיר זעהר וויכטיג צו וויסען: ווי פארהאלטען זיי זיך צו געוויסע פראגען פון יודישען לעבען אין גאליציען. איך האב געזאגט דעם בעלזער, אז איך בין געוועזען שוין פריהער ביים טשארטקא־ווער, האב אויך בעזוכט דעם אטאניער, די סאדאגורער רביים.

מיין ערשיינונג, און מיין דעקלאראציע איז געוועזען אן אי־בערראשונג פאר דעם רבי'ן, ווי אויך פאר די גבאים און חסידים, וואס זענען געוועזען בשעת מעשה אין דעם רבי'ס חדר מיוחד. דער גבאי האט געווארפען בייזע בליקען אויף דער טיר, ווי ער וואלט זיך וואונדערן, ווי אזוי האט די טיר געקענט האבען די העזה ארייננצולאזען אזא אפיקורס צום הייליגען רבי'ן. ס'איז אבער געוועזען פארפאלען. מ'האט געמוזט ליידען מיין וויזיט און ענטפערן אויף מיינע שאלות.

נאך א קליינער פאוזע, בשעת וועלכער, אלע בליקען זע־נען געוועזען געווענדעט אויפ'ן רבי'ן, האט דער רבי אליין גע־בראכען דעם שווייגען. ער האט מיר אויסגעשטרעקט פריינדליך די האנד און געפרעגט נייגעריג: וואס זשע האב איך געזעהן אין גאליציען? זיצען האט ער מיך ניט געבעטען. דאס וואלט געוועזען א צו גרויסע פארשוועכונג פונ'ם ראבייאישען עטיקעט. איבערהויפט, ווען ארום, אלע חסידים, און דער גבאי אליין זענען געשטאנען. ער איז דעריבער באלד אליין אויפגעשטאנען, איז ארוים פון טיש און געשטעלט זיך נאהענט לעבען מיר. איך האב איצט געהאט די בעסטע געלעגענהייט איינצוקוקען זיך אין איהם. א הויכע, שלאנקע פיגור, א געדיכטע לאנגליכע בארד, דורכגעווארפען שטארק מיט גראה; פעסט געבויט; דער לאנגלי־כער פולער געזיכט מיט רעגעלמעסיגע, שענע שטריכען, איז פול

מיט אויסדרוק, מיט ענערגיע. ער זעהט אויס נאָחענט פון זעכ־ציג. בשעת ער רעדט מעסט ער ניט די ווערטער, סטאַרעט זיך ניט צו מאַכען אַן איינדרוק, נאָר דאָס געשיהט אַליין פון זיך. מיך האָט אינטערעסירט צו הערען פון איהם, פונ׳ם בעלזער אַליין זיין מיינונג וועגען דעם טשאַרטקאָווער׳ס פּראָיעקט פון האַנדוועקשולען פאַר יודישע קינדער אין גאַליציען. אויף דער פראַגע: וואָס האָב איך געזעהן אין גאַליציען? האָב איך גע־ענטפערט, אַז איך האָב געזעהן גרויסע אָרימקייט. איך האָב צוגעגעבען, אַז אַריינטראַכטענדיג זיך אין די סבות פון דער שלעכטער יודישער לאַגע אין גאַליציען און וואַרפענדיג אַ קוק אויף דער צוקונפט, איז ליידער ניט צו זעהן קיין האָפנונג, אַז יודען זאָל ווערען בעסער אין גאַליציען. גאַליציאַנער יודען שטע־הען פאַר אַ חורבן. אויב מ׳קען עפּעס העלפען, איז — ענדערן די ערציהונג פון יודישע קינדער. די עקסיסטענץ פון דרייפער־טעל גאַליצישע יודען איז אָנגעוויזען נאָר אויפ׳ן האַנדעל. אי־בערהויפּט אויפ׳ן קליינהאַנדעל. אַ פאָלק וואָס איז אָנגעוויזען נאָר אויף איין פּרנסה, קען ניט זיין גליקליך. איבערהויפּט אויף אַזאַ פּרנסה, וואָס געהט אונטער. עס פעהלט ביי אונז בעלי מלאכות, וואָס זאָלען פערשטעהן גוט זייער פאַך. די יודישע ערציהונג מוז זיין אַן אַנדערע. יודישע קינדער מוזען לערנען אַן אַרבייט, מוזען זי לערנען גוט, בעסער פון ניט־יודען. יודען זענען פעהיג צו יעדער אַרבייט. אַרבייט קען קיין מאָל ניט אונ־טערגעהן. ווען מיר ווילען זיין אַ פאָלק, וואָס אַרבייט, וואָס בע־שאַפט נוצליכע זאַכען פאַר מענשען, דעמאָלט קענען מיר אויס־האַלטען יעדע קאָנקורענץ מיט אַנדערע פעלקער. דעמאָלט דאַר־פען מיר ניט מורא האָבען פאַר אַנטיסעמיטיזמוס.

בעדעקען גאַליציען מיט אַ גאַנצע נעץ פון האַנדוועקשו־לען, וואָלט געווען איינע פון די וויכטיגסטע זאַכען, וואָס קען ראַטעווען די גאַליציאַנער יודען. איך האָב געהערט — האָב איך צוגעגעבען, — אַז די „אגודת ישראל” און בעוואוסטע רבנים און רביים קלערן שטאַרק וועגען אַזעלכע שולען. אָבער איהר, רבי, זייט געגען דעם. וואָלט איך ווילען וויסען דעם טעם, פאַר וואָס זייט איהר געגען דעם.

דער בעלזער האט מיך אויסגעהערט, דערנאך האט ער אג־
זאגט:

— ערשטענס איז נים ריכטיג, אז די יודישע בעלי מלאכות ארבייטען ערגער פאר די גוי׳אישע, איך וואלך איך קענען אנ־ווייזען, אפילו דא אין בעלז גופא גוטע יודישע בעלי מלאכות... ווידער איז ניט אמת, אז די יודישע פרנסות געהען אונטער. איך וויים א סך יודען, וואס האבען שענע פרנסה, און וואס ס׳איז שייך די שולען, וואס איהר זאגט, איז טאקע אמת, אז איך וויל ניט דערלאזען קיין שולען. ווארום יעדע שולע שמעקט מיט אפיקורסות. וואס האט געפעהלט יודען אמאל, אז ס׳איז ניט געווען קיין שולען? יודען זענען געווען פרום, האבען גע־היט גאטס תורה, האט זיי טאקע גאר נישט געפעהלט. אז יו־דען זאלען זיין פרום און לעבען ווי די הייליגע תורה הייסט, וועט זיי גאט איצט אויך ניט פארלאזען.

איך האב געפרובט אויפווייזען דעם רבי׳ן, אז היינטיגע צייטען קען מען ניט זיין אזוי פרום, ווי אמאל; אז די פוילישע אנטיסעמיטען, וואס שטופען ארויס יודען פון אלע פרנסות, מאכען קיין אונטערשייד ניט צווישען פרומע און פרייע. זיי האבען אלעמען פיינד: אז גאט אליין הייסט אויך ניט מענשען זיצען מיט צונויפגעלעגטע הענד, און אמאליגע גרעסטע מענשען ביי יודען האבען געקענט א מלאכה. מיינע ראיות האבען דעם רבי׳ן ניט גענומען. מיט פייער האט ער זיך גענומען מיר בע־ווייזען, אז אלע נייעסען אין דער ערציהונג פון יודישע קינדער זענען שעדליך און געפעהרליך פאר יודישקייט: אז דער עיקר איז צו גלויבען אין גאט און זיין פרום; אז אלע צרות אויף יו־דין זאלען זיין פרום און לעבען ווי די הייליגע תורה הייסט, אונזערע טאטעס און זיידעס האבען געלעבט, וועט אונז גאר נישט פעהלען. ער האט גערעדט מיט הארץ, מיט התלהבות, זיינע אויגען האבען בשעת מעשה געפלאמט, דער גאנצער קער־פער האט זיך שטארק בעוועגט. גערעדט האט ער אהן כעס, גאר גוטמוטיג, סטארענדיג זיך מיר צו בעווייזען, אז איך האב א טעות. איך האב געזעהן, אז ער, דער בעלזער, איז אויפריכטיג; אז זיין גאנצער קערפער האט אויסגעדריקט איינס: מ׳דארף

פערטרויען, מ׳דארף גלויבען אין גאט און פאלגען זיינע געבאט; אז א מענש קען גאר נישט פארזארגען: אלץ ווענדט זיך אן דעם אויבערשטען, אן זיין ווילען. ווי ער פיהרט אזוי איז גוט. מיר יודען קענען גאר נישט אויפטאן אנטקעגען זיין ווילען.

איך האב געזעהן, אז דער דיספוט מיינער מיט׳ן רבי׳ן איז איינגאנצען נוצלאז, און האב געשוויגען. ער אבער האט ווייטער גערעדט, ניט הויך, ניט צוקאכט, אבער מיט טיעפער התלהבות פון א שטארק גלויביגען מענשען. דער גבאי און די חסידים ארום האבען אויף מיר געווארפען בייזע בליקען, למאי איך רייד אנטקעגען דעם רבי׳ן, למאי איך עס איהם אב די הארץ. יעדער פון זיי — דאס האב איך דייטליך געפיהלט, — איז געווען גרייט אנכאפען מיך און „מכבד“ זיין, ווי עס פערדינט אן אפיקורס, וואס וואגט צו פיהרען מיט׳ן רבי׳ן א וכוח.

איך האב זיך געאיילט צו מאכען א סוף צום וכוח. האב אויסגעשטרעקט דעם רבי׳ן די האנד, גענומען פון איהם אבשייד, בעמערקענדיג, אז ליידער קען איך ניט זיין איינשטימיג מיט זיירנעם, מיט׳ן רבי׳ס קוק. ער האט אבער גענומען מיין האנד און מיך ניט געלאזען געהן. ער האט ווייטער גערעדט, ווי ער וואלט געהאפט, אז ער וועט מיך איבערצייגען; ווי ער וואלט געוואלט גלויבען, אז ניט אלץ איז נאך אין מיר פערלארען; אז ס׳איז פאראן נאך א פונק אין מיין נשמה... מ׳קען זי נאך ראטעווען...

און בשעת ער האט געהאלטען מיין האנד, האב איך מיך דעמאלט געפיהלט אין זיין מאכט. איך בין געווען טיעף געריהרט פון זיין ווארימען פשוט׳ען גלויבען. איך האב דעמאלט געוואלט קענען גלויבען אזוי ווי ער.

אבער אט דער היפנאטישער צושטאנד האט נאר געדוויערט ביז איך בין געווען אויף יענער זייט טיר. דאן איז די ווירקליכקייט שנעל געקומען צו מיר און האט מיר געוויזען, אז יענער פשוט׳ער אונגעקינסטעלטער גלויבען האט מעהר קיין פלאץ ניט אין אונזער צייט, וואס איז פול מיט פלאנטערס און סתירות.

— איצט לאמיר געהן צו דער רבצין, — האט געזאגט דער בעגלייטער, וואס האט אויף מיר געווארט אין דרויסען. דאס הייסט: איהר וועט אליין אריינגעהן. איך וועל דא אויף אייך ווארטען.

דרויסען איז געווען שטאק פינסטער. איך האב אנגעריבען א שוועבעלע: מיין בעגלייטער האט זי פערדעקט מיטביידע הענד און איך האב א קוק געטאן אויפ'ן זייגער. עס איז געווען נאך א האלבע שעה צו האלבע נאכט.

— וואס רעדט איהר? — האב איך געזאגט, — די רביצין שלאפט שוין אודאי. ווי קען מען בעאונרוהיגען א פרוי אזוי שפעט?

— נישט קשה, — האט ער געזאגט, — די רביצין שלאפט נאך נים. זי ווארט שטענדיג ביז דער עולם חסידים ענדיגט „פראוועז זיך". כמעט יעדער פון זיי, איבערהויפט פון די געהויבענע, האלט פאר זיין חוב נאך דער אוידיענץ ביים רבי'ן, אבצוגעבען א וויזיט דער רביצין, זי זאל איהם ווינשעווען א „פאהרט געזונד" און נעהמען ביי איהר צום אנדענקען לעקאך פאר די ווייב און קינדער. איהר וועט פשוט זאגען, אז איהר זייט נאר וואס פון רבי'ן און זייט געקומען נעהמען לעקאך. זי האלט אנגעגרייט א גרויסען טארט און שניידט יעדערן צו שטיקער. געוויס וועט זי אייך אויך מכבד זיין.

מיין בעגלייטער איז ווידער געבליבען שטעהן דרויסען און איך בין אריין צו דער רביצין.

איך האב אנגעקלאפט אין טיר. געעפענט האט מיר אן אלטע אידענע אין א טשעפיק. דאס איז געווען די קעכין און דער רביצינ'ס לייב דינערין. איך בין אריין אין קיך. דאס איז אויך געווען דער פאדערצימער: א שמוציגע קאמער מיט אן אלטמאדישען אויווען, אלטמאדישע בענק, קאסטענס, גראטקע פאר די קיך־כלים, קאטשערעס, לאפעטעס, בעזים און צובער פאר וואסער, ווי אין יעדער ארימער יודישער שטוב.

— קען איך אריין צו דער רביצין? — האב איך די יודענע געפרעגט.

— יוו, פארוואס נים, — האט דער רביצינס לייב דינערין

געטאַנטפּערט, גאָר ניט געפינענדיק פאַר נויטיק אַפילו צו בעטן מיך וואַרטן און מעלדן וועגן מיר פריהער.

איך האָב געוואָלט אויסטאָן די קאַלאָשן. נאָר דער רבי׳־צינס „קאַמערפרוי" האָט מיר ערקלערט, אַז דאָס איז גאָר ניט נויטיק. איך קען אַריין אַזוי.

דאָ מוז איך בעמערקן דעם לעזער, אַז טראָגן קאַלאָשן איז ביי אַ בעלזער חסיד אַן אויסבריינגעריי, זאָגאַר אַ פאַר־ברעך. ווי קויטיק דרויסן מעג זיין — דער בעלזער חסיד, אַפילו דער פאַרמעגנדער, קומט צום רבין אין די שמוציגע שטיוועל. דרויסן איז געווען קויטיק און איך בין געגאַנגען אין קאַלאַ־שען. אַריינקומענדיק צום רבי׳ן האָב איך די קאַלאָשן ניט אויסגעטאָן. מיין פיהרער האָט מיך פריהער געוואָרנט, אַז ווען איך טו אוים די קאַלאָשן, וועט דאָס זיין אַ טיפע בעליידיגונג פאַר די בעלזער חסידים און זיי וועלן אויף מיר קוקן דערפאַר מיט פעראַכטונג...

דאָ אָבער, ביי דער רביצין אין פאָדערצימער, האָב איך ניט ווילענדיק גענומען אַראָבציהען די קאַלאָשן. עס האָט מיר אויס־געוויזן מאָדנע פריקרע אַריינצוקומען צו אַ פרוי אין צימער אין בלאָטיגע קאַלאָשן. בפרט, אַז איך האָב געוואוסט, אַז די בעלזער רביצין שטאַמט פון זעהר אַ רייכע הויז. זי איז די טאָכ־טער פון אַ גרויסן גביר פון זיד־רוסלאַנד.

אָבער, אַז די „קאַמערפרוי" פון דער רעבעצין האָט מיר געזאָגט, אַז מ׳דאַרף ניט אויסטאָן די קאַלאָשן, האָב איך גע־מוזט פאָלגען, און בין אַריין אין מאַנטעל, אין שמוציגע קאַלאַ־שען, האַלב 12 אַ זייגער ביי נאַכט צו דער רביצין אין — שלאָפצימער.

וואָרום דער אויפנאַם־צימער פון דער רביצין, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז אויך איהר שלאָפצימער. און ניט נאָר דער צימער, וואו ז י שלאָפט. דאָרט שלאָפט אויך די שנור, די טעכטער, די אייניקלאַך. בשעת איך בין אַריין איז די רביצין אַליין געזעסן אויף אַ פּראָסטן שטוהל, ביי אַ פּראָסטן טיש, הינטער וועלכן, אויף אַ פּראָסטער זאָפקע, בעדעקט מיט שוואַרצער צאַראַטע, איז געלעגן די שנור אויסגעצויגן, אין

די קליידער און געדרעמעלט. פון דער אנדער זייט, נעבען דער רביצין איז געשטאנען א וויגעלע און דארט האט געשלאפען א קינד, אן אייניקעל א פנים.

איך האב מיך געפיהלט אין א פערלעגענהייט, ארייגקומענדיג אין חדר, און אינסטינקטיוו, געוואלט ציהען זיך צוריק. נאר די רביצין האט מיר פריינדליך אנגעוויזען אויף א שטוהל און געבעטען זיצען. דאן האט זי מיך געפרעגט: פון וואנען איך בין, ווי לאנג איך בין אין בעלז.

אז איך האב איהר געזאגט: איך בין פון רוסלאנד, האט זי געשיינט שטארק צופרידען צו בעגעגענען א לאנדסמאן. זי האט מיר געזאגט, אז זי איז אליין אויך פון רוסלאנד, האט מיר אנגערופען איהר טאטען, געפרעגט: וואס הערט זיך? ווי לעבען יודען אין רוסלאנד?

פאר א געשפרעך מיט דער רביצין בין איך ניט געווען צוגעגרייט. דער שמועס אונזערער האט זיך ניט געקלעבט. ווי שטארק מיר האט זיך ניט געוואלט פראפיטירען די געלעגענהייט און דערוויסען זיך עפעס מעהר פון דעם לעבען, וואס קומט פאר אויף דער פריוואט-העלפט פון דעם בעלזער הויף, — איך האב ניט געקענט אויסנוצען מעהר די העפליכקייט פון דער רביצין, בין אויפגעשטאנען פון שטוהל, געבעטען אום ענטשולדיגונג, וואס איך האב איהר בעאונרוהיגט און, צום שלום. לויט'ן אלגעמיינעם מנהג, געבעטען, צום אנדענקען, א שטיקעל לעקאך. זי האט גלייך גענומען דעם מעסער. וואס איז שוין געווען אנגעגרייט, א פנים פון פריהער, אראבגענומען פון דער דערבייאיגער פאליצע, ניט הויבענדיג זיך פון ארט, א גרויסען קיילעכדיגען טארט און איינגעטיילט מיר א גרויסע פארציע. דערפון האב איך פארשטאנען, אז מיין וויזיט איז געווען אן אנגענומענער, כאטש איך האב דער רביצין דערציילט דעם אמת: ווער איך בין און צוליב וואס איך בין געקומען אין בעלז.

פאר'ן שיידען זיך האב איך בעטראכט די רביצין. זי איז א מיטעלע פרוי פון א יאהר עטליכע און פופציג. א בלאס, אויסגעמאטערט געזיכט, אפנים פון שווערע איבערלעבונגען. ניט לייכט איז מסתמא איהר, א טאכטער פון א יודישען מיל-

יאנער, אנגעקומענע צוצופאסען זיך צום לעבען פון א בעלזער רביצין. און ווער ווייס, צו פיהלט זי זיך איצט גוט אין אט דער ראלע. איך האב נאך אמאל געווארפען א בליק אויפ'ן צימער. אן ארימע קאמער. די אבגעלאזענקייט, די שמוץ איז דא א פרינציפיעלע: מיט א כיון ניט הנאה צו האבען פון דער וועלט. אין פולען קאנטראסט מיט דעם שלאפצימער און זיין מעבלי־רונג איז דער גרויסער גלעזערנער שראנק, וואס איז פול אנגע־שטעלט מיט זילעברנע און גילדערנע כלים, א פנים דרשה־גע־שאנקען און ירושה פון זיידעס און עלטער־זיידעס.

נאך א סך א שווערען איינדרוק, ווי דער רביצינס שלאפ־צימער, מאכט דעם רבי'ס שלאפקאמער. לויט מיין פיהרער האט מיר אנגעוויזען, איז דאס א ווינקעל, א שפאן אויף א שפאן, אין דעם פאדערצימער צו זיין חדר־מיוחד (אויפנאם־קאבינעט), פארשטעלט מיט א דין ווענטעל. א גאנצען טאג טופעט דא דער גאנצער עולם חסידים, וואס קומט צום רבין. די פאדלאגע איז שווארץ פון בלאטע. שפעט נאך האלבע נאכט, ווען דער רבי האט שוין אבגעפראוועט אלע חסידים, האט אריינגעקוקט אין א ספר און אבגעזאגט, וואס מ'דארף, מיט זיין טרויעריגען איכה־נגון, ברייננט מען איהם אהער אריין אן אלטע בעטעל און ער לעגט זיך, ריכטיגער, — ער שפארט זיך צו, דאס רוב, אין די זאכען, איבערצוקומען די נאכט.

ווארום, נאכ'ן בעגריף פון דעם בעלזער רבין, איז דער לעבען ניט געגעבען הנאה צו האבען פון איהם. דער לעבען פאר א אידען איז ניט מעהר, ווי אן אבקומענעס...

די פּיהרונגען און רבינ'ס הויף.

אַ וואָכעדיגער און שבת'דיגער טאָג אין רבי'ס הויף.

שפּעט ענדיגט זיך דעם רבי'ס טאָג. ביז צוויי, דריי אַזייגער ביינאַכט וואכט מען אין רבי'ס הויף. ביז איינס, און אַמאָל ביז צוויי אַזייגער ביינאַכט ציהט זיך די פּראַווענעס, די אוידיענץ פון די חסידים ביים רבי'ן. שלאָפען לעגט ער זיך, דער רבי, ארום דריי און אמאָל שפּעטער נאָך והאלבע נאכט.

שפּעט הויבט זיך, דעריבער, אויך אָן דער טאָג אין רבי'ס הויף. דער רבי שטעהט אויף ניט פריהער פון ניין. אויפגעהויבען זיך פון בעט איז — גלייך אין מקוה. פון מקוה — אריין צו זיך אין חדר מיוחד. דעם טשאַרטקאָווער'ס חדר מיוחד איז רייך צוגעקליבען און פיין מעבלירט. דאָסזעלבע אויך אין סאַדיגער, אין אַטיני, אין באָיאַן. נאָר דעם בעלזער'ס חדר איז אַן ארים שטיבעל מיט געקאַלכטע וועגד, אַ שמוציגער פאַדלאָגע און פראָסטע בענקלאַך. געקומען פון מקוה — גענומען זיך פאַר די „דראַבעשקעס", געפּטר'ט די „דראַבעשקעס", ווערט אריינגע־טראָגען דעם רבי'ן „עפּעס צו טרינקען": טיי אָדער קאַ־ווע. עס טראָגט אריין די רעבעצין אליין, אָדער אַ טאָכטער. פון ר' דוד'ל, דעם אלטען טשאַרטקאָווער, דערצעהלט מען, אז צו די עלטערע יאָהרען, פלעגט ער ווען אָבקומען, פייניגען זיך. אָבער כדי די שטוביגע זאָלען ניט וויסען, פלעגט ער די צוקער באַהאַלטען און די קאָווע אויסגיסען אין הרובע.

פון 10 ביז 11 אזייגער אין דער פריה קומט פאַר די ער־שטע „פּראַווענעס" ביין רבי'ן. צו דער ערשטער פריהמאָרגענ־דיגער אוידיענץ איז ניט יעדער חסיד זוכה. נאָר געהויבענע חסידים וואַרטען אויפ'ן רבין. ניט בלויז מיט'ן דאַווענען, נאָר

קומען מיט א פיינעם פדיון. נאך דער ערשטער אוידיענץ געהט דער רבי אין שטיבל דאווענען. דער דאווענען דויערט געוועהנ־ליך א שעה פון 11 ביז 12. אויב די „פראוועגעם" איז געווען א גרויסע, שטעלט מען זיך ערשט 12 אזייגער דאווענען. די חסידים ווארטען אויפ'ן רבין. ניט בלויז מיט'ן דאווענען, נאר מיט יעדער תפילה. דער רבי גיט פון זיין חדר מיוחד, אין קלויז, א דריי מיט'ן שליסעל אין טיר און דאס איז א סיגנאל מ'זאל זאגען ווייטער. נאכ'ן דאווענען ווערט געגעסען ווארעמעס. ניט אלע אין איינעם, נאר מאנסלייט — יעדער פאר זיך בעזונדער, און ווייבער אלע צוזאמען. דער אלטער ר' דוד'ל טשארטקאווער פלעגט זיך נוהג זיין זומער נאך מיטאג האלטען א ספר אין אל־טאנקע. דער איצטיגער איז ניט אזא ליבהאבער פון פרישער לופט. גלייך נאך מיטאג הויבט זיך אן די צווייטע אוידיענץ.
דער איצטיגער עולם איז א מיטעלמעסיגער. די חסידים שיקען אריין פריהער א קוויטעל צום רבי'ן. דער נוסח פונ'ם קוויטעל איז א קורצער. צוערשט קומט: „ב"ה" (פערשטריכעלט פון „בעזרת השם" — מיט גאטס הילף); דאן דער נאמען פון דעם חסיד און זיין מאמעס נאמען, און צולעצט — זיין בעגעהר, אויסגעדריקט זעהר קורץ, דאס רוב מיט איין ווארט, אדער צוויי. א שטויגער: „לבריאת הגוף" — ס'הייסט דער רבי זאל מתפלל זיין פאר א חולה און דעם חסיד'ם געזונד; „לפרנסה", אז דער רבי זאל בעטען גאט, ער זאל צושיקען דעם חסיד פרנסה. אן אנדער שרייבט: „קשה ענין בהשגת הבורא", ס'הייסט: ס'איז שווער צו פערשטעהן עפעס א זאך אין דעם ענין פון בעגרייפען די געטליכקייט, ווידער אן אנדערער ווערט געפלאגט פון „מחשבות זרות" שלעכטע, זינדיגע געדאנקען, און בעט דער רבי זאל געבען אן עצה, ווי צו פארטרייבען זיי.
דער קוויטעל, איז אזוי צו זאגען, אן איינטריטס־בילעט. פאר איהם מוז געצאהלט ווערן בעזונדער, א חוץ דעם פדיון. עס מוז צאהלען אפילו אן ארימאן, וואס ווערט צוגעלאזען צום רבי'ן אהן א פדיון און איז נאך, פארקעהרט, „מקבל" פונ'ם רבי'ן. דער פרייז פונ'ם קוויטעל איז 10־20 קרייצער. די קוויט־לאך מוז מען נעהמען ביי איינעם פון די גבאים. דערמיט קומט

מען אין רבי׳ס פאדער־שטיבעל. דא מוז מען געבען דעם טיר־גבאי א כאבאר, כדי ארייגעלאזען ווערין פריהער. אחוץ דעם דארף מען אריינווארפען אין פושקע, וואס געהט ספעציעל פאר די גבאים. ס׳קומען אייך אנטקעגען א גאנצע כאליאסטרע שנארערס — אלטע, מיטעלע, יונגע, קינדער אפילו — יעדער שטעלט אן די האנד, יעדערן מוזט איהר געבען. דעם פדיון גיט מען דעם רבי׳ן אליין, בשעת דער אוידיענץ. ביין טשארטקאווער רבי שטעהט אויפ׳ן טיש א זילבערנער טאץ; אויפ׳ן טאץ א שענע גלעזערנע וואזע. דארט ווארפט מען אריין די פדיונות. דער גביר, נאטירליך, קומט אריין פריהער. זיין אוידיענץ דויערט לענגער. פאר יעדערנס אריינקומען לייענט איבער דער רבי זיין קוויטעל, דאן ווייס ער, אום וואס עס האנדעלט זיך, און גיט אב יעדערן צייט לויט די גרויס פון זיין פדיון, אמאל אויך לויט די חשיבות פון דעם חסיד. ארימע, פערשטעהט זיך, דערשלאגען זיך די לעצטע. דערפאר קענען זיי זיך בעגעהן אהן א פדיון. דער טשארטקאווער, דער בעלזער רבי גיבען א סך צדקה. פאראן אזעלכע רביים, ווי צ. ב. ר׳ אירעלע פון סאמבאר, וואס פלעגען אבגעבען אלע פדיונות פאר ארימע לייט און אליין לעבען נעמיין. פונ׳ם זעלבען ר׳ אירעלען (זיין פולער נאמען איז געווען ר׳ אוריה הכהן יאלעס; ער איז געשטארבען אין יאהר 1910). דערצעהלט מען, ער האט א לאנגע צייט געלעבט פון דעם, וואס ער און זיין ווייב פלעגען לאטען זעק. נאר די נויט האט איהם געצוואונגען אויף דער עלטער צו שפילען די אפיציעלע ראלע פון א רבי׳ן. ער פלעגט אבער ניט ווייזען קיין שום מופתים, ניט צוזאגען גאר נישט. זיין איינציגער שפראך פאר אלעמען איז געווען: „גאט וועט העלפען.״ אפט פלעגט ער אבער דינגען זיך מיט א גביר: „גיב הונדערט גולדען, וועסטו געהאלפען ווערן.״ די הונדערט גולדען פלעגט גלייך אבגעבען אן ארימען בעל עגלה, ביי וועמען א פערד איז געפאלען, אדער צוטיילען פאר אנדערע בעדערפטיגע. רבי אירעלע האט אויך געהאט א מתן־בסתר־פושקע, בעשטימט פאר געפאלענע באלעבאטים, וואס שעמען זיך אויסשטעלען די האנד, יעדערער פון זיי פלעגט בעקומען אריינגעשיקט וועכענטליך אויף דער הוצאה. רבי אירע־

לעם „הויף“ בעשטעהט פון א פאר אלטע, האלב־איינגעפאלענע פויערשע כאטקעס. מ׳זאגט, אז פאר זיין טויט האבן איהם די חסידים געפרעגט: וועמען פון די זיהן לאזט ער איבער אויף זיין פלאץ.

— איך האב מיינע קינדער פאר קיין גוטע יודען ניט מחנך געווען (ערצויגען) — האט דער שטערבענדער געענט־פערט, — זאלען זיי הארעווען, וועלען זיי האבען וואס צו עסען.

ר׳ אירעלע איז געווען דער לעצטער פון די „גוטע יודען“ פאלקס - אידעאליסטען פון „בערדיטשעווער׳ס“ און „סאסא־ווער׳ס“ טיפ.

איך געה איבער צו שילדערן דעם רבי׳ס פיהרונג. ביז אהער האבען מיר געזעהן, ווי דער רבי פערברענגט דעם וואָ־כענדיגען טאג. פרייטאג אבענד און שבת איז, נאטירליך, א סך פייערליכער. אויף יעדען שבת קומען אורחים. פאר „קבלת שבת“ קומען די אורחים צום רבי׳ן „מקבל שלום“ זיין. דערנאך דא־ווענט מען אין קלויז. פריהער מנחה, נאך מנחה איז א קליינע פאוזע. מ׳זאגט „שיר השירים.“ דאן דאווענט מען מעריב. נאך מעריב געהט יעדער חסיד אויף זיין סטאנציע עסען. נאכ׳ן עסען לאזט מען זיך צום רבי׳ן אויף קדוש. נאך קדוש איז ווי־דער א פאוזע אויף א שעה. דער רבי געהט אוועק אין זיין חדר מיוחד, קוקט אריין אין א ספר. די חסידים שמועסן, דערצעהלען מעשיות. אזייגער 9־10 ווערט געפראוועט טיש. דער רבי מיט די זיהן, מיט די איידעמס קומען אריין אין די שבת׳דיגע זופע־צעס און שטריימעלאך. די שטריימעלאך זענען געווענליך מתנות פון חתן וויבז. דעם רבי׳ס שטריימעל ווערט איהר ניט געמען מיט 400־500 קראנען. ביין טשארטקאווער ווערט געגע־סען אין זילבערנע כלים. די זיהן מיט די איידעמס קומען אבגע־געסענע. זיי צוזעצען זיך נעבען דעם רבי׳ן פוןביידע זייטען — יעדער נאך זיין ראנג. דער טראנפאלגער צו דעם רבי׳ס רעכטער זייט. דער טיש איז א פראסטער, א הילצערנער, א לאנגער. פון ביידע זייטען בענק. אויף די בענק — אויב ס׳איז דא א סך אורחים — ווער׳ן צוזעצט די חסידים אויך נאכ׳ן ראנג, ווי דער גבאי ווייזט אן. נעהענטער צום רבי׳ן זיצען גאר די געחויבענע

חסידים, נגידים, אדער גלאט חשובע יודען. צולעצט ביין טיש זיצען די קבצנישע חסידים, לאפסערדאקעס און די געמיינערע פון די „יושבים". (די שטענדיגע זיצער ביים רבי'ן, זיין סוויטע) די געהויבענערע פון דער סוויטע ארום די בענק — נעהענטער צום רבי'ן. הינטער זיי און נאך זיי — די חסידישע מאסע. הינטער סאמע רבי'ן שטעהט דער הויפט גבאי. ער שפילט די ראלע פון א צערעמאניע־מייסטער. א צווייטער גבאי איז א טישמייסטער. ער שטעהט טאקע מיט די שטיוועל אויפ'ן סאמע טיש. נעהמט צו די מאכלים פון דעם שמש, וואס ברייננט זיי פון קיך און צושטעלט לעבען די אורחים. דער רבי אליין עסט כמעט נים. ער ריהרט זיך נאר צו צו יעדער געריכט, פון דער המוציא ביז'ן צימעס, אדער קאמפאט. באלד נאכדעם ווערט דאס צוכאפט, אלס „שיריים" פון די חסידים. די „שיריים" בלייבען ביי די פאדערסטע חסידים. די הינטערסטע זיצען צו וויימ פון רבי'ס טעלער און זענען קיין מאל נים זוכה עפעס צו בעקומען פון זיי. פאראן אבער וויכהערציגע פון די „יחסנים", וואס טיילען זיך די „שיריים" מיט די וואס זיצען ווייטער פון זיי. פון דער אנדער זיים זענען פאראן צווישען די „לאפסערדאקעס", די „פאנטאפעל־חסידים" עזות־פנים'ער, וואס קריכען ארוים פון טיש, שטעלען זיך הינטער די געהויבענע חסידים און איידער אט די האבען צייט אויסצושטרעקען די האנד, זענען שוין די „שיריים" ביי יענע אין מויל.

דיזעלבע כאפ־לאפענעס קומט פאר ביי טיילען די געריכ־טען, געוועהנליך בעקומען יעדער, וואס זיצט ביין טיש, א בע־זונדער טעלעריל מיט א בעזונדער פארציע. נאר כמעט שטענדיג פעהלט אוים. ווייל ערשטענס קען די רעביצין קיין מאל נים אויסרעכענען פריהער: וויפיעל געסט זי וועט האבען. צוויי־טענס איז די רעביצין א קארגע: דריטענס ווענדט זיך אן דעם, ווי דער חסיד לעבט מיט'ן גבאי, דעם טישמייסטער. דער וואס לאזט זיך פריהער צו „דערקענען", יענעם לאזט דער גבאי נים דורך. עס טרעפט אבער, אז בשעת דער גבאי טראגט זארגפעל־טיג אונטער זיין פראטעזשירטען חסיד די פארציע, פארלויפט דער לאפסערדאק, — א פערהונגערטע נשמה, וואס האט זיך

אוודאי וואַכענלאַנג געגרייט אויף דעם רבי'ס יאיכעל, — אפריי־
הער און כאַפּט אַרוים מיט די הענד פון טעלער, וואָס דאַרטען
איז געווען. צוליעב דעם האַלטען די היגטערסטע חסידים אַנגע־
גרייט אין קעשענע אַ גלעזעל מיט אַ לעפעל.

דער רבי — זעהט זיך אָן — ווייס ניט וואָס ס'פּאַסירט
אַ פּאָר שפּאַנען ווייטער פון איהם ביין טיש. ער איז פאַרטראַ־
גען אין די „עולמות העליונים", פערטיפט אין זיך און פער־
דבק'עט. נאָר אַזוי דוכט זיך נאָר. פון מיין אויג איז ניט ענטגאַנ־
גען, אַז דער טשאַרטקאָווער האָט גוט געשפּירט די ווילדע סצע־
נעס פון כאַפּ־לאַפּ ביין שבת'דיגען טיש און אַ שוואַך פערבאָר־
גענער עקעל האָב איך געלייענט אויף זיין פּנים.

די פּאַטראַוועס ביין רבינ'ס טיש זענען די געוועהנליכע
שבת'דיגע יודישע מאכלים: פיש, פלייש, יוך, צימעס. אַנשטאַט
צימעס גיט מען זומער דאָס רוב — עפּעל־קאָמפּאָט. אין מיט'ן
עסען זינגט מען אין טשאַרטקאָוו, סאַדיגור, און באיאַן דעם
ריזשינער'ס נגונ'דל. אין בעלז, ווי דער לעזער וויים, ווערט אַלץ
געזונגען מיט דעמזעלביגען איכה־נגון. צווישען איין געריכט
און דער צווייטער ווערט ניט בלויז געזונגען, נאָר אויך געטרונ־
קען. די וויין פון אייגענער פאַבריקאַציע, עפּעס אַ מין „עסיג־
בורדע." דער רבי לעגט אַגב צו דעם וויין ניט צו. געוועהנליך
זענען די רייכערע חסידים, טאַקע אין טיש גופא, מנדב — דער
אַ פלאַש, דער צוויי, דער דריי. דער סדר איז, אַז דער גבאי—
דער טישמייסטער רופט אויס: פלוני בן פלוני איז מנדב אַזוי־
פיעל פלאַש. (די פלעשער זענען אַנגעגרייט פון פריהער אין
רבינ'ס קעלער). דעם וויין טיילט דער רבי אליין. איין פלאַש
גיט ער דעם מנדב, די איבעריגע צוטיילט ער מיט זיין אייגע־
נער האַנד דעם עולם. וואו ער קען ניט דערלאַנגען, ריהרט ער
נאָר אָן די וויין מיט'ן האַנד און דער גבאי צוטיילט.

די זמירות פאַרנעהמען אַ וויכטיגען פּלאַץ ביין רבי'ס
שבת'דיגען טיש. אין הויף זענען דאָ ספּעציעלע חזנים, וואָס
פּערפאַסען צו „יה רבון עלם", „צו ישמחו" און אַנדערע זמירות
אַלע צוויי וואָכען נייע נגונים. די בעסטע חזנים האָבען טשאַרט־
קאָוו און אַטאַניע. דער אַטאַניער חזן עקספּאַרטירט די חסידישע

נגונים אין אמעריקא און בעקומט דערפאר גוט בעצאהלט. אין אמעריקא ווערן די נגונים איבערגעניצעוועט פון די אפערעטא־אקטיארען אויף זייער שטייגער. עס ווערט צו זיי (צו די נגונים) צוגעשטוקעוועט גאר ניט קיין חסידישער נייער טעקסט און דינט פאר א לוסטיגען אפערעטען־טענצעל.

תורה ווערט אין בעלז ווייניג, און טשארטקאוו כמעט גאר ניט געזאגט ביים טיש. נאר אין בעזונדערע געהויבענע טעג, א שטייגער „י"ט כסלו" (דעם 19־טען טאג אין כסלו) צו דעם מעזשעריטשער מגיד'ס יאהרצייט, זאגט דער טשארטקאווער עטליכע ווערטער. ער זאגט שטיל, ווי ריידענדיג א סוד אין זיך און צו זיך אליין. דער טיש־עולם צושטעלט זיך. די נעהענטערע בויגען אן טיעף דעם אויער צו דעם רבי'ס לעפצען, עפעס ארייננצוכאפען א ווארט, אן אות, א פינטעל, נאר קיינער קען ניט „משיג" זיין. צו הויך, צו טיעף, צו סודות'דיג איז דעם רבי'ס תורה. פון דעסטוועגען מאכען א פאר, פון די סאמע נאהענטע צום רבי'ן, א מינע, אז זיי האבען עפעס געכאפט און אויף זייערע פנים'ער ווערט אויסגעגאסען, בשעת מעשה, א גליקזעליגער שמייכעל, געמישט מיט א וואונדערליכע איבערראשונג, ווי איינער זאגט: חדושים! פלאי־פלאים! נאר איהר קענט זיכער זיין, אז זיי האבען גאר נישט געהערט און גאר נישט פערשטאנען.

שבת ביי טאג ווערט אויך געפראוועט „טיש". נאר ניט אזוי פייערליך, ווי פרייטאג צו נאכט, לעבעדיגער ווערט געזונגען צו הבדלה. דא צו „המבדיל", קומט אויך כמעט אלע צוויי וואכען א נייער נגון. ניט זעלטען געהען חסידים א ריקוד'ל (א טענצעל). א טייל פון די נגונים זענען אמת פאלקסטימליך און שען.

ימים נוראים אין רבי'ס הויף.

שוין ביי די ערשטע סליחות הויבען זיך אן יאווען אין רבי'ס הויף די ערשטע שוואלבען: דאס רוב פון זיי — פאנ־טאפעל־חסידים. האלב קומט מען צו פוס, האלב פאהרט מען אונטער אויף א גוי'איש וועגעל. אין הויף ווערט די שטימונג אומעטיגער. אלע געהען אראבגעלאזען דעם נאז. א לאך טאן, א האפקע טאן, אויפ'ן חסידישען שטויגער, איז איצט א גרויסע זינד. יעדער סטארעט זיך צו שניידען, וואס א טרויעריגע צורה. בלויז די קליינע חברה קענען ניט אויסהאלטען די מורא'דיג־גע־שפאנטע שטימונג, קונדייסעווען, אבער פער'גנב'עט, גרויסע זאלען ניט זעהן.

צו „זכר־ברית" — די לעצטע סליחות, ערב ראש השנה, קומען די רייכע חסידים. פאר די סליחות, ביי נאכט, „פרא־וועט" מען ביים רבי'ן. דא זענען ניטא קיין ספעציעלע בקשות. דא ברויכט מען אויך ניט קיין קוויטלאך. דער רבי וויים, וואס יעדער חסיד בעגעהרט: א גוט יאהר, א „כתיבה וחתימה טובה". און דער רבי גיט יעדערן דיזעלבע ברכה: „דער אויבערשטער זאל געבען א גוט יאהר, א שנת חיים ושלום, פרנסה און הצלחה, דיר און כלל ישראל". יעדער חסיד געהט אוועק בערו־היגט. ווארום „אז דער צדיק איז גוזר מוז דער אויבערשטער מקים זיין".

מיט יעדער שעה, מיט יעדער מינוט, וואקסט דער עולם. עס קומען אן גאנצע הויפענס, אהן אן אויפהער, פון אלע זייטען: מיט עקסטרא צוגען, מיט בעלי עגלות, און א סך — צופוס. צום האוונט קומט אויך דריי פערטעל שטעדטעל — די גאנצע שטע־טעלדיגע מאסע. ווארום ביים רבי'ן איז דער איינטריט פריי;

מ׳בעדארף ניט צאהלען פאר א שטאָדט; מ׳דארף ניט ווארפען אין די טעלערס.

ראש השנה און יום כפור איז דעם טשארטקאווער׳ס שטיבעל אין שול אפען. ער דאווענט, ווי אלע מאל אליין. אבער ער זעהט דעם עולם און דער עולם זעהט איהם. דער דאווענען דויערט ביז 3 אזייגער ביין טאג. פאר דעם אלטען רבי׳ן האט געדויערט ביז פיער.

צום „תשליך" געהט מען אין רבי׳ס הויף — ערב יום כפור. פריהער לאזט זיך דער ווייבערשער עולם, די רביצין מיט די טעכטער און שניר און די איבריגע הויפדאמען, אין פאיעטאָנען, אויף יענער זייט בריק, אבטרייסלען די עברות. דאן פאהרט דער רבי מיט די זיהן און די איידעמס. דער גבאי זיצט אויף דער קעלניע. חסידים זענען אנגעהאנגען פון אלע זייטען אויפ׳ן וואגען, אויף די פערד. די וואס זיי איז ניט געראטען אנצוטשעפען זיך אן וואגן, לויפען פון הינטען. אין טומעל כאפט זיך דערווייל אריין א חסיד, א מעהר ספריטנער, אריינשפארען דעם רבי׳ן א „שלום עליכם" און אפילו א קוויטעל. דעם רבי׳ס סוויטע, די „גווארדיע" זיינע, איז שוין פארלאפען א פריהער, שטעהען שוין ביז די קנעכלאך אין וואסער און גארען „מסתכל" זיין זיך אין רבי׳ן, אין זיין ליכטיגען פנים אריינקוקען. צוויי קוריערן פון די „יושבים" לייזער „פאנפאטש" און „מיט נחת*)" לויפען פאראוים, אלס וועג ווייזער. ביי דעם צוריק־צוג, פון „תשליך" א היים, שטייגט די בעגייסטערונג ביז׳ן העכסטען גראד. חסידים לויפען נאך און שרייען: „דער רבי איז משיח!" „ער וועט זיין אונזער גואל צדק!" „וועט אונז פיהרען אין ארץ ישראל!" דער רבי געהט אריין אין שטוב און שטעלט זיך אין פענסטער. חסידים מאכען א „ריקוד" — געהען א טענצעל, דרעהען זיך, שפרינגען, זינגען, לארמען ביז דער רבי גיט א מאך מיט דער האנד; גענוג! דאן צוגעהט מען זיך.

*) צוויי טיפען פון דעם רבי׳ס „גווארדיע", וואס ווערן געשילדערט שפעטער.

א סך מורא׳דיגער זענען די ימים נוראים־סצענעס אין בעלזער הויף. פון ראש חודש אלול אן הויבט אן דער רבי צו זאגען ביי שלש סעודות, אנשטאט די געוועהנליכע תורה — מוסר. די התעוררות, דער אויפגערעגטער, ציטערנדער צושטאנד ביי די חסידים איז זעהר גרויס. דער רבי שטעלט פאר לעבעדיג די שרעקליכע גזרות, וואס ווארטען אויף יעדען. ער טרייסט אבער, און ווינשעוועט, און וויינט. דער בעלזער איז א גרויסער „בעל בכי". מיט יעדען שבת ווערט דער עולם גרעסער. דעם רבי׳ס תורה ווערט הייסער, פייעריגער. אליין שטעהט דער רבי ביים עמוד: אין אזא „קריטישען מאמענט" קען מען ניט פער־טרויען די לעבענס אינטערעסען פון די חסידים דעם געוועהנ־ליכען שליח צבור. ער אליין מוז ארויסטרעטען אלס פערטיידי־גער פון די יודען פאר׳ן רבונו של עולם, ער אליין זאגט סליחות. ער אליין זאגט אלע טאג, שטונדען־לאנג מיט׳ן עולם תהילים.

ראש השנה קומט ער אין שול אין דעם זיידענ׳ס, ר׳ שלום׳לס, גרינע זיידענע בעקעשע, ווייסע יארמאלקע, קיטעל און ווייסען גארטעל. און ס׳איז ניט פשוט. אויב זיינעם, דעם איצטיגען בעלזער׳ס, זכות איז ניט גענוג, וועלען ביידענס זכות׳ען, זיינע און דעם זיידענ׳ס, שוין געווים ווייכער מאכען דעם „רבונו של עולם, דערוועקען אויבען די „מדת הרחמים", זי זאל גובר זיין די „מדת הדין..."

די רעביצין האט אויך איהרע אויפגאבען אין די הייליגע מורא׳דיגע טעג. אלע ווייבער פון שטעדטעל קומען צו איהר קנויטלאך לעגען. דער דאזיגער פראצעס קומט פאר ניט אויף דער רעבעצינס העלפט, נאר ביים סאמע רבי׳ן אין שטוב, די אלגעמיינע שרעק פאר׳ן „גזר", פאר דער „כתיבה" און „חתימה" פעראייניגט די צוויי העלפט פון דעם מענשליכען געשלעכט. אין א געוועהנליכע צייט טאר א ווייבעל זיך ניט ווייזען פאר׳ן רבי׳ן אין די אויגען. איצט קען איטליכע יודענע זעהן דעם היי־ליגען רבי׳ן, קוויקען זיך מיט זיין ליכטיגען פנים. אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון דער רעבעצין דרעהט יעדע יודענע איהרע קנויטלאך. יעדע באלעבאסטע דארף האבען צוויי קנויט־לאך, פאר צוויי ליכט. איין ליכט — פאר די לעבעדיגע, איינע

פאר די נשמות פון די „נפטרים", פאר די געשטאָרבענע און איהר פאמיליע, אין דעם גאַנצען יודישען פאָלק. יעדער קנויטעל בעשטעהט פון דרייסיג פעדים. יעדער פאָדים איז א שליח צו גאָט, א בעטער פאר אן אנדער נשמה. די נשמות הויבען זיך אן פון "אדם הראשון." דאן געהען די „אבות" אברהם יצחק ויעקב, און די „אמהות" שרה, רבקה, רחל לאה. דערנאָך — די נביאים, די תנאים, די אמוראים, די גאונים, דאן די רבייאים און געהויבענע חשוב'ע חסידים. דער רבי שטעהט ביי דרעהען די קנויטלאך און ווינשעוועט צו די ווייבער.

ערב ראש השנה ליגט אויפ'ן פענסטער, אין דעם רבינ'ס שטיבעל, א בוך מיט לעדיגע בלעטער. ער הייסט בללות־בוך. אלע חסידים קומען אריינשרייבען אהין זייערע נעמען און די נעמען פון זייערע קינדער. דאס איז, אזוי צו זאָגען, אן אויפגאב אויפ'ן גוטען צעטעל. פאר אריינשרייבען דעם נאָמען דארף יעדער חסיד בעצאָהלען פון פינף ביז צעהן קרייצער. דער אָבצאָהל געהט צו גונסטען די יושבים — דעם רבי'ס סוויטע.

די העכסטע שטופע פון ימים נוראים'דיגע התלהבות דערגרייכט דעם רבי'ס הויף צו דער „סעודה המפסקת", ביים פערפאסטען זיך ערב יום כפור. די סעודה ווערט געפראוועט, ווי געוועהנליך, ביים גרויסען טיש, אין גרויסען פאָליש. דער בעל־זער זאָגט דאן תורה — פלאם־פייער. חסידים ציטערן ווי א בלאט, אויסגעטאָן אין גאנצען פון „גשמיות". נאָך דעם לויפט דער רבי אין פון מקוה און פון מקוה מיט מאָדנע זריזות און אימפעט. טוט זיך אן מיט די זעלבע זריזות אין דעם זיידענ'ס ראש השנה'דיגע קליידער. דאן געהט אריין צו איהם אין חדר די פאמיליע. אלץ קוקט אראָב מיט פארטרויערטע אויגען. אלץ פערגעהט זיך אין א שטילען כליפען. דער רבי וויינט אויך, נאָר אויף זיין פנים איז דייטליך צו דערקענען מונטערע שטריכען פון שטראָהלענדער האָפנונג. ער וויינט און טרייסט און ווינשעוועט.

פאר „כל נדרי" געהט אריין דער רבי צוריק אין גרויסען פאָליש פון קלויז. אהין קומט גאַנץ שטעדטעל ווייבער. איצט, אין די לעצטע מינוטען, פאר'ן „גרויסען" קאמפף, איז ער, דער

שתדלן, דער פערטיידיגער פון זיינע חסידים. אין גאנצען מיט זיי, מיט די ווייבער, מיט די שוואכסטע, מיט די שוצלאז־טע, אבער אויך מיט טרייעסטע פון זיינע אנהענגער. „מאנסביל ארוים!“ שרייט ער צו די חסידים, איצט זאג איך נאר פאר ווייבער, „עז, ווייבער, זאלט אבהיטען אייערע קינדער, זיי זאלען זיך אום שבת ניט קאמען, מיט זייף זיך נישט וואשען, קיין ביכלאך נישט לייענען. די וואס האבען חתונה געהאט, זאלען קיין שייטלאך ניט טראגען, קיין האר זאל זיך ביי זיי ניט ארויסזעהן. אין די שקאלעס זאלט איהר די קינדער ניט אבגעבען... צייט תשובה טאן.“

די לעצטע ווערטער זענען א סיגנאל צו געהן אין שול. „ווינשעוועט מיר ווייבער!“ ווענדט זיך דער רבי צו זיינע חסיד׳קעס דעם לעצטען מאל, און לאזט זיך צום טיר.

די ווייבער שטופען זיך נאך איהם. יעדע סטארעט זיך נאך אמאל אין זיין הייליגען פנים אריינקוקען. אנדערע — כאטש בעריהרען זיינע הייליגע מלבושים און דערמיט אנצי־העז אויף זיך די קדושה.

„שטופט זיך ניט, ווייבער, געהט פאוואליע, זאגט דער רבי, אראבבויגענדיג דעם קאפ, ער זאל זיך חלילה ניט בעגע־גענען מיט א ווייבערשען קוק. די ווייבער ווערן געלאסענער, פיהלען זיך שטאלץ, וואס דער רבי האט מיט זיי גערעדט. דעם ערשטען מאל, דעם איינציגען מאל פאר׳ן גאנצען יאהר, האבען זיי די זכיה אזוי נאהענט צום רבי׳ן, ארום צדיק צו שטעהן. זיי פערנעמען עפעס אויך אז ארט אין זיינע רייניע מחשבות. זענען אויך מענשען...

און פיהלענדיג צו זיך א מין זעלבסט־רעספעקט, ווערן זיי ערנסטער, געהן פאוואליע הינטער דעם רבי׳ן, בליבען שטי־לערהייט, נאר וואגען ניט מיט׳ן פארטוך די אויגען צו ווישען.

דער רבי קומט אריין אין שול. א מורא ליגט אויף זיין פנים. ער טרעט לאנגזאם, פייערליך פארווערטס צום ארון קודש, צו זיין ווינקעל אין מזרח־וואנד. דער געדיכטער עולם ווערט, ביי זיין אריינטרעטען, צוטיילט אין צוויי ווענט. א שטי־לער ציטער בעוועגט אלעמענס לייבער. באלד ווערט אבער אלץ

פערגליווערט אין ערוואַרטונג פון עפּעס וויכטיגעס. דער רבי שטעלט זיך ביי זיין שטענדער און הויבט אָן צו זאָגן, וואָרט ביי וואָרט, מיט זיין אָנגעבראָכענעם שטענדיגען איכה־נגון, אַ קאַפּיטעל תהילים. נאָך דעם געהט ער ארויף צום ארון קודש. דער טויזענדקעפּיגער עולם בעגלייט איהם, זיין בעטער, זיין פערטיידיגער, מיט נידערגעשלאָגענע, שרעקעדיגע בליקען. ער וויקעלט זיך איין אין פּרוכת און ברעכט אויס אין אַ געוויין. אַ היסטערישער כליפּען ענטפערט איהם און מאַכט צאַפּלען די לופט אין דער ווייבערשער שול. דער שמש גיט אַ פּאַטש: שאַ! שאַ! די ווייבער פארגעהען זיך שטיל. דער שמש גיט נאָך אַ פּאַטש, דער רבי הויבט אָן זיך שלאָגען אין הארצען „חטאנו". דריי מאָל. אַזוי מעלדעט ער, האָט ער אַ קבלה פון טאַטען. אלע זאָגען נאָך, אלע קלאַפּען נאָך אין הארצען: „חטאנו." דאָס איז ערשט אָן אויפגאַב צו די לאַנגע „על חטא'ס", וואָס דארפען שפּעטער קומען.

דערנאָך הויבט אָן דער רבי זאָגען מוסר. די טעמע איז: די־זעלבע שייטלאָך, קאַמען זיך אום שבת, שקאָלעס, ביכלאָך און נאָך אַזעלכע „מורא'דיגע חטאים." נאָר איצט ווערט דאָס אלץ אי־לוסטרירט מיט שרעקליכע בילדער פון גהינום, פון קליינע קינ־דער, וואָס שטאַרבען; פון יונגע מוטער'ס, וואָס געהען אוועק פאַר דער צייט; פון אַנדערע גזרות און צרות, וואָס קומען אויף יודען, נאָר צוליעב די האָר־קאַמען, צוליעב די שייטלאָך, די ביכלאָך, די שקאָלעס...

די ווייבער איז שוין אוממעגליך איינצוהאַלטען. די לופט צאַפּלט זיך אין קאָנוואולסיען...

פסח אין רבי'ס הויף.

די סאמע פרעהליכע טעג אין רבי'ס הויף איז ערב פסח.

דער גאנצער הויף געהט כאדאראם. די שטימונג איז א מאדנע, א געהויבענע אויף יעדען פנים ליגט טיעפער ערנסט און וויכטיגקייט, עס הויבט זיך אן די גרויסע, די הייליגע אר־בייט פון באקען „שמורה".

דריי וואכען פריהער, פאר פסח, הויבט זיך אן דער געדר־דער. די הויפט ראלע שפילען דא די יושבים — דעם רבי'ס סוויטע. זיי ווערן שטרענג איינגעטיילט אין ראנגען. יעדע פונק־ציע (טייל ארבייט) פון דעם שמורה־באקען איז פערבונדען מיט א געוויסען ראנג. די העכסטע זענען: דער וואסער גיסער (אט דער „דזשאב" איז א חזקה פון הושיע דעם חזן, דעם קוויטעל־שרייבער אין טשארטקאווער הויף), דער מעהל־שיטער און דער מיירע־קוועטשער.

די „שמורה" ווערט אבגעהיט נאך פון סאמע שניידען די ווייץ אויפ'ן פעלד. מ'טאר אויף זיי קיין רעגען ניט לאזען א שפריץ טאן. די ווייץ דארף געמאהלען ווערן אונטער א ספע־ציעלער השגחה. אין רבי'ס הויף איז דא אויף דעם אן אייגענע האנדמיהל. די „יושבים" אליין מאהלען. די מעהל ווערט געהיט אונטער א שטארקער אויפזיכט ביז'ן סאמע באקען. געבאקען ווערט די „שמורה" אין א ספעציעלען אייוועז, וואס האט צוויי זייטען: פון איין זייט לעגט מען די מצה אריין; פון דער אנ־דער זייט שארט מען עס ארויס. דער מעהלשיטער, אזוי ווי דער וואסערגיסער, איז א געהויבענע הויף־פערזאן. די „מיירע" ווערט געקנאטען אין א גילדערנער שיסעל, וועלגער, רעדלער זענען שטאדט־בחורים'לאך, געהויבענע חסידישע קינדער, יושבים. אין בעלז טראגט דער רבי אליין וואסער פון טייך פאר

די שמורה; טראָגט די וואַסער אויפ'ן טאַטענס שטעקען; זאָגט דערביי הלל. אליין קנעט ער, וועלגערט און רעדעלט. דער טשאָרטקאָווער קומט נאָר אויפ'ן דריטען טאָג און בעטייליגט זיך נאָר אין שיטען די מעהל צו אַ פּאָר מיירעס. צו די הויכע ראַנגען בעלאַנגען אויך דער זעצער און דער ארויסנעהמער — צוויי אַרבייטען, וואָס געהערן אין אַלע פּאַדראַדען צו איין פּערזאָן — דעם זעצער. דאָ זענען זיי צעטיילט.

געצאָהלט, נאַטירליך, ווערט פּאַר אָט די הייליגע מלאכות ניט. דערפאַר אָבער בעקומען אַלע טיילנעהמער עסען פון רבי'ס קיך. די געהויבענע בעקומען יאַיכלאַך. די מאַסע וועלגער און רעדלער — אַז עק הערינג מיט אַ פּאָר זעמעל. מ'זאָגט, אַז די לעצטע יאָהרען איז פאַרגעקומען ביי די וועלגער סטרייקען. זיי האָבען „אויסגעקעמפּפט" צו די הערינג מיט זעמעל אויך אַ טעלער „יושקע". דאָס איז אַ מין שיטערער קרופּניק, וואָס מ'קאָכט געוועהנליך פאַר די „יושבים". דער דאָזיגער קרופּניק — ווי דער „מן", וואָס יודען האָבען געגעסען אין דער מדבר — האָט ניט קיין בעשטימטען אויסזעהן, ניט קיין בעשטימטען טעם. קינדער פון געהויבענערע חסידים בעקומען אויך אַ גלעזעל ביר. דער עיקר לוין איז אָבער צום סוף. דאָס איז דעם רבי'ס אַ „שמירה": יעדען איינעם גיט דער רבי אַ מטבע — די אָרי־מערע, אָדער פּראָסטערע — אַ קרייצער; די געהויבענערע — אַ „זעקסערל" (אַ 20־העלערשטיק). ווייל דער רבי גיט דאָס מיט זיין אייגען האַנד, איז דאָס ביי די חסידים פערעכענט פאַר אַ „שמירה", ד. ה. אַ מין קמיע. די דאָזיגע „שמירה" האַלט מען טייער און נאָר אין אַ נויט, אָדער, ווען עס ווילט זיך שטאַרק אביסעל משקה, ערלויבט מען זיך עס צו פערקויפען. דער מסחר מיט דעם רבי'ס „שמירה" איז בעזונדער ענטוויקעלט פּורים און שמחת תורה, ווען אַ פרומער יוד, איבערהויפּט אַ חסיד, מוז נעהמען אביסעל משקה, דאַן ווערט געמאַכט אויף די „שמירות" אַן אויקציאָן. עס ווערט אריינגעשטיגען ביז אַ קראָנע און נאָך מעהר.

דעם דריטען טאָג, ווי געזאָגט, קומט עדר רבי אַליין אין דער סויבעל־היטעל אין פּאַדריאַד אריין. ער געהט צו, דערלאַנגט

אליין וואסער, מעהל צו דער מיירע. דעמאָלט לאָזט מען קיין אינגלאַך ניט צו. די גרעסטע קינסטלער אין קנעטען מאַכען א וועט צווישען זיך, א קאָנקורס אין שנעלקייט. דער גרעסטער גבור נעהמט די מיירע און האלט זי אין די הענד. אלע וועלגער לויפען צו און קנייפען אב יעדער — זיך א שטיק. דער רבי זיצט אויבען אן מיט די קינדער. יעדער וועלגער לויפט צו מיט זיין מצה צום רבי'ן, מיט א הילצערנעם „חלף“ גיט דער רבי דריי שניט אין יעדער מצה. דאָס בעטייט „כהן“, „לוי“, „ישראל“. דערנאָך געהט דער רבי אַוועק. די קינדער בלייבען. די שמורה־מצה ווערט שפּעטער פאַרנאַנדער געשיקט איבער דער וועלט צו די חסידים.

צום סדר טוען די פרויען פון רבי'ס הויף אָן די שענסטע מלבושים, פוצען זיך אויס אין די פיינסטע צירונג, וואָס זיי האָבען. אויפ'ן טיש ווערען געשטעלט די בעסטע און שענסטע כלים, גאָלד און זילבער פינקעלט. מאַסען ליכט, הענגלייכטער, לאָמפּען בילדען א מין אילומינאַציע.

פּסח צום סדר איז דער איינציגער פאַל, ווען פרויען און מענער עסען בייזאַמען. דאָך, אפילו איצט עסען זיי אין איין זאַל, אבער ניט ביי איין טיש. פאַר ווייבער און מאַנסביל ווערן געשטעלט צוויי בעזונדערע טישען. דערפאַר זיצען אבער אויך די דינסטען און משרתים ביין טיש. ביי דעם בעלזער זיצט די גאַנצע פאַמיליע ביי איין טיש. בלויז די דינסטען זיצען אין זעלבען זאַל, נאָר הינטער א שפּאַניש ווענטעל. ער שמועסט געמיטליך מיט ווייב און קינדער, ערלויבט זיך אפילו ווערטלאַך צו זאָגען. דער עולם זאָל זיך אַמוזירען. ביי אנדערע טישען זי־צען חסידים — ביי א פּאָר הונדערט, אורחים, וואָס זענען גע־קומען צום רבי'ן אויף די סדרים. אין טשאַרטקאָוו דאַרפען קיין פרעמדע ניט זיין צו די סדרים. דאָס זענען די איינציגע טעג, ווען דער רבי טוט פון זיך אויס זיין אפיציעלען הייליגקייטס־מאַנטעל און בעלאַנגט אין גאַנצען זיין פאַמיליע. צוליב פון ווערען געלאַדען נאָר געציילטע אויסדערוויילטע חסידים, אוים־געוויייקטע מערידאַלניקעס.

דער סדר אין טשאַרטקאָוו געהט צו אויפ'ן ריזשענער'ס

שטויגער: מיט גרויס פייערליכקייט און צערעמאָניאל. יעדע שטיקל „הגדה" האָט איהר ספּעציעלען נוסח, איהר בעזונדער ניגון. דער רבי זיצט אין דעם ריזשינער'ס קיטעל מיט לאַנגע ארבעל ביז צו דער ערד. צווישען רבי'ן, רעבעצין און קינדער הערשט א ליבשאַפטליכע פאמיליען־שטימונג. דער סדר געדויערט זעהר לאַנג. ביי ר' דוד'לען, דעם אלטען טשאַרטקאָווער, פלעגט ער זיך אוועקציהען ביז פאר טאָג. דער איצטיגער, ר' ישראל'ניו, וועלכער איז א ביסעל מאָדערן, מאכט דאָס עטוואס קירצער. דער פּאָמפּ איז נאָך אבער כמעט דערזעלביגער. פון די „יושבים" איז קיין שפּור ניטאָ. אלע האָבען זיי געמוזט אוועק מיט „בעור חמץ". ערשט צו די אנדערע טעג הויבען זיך אָן יאַ־ווען איינצעלנע חסידים.

שבועות האָט ניט קיין בעשטימטע פּראָגראַם און צערע־מאָניאל. שבועות איז וועניגער פייערליך ביי די גאַליצישע רבייאים, דערפאר איז דעמאָלט מעהר אונגעצוואונגען און פרעהליכער. עס קומען ספּעציעל יונגע לייט, יונגע איידעמס, א לעב טאָן ביים רבי'ן. דער פריהלינג פון דער נאַטור און דער פריהלינג פון מענשען פאַרטרעט דאָס זייניגע, אפילו אין רבי'ס הויף.

שמחת תורה אין רבי׳ס הויף.

ביין בעלזער רבי פראוועט מען שמחת תורה כמעט מיט דערזעלבער איינפאכקייט אין דעמאקראטיזם, ווי ביי אלע יודען. חסידים רינגלען ארום דעם רבי׳ן, פאטשען מיט די הענד, דער בעלזער שטעהט אין מיטען, טאנצט אליין און מאכט א ראד. דער דאווגען ציהט זיך ביז דריי, פיער נאך האלבען־טאג. דעם רבי׳ס תורה איז איצט פול מיט „גימטריאות*), מיט אנוויינקונגען אויף דער גאולה.

מיט מעהר פייערליכקייט און צערעמאניע ווערט געפראוועט „שמחת תורה אין טשארטקאוו. אמת, צו די הקפות, „הושענה רבא“ ביי נאכט (ביי חסידים געהט מען מיט הקפות, אנשטאט שמיני עצרת ביי נאכט — הושענה רבא אין אבענד), איז די שטימונג נים קיין פרייליכע. דאס איז דערפאר, וואס „הושענה רבא“ איז דעם אלטען רבי׳ס, ר׳ דוד׳לס, יאהרצייט. א סך חסידים זאגען די גאנצע נאכט תהילים ביים רבי׳ס „ציון“ (דענקמאל). דער „ציון“ איז ארומגעהאנגען פון אינעווייניג מיט לעמפלאך. 8 א זייגער אין דער פריה קומט דער רבי אליין אויף זיין טאטענס קבר, ער זאגט תהילים און לעגט א קוויטעל. די ערשטע יאהרען נאכ׳ן אלטענס „פטירה“, פלעגט ער שטארק וויינען. איינס א זייגער איז דער „טיש“. דער רבי זאגט תורה. די שטימונג איז נאך אלץ אן אומעטיגע, ביז סאמע „שמיני עצרת“, פאר הקפות זאגט דער רבי אליין „אתה הראית“.

---

*) גימטריאות — הייסט די קונץ אויסצופיהרען, אז איין ווארט מיינט דאס זעלבע, וואס דער אנדער ווארט, ווייל די אותיות, וואס האבען אין העברעאיש די בעדייטונג פון ציפער, גיבען אין דיביידע ווערטער דעמזעלבען סך הכל.

דעם פסוק „בעבור דוד עבדך אל תשב פני משיחך“, זאגט ער מיט בעזונדער דבקות, דריי מאל. דערמיט איז אנגעוואונקען די שייכות צווישען ר׳ דוד׳ל און משיח׳ן. ערשט נאכ׳ן טיש ווערט לעבעדיגער. דער רבי געהט ארוים צום פענסטער, חסידים קלייבען זיך ארום און מאכען א „רקוד“. א טענצעל הייסט עס. דאס דויערט ביי א שעה. דער רבי בויגט זיך ארונטער פון פענסטער, ווינשעוועט די חסידים: „לשנה הבאה בירושלים“. אין אבענד לאזט מען זיך גרופענווייז אין שענק אריין נאך משקה, ווער עס האט דעם רבי׳ס א „שמירה“ פארזעצט עס אין דריי מאל, אדער מאכט אן אקציאן אויף 5 מאל אזוי די ווערט. עס טרעפט אז מ׳שטייגט אריין פאר דעם רבי׳ס „מטבע“ ביז א רייניש און מעהר. ארום ניין א זייגער געהט דער עולם צום רבי׳ן אויף קדוש. ער זאגט תורה, די שטימונג איז שוין פאלקאם א פרעהליכע. דער רבי זאגט נאך אמאל „אתה הראית“, מ׳טראגט אריין אין קלויז שטוהלען. דער רבי זעצט זיך אין מיטען. ארום איהם די קינדער. מ׳זינגט און מ׳טאנצט. דער גבאי מאכט די נגידישע אורחים „מי שברך׳ס“. זיי גיבען נדבות אויפ׳ן קלויז. נאך האלבע נאכט פיהרט מען אב דעם רבי׳ן אהיים. מיט א נגון, עקסטרא פאר „שמחת תורה“ געמאכט פון זיין כבוד וועגען. דער רבי קען זיך ניט שיידען מיט זיינע חסידים, ווידער געהט ער ארוים צום פענסטער, ווידער א ריקוד׳ל, ווידער געזאנג און ווינשענעס, מ׳לאזט זיך אהיים, אדער אין שענק קאמפאניעסווייז און מ׳שכור׳ט ביז אין טאג אריין.

א חתונה אין רבי׳ם הויף.

זעהר פריה טוט מען שדוכים אין רבי׳ם הויף. חתן־כלה זע־נען אלט צו די תנאים ניט מעהר, ווי צעהן, צוועלף יאהר. דער שדוך גופא ווערט אבער בעשלאסען פריהער; ניט זעלטען, בשעת די קינדער זענען נאך אין די וויגען. ווי דער חתן, אזוי די כלה, נעהמען, נאטירליך, קיין שום אנטייל ניט אין זייער שדוך. דער שיקזאל פון דער קינפטיגער פאר פאלק ווערט בע־שלאסען אהן זיי, פון טאטעס־מאמעס, מיט דער הילף פון די גבאים, משולחים, נאהענטע חסידים צום הויף. אזוי ווי אין די קעניגליכע הויפען, ווערן דא אויך שדוכים געשלאסען מיט דיפלאמאטישע חשבונות. דער טשארטקאווער הויף פערבינדט זיך אם מעהרסטען אין מחתונ׳שאפט מיט ר׳ נחום און ר׳ מאטע טשערנאבלער׳ס גזע פון רוסלאנד און מיט ר׳ מענדעל קאסע־ווער׳ס גזע פון וויזשניצע (גאליציען). דער בעלזער הויף איז אין אט דער הינזיכט טריי זיינע דעמאקראטישע פרינציפען, ער קנעפעלט זיך מיט קלייגע ארימע רביים.

פון תנאים ביז דער חתונה געהט אוועק א זיבען אכט יאהר. אז חתן־כלה ווערען אלט 16־17 יאהר הויבט מען אן זיך גריי־טען צו דער חתונה. צו 18 יאהר, ווי דער פסוק הייסט, פראוועט מען די חתונה. מיט א יאהר פריהער בעקומען חתן־כלה מתנות. דער חתן הויבט אן צו שרייבען „אהובי־ידידי“ בריוועלאך, — ניט חלילה צו דער כלה, — נאר צום מחותן. אין די בריוועלאך ווערט אריינגעפלאכטען חסידישע תורה, פערפאסט פון חתן׳ס מלמד, וואס איז אויך קאנדידאט אויף א גבאי, בשעת דער יונ־גער מאן בעקומט שפעטער א טראן און ווערט רבי. חתן־כלה זעהען זיך ניט ביז נאך דער חופה. דערפון קומען פאר אפט טראגעדיעס אין רבי׳ם הויף. גאר די לעצטע יאהרען איז פאר־

געקומען איז אַט דער הינזיכט אַ רעוואָלוציע ביים טשאָרטקאָ־
ווער רבי'ן. חוה'לע, זיין יונגסטע טאָכטער, האָט זיך איינגע־
שפּאַרט, אַז אויב זי וועט ניט זעהן דעם חתן, וועט זי ניט געהן
צו דער חופּה. דאָס האָט געמאַכט גרויס שטורם אין הויף. נאָר
ווייל זי איז דעם רבי'ס ליבלינג, — האָט מען איהר צום טייל
געמוזט נאָכגעבען. אָבער דאָס זעהענעס איז פאָרגעקומען גאָר
אויף אַ מאָדנעם (ניט מאָדערנעם) שטייגער. אונגעפעהר
אַ האַלב יאָהר פאַר דער חתונה האָבען זיך חתן־כלה צוזאַמען־
געפאָהרען אויפ'ן וועג. ביידע צוגען, מיט וועלכע דער חתן
און די כלה זענען געפאָהרען, האָבען זיך בעגעגענט אויף אַ
סטאַנציע. די צוגען זענען געשטאַנען איינער אַנקעגען דעם אַנ־
דערן, נאָר איניגע מינוט. חתן און כלה זענען געשטאַנען אין
די פענסטער, אזוי, אַז ניט קוקענדיג איינער דעם אנדערן אין
פּנים אריין, האָט מען דאָך געקענט כאַפּען איינער אויף דעם
אַנדערן אַ בליק. דאָס איז געווען גענוג.

אַ יאָהר פאַר דער חתונה ווערן ארויסגעשיקט איבער דער
וועלט משולחים קלייבען געלד. די דאָזיגע עקסטרא משולחים
דאַרף מען ניט פערמישען מיט די שטענדיגע משולחים, וואָס
פאָהרען ארום צוזאַמענעהמען פאַר דעם רבי'ן „מעמדות“
פון די חסידים — יעהרליכער שטייער, וואָס יעדערער פון די
רייכערע חסידים נעהמט אויף זיך צו צאָהלען דעם רבי'ן. דאָס
איז דער וויכטיגסטער טייל אין דעם רבי'ס בודזשעט. פאַראַן
חסידים, וואָס פאָהרען קיין מאָל ניט צום רבי'ן, און „מעמדות“
צאָהלען זיי. אנדערע חסידים ווייעדר פעלשען אַז דעם רבי'ן,
קלויבען זיך אויס אַן אנדערן, צו יענעם פאָהרען זיי, אין יענעם
גלויבען זיי. אָבער דעם אַלטען רבי'ן צאָהלען זיי פונדעסטוועגען
זיינע „מעמדות“. דער עקסטרא־משולח קומט אין אַ שטאָדט, צי
אין אַ שטעטעל, פערפאָהרט ער געוועהנליך צו דעם סאַמע
חשוב'ן חסיד פון יענעם אָרט. דער חסיד מאַכט אַן אסיפה. עס
קומען אַלע חסידים פון שטאָדט, מ'מאַכט אַ וועטשערע לכבוד
דעם רבי'ס צוקונפטיגע שמחה. מ'נעמט אַ ביסעל משקה. יעדער
חסיד ווייס שוין צוליעב וואָס ער קומט, ער ברייגנט מיט זיך
אַ געוויסע סומע געלד און גיט אָב דעם משולח אויף הוצאות

חתונה. דעם צעטעל פון די געזאמעלטע געלד שיקט מען אב דעם רבי'ן. א קאפיע בלייבט, צוליעב קאנטראל־צוועקען, ביי די ארטיגע חסידים. פאראן שטעדט, אדער איינצעלנע גבירים, שענע יודען וואס ס'איז געגנג פאר זיי א בריוועל — שיקען זיי אליין אריין. אנדערע ווידער שיקען אהן א בריוועל דעם רבי'ן זייער חתונה־שטייער. אזוי ארום קלייבט זיך אויף ביים רבי'ן אויף חתונה־הוצאות א פופציג, זעכציג טויזענד גולדען. די חתונה קאסט געוועהנליך א צעהן־צוועלף טויזענד גולדען. דאס איבריגע בלייבט ביים רבי'ן.

צוויי וואכען גרייט מען זיך צו דער חתונה, אין רבי'ס הויף איז א יריד, מ'קאכט, מ'באקט, מ'פרעגעלט, מ'מאראנירט; עס זיצען טאג און נאכט שרייבער און מאכען צעטלאך פון סטאנציעס פאר די געסט. פאר'ן פארשפיל מאכט מען א סעודה פאר ארימע לייט. עס שפילען פאר זיי קלעזמער; די רעבעצין מיט די קינדער טיילען אליין, גיבען יעדען ארימאן א נדבה.

אויף מארגען מאכט מען א סעודה פאר „מקבלים" — אויך ארימע לייט אבער געהויבענע, אזעלכע וואס קענען לער־נען, אדער שטאמען פון יחוס, דא אויף דער סעודה פראוועט שוין דער רבי אליין טיש. די „מקבלים" קריגען נאטירליך א בעסערען חלק און א שענערע נדבה.

פאר'ן אלטען טשארטקאווער פלעגט מען מאכען נאך א דריטען טיש — ספעציעל פאר דער קריסטליכער אריסטאקרא־טיע, וואס זענען געווען גרויסע בעלנים צוצוזעהן א חתונה ביים רבי'ן. צום פארשפיל, וואס קומט פאר דעם פרייטאג פאר די אויפרופענעס, הויבען זיך אן קלייבען די ערשטע שוואלבען, די געלאדענע חסידים פון קלענערען און מיטעלען ראנג. די „פער" פון די חסידים, ווי אויך די רביים, די רבנים און דעם רבי'ס משפחה, קומען צוויי טעג פאר דער חופה. אנטקעגען די גרעסע־רע רביים פאהרט דער רבי ארויס אליין מקבל פנים זיין זיי. די קלענערע רביים פאהרען איבערנעהמען — די קינדער. דער אנפאהר איז א גרויסער: עס קומען טויזענדער מענשען. דער רבי אליין „פראוועט" נים. ער איז צופיעל פערנומען מיט דער שמחה. דערמיט בענוצען זיך די אנדערע רביים. פאר די פאר

טעג, ביז דער חופה, שארען זיי אריין א היבש ביסעל „פדיונות“, ווארום דאס הארץ ביי די חסידים איז דעמאלט מעהר אויפגעראמט; די האנד ברייטער. א סך חסידים פראוועז ניט בלויז ביי זייער רבי'ן, נאר ווילען פערזוכען אויך אן אנדער רבי'ן. קיין קאנקורענץ, קיין קנאה, קיין שנאה איז דעמאלט ניטא צווישען די חסידים, די רביים. אלץ פיהלט זיך פון איין גזע, פון איין שורש.

א טאג פאר דער חופה איז דער „חתן־מאל“*). דאס קומט פאר אין א „שאלאש“ — א מין גרויסע קאזארמע ארומגעשטעלט פון אינעווייניג מיט בענק. ווי אין א שוויצבאד. דער רבי (פון כלה'ס צד) קומט מקבל זיין דעם חתן. עס ווערט אויפגעשפילט א מזל טוב. פריהער לכבוד די מחותנים. דאן לכבוד די רביים. פאר יעדען רבי'ן בעזונדער. מארשאליק און קלעזמער מאכען געלד. ענדליך פיהרט מען אריין די כלה. חתן־כלה נעהמען זי ביי די הענד — ניט חלילה דירעקט איינער צום אנדערן. נאר דורך א טיכעלע. זי — ביי איין עק; ער ביי דעם אנדערן. חסידים געהען א קאראהאד. דאס זעלבע פאסירט ביי דער רביצין צום „נאכט־מאל“.

עס קומט דער טאג פון דער חופה. אלע דעכער פון דעם רבי'ס הויף, און ארום, זענען שווארץ פון מענשען. אויפ'ן „הויף“ גופא איז א שפילקענע קעפל ניט אריינצושלאגען. די חופה קומט פאר דינסטאג, אדער פרייטאג. עס ווערן אריינגעשלאגען טיעף אין דער ערד פיער הויכע סלופעס, ווי טעלעגראף־זיילען. אויבען ווערט אנגעצויגען די חופה. אין דער צייט פון דער חתונה איז אויפ'ן הויף ניט קיין מארק, נאר א יריד. אלע דריי טריט איז אנגעשטעלט: טישלאך, בענקלאך, אלמערלאך מיט אלערליי ביליגע מאכלים, נאשערייען און געטרענק. פון צעהנדליגע שטעדטלאך און דערפער ארום קומען זיך צונויף יונגען און מוידען. אויף דער חתונה אין רבי'ס הויף ווערט נאך מיט וואכען פריהער געמאכט צוזאמענטרעפענישען. דא ווערן פערקניפט ראמאנען, געשלאסען שדוכים, נאטירליך ניט פון

*) חתן־מאלצייט.

כשר'ע חסידישע קינדער, נאר פון די פרייע פויגלאך — קינ־דער פון „דעק".

די ארדנונג ווערט אבגעהיט פון מיליטער, ניט קיין אמת'ע, נאר אויף צוכלומרשטע — חסידישע „מיליטער". צווי־שען די „יושבים" און די איבריגע חסידים איז שוין פאראן ספעציאליסטען, וואילע יונגען, וואס קענען שפילען די ראלע פון סאלדאטען, קאפראלען און גענעראלען. אין רבי'ס הויף איז שוין פאראן צוליעב דעם צוועק מונדירען, וואס גיהען איבער בירושה פון דור צו דור. פאפירענע היטלען, טראמפייטען, פאהנעס, שטעקלאך, — דאס ווערט שוין בעשאפען עקסטרא צו יעדער נייער חתונה. פאראן אינפאנטעריע (פוס געהער) און קאוואלעריע (פערד רייטער). זייער ראלע איז, איבריגענס, ניט אזוי א מיליטעריש - פאליצייאישע, ווי א קאמיקער־לצים־ראלע. זייער פליכט איז ניט אזוי אונטערהאלטען ארדנונג, ווי אונטער־האלטען דעם עולם, א מין פורים־שפילער.

אויף אמוזירען דעם עולם ווערן אראבגעבראכט בראדער קלעזמער, וואס האבען א נאמען אין גאליציען, מיט שמואל דעם קלעזמער אן דער שפיץ. שמואל דער קלעזמער איז א גרוי־סער מייסטער אויף אויספירען אלערליי קונצען האלטענדיג זיין פידעלע אויפ'ן פלייצע. דער עיקר איז אבער ירחמיאל דער מארשאליק — אן אלטער חעלמער חסיד, וואס האט שוין חזקה אויף בדחנות אויף יעדער חתונה אין רבי'ס הויף. די בדחנות איז אויפגעקניפעלט מיט תורה, מיט חסידות, מיט קבלה, אויף דעם איז א גרויסער מייסטער דער בעריהמטער אונגארישער בדחן גאטליב, וועלכער ווערט אין געהויבענע פאלען אויך אראבגעבראכט אין טשארטקאוו, אדער אין באיאן.

פאר דער חופה ווערט די כלה ארייגעפיהרט אין א בעזונ־דער חדר און דארט ווערט איהר אבגעגאלט די גאנצע קאפ. חוה'לע, דעם טשארטקאווער רבי'ס טאכטער, כאטש זי איז א דענקענדע און א ציוניסטקע, האט זיך דאך געלאזען אבשערן די האר. געהט זי אבער אין אזא קונציגען שייטעל, אז איהר וועט אויף קיין פאל ניט דערקענען, אז זי טראגט פרעמדע האר. דערפאר האט ארויסגעוויזען א גרויסען פראטעסט דעם בעל־

זער רבי׳ס שנור. כאטש זי איז פון א זעהר פרומע רבייאישע שטוב, אבער זי איז פון רוסלאנד, און האט מיט איהרע אויגען געזעהן די רוסישע רעוואלוציע. זי האט זיך בשום אופן ניט געוואלט שיידען מיט איהרע שענע לאנגע האר. האט גע׳חלש׳ט, געגוואלדעוועט, וועלטען איבערגעקעהרט. דער חתן און דער גאנצער עולם האבען געוואוסט וואס ס׳טוט זיך און האבען גע־ווארט מיט שרעק. מ׳האט איהר כמעט מיט גוואלד, א גע־חלש׳טע, די האר אבגעשניטען. דערפאר איז זי באלד נאך דער חתונה אנטלאפען. די האר האט זי אבער פערלארען. דער חתן האט איהר, אפנים, ליעב געהאט. מ׳האט אנגעשטעלט מענשען. דער יונגער מאן איז געקומען איבערבעטען איהר. מ׳האט איהר צוגעזאגט „פריווילעגיעס״ און „פרייהייטען״ און איהר פער־זענליכע אויפפיהרונג. זי האט זיך געלאזט איבערבעטען און גע־קומען צוריק אין בעלז.

נאר לאמיר זיך אומקעהרען צו דער חופה.

די חופה אין רבי׳ס הויף איז ווי ביי אלע יודען. „מסדר קידושין״ זיין איז מען מכבד דעם גרעסטען רבי. נאך דער חופה דערלאנגט מען די גילדערנע יוך. דאס איז א „כבוד״ ספעציעל פאר די רביים. פאר די גילדערנע יוך ווארפט מען אין טעלער געלד: קרייצערס, קראנען, גולדענס, ווי ווער עס פערמעגט. דאס געהט פאר די קעכינס און סארווערס. נאך די גילדערנע יוך לאזט זיך דער עולם אין רבי׳ס סאלע. נאטירליך געהט ניט דער גאנצער עולם. נאר א פאר הונדערט מענשען, פון די מעהר געהויבענע חסידים. דער רבי טיילט אליין לעקאך, וויין, קלעז־מער שפילען, חסידים געהען א ריקוד׳ל. דערביי ווייזט יעדער ארוים זיינע קונצען. די רביים מיט די חסידים — צוזאמען. ראנג און יאהרען ווערן פארגעסען. אלץ קומט אריין אין „התפשטות הגשמיות״: מ׳פיהלט ניט קיין גוף! דורכאוים — רוחניות, הימלישער תענוג...

גאנצע טעג געהט אוועק אין אזא צושטאנד. טאג און נאכט ווערט געשפילט, געטאנצט און געהוליעט. ביי נאכט ווערט דער הויף אילומינירט מיט „שטורקאצען״, אנגעצונדענע אנע־

צעם מיט סמאַלע. יעדען טאָג ווערט געשפּילט און געטאַנצט און עקסטרא ריקוד'ל אונטער רבי'ס פענסטער.

אזוי גייט דאָס ביז פרייטאג צו נאכט. דער עולם איז מיד פון טענץ און הוליען. אין קלויז איז דעריבער צו „קבלת שבת" און מעריב בלויז א פאר צעהנדליג פאראן. דער גרויסער עולם צושיט זיך אין קליינע מנינים. דערפאר געהען שבת פריה אלע אין קלויז. מ'פיהרט די חתן־כלה אין שול. עליות טיילט מען נאר רבנים. מיט קידוש אבער איז מען מכבד אלע חסידים. דער רבי טיילט ווידער לעקאך און בראנפען. שבת צו מיטאג איז געלאדען צום רבי'ן נאר די משפחה. דערפאר אבער הויבט זיך אן נאך דער הבדלה די שמחה גאר אויף א נייעם קאן. דער רבי טיילט ווידער לעקאך און בראנפען. עס ווערן ווידער געשפּילט מזל־טוב'ן לכבוד די חשובע געסט. דער ברחן, די קלעזמער ארבייטען אויף אלע כלים. די שטימונג איז — ברען. די וועלט איז הפקר. דער פרייז פון כבודים און מזל־טוב'ן שטייגט ביז'ן הימעל: א קראנע, א רייניש א סקריפ. די גאנצע נאכט שטורמט פון טענץ.

זונטאג ביי טאג רוהט מען אביסעל אב. זונטאג איז דער צענטער פון דער חתונה־הוליאניע. מ'גרייט זיך שטארק צום אבענד, צו דער ג ר ו י ס ע ר ו ע ט ש ע ר ע. היינט קומט פאר אויך, אלס אויסנאם, פאר געהויבענע חסידים „פראווענעס" ביים רבי'ן. חסידים גארען צו זעהן דעם רבי'ן פנים אל פנים, און א פדיון וואָרפט מען ניט ארויס... די וועטשערע קומט פאר אין „שאלאש" — ווי געזאגט א לאנגע און א ברייטע געמויערטע געביידע. וואס זעהט אויס א גאנצען יאהר, ווי א סטאדאלע און שטעהט פוסט. איצט אבער, צו דער וועטשערע, ווימעלט דא מיט טויזענדער מענשען. איבעוועניג און ארום. ערטער ווערן דארט פארכאפּט פון דער פריה, און די וואס האבען פארכאפּט דעם פלאץ שטעהען אב אויף אזא נ'אופן, ווארטענדיג אויף דער וועטשערע, 17-18 שעה אויף די פיס. די וועטשערע איז דער צענטער, דער עיקר פון דער חתונה. און די דרשה־געשאנק איז דער עיקר פון דער וועטשערע. דרשה־געשאנק ווארפט מען פערשיידענע שטוב זאכען, זילבערנע און גילדערנע געפעס און

מזומן געלד — גאָלדענע רענדלאַך. דאָס געהט אַלץ פאַר דער פאַר־פאָלק. דרשה־געשאַנק פאַלט אריין א שענע פאַר טויזענ־דער. דאָס איז זיי א בעפרידיגונג פאַר דעם קארגען נדן. ווארים נדן, איז א מנהג ביין רבי׳ן צו געבען אַ קינד ניט מעהר פון צוויי טויזענד רובל. דאָס איז אין טשאַרטקאוו. אין בעלז — נאָך ווענינער.

פאר טאָג ערשט געהט ארוים דער רבי פון „שאַלאש“. געהט צו זיך אין חדר. דעמאָלט הויבט זיך אָן אויף׳ס ניי טענץ און מוזיק. דער רבי ווארפט געלד. מ׳דרעהט זיך אין קאראהאָדען — „עגול־טענץ“ אויף חסידישען לשון. „עגול בתוך עגול און צוויי־שען — עגולים, ס׳הייסט א ראָד אין אַ ראָד און צווישען ווייטער רעדער־טענץ. די בעריהמטע הוליאקעס ווייזען דאַ זייערע שטיק, זייערע קונצען. די התלהבות גרייכט צו דער העכסטער שטופע, געלד איז בלאָטע.

אכט—ניין אין דער פריה ווערט שוין שיטערער. דער עולם צו־פאָהרט זיך. צו „שבע ברכות“ בלייבט שוין ניט קיינער. אחוץ די שטעדטעלדיגע באלעבאטים. זיי קומען אָבגעבען מזל טוב. דער רבי פערברענגט מיט זיינע שטעדטעלדיגע חסידים גאָר אויף דאָס ניי. מ׳טאַנצט, מ׳שפּיעלט, מ׳הוליעט א גאַנצע נאַכט.

דעם רבינ׳ס „סוויטע״.

דעם רבי'ס „גוואַרדיע" און דעם רבי'ס סוויטע.

אזוי ווי אַלע אמת'ע, קעניגליכע, הויפען, האָט אויך דעם רבי'ס הויף זיין „גוואַרדיע" און דער רבי האָט זיין „סוויטע". נאָר די „גוואַרדיע" פונ'ם רבי'ס הויף, און דעם רבי'ס „סוויטע", בעשטעהט לחלוטין גאָר פון אנדערע מענשען, ניט אזעלכע, ווי איהר בעגעגענט, א שטויגער, אין די הויפען פון אמת'ע קיסרים. דאָרטען, אין די הויפען פון אמת'ע קיסרים, בעשטעהט די גוואַרדיע פון געזונטע יונגען מיט ברייטע ביינער, דעמביגע פיס און הענד, און פון קאָפּ ביז די פיס, גוטע אנדערהאַלבען קלאָפטער. די סוויטע־לייט — דאָס זענען די גרעסטע לייט פון דער מדינה, נאָהענטע קרובים צום הויף, דער שפּיץ פונ'ם פּריצישען יחוס.

דעם רבי'ס גוואַרדיע אבער — דאָס זענען די סאַמע אויסגעוויקטע חסידים, ביטערע קבצנים — לאַפּסערדאַקעס, וואָס האָבען אויף זייער לעבען ניט געזעהן נאָהענט צו די אויגען אַן אמת'ן ביקס און אַ שווערד. די פערד, אויף וועלכע זיי רייטען, זענען אַלטע, אויסגעמאַטערטע קליאַטשעס פון ארימע יודישע וואַסער־פיהרער. זייערע "קיווערס" און „שליפערס"— פון פאַפּירענע גאָלד; זייערע ביקסען — דער ווייבס קאָצערע, און שווערדען — פונקט דיזעלבע, וואָס זייערע זיהן די חדר־יונגלאַך, מאַכען זיך תשעה באב צו געהן מיט זיי אויף די קברים. מלחמה — ווייסען זיי, אז מ'דאַרף פיהרען נאָר מיט'ן שטן. דערצו איז די בעסטע געוועהר — דער בלאָז פונ'ם „בעל תקיעה".

מיט איין וואָרט: דעם רבי'ס גוואַרדיע — דאָס זענען

די פרידליכסטע מענשען אויף דער וועלט. זיי ווערען געברויכט ניט, חלילה, אויף א מלחמה, נאר אויף א חתונה אין רבי'ס הויף. די „געוועהר" מיט די „מונדירען" טוען זיי אן ניט צו שרעקען דעם עולם, נאר, פערקעהרט, כדי צו מאכען איהם פרעה־לאך. דאס איז א מין פורים־שפילער קאוואלעריע. און פרעהלאך מאכען קענען זיי. ווארום דאס זענען, פון דער נאטור, פרעהלי־בע קבצנים, לוסטיגע נפשות, וואס קימערן זיך ווייניג וועגען היינט און נאך ווייניגער וועגען מארגען.

וואס אנבעלאנגט דעם רבי'ס „סוויטע", איז, אויב זי האט עפעס עהנליכקייט צו א קעניגליכע סוויטע, איז סיידען צו דער סוויטע פון „דוד המלך", איידער ער איז „מלך" געווארען. ווי דער פסוק זאגט אויף איהם:

„ויתקבצו אליו," און עס האבען זיך געקליבען צו איהם, כל איש מצוק, יעדער מאן, וואס האט א שווערן געמיט, וכל איש אשר לו נושה, און יעדער מאן, וואס בעלי חובות קוועטשען איהם, וכל איש מר נפש און יעדער מאן מיט א ביטער הארץ*)

אין דעם רבי'ס סוויטע קלייבען זיך אויך חסידים, וואס לעבען אין דער היים אין געהאקטע צרות. חסידים, וואס האבען א בייזע מערכה פאר דער ווייב, אדער פערקעהרט, וואס די ווייב האט פאר זיי א פינסטערע מערכה; חסידים, וואס מוזען מאכען פליטה פון בעלי חובות; פויליאקעס, וואס ווילען ניט הארעווען און געבען א ווייב מזונות; וואס טויגען ניט צו גאט און צו לייט; שנארערס און בטלנים, וואס זענען גלאט אויסען צו כאפען אן אומזיסטען ביסען פונ'ם רבי'ס טיש.

צווישען אט די סארטען מענשען אין רבי'ס הויף קריגט איהר אבער אויך גאר אנדערע נאטורען: מענשען מיט א „נשמה יתרה", מיט געבארענע טאלאנטען, וואס זענען צו אריגינעל, אז זיי זאלען זיך קענען צופאסען צום וואכעדיגען לעבען פון א דורכשניטליכען מענשען. זייער נשמה זוכט עפעס העכערס, שטארקערס, טיעפערס, צו וואס זיי זאלען זיך קענען אבגעבען מיט אלע זייערע חושים. זיי זוכען בעגייסטערונג פאר הויכע

*) שמואל א, קאפיטעל כ"ב, פסוק ב'.

מחשבות, פאר גרויסע מעשים. און אט די בעגייסטערונג קענען זיי ערגעץ אנדערש ניט קריגען, ווי נאָר ביים רבי'ן.

אין דעם רבי'נס „סוויטע" געפינען זיך העכסט קאָמישע נאַטורען: לצים, געניאַלע שווינדלער, פרייע פויגעלאך, וואָס פאַר זיי איז צו נידריג די ברויט־האָוועגעס פון א פשוט'ן בשר ודם; זיי זענען אבער צו אינטעליגענט צו ווערען קאַטערינש־טשיקעס, קאָרטענוואַרפערס און מזל־טרעפערס. איהר געפינט דאָרטען מעשיות־דערציילער, וויצען־ און ווערטלעך־זאָגער, האָפקע־שפרינגער, נגונים־און־ליעדלאך פערפאַסער. דאָ, אין רבי'ס הויף, איז דער ערשטער קוואַל פון דער יודישער פאָלקס־מעשה און, ניט זעלטען, פונ'ם יודישען פאָלקס־ליעד. צווישען די פערקריפּעלטע נשמות, געפינען זיך דאָ הויכע און שטאַרקע פּאַטעטישע נשמות — די טרייע זאַמלער און בעהאַלטער פון דער יודישער לעגענדע פאר די לעצטע פאַר הונדערט יאָהר.

אין אט דעם פילפאַרביגען מישמאַש פון דעם רבינ'ס סוויטע, קענט איהר אויך געפינען העכסט דראַמאַטישע נאַטורען. דאָס זענען צובראַכענע נשמות, וואָס האָבען דורכגעמאַכט אין זייער לעבען אָדער אין זייער אינערליכער וועלט א מורא'די־גען חורבן. זייער שיף איז צעבראָכען געוואָרען אין שטורם פונ'ם לעבען און זיי האָבען זיך געראַטעוועט נאָר אויף א קליין שפּענדעל. און אויף דער שפּענדעל האַלטען זיי זיך, אויסגעטאָן פון אַלץ, וואָס בילדען ביי די אַרומיגע מענשען דעם אינהאַלט פון לעבען.

אַט אזוי איז פול דעם רבי'ס הויף מיט אַלערליי ברואים. קאָמישע און טראַגישע נפשות, הויכע, נידעריגע, פערקריפּעלטע און בענאַבטע נשמות. דאָס אַלץ איז פערפלאָנטערט צוזאַמען. דרעהט זיך צוזאַמען אין דעם לאַנגזאַמען אַלטפּרענקישען לעבען פונ'ם רבי'ס הויף. מיר ווילען פּרובען אייניגע פון זיי אַרויס־נעהמען פונ'ם אַלגעמיינעם פלאָנטער און שטעלען זיי פאַר'ן לעזער אין זייער ניט צוגעפאַרבטער, פשוטער ווירקליכקייט.

דער „יאַפּאַנטשיק“.

פאַר וואָס מ׳רופט איהם „יאַפּאַנטשיק“ איז שווער צו זאָגען. די איינציגע עהנליכקייט זיינע מיט א יאפּאנעזער איז פיליכט דאָס, וואָס ער איז א קורצינקער, א דארינקער. אָבער ניט מעהר. אין אַלע איבריגע זאכען איז ער א טיפּ פאַר זיך, וואָס האָט אין פאָקלסטימליכען יודישען טיפּען־לעקסיקאָן, א ספּעציעלען נאָמען: דער „שרעטעלע“.

און באמת דרעהט ער זיך אום אין הויף עפּעס, ווי א ווירקליכער „קליין מענשעלע“, וואָס פּלאָנטערט זיך ארום די פיס פון גרויסע. יעדערער פיהלט, אז עפּעס פּלאָנטערט זיך ארום זיינע פיס. נאָר ער קען עם ניט אבשטופּען, ניט מיידען. נאָך מעהר: ער פיהלט, אז דאָס איז נויטיג, דאָס געהערט צום אלגעמיינעם „רומיל“ פון׳ם רבינ׳ס הויף, פון׳ם רבינ׳ס טיש.

און נאָך בעסער פון אלעמען פיהלט דאָס טאָקע ער, דער „יאַפּאַנטשיק“ אליין. ער איז שוין אלט א יאָהר 90. האָט מעהר ניט ווי איין אויג. פונדעסטוועגען לויפט ער פלינק, ווי א שרעטעלע. מ׳ברויכט איהם אין הויף אויף קליינע לייכטע שליחות. תמיד לויפט ער, שווימט מיט זיין בלעכענער לולקע, וואָס ער טראָגט אַלע טאָג צינקען צום בלעכער. אויף עברי איז ער זעהר הארט. — קען קוים דאוונען. דאָך — קדיש געהט ביי איהם ווי א מזמור. דערפאר איז ער טאָקע אן אייביגער קדיש־זאָגער. נאָך אלע נפטרים אין שטעדטעל, וואָס האָבען ניט געלאָזען נאָך זיך קיין אייגענעם קדיש. פאר די הויף־קינדער דינט דער „יאַפּאַנטשיק“ פאַר א „ליאלקע“. זיי פּראָווען מיט איהם זייערע קונדיסים־שטיק. נאָר איהם ארט דאָס ניט. דער „יאַפּאַנטשיק“ איז בכלל א גוטער ברודער מיט די ארימע, אָבגעריסענע חסידים־לאַפּסערדאקעס. באַטש אין קאָפּ האָט ער ניט מעהר

זוי איין אויג און דאס נאר — די לינקע. ארבייט ער אבער מיט דער איין לינקער, בעסער ווי מיט דריי רעכטע, ווען דער שמש טראגט ביין טיש פארנאנדער די געריכטעז. גראד דעמאלט, ווען דער שמש האלט שוין ביי איבערגעבען א פעטען חלק זיינעם א צד, א רייכען חסיד, וואס האט זיך איהם, פריהער, טאקע מיט דער כונה צו בעקומען א פעטערן חלק, „געלאזט זיך דערקענען", וואקסט דער „יאפאנטשיק" פלוצלונג, ווי פון דער ערד ארויס, פונקט אונטער דעם טעלער און — ביי איהם אין קעשענע ליגען שוין צוויי חלקים פון די שענסטע און די בעסטע. איינעם האלט ער אין מויל און מיט דעם צווייטען איז ער, מעשה גוטער־ברודער, מכבד א פאר לאפסערדאקעס, זיינע שכנים פון ביידע זייטען אויף דער עק באנק, וואס ער פארנעהמט ביין טיש.

פון וואנען דער „יאפאנטשיק" איז געקומען ווייס מען ניט אקוראט. נאר מ'זאגט, ער איז פון רוסלאנד, פון וואהלין ערגעץ. געווען א מאל א בעל עגלה, געהאט אן אייגען בויד מיט א פאר „לייבען" און געפיהרט א ראלע צווישען די בעלי עגלות פון זיין געגענד. נאר פלוצלונג איז פארגעקומען אין זיין לעבען עפעס א „שטורם" דורך וועלכען ער האט פארלארען די גאנצע שיף פון זיין לעבען, צוזאמען מיט דער רעכטער אויג. און האט זיך געראטעוועט אהער אויף א שפענדעל, אין רבי'ס הויף, וואס איז אן „ערי מקלט" פאר צעהנדליגע שיפברוך־געליטענע, פערוואגעלטע עלענדע נפשות, אזוי ווי ער.

לייזער פאנפאטש.

לייזער „פאנפאטש" איז ניט פון די שטענדיגע „יושבים" אין רבי'ס הויף. ער איז פון די „ווינטער־פויגלאך". קומט צו די ערשטע סליחות און ווערט ניט צו „בעור חמץ". פון וואנען ער קומט און וואוהין ער ווערט נעלם ווייס מען ניט. נאר פונקט צו די ערשטע סליחות איז ער דא, אזוי ווי די שוואלב, ווי דער בושעל קומט צופליהען מיט'ן ערשטען פריהלינגס־ווינ־טעל. אזוי איז שוין יאהר איין, יאהר אויס. אהן לייזער פאנ־פאטש וואלטען די ערשטע סליחות אין רבי'ס קלויז ניט געהאט דעם טעם פון די ערשטע סליחות...

„פאנפאטש" רופט מען לייזער'ן, ווייל ער רעדט אונטער'ן נאז. און ער רעדט ניט פשוט אונטער'ן נאז, נאר מאכט בשעת מעשה מיט'ן נאז משונה'דיגע אוואיעס, קרימענדיג דערביי אויך מיט די ליפען.

מ'קען ניט זאגען, אז אזא בריאה איז צווישען די איבריגע „יושבים" שטארק אנגענומען. דעריבער זעהט מען איהם טאקע ניט זיצען אויף איין ארט. ער דרעהט זיך אום, ווי א שאטען, און האט ערגעץ קיין תקומה ניט. קומען, אייגענטליך, קומט ער ניט לכתחילה אויפ'ן גאנצען ווינטער. ער קומט נאר צו די ערשטע סליחות. אזוי ווי די סליחות ציהען זיך אבער ביז'ן סאמע יום כפור, „מוז" ער שוין בלייבען „ימים נוראים" אויך ביין רבי'ן. דאס איז אזאך, וואס פערשטעהט זיך אליין. נאך „יום כפור" איז דאך באלד סוכות. לוינט שוין ניט אהיים צו געהן... און וואו קען מען קריגען אין דער היים אזא אתרוג, אזא לולב, ווי ביין רבי'ן?... און צו דער שמחת תורה'דיגער האפקע איז קיין חסיד ניט איבעריג...

פון „שמחת תורה" צו ג' חשוון איז דאך ממש מיט'ן האנד צו דערלאנגען. און ג' חשוון איז דאך דעם ריזשינער'ס יאהר־צייט... היינט ווי געהט מען אוועק?... גע'פטר'ט „דעם ריזשי־נער'ס" יאהרצייט איז שוין באלד דעם „מגיד'ס" יאהרצייט... י"ט כסלו... א שפאס י"ט כסלו...

און דא איז שוין „שבת חנוכה"... און נאך „שבת חנוכה" איז דאך שוין ניט גאר ווייט פורים... אמת, ניט גאר נאהענט אויך... נאר ס'מאכט ניט אויס. דערווייל קען מען זיך לאזען אין דער סביבה קלייבען נדבות...

פון פורים ביז פסח איז אין רבי'ס הויף דער יאריד מיט די שמורה. דא איז אזא נפש, ווי „פאנפאטש" אויך א נויטיגע האנד. אמת, ביי איהם ארבייטען דאן אויך ניט אזוי די הענד, ווי דער נאז מיט די ליפען. נאר אין טומעל פיהלט זיך לייזער „פאנפאטש" פאר א נויטיגען מענשען. און ער וואלט האלטען ממש פאר א זינד געגען דעם רבי'ן, ער זאל אין אזא קאכעדי־גער צייט נעהמען אין מיטען און אוועק.

דערפאר אבער, ווי לייזער „פאנפאטש" זעהט נאר, ווי דער רבי נעהמט די הילצערנע לעפעל און געהט „מבער חמץ" זיין, פערשטעהט ער, אז דא העלפט קיין תירוצים ניט. דא געהט שוין מעהר ניט אן קיין „נדחה".

און לייזער „פאנפאטש" ווערט ניט.

מ'קען ניט זאגען, אז אימיצער אין רבי'ס הויף זאל שטארק בענקען נאך לייזער „פאנפאטש". דאך איין נפש איז דא אין טשארטקאוו וואס פיהלט, אז ער פעהלט איהר. דאס איז הער־צעלע'ס בלאהע מויד. ווארים כאטש זי איז א „פאבריקאנטקע" (זי מאכט „סינקע". אט די פראדוקציאן האט זי איבערגענומען בירושה פון איהר טאטען הערצעלען עליו השלום, וואס איז אויך געווען פון די יושבים ביין רבי'ן. פון די סינקע איז הערצעל און זיין גאנצע געזינד תמיד אומגעגאנגען מיט בלאהע פנים'ער און הענד. דערפון שטאמט אויך איהר צונעמענעם די „בלאהע מויד". א צונעמענעס, וואס שטימט מיט דער ווירקליכער פיזי־אגנאמיע פון הערצעל'ס טאכטער.) כאטש זי הערצעל'ס בלאהע מויד, זאג איך, איז געווען א „פאבריקאנטקע". נאר דער ארטי־קעל, וואס זי האט פאבריצירט, איז געווען פון אזא מין, אז ווען ניט אזעלכע אורחים, ווי לייזער „פאנפאטש", וואס האבען גע־האלטען ביי איהר אכסניא, וואלט איהר געווים געפעהלט א רעכטער חלק פון איהר בודזשעט. ד. ה. פשוט זי וואלט ניט הא־בען מיט וואס צו בעצאהלען פאר דירה.

ניט אזעלכע אורחים, ווי לייזער „פּאַנפּאַטש“, וואָס האָבען גע־
האַלטען ביי איהר אכסניא, וואָלט איהר געווים געפעלט אַ
רעכטער חלק פון איהר בודזשעט, ד. ה. פּשוט, זי וואָלט ניט
האָבען מיט וואָס צו באַצאָהלען פאַר דירה.

דער „שווייגער".

דער „שותק" — אויף יודיש: דער שווייגער, איז איינער פון די אָריגינעלסטע און מערקווירדיגסטע טיפּען אין די חסידישע הויפען. דאָס איז א מענש, וואָס טראָגט א טיעפע טראַגעדיע אין זיין נשמה. עפּעס איז פאָרגעקומען א שטורם אין זיין אויסערליכען לעבען, וואָס האָט ארויסגערופען א רעוואָלוציע אין זיין אינערליכער וועלט. פון אָט דעם מאָמענט אָן איז ער ניט דער וואָס געווען. א נייער מענש איז ער געוואָרען. א נייע וועלט האָט ער דערזעהן. און די אלטע מענשען פון דער אלטער וועלט פּאסען זיך ניט מעהר צו איהם. זייערע אינטערעסען, זייערע האָוועגעם, זייערע נארישקייטען זענען איהם פרעמד געוואָרען. ער מוז האָבען א נייע אויסערליכע וועלט, וואָס זאָל שטימען מיט זיין נייע געבאָרענער אינערליכער וועלט. צו בויען אָט די נייע וועלט האָט ער ניט די קרעפטען. צו לעבען אין דער אלטער איז איהם אונמעגליך. ווען ער זאָל די גראשענע מענשען ארום איהם אָבשטעלען אין זייערע גראשענע האָוועגעם און דערצעהלען, וואָס ער פיהלט אין זיין נייער וועלט, וועלען איהם די מענשען פאר א משוגענעם האלטען. ער איז אבער צו ערנסט, צו דענקענד, צו שטאָלץ איז ער מיט זיין נייער וועלט, אום צו ערלויבען די נארישע מענשען, זיי זאָלען זיך איבער איהם לוסטיג מאכען. אוועק פון זיי אין דער איינזאמקייט — קען ער ניט און וויל ניט. זענען זיי דען שולדיג, וואָס זיי לעבען אין דער פינסטער? קען ער האסען די וועלט, פאר וואָס זי איז בלינד, פאר וואָס זי זעהט ניט דאָס ליכט, וואָס איז אויפגעגאנגען אין זיין נשמה?

בלייבט ער צווישען די מענשען פון דער אלטער, פאר איהם אָבגעשטאָרבענער, וועלט. ער לעבט אבער דאָך ניט צווישען זיי.

א „מחיצה“, א שייד־וואנד, האט ער זיך געמאכט צווישען זיי און איהם. ער לעבט צווישען זיי, אבער אין זיין בעזונדער וועלט. ער זעהט זיי און זיי זעהען איהם און קענען צו איהם נאהענט ניט צו געהן. און הערובער קענען זיי איהם ניט שאדען.

די „מחיצה“, וואס טיילט איהם אב פון דער וועלט איז דער צונג. ריכטיגער ד א ס ש ו ו י י ג ע ן.

שווייגען — דאס איז די בעסטע געוועהר פאר א דענקענ־דען מענשען צו פערטיידיגען זיך געגען דעם אנדראנג פון דער מענגע, צו האלטען ריין די נשמה פון דער וועלטליכער שמוץ. פאר דעם שווייגער איז די אויסערליכע וועלט אפען. ער זעהט און הערט אלע מענשליכע נארישקייטען, וויל זיי ר י י ד ע ן. פאר זיי אבער איז זיין אינערליכע וועלט פערשטעלט. זיי קענען בשום אופן אהין ניט אריינדרינגען, קענען ניט פערשוועכען זיין „קדשי־קדשים“. וויל ער ש ו ו י י ג ט.

מענשען קוקען אויף דעם שווייגער, פון אנהויב מיט א שמייכעל; האלטען איהם פאר א „שגעון“. ער האט דאך פאר זיי א גרויסע מעלה. ער בעליידיגט ניט קיינעם פון זיי, זאגט זיי קיין דעה ניט, זאגט ווי מיט ווערטער: מיין וועלט איז א שענערע פאר אייערער. דאך קענען מיר לעבען צוזאמען, לע־בענדיג א יעדער אויף זיין שטויגער.

און דערמיט טאקע, וואס דער ש ו ו י י ג ע ר ווערט ניט ברוגז אויף דער וועלט, געהט ניט אוועק פון איהר, רייסט זיך ניט אריין מיט גוואלד אין דעם צווייטענס נשמה, גריבעלט זיך ניט אין דעם חבר'ס געוויסען, בעלעסטיגט ניט און בעליי־דיגט ניט קיינעם, ווערט ער ענדליך אלעמען נאהענט, א סך בעהענטער, ווי ווען ער וואלט גערעדט. און טייער ווערט ער אלעמען. און די בעסערע און די איידעלערע פון זיין סביבה הויבען איהם אן צו פערשטעהן. און דער „שותק“ ווירקט אפט מיט זיין שווייגען א סך מעהר, ווי דער גרעסטער „בעל דרשן“ מיט זיין ריידען.

„מיט נחת".

„מיט נחת" געהערט אויך צו די „ווינטער־פויגלאך", אייגענטליך — הערבסט־פויגלאך", אין דעם רבי'ס הויף. אזוי ווי לייזער „פּאַנפּאַטש" קומט ער אָן צו די ערשטע סליחות. אָבער זיין „סעזאָן" איז א סך א קירצערער. ג' חשון (דעם ריזשינער'ס יאהרצייט איז זיין לעצטער טערמין. ער וואַרט ניט ביז „בעור חמץ"... ניט ווי לייזער „פּאַנפּאַטש", האָט ער א בעשטימטען מקום. מ'וויים פון וואַנען ער קומט. ער קומט פון קראָקא. און אין קראָקא געהט ער צוריק אוועק.

דאָס הייסט אָבער ניט, אז „מיט נחת" פערלעבט דעם גאַנצען יאָהר אין קראָקא. דאָס גראָד ניט. דעם גאַנצען יאָהר פאָהרט ער אום איבער די חסידים און גלאָט איבער דער וועלט — „מקבל זיין"...

„מיט נחת" איז א לופטיגער אידעל. זומער און ווינטער געהט ער גלייך אָנגעטאָן, ד. ה. נאַקעט. דאָס קימערט איהם אָבער גאָר ניט. ער איז תמיד ווארם, תמיד פרעהלאך, לעבעדיג.

זיין ראָלע אין רבי'ס הויף איז א העכסט וויכטיגע. גאָר ניט גלייך צו דער ראָלע פון א לייזער „פּאַנפּאַטש". זיין עובדא, א שטויגער, איז לייכטען דעם רבי'ן מיט ליכט בשעת ער, דער רבי, געהט צום מעריב־דאַווענען; העלפען די „זיהן" אָנטאָן דעם טולופּ. דאָס איז, אזוי צו זאָגען, ביי־זאַכען. דאָס איז, זיין וואָכעדיגע עובדא. ער האָט אָבער נאָך ראָלעס — א סך, א סך וויכטיגערע.

ערשטענס איז ער דעם רבי'ס לץ... „מיט נחת" וויים, פיהלט, ווען דער רבי איז פער'עצב'עט. דאַן גיט ער א שפּרונג־צו מיט א לצנות. דער רבי גיט א לאַך. „מיט נחת" דאַרף מעהר ניט. ער איז גליקליך. ער האָט זיין הייליגע אויפגאַבע דערפילט.

דערמיט אָבער בעשרענקט זיך נאָך אַלץ ניט „מיט נחת“ ראַלע. זיין הויפּט־טאַלאַנט ווייזט זיך אַרויס ערשט „שמחת תורה“ ביי די טענץ און, נאָך מעהר, בשעת א חתונה ביין רבי'ן. דאָ איז זיין וועלט. ער איז דיריזשאָר. עסט ניט, טרינקט ניט, האָוועט, מאַכט מיט די הענד, טומעלט און האַלט אין איין אונ־טערגעבען „פאַרע“, האַלט אין שרייען: „מיט נחת!“. “מיט נחת!“.

דערפון נעהמט זיך זיין נאָמען: „מיט נחת“...

אין דער קייט, וואָס בילדעט דעם רבי'ס סוויטע איז ער, „מיט נחת“, איינער פון די וויכטיגסטע רינגעלאך. און דערי־בער איז שווער זיך פאַרצושטעלען דעם רבינ'ס הויף אין זיי־פולען גלאַנץ אָהן איהם, אָהן „מיט נחת'ן“...

דער „תענוג".

זיין אייגענטליכער נאָמען איז יצחק ווײַדעל. דאָס הייסט „ווײַדעל" איז דער צונעמענעם. ער האָט אָבער נאָך אַ צונעמע־נעם: דער „תענוג". און דער איז דער עיקר. געוועהנליך זאָגט מען ניט פּשוט: דער „תענוג". נאָר מ'גיט צו: ווײַדעל דער טיפּוש, ער האָט פון אַלץ תענוג. ער שטעהט אויף און גיסט אָב נעגעלוואַסער, האָט ער דאָך באַלד טאַקע אַ מצוה געפּאַקט און אַ גליקליכער שמייכעל שיינט אויף זיין פּנים. ער האָט תענוג. אָבגעגאָסען נעגעל־וואַסער — זאָגט ער ברכה — ווידער אַ מצוה, ווייטער תענוג. געשטעלט זיך דאַווענען, לויבען דעם בורא, איז ער פול מיט תענוג. גענומען עפּעס אין מויל, אַ ברכה פון פאָרענט, בענשען פון הינטען — אַ תענוג.

אַ בחור'ל האָט ער געהאַט. בעניע האָט ער געהייסען. אַ טאַקאַר איז ער געווען. האָט ער דעם זוהן אין ארץ ישראל אוועק־געשיקט. האָט ער זיך ממש דערפון געפרעגעלט אין תענוג. דער־נאָך האָט ער דעם בחור דאָרט, אין ארץ ישראל, פאַרשלייערט פאַר אַן אַלטער אַלמנה — ווידער תענוג. דערנאָך איז געשטאָר־בען — ניט די יונג־ווייבעל, ס'הייסט די אַלטע אַלמנה, נאָר דוקא דער יונגער מאַן, זיין זוהן אין ארץ ישראל. איז דאָך צו־געקומען אַ קדיש. ווייטער תענוג...

וועט איהר דאָך פרעגען: פאַר וואָס איז ער אַליין ניט גע־פאָהרען אין ארץ ישראל? וואָלט ער דאָך ממש געשוואומען אין תענוגים. איז אויף דעם פאַראַן אַ תירוץ און אַ וויכטיגער. דאָ אין חוץ לארץ, האָט ער געהאַט אַ קוואַל פון תענוגים, וואָס אין ארץ ישראל, וואָלט ער איהם פערלאָרען.

די מעשה איז, וואָס „ווײַדעל" איז געווען אַ יאָהריגער משניות־לערנער און קדיש־זאָגער נאָך „נפטרים". די צאָהל פון

די „נפטרים", וואָס ער האָט געדאַרפט נאָך זיי קדיש זאָגען איז א פּרק משניות לערנען איז געווען אזוי גרויס, אז דער לענג־סטער זומערדיגער טאָג איז פאַר איהם צו קורץ געווען און ער פלעגט שטענדיג דערבאַרגען א שטיק פון דער נאַכט. דערפון האָט ער זיך, פון אויפהויבען זיך פון בעט ביז שלאָפען לעגען זיך, נאַכאַנאַנד געבאָדען אין תענוג. אין ארץ ישראל, אָבער, ווי אלע ווייסען, איז דאָ א סך מעהר אזוינע בטלנים. ווי „נפטרים". דערפון איז דאָרט אויף משניות לערנען און קדיש זאָגען א מורא׳דיגע קאָנקורענץ. דעם „תענוג" וואָלט אָנקומען תענוג „אויפ׳ן שפּיץ מעסער". דעריבער האָט ער טאקע אהין, אין ארץ ישראל, געשיקט בעסער זיין זוהן און אליין, איז ער פארזיכטיג געבליבען אין „חוץ לארץ."

דאָך, עס וואָלט געווען אן אונרעכט געגען „תעניג׳ן". ווען מיר וואָלטען זאָגען, אז דאָס איז געווען די איינציגע סבה פון זיין ניט פאָהרען קיין ארץ ישראל. דערצו איז געווען איי־גענטליך נאָך א סבה און, ניט וועניגער, א וויכטיגע. די סבה איז געווען זיין ווייב, וואָס האָט איהם מפרנס געווען אויף דער העלפט (די אנדער העלפט האָט ער געהאַט פון א קנעלונג, וואָס איז פאר איהם גראָד געווען א קנאפּער תענוג). די ווייב זיינע איז געווען א קעכין ביים רבי׳ן. פלעגט זי איהם אריינברייגען א פאַר רייניש א חודש און דערצו, גאַנץ אָפט, אונטערוואַרפען א גוטען ביסען.

דאָס אלץ מאכט „תענוג׳ן" אזוי פיעל תענוג, אז ער זעהט אוים א יונגער באלעבעסעל פון א יאָהר 30, כאָטש ער איז שוין פאר א יאָהרען געווען א „בן ששים." און וואָס א יאָהר ווערט ער אלץ אינגער און שענער. אין הויף האָט ער זיינע ספּעציעלע עובדאָ׳ס. ערשטענס, איז ער, ווי געזאָגט, א יאָהריגער משניות־לערנער און קדיש־זאָגער. צווייטענס האלט ער פאר זיין הייליגען חוב צו לערנען אלע יודען „יראת־שמים". מעג זיין א יוד מיט א באָרד, לענגער און ברייטער און גראָהער פון זיין באָרד. דריי־טענס דאווענט ער אין מיטען וואָך „במקום חזן". פערטענס איז ער א יאהריגער חנוכה־ליכט בענטשער ביים רבי׳ן אין קלויז.

פאר׳ן טשאַרטקאָווער" האָט „תענוג" גרויס דרך ארץ

און מורא. ער גלויבט, אז ניט בלויז, „ער זאָל לעבען“ אליין איז א גרויסער קדוש און וויים וואָס טוט זיך אין אלע זיבען הימלען און ביי דעם מענשען אונטער דעם מינדסטען נאָגעל; ער גלויבט אויך, אז אפילו דעם רבי׳ם אייניקעל קען זעהן דורך א גראָבע וואנד, און דעם רבינ׳ס פערד איז פול מיט קדושה....

די לעצטע צייט איז „תענוג׳ן“ צוגעקומען א ספּעציעלע עובדא. מ׳האָט איהם איבערגעגעבען דעם שליסעלע פון עמוד, וואו עס ליגען בעהאלטען דעם רבינ׳ס טלית, סדור, מחזור און סליחה. ווי ער קומט אין קלויז אריין, אזוי שליסט ער אָב מיט׳ן שליסעלע דעם עמוד, לעגט ארוים דעם חזן׳ס הייליגע קליפּער־געצייג און געהט אוועק צוריק אויף זיין פּלאַץ פול מיט תענוג פון דעם שטאָלצען בעוואוסטזיין, אז ער פאַר־נעהמט אין הויף, צווישען די יושבים, גאר א געהויבענעם ארט.

שלום שכור.

שלום שכור איז א שמש אין בעלזער קלויז. אמאל איז ער געווען א פעל־הענדלער. א רייכער באלעבאס. האט געהאט א ווייב און קינדער. נאר האט זיך שוין לאנג צוקריגט מיט דער פאמיליע, דערפאר וואס זיי זענען „גויים". מ'האט איהם ארויס־געטריבען, צי ער איז אליין אוועק צום רבי'ן און איצט איז ער דארט געבליבען.

זיין ספעציעלע אויפגאבע אין רבי'ס הויף איז צו זיין א יאהרצייט־האלטער. ד. ה. ער דארף געדענקען די יאהרצייטען פון די געשטארבענע געהויבענע חסידים און שטעלען פאר זייער נשמה א ליכט. דאס גיט איהם אן אויסרייד צו קלייבען איבער'ן שטעדטעל א גאנצען טאג ליכט.

מיט א פאר יאהר צוריק האט ער געפראוועט זיין „בר־מצוה". ס'הייסט דעם 83־טען יאהר אדער דעם 13־טען יאהר אריבער די 70. ווייל נאך 70 זענען די יאהרען „געשענקטע" און דער מענש ווערט אויף דאס ניי געבארען.

שלום שכור האט ליב צו דערצעהלען פון דעם אלטען קאַ־מארנער רבי'ן, פון וועלכען ער האט געהאלטען מעהר ווי פון אלע רביים. צום קאמערנער איז ער געווען א גרויסער מקורב. פלעגט אפט פאר איהם די הארץ אויסגיסען, וואס דער דור איז קאליע געווארען. דערצעהלט די מעשה שטענדיג מיט איין נוסח. הויבט אן געוועהנליך: „ניט דאס איז דער עיקר, וואס עס זאגט דאס „שלום שכור". דער עיקר הייסט דאס, וואס די מעשה איז אמת.

„ניטא דער קאמארנער, אוי, אוי, ניטא!... טענה'ט שלום שכור שאקלענדיג מיט'ן קאפ. כ'פלעג קומען צו עם, צום קאַ־מארנער, פלעגען מיר ביידע דערמאהנען אמאליגע יאהרען. וואו

זענען אמאליגע קינדער? פלעג איך טענה'ן? וואו? הא? ניטא אמאליגע קינדער! איך בין זא בעהעלפער געווען, פלעג די קינ־דער אין חדר אריינפיהרען. פיהרענדיג זיי אין חדר, פון חדר, פלעג איך זיי אריינפיהרען אין שול. צוזעצט די קינדער אויף א באנק. דער חזן מאכט א ברכה די קינדער ענטפערען „ברוך הוא וברוך שמיה!" „אמן!" דאס הארץ האט געקוואלען. ס'האט געזונגען, געקלונגען, ביז צו גאט געהילכט. היינט קום איך אריין אין די הייזער. טו א קוק אויף היינטיגע קינדער. אוי, אוי, אוי... ניט קיין ברכה, ניט קיין דאוונען, ניט קיין „ברוך הוא וברוך שמיה". ניט קיין „אמן". — די ווייבער — אין אייגענע האר ווי מכשפות. די קינדער, ווי נאר פון בעט, גלייך צו די ביכלאך, אין די שקאלעס. אוי, אוי, אוי...

„איך רייד און מסתמא ווינט זיך דערביי. אבער ער, דער קאמארנער, פלעגט נאר זאגען: שלום! הערסט! עס דארף אזוי זיין... און פלעגט אליין ארויסלאזען א טרעהר".

שלום האט שוין אייגענטליך, לאנג אליין שלום געמאכט מיט'ן גערדאנק, אז עס „דארף אזוי זיין". און דערצעהלט די מעשה איצט מעהר צוליעב דעם, כדי צו ווייזען, אז ער איז ניט אבי ווער, אז ער איז געווען א מקורב צום קאמארנעם זכרונו לברכה. אבער די ווייסע חברה, כמעט די איינציגע צוהערער פון זיינע מעשיות, האלטען ניט שטארק פון דעם יחוס, און זענען איהם אפט מכבד מיט „קדשים קלים", ס'הייסט מיט אויפגע־לעגטע האנדטיכער. ער האט אויף זיי קיין פאראיבעל ניט. שא־קעלט נאר מיט'ן קאפ און זיפצט: אוי היינטיגע קינדער...

*

דער בעל תשובה.

דער „בעל תשובה“ איז איינער פון די מערקווירדיגסטע טיפען אין רבינ'ס הויף. ער איז בכלל א טיעף־פסיכאלאגישער און א העכסט דראמאטישער טיפ פונ'ם יודישען לעבען.

אין דער מענשליכער געזעלשאפט זענען פאראן פערשיידענע נאטורען. קאמישע און טראגישע העלדען זענען ניט בלויז אויף דער סצענע. זיי זענען אויך אין לעבען דא. פאראן אויך פערברעכערישע און אידעאלע נאטורען. פאראן גאנצע, ווי פון שטאל אויסגעגאסענע נאטורען. פערברעכער צו אידעאליסטען — זענען זיי אויסגעהאלטען פון אנהויב ביז צום סוף. ליכטיגע נשמות — האבען זיי, דאכט זיך, קיין איין שפרינקעלע ניט אויף זיך. פערקעהרט, פינסטערע — וועט איהר אין זיי קיין שטרייפעל ליכט ניט בעמערקען.

ס'זיינען דא אבער געמישטע און פערוויקעלטע נאטורען. צעבראכענע נשמות, וואס לעבען אין צוויי וועלטען. גאט און טייפעל,ביידע קעמפפען אין זיי פאר דער אויבערמאכט. אמאל זיגט דער, אמאל יענער. ניט זעלטען לעבט איינער אב מיט גאט דעם גאנצען לעבען, און פלוצלונג, אויף דער עלטער, כאפט זיך אין איהם אויף דער טייפעל, און מיט איהם פערענדיגט ער זיין לעבענס־קאריער. עס טרעפט אבער אויך פערקעהרט: א מענש לעבט אב זיין גאנצען לעבען מיט'ן טייפעל און פלוצלונג ערוואכט אין איהם דער גאט און קעמפפט אזוי לאנג ביז ער בעזיגט, פערטרייבט דעם טייוועל.

די יודישע פאלקס־מעשה איז רייך מיט אזוינע טיפען בעל תשובה'ס. אבער די פאלקס־נשמה איז אן אנגעקינסטעלטע אבשפיגלונג פון פאלקס־לעבען. און אין יודישען פאלקס־לעבען קענט איהר נאך איצט געפינען דעם דאזיגען אינטע־

רעסאנטען טיף. ער איז דאָ כמעט אין יעדן רבייאישן הויף. דאָס חסידות, וואָס לעבט מעהר מעהר מיט'ן הארץ, איז מעהר פעהיג צו פאַרשטעהן און פיהלען די דראמע פון א צעבראָכענער נשמה. און דעריבער געפינט דער „בעל תשובה" תמיד א ווארימע אויפנאהמע. צווישען דעם רבי'ס „יושבים". די חסידים און דער רבי אליין בעציהען זיך צו אזא מענשען מיט דרך ארץ און מיט ליבע. מ'גיט איהם א פלאץ אין רבי'נס הויף. קיינער גריי־בעלט זיך ניט אין זיין נשמה. מ'לאָזט איהם אויסליידען זיין פערגאנגענהייט, אויסקויפען שטיל זיינע זינד, לעבען זיך בע־זונדער, זיין איינזאם לעבען אין א ווינקעל. ביסלעכוויוז, מיט דער צייט, ווערן זיינע נשמה־וואונדען געהיילט. די ארומיגע מענשען בעטראכטען איהם, ווי א פולבערעכטיגען חבר. גאנץ אָפט, אפילו, פערהיילינגט מען איהם. ווארום יעדער פרומער יוד ווייס אז „במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד שם". ד. ה. אין דעם אָרט, וואו עס שטעהען (אין גן עדן) די וואָס האָבען תשובה געטאָן, קענען אפילו קיין פאָל־קאָמענע צדיקים ניט שטעהן.

אָט איז איינער פון זיי.

א שענקער איז ער געווען אין לעמבערג. און לעמבערג איז א גרויסע שטאָדט. פאראן דאָרטען פרומע יודען, פאראן אויך אפיקורסים. דריבער זענען דאָרט שענקער אויך דאָ אלערליי: די וואָס היטען אָב כשר'קייט און די וואָס מאכען דאָס אוועק אונטער'ן האנד. מילא, אין לעמבערג זענען דאָ א סך יודען, וואָס געהען עסען אין גוי'עשקע רעסטאָראנען, טרייפס: דאָס איז קיין נייעס ניט. מיט וואָס איז א יודישער ניט כשר'ער רעסטאָראן ערגער פאר א גוי'עשקען?

פאראן אבער אזעלכע שענקער, גייציגע פאלשע מענשען, וואָס שרייבען אָן אין זייער פענסטער, איבער זייער טיר: „כשר" און גיבען עסען טרייפס. פערפיהרען זיי פרומע יודען, וואָס קענען זיך ניט פאַרשטעלען, אז א יוד זאָל קענען טאָן אזא זאך, מאכען שטרויכלען זיינעם א ברודער.

איינער אזא „חוטא ומחטיא את הרבים", א זינדיגער, וואָס

האט געבראכט אנדער צו זינד, אהן זייער וויסען, איז געווען דוד דער לעמבערגער שענקער. דערפאר האט ער טאקע געהאט גוטע פרנסה. האט אנגעלעבט א מויער, אנגעקליבען געלד. וואָרום ער האט געהאט אלערליי קונדען: אי פרומע, אי פרייע. פרומע יודען האבען געגעסען חזיר און ניט געוואוסט דערפון.

דוד דער שענקער איז אליין ניט געווען קיין אפיקורס. ער האט ניט געלייקענט אין גאט, ווייל ער האט ניט געטראכט וועגען גאט. ער האט נאר געטראכט וועגען זיין פרנסה, וועגען געלד, וואס מעהר צו מאכען געלד. א פראסטער יונג, אן „עם הארץ" איז ער געווען און א גייציגער מענש.

איז אבער פאראן א „יום כפור" ביי יודען. א „יום הדין", ווען דעם מענשענס מעשים ווערן געוואויגען, און זיין שיקזאל ווערט בעשטימט: „לחיים" — צום לעבען, אדער „למות" — צום טויט.

האט זיך דוד דער שענקער איינמאל דערשראקען פאר'ן „יום הדין". ער האט זיך אנגעהויבען צו בעקלערן, צו קלערן בכלל. האט ער זיך דערמאהנט, אז ס'איז דא א גאט, און אז די וועלט איז ניט גאר. ער האט זיך דערמאהנט, אז א חוץ דער וועלט, איז דא נאך א וועלט, און אז די וועלט איז בלויז א דורכפאהר־פלאץ, אן אכסניא, פאר יענער וועלט. און דער עיקר: אז דארטען, אויף יענער וועלט, איז דא א גיהנום און א גן עדן. אז דארטען ווערט אלץ פארשריבען און דערנאך — בעצאהלט דעם מענשען פאר זיינע מעשים אויף דער וועלט.

איז געווארען דוד דעם שענקער זעהר שפל, זעהר אומעטיג אויפ'ן הארצען.

איז ער אוועק מיט זיין שווער געמיט צו ר' אירעלען, צום סאמבאווער רבי'ן האט זיך פאר איהם מתודה געווען אויף אלע זיינע זינד, פאר זיין גאנץ לעבען, האט א תשובה געבעטען.

קיינער וויים ניט, וואס דער סאמבארער רבי האט מיט איהם גערעדט; וואס פאר א תשובה ער האט איהם ארויסגעגעבען. נאר מ'וויים, אז פון דאמאלס אן איז ,ער דוד דער שענקער, ביי זיך נאך מעהר אראבגעפאלען. ווארום ער האט זיך דערוואוסט, אז זיין זינד איז גרויס, זעהר גרויס, ווי די זינד

פון „ירבעם בן נבט". וואס איז געווען א „חוטא ומחטיא את הרבים". ער האט אליין געזינדיגט און געבראכט אנדערע צו זינד. אויף דעם איז כמעט גאר קיין תשובה ניטא. נאך שווערער איז די זינד, אז מ׳מאכט יענעם שטרויכלען, אהן זיין וויסען. דערמיט איז מען עובר אויף „לפני עור לא תתן מכשול" — פאר א בלינדען זאלסטו ניט לעגען קיין שטרויכלונג אין וועג. ווארום, אז ער זעהט ניט, ווי קען ער זיך אבהיטען? מוז ער דאך געווים פאלען.

אט דאס אלץ האט ער געטאן, דוד דער שענקער. ער האט געגעבען עסען יודען „טרפות" און יענע האבען ניט געוואוסט. האבען גערעכענט, אז זיי עסען כשר׳ס. און וויפיעל מאל אין טאג איז דאס געווען? וויפעל טעג, וויפיעל יאהרען...

צוריק פון רבי׳ן האט דוד ניט געקענט געהן אין זיין שענק אריין. ער האט געעפענט זיין הארץ פאר זיין ווייב און קינדער. ער האט זיי געמעלדעט פעסט און בעשלאסען, אז מ׳מוז דעם גאנצען פארמעגען, וואס איז אנגעקליבען פון זינד, צוטיילען ארימע לייט, און אליין מוז ער, מוז די ווייב, מוזען די קינדער, דורך שווערע פראצע, דורך יסורים, דורך נויט און ארימקייט אויסקויפען די זינד.

נאר די ווייב און קינדער האבען זיך פון איהם אויסגעלאכט. און אז ער האט אנגעהויבען צו טאן, ווי ער האט גערעדט, האבען איהם די ווייב און קינדער ארויסגעטריבען און געשריען פאר דער וועלט, אז ער איז משוגע געווארען.

איז דוד דער שענקער אוועק פון זיין ווייב און קינדער, אוועק אין סאמבאר צו ר׳ אירעלען און דארט איז ער א בעל תשובה געווארען.

שווער איז געווען דוד דעם שענקער׳ס זינד. אבער שווער איז אויך געווען זיין תשובה. אלע טאג פלעגט ער פאסטען. נאר ביי נאכט עפעס צו בייסען. ווינטער פלעגט ער געהן צום טייך און ארונטער־רוקען זיינע הענד אונטער׳ן אייז. אדער פלעגט געהן אין באד און בריהען זיינע הענד אין זודיג וואסער. דערביי פלעגט ער שרייען: געגעבען יודען חזיר עסען! הא!...

געגעבען יודען חזיר עסען!... צייטענווייז פלעגט ער זיך שלאָ־
גען אין בויך און שרייען צו זיך אליין: האָסט געגעסען חזיר!...

א גאַנצען טאָג פלעגט דער „בעל תשובה" זיצען אין שול אין טלית און תפילין און דאַוונען. לערנען האָט ער ניט געקענט. ריידען פלעגט ער מיט קיינעם ניט. נאָר פאַר זיך פלעגט ער אָפּט חזר'ן זיין נאָמען: דוד... דוד... דוד... הונדערטער מאָל. אז מ'איז צו איהם שטאַרק צוגעשטאַנען, פלעגט ער נאָר אויס־שרייען: לאַ־לאַ־לאַ!...

ניט קוקענדיג דערויף איז ער אָבער געווען א פרעהליכער מענש. אויף א חתונה, אויף א שמחה ביים רבי'ן פלעגט ער משמח זיין דעם עולם, פלעגט טאַנצען און שרייען: דוד! משיח! דוד! משיח! וואָס די דאָזיגע ווערטער האָבען בעטייט האָט קיינער ניט געוואוסט. נאָר אייניגע האָבען גערעכענט, אז מיט אָט די געשרייען האָט ער געהאַט בכונה „אנצוקלאַפּען אין יענע טויערן פון הימעל, וואו „דוד המלך" און זיין אייניקעל „משיח" זיצען. צוליב זייער זכות, מיט וועמען ער האָט דאָך א שטאַרקע שייכות, ווייל ער הייסט דאָך אויך „דוד" (און דאָס איז געווים ניט אומזיסט), האָט ער געהאָפּט צו דערוועקען רחמים אין די העכערע טויערן, וואו ער, כביכול, אליין זיצט, און זעהט דאָך אלץ וואָס טוט זיך אונטען...

דעם בעל תשובה'ס גאַנצער פאַרמעגן איז בעשטאַנען אין א קופערטעל, א הילצערנעם בעכערל און דריי זעק. פונ'ם היל־צערנעם בעכערל פלעגט ער טרינקען. אויף איין זאַק פלעגט ער שלאָפען, מיט'ן צווייטען צודעקען זיך, און דעם דריטען זאַק — לעגען צוקאָפּענס.

פסח פלעגט ער אָבריכטען דעם סדר אליין פאַר זיך. פאַר א טיש האָט ביי איהם געדינט דער קופערטעל. ער פלעגט איהם שטעלען אויפ'ן באַנק. אויף א ליימערנעם טעלעריל זענען געלע־גען די מצות, צוגעדעקט מיט א שוואַרצער טיכעל. דער כוס איז אויך געווען א הילצערנער בעכערל. א האַנד פלעגט ער קיינעם ניט געבען. עסען ביי קיינעם ניט, א חוץ דעם, וואָס מ'פלעגט איהם שיקען פון ר' אירעלע'ס אָרימען טיש.

יאָהרענלאַנג האָט געדויערט דעם בעל תשובה'ס פייניגען

זיך. ער איז געווען פריהער א שטארקער מענש. שפעטער איז ער געווארען פון די „סגופים" אויסגעדארט. ווייב און קינדער האבען אויף איהם ענדליך רחמנות געקראגען. פלעגען קומען צו איהם, בעטען זיך ביי איהם, ער זאל קומען א היים. גאר ער האט זיי געהייסען אויך תשובה טאן. דעמאלט וועט ער געהן. זיי אבער, די ווייב און קינדער, האבען זיך ניט געפיהלט בעאונרוהיגט פון זייער געוויסען. און ער איז געבליבען אין ר' אירעלע'ם הויף צעהנ־ליגע יאהרען. איז פון א יונגען מאן א גרייז גראהער יוד געווארען.

אין שטעדטעל איז ער מיט דער צייט פערהייליגט געווארען. ר' אירעלע האט איהם זעהר צערטליך בעהאנדעלט. ביי נאכט, נאך די תעניתים פלעגט ער דעם בעל־תשובה, שיקען אויף אבפאסטען זיך א בעכער וויין, הוהן, פלייש און יוך.

ער איז געזעסען אין סאמבאר ביז ר' אירעלעס פטירה. דערנאך איז ער אוועק צוריק אין לעמבערג. אבער ניט צו דער פאמיליע. ער האט זיך בעזעצט, זאגט מען, אין א שול און דערלעבט דארט זיינע יאהרען אין תשובה און תעניתים, און לעמבערגער יודען, אזוי ווי סאמבארער, קוקען אויף איהם, ווי אויף א הייליגען.

אַ צלם אין רבינ'ס קלויז.

שוין לאַנג האָט אַזוי ניט געררודערט אין טשאַרטקאָוו, ווי יונג און אַלט איז אומגעלאָפּן פאַרסאָפּעט, פאַר'סוד'עט און זיך איבערגעגעבן איינער דעם אַנדערן שטיל אין אויער, ווי מורא האָבענדיג פאַר דער לופט אַליין, עפּעס אַ זאַך, וואָס האָט געמאַכט יעדערן, וואָס האָט עס געהערט, שטוינען און שוידערן.

אין די הייזער, אין די שולן, אין די קאַוויאַרניעס, אין מרחץ, אומעטום, וואו צוויי מענשן האָבן זיך בעגעגנט, איז קיין אַנדער געשפּרעך ניט געווען, ווי:

— נו, וואָס?...

— ווער האָט עס געטאָן?...

— וואָס זאָגט דער רבי?...

— אַך! אַך! אַך!...

— אי—אי—אַי...

— שומו שמים!...

ענדליך איז דער געשפּרעך געוואָרן דייטליכער, דרייסטער, און צום אָווענד האָט זיך דער גאַנצער אינהאַלט פון דעם רעש און נעמורמעל גאַנץ אויסדריקליך אויסגעגאָסן אין איין וואָרט:

— אַ צלם!...

— אַ צלם!?...

— אַ צלם!...

— וואו ?...

— אין רבינ'ס קלויז !...

— גאָט זאָל שומר ומציל זיין !

— השם ירחם !...

— חטאים !... חטאים !...

אויף מאָרגען פריה איז שוין די מעשה גאַנץ קלאָר גע־וואָרען:

מ'האָט געפונען אויף דער פאָדלאָגע אין רבינ'ס קלויז א צעטעל מיט א גרויסען אויסגעמאָלטען צלם. ביי דער זייט איז געשטאַנען מיט כתיב'עטע אותיות אין צוויי שורות:

„משיח בן יוסף — איתו האיש"*)

„משיח בן דוד — דער רבי."

מ'האָט דעם צעטעל צעריסען. צו נ'אָווענד איז געוואָרען שטילער. אויף מאָרגען האָט זיך דער שטורם אביסעל איינגע־לעגט.

מ'האָט זיך שוין געוואָלט פאַרגעסען.

האָט זיך פלוצלונג דערהערט ווידער א געמורמעל, — נאָך א צלם !...

דערזעלבער צלם מיט דיזעלבע כתיב'עטע אותיות דערביי:

„מ ש י ח ב ן י ו ס ף — איתו האיש..."

„מ ש י ח ב ן ד ו ד — דער רבי..."

דאָ האָט שוין דעם רבי'ס הויף גענומען געהן חאָדאָראָם. הסידים האָבען גע'טענה'ט: ניט אנדערס, אז דאָס האָבען די ציוניסטען אבגעטאָן... האָבען געוואָלט מטמא זיין דעם הייליגען רבינ'ס קלויז. עס איז אפילו געפאַלען א חשד אויף א געוויסען בחור א ציוניסט און א שאַפּירניק.

דאָס מאָל האָט מען דעם צעטעל ניט צעריסען, נאָר בע־האַלטען און גענומען נאָכפאָרשען. אין רבינ'ס הויף האָט מען ניט געשלאָפען קיין נעכט, דאָס שטעדטעל האָט געקאָכט ווי א קעסעל.

---

*) יענער מאָן, ד. ה. יעזוס.

דריי טעג זענען אזוי פערגאנגען אין רעטענעסען. אין קאפ־ברעכענעם: ווער קען דאס זיין דער מומר לחכעים.

אויפ'ן פערטען טאג אין דער פריה... אוי א חורבן!... אויף דער וואנד איז געווען אויסגעקריצט מיט א טשוואק א גרויסער צלם און דערביי מיט א בליישטיפט אויסגע'כתיב'עט דאס זעלבע:

„משיח בן יוסף — אותו האיש."

„משיח בן דוד — דער רבי."

אט דא האט מען פארשטאנען, אז דער „שטן," דער „עוכר ישראל" איז טאקע דא גופא, „אחד משלנו", איינער פון די „יושבים", פון די זיצער ביין רבי'ן אין קלויז.

אין הויף, אין שטוב ביין רבי'ן, אין קלויז איז געווארען „תאניה ואניה" — יאמער און קלאג. די יושבים האבען אנ־געקוקט איינער דעם אנדערן מיט חשד. קיינער איז ניט געווען זיכער אין זיך אליין. מ'איז געווען אין פערצווייפלונג.

א פאר טעג איז ווידער אוועק אין אזא מורא'דיגען צו־שטאנד. דער גאנצער רבינ'ס הויף איז געווען איינגעוויקעלט אין „אבלות". דער רבי אליין איז כמעט פון זיין „חדר מיוחד" ניט ארויס און האט זיך קיינעם פון די „יושבים" ניט געלאזט בעוויזען.

פלוצלונג איז אלץ געווארען קלאר. שרעקליך קלאר...

די אויגען פון אלעמען אין קלויז האבען געבליצט מיט כעס און נקמה־דורשט. און אלע אויגען זענען געווען געווענדעט אין איין זייט, צו דער הרובע. דארטען איז געשטאנען אין א לאנגער קאפאטע און א שטריימעל, מיט לאנגע געקרויזעלטע פאות'ן א שען יונגעל פון א 15—16 יאהר, מיט אן אויסגעמאטערט פנים און שטארע בליקען, א פנים פון ניט שלאפען נעכט, פון טראכ־טען עפעס א מחשבה, וואס האט זיך איהם טיעף איינגעגבירט אין מוח און האט איהם געקוועלט און געפייניגט און ניט גע־לאזט רוהען.

דאס יונגעל איז אלעמען געווען בעקאנט. דאס איז סני (סינאי) דעם „ראש החברה'ס" בורשעל, וואס איז שוין לאנג דא

געזעסען אין קלויז צוזאמען מיט זיין טאטען, דעם „ראש החברה", ס'הייסט דעם קאמאנדיר פון דעם רבינ'ס גווארדיע.

אלע „יושבים" האבען געהאט צום בורשעל גרויס דרך ארץ. ניט בלויז דערפאר, וואס ער איז געווען דעם ראש החברה'ס זוהנדעל. נאר, דער עיקר, דערפאר וואס ער איז געווען א גע־ראטען בחור'ל. ער איז געווען טאג און נאכט פארטאן אין לער־נען. און ביי נאכט, בשעת אלע האבען געשלאפען, האט ער שטארק מעיין געווען (טיעף אריינגעקוקט) אין קבלה־ספרים.

שוין עטליכע טעג, ווי דער בורשעל איז אומגעגאנגען שטארק פארטראכט, אריינגעטאן אין זיך אליין, און א טיעפע מחשבה, וואס האט איהם געטריבען פון מענשען, געטריבען פון איהם דעם שלאף, געמאטערט זיין מוח און בלאס געמאכט זיין פנים.

קיינער האט זיך דערויף ניט אומגעקוקט. ביי קיינעם האט ניט געקענט זיין קיין שום פערדאכט, אז דאס איז ע ר, אז דאס קען זיין ע ר.

גאנץ אונערווארטעט האט היינט אין דער פריה נאכ'ן דאווענען, בשעת דער רבי האט „געפראוועט" די אורחים, און איבערגעזעהן די צעטעלאך, וואס דער גבאי האט איהם דער־לאנגט, גענומען אין האנד איינעם פון זיי און צו זיין ער־שטוינען געלעזען:

„פוסח על שתי הסעיפים בהשגת ענין „משיח בן יוסף" „ומשיח בן דוד."

ד. ה. איך וויעג זיך אהין און אהער אין דעם ענין פון „משיח בן יוסף" און „משיח בן דוד".

„ווער איז דאס ?" האט דער רבי א פארציטערטער געגעבען א געשריי צום גבאי.

פאר'ן רבי'ן און פאר'ן גבאי איז געשטאנען א בלאסער, אן אויסגעמאטערטער, ווי א פערמשפט'ער צום טויט, — סני דעם ראש החברה'ס בורשעל.

דער רבי איז אוועק צו זיך אין חדר מיוחד און די גאנצע קלויז האט זיך א לאז געטאן צום בורשעל.

— דאס ביזטו ? !...

— משומד!

— געה אין קלויסטער!

— עוכר ישראל.

— מיסיאָנער!

דער עולם האָט איהם געוואָלט „קורע כדג" זיין — צע־רייסען ווי א הערינג. נאָר דאָ האָט זיך דער רבי בעוויזען אין טיר און האָט אָנגעזאָגט: הזהר והזהר מ'זאָל איהם גאָר נישט טאָן.

דער עולם האָט זיך א לאָז געטאָן צוריק. נאָר דער בורשעל האָט זיך רוהיג געשטעלט ביי דער הרובע, פערלעגט די הענט הינטער זיך, אָנגעשפּארט זיך אָן דער הרובע און גענומען אויפ־קלערען די חסידים זיין אידעע. די חסידים זענען פּארציטערטע געוואָרען הערענדיג זיינע ווערטער. נאָר דער בורשעל האָט זיך גאָר נישט געמאכט דערפון. דערנאָך איז ער רוהיג אוועק צום האַנדפּאַס, געוואַשען די הענד, געלעגט תפילין און געשטעלט זיך דאַווענען.

אכט טעג נאָכאַנאַנד האָט דער „הויף", די קלויז און דאָס גאַנצע שטעדטעל געררודערט מיט'ן בורשעל און מיט'ן צלם אינ'ם רבינ'ס קלויז. אויפ'ן ניינטען טאָג איז דער בורשעל פּלוצלונג פארשוואונדען.

וואו ער איז אהינגעקומען — ווייס מען ניט ביז היינטי־גען טאָג. א טייל מיינען, אז ער האָט זיך גע'שמד'ט. אנדערע אבער זאָגען, אז דער רבי האָט איהם געהייסען חתונה מאכען און דער בורשעל איז איצט א יונגער מאַן, וואָס האָט א קרעמעל אין א קליין גאליציש שטעדטעל...